STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06111

GEHENEM

Henri Barbusse

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

David S. Goldman

אנרי באַרביס

גיהנום

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
פון עלים באָרנשטיין

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ
וואַרשע / 1929

PRINTED IN POLAND

HENRI BARBUSE
„G E H E N E M"

Wydawnictwo Ch. Brzoza
W a r s z a w a 1929

DRUK B-CI LEWIN-EPSTEIN I S-KI — WARASZAWA, GĘSIA 8

פרוי לעמערסיע האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין אין מיין צימער, נאָכדעם ווי זי האָט מיר נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן די אַלע מאַטעריעלע און מאָראַלישע מעלות פון איר פאַמיליען־פּענסיאָנאַט.

כ'בין געבליבן שטיין אַקעגן שפּיגל, אינמיטן צימער, אין וועלכן כ'האָב געזאָלט וווינען אַ שטיקל צייט. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט אין צימער און אויך באַטראַכט מיך גופא.

דאָס צימער איז געווען גראָ און אָנגעפּילט מיט אַ ריח פון שטויב. כ'האָב באַמערקט צוויי שטולן, וואָס אויף איינער פון זיי האָט גערוט מיין וואַליזע, צוויי פאָטעלן מיט מאָגערע פּלייצעס, איבערגעצויגן מיט פאַרפּעצטן שטאָף, אַ טיש, באַדעקט מיט אַ טישטוך פון גרינער וואָל. אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגן אַן אָריענטאַלישער טעפּיך, וועמעס אומאויפהערלעך איבערגעחזרטע אַראַבעסקן האָבן ווי געזוכט צו ציִען דעם בליק. אָבער אין דערדאָזיקער אָוונט-שעה, האָט דער טעפּיך געהאַט דעם קאָליר פון ערד.

דאָס אַלץ איז מיר געווען פרעמד — און דאָך, ווי גוט האָב איך דאָס אַלץ געקענט! אָט דאָס בעט פון פאַלשן מאַהאָן-האָלץ, דאָס קאַלטע וואַשטישל, דער אומפאַרמיידלעכער פונאַנדערשטעל פונם מעבל און דערדאָזיקער פוסטער חלל צווישן די פיר ווענט.

* * *

דאָס צימער איז געווען שטאַרק אָפּגענוצט; ס'האָט זיך שוין אין אים געוויס דורכגעשאַרט אַן אומענדלעכע צאָל געסט. פון דער טיר ביז אַהין צום פענסטער, קוקן אַדורך פונם טע-פּיך די גראָע שטריקלעך: ער איז געוואָרן אויסגעטרעטן, טאָג-איין טאָג-אויס, דורך אַ מענגע מענטשן. די הילצערנע וואַנט-לייסטלעך שטייען ערטערווייז אָפּ פון דער מויער, אויס-געבויגן און צעפּראָכניעט, און דער מאַרמאָר פונם קאַמין האָט זיך אין די עקן אָפּגעשליפן. באַ דער באַרירונג מיט מענטשן, ווערן די חפצים אָפּגעריבן און אָפּגעבליאַקעוועט מיט אַ פאַר-צווייפלטער לאַנגזאַמקייט.

זיי ווערן אויך וואָס אַמאָל טונקעלער. ביסלעכווייז האָט זיך דער סופיט פאַרפינצטערט, ווי דער הימל פאַר אַ געוויטער. אויפן פאָן פון די אַמאָליקע ראָזע טאַפּעטן, זענען די אַמ-מייסטן באַרירטע ערטער געוואָרן כמעט שוואַרץ; שוואַרץ זענען אויך די קליאַמקע פון דער טיר און דאָס באַמאָלטע שלאָס פונם וואַנטשענקל רעכטס לעבן פענצטער; שוואַרץ איז די מויער אויך דאָרטן, ווו מ'ציט די שנירלעך פון די פאָרהאַנגען. אַ גאַנצע מענטשהייט איז דאָ ווי אַ רויך אַריבער, און בלויז דאָס פענצטער איז געבליבן ווייס.

און איך? איך גופא? איך בין אַ מענטש, ווי אַלע אַנ-דערע; פונקט ווי דערדאָזיקער אָוונט איז אַן אָוונט ווי אַלע אַנדערע.

פון היינט אינדערפרי אָן פאַר איך; דאָס איילעניש, די פאָרמאַליטעטן, דער באַגאַזש, דער צוג, דער אָטעם פון פאַר-שידענע שטעט.

אַ פאָטעל שטייט דאָ — איך פאַל אין אים אַריין; אַלץ ווערט רויקער און מילדער.

מיין ענדגילטיקער אָפּפאָר פון דער פּראָווינץ קיין פּאַריז באַצייכנט אַ וויכטיקע פאַזע אין מיין לעבן. כ'האָב געפונען אַ שטעל אין אַ באַנק. ס'וועט זיך ענדערן דער שטייגער פון מיינע לעבנסטעג. צוליב דערדאָזיקער פאַרענדערונג רייס איך מיך היינטיקן אָוונט אָפּ פון מיינע טאָג-טעגלעכע געדאַנקען און פאַרטראַכט זיך איבער מיר גופא.

כ'בין אַלט דרייסיק יאָר, זיי ענדיקן זיך דעם ערשטן

פון קומענדיקן חודש, מיט אכצען אָדער צוואָנציק יאָר צוריק האָב איך פאַרלוירן מיין פאָטער און מיין מוטער. אָטאָ־דאָס געשעעניש איז שוין אזוי וויט, אַז ס׳האָט שוין לגמרי אָנגעווירן זיין חשיבות. כ׳האָב נישט חתונה געהאַט; כ׳האָב נישט קיין קינדער און וועל אויך נישט האָבן. פאַראַן מינוטן, אין וועלכע ס׳פּייניקט מיך דער געדאַנק, וואָס צוזאַמען מיט מיר וועט זיך ענדיקן די קייט, וועלכע ציט זיך פון קדמונים אָן.

שוין־זשע בין איך גליקלעך? יאָ, איך שפּיר נישט אין מיר קיין טרויער און נישט קיין חרטה. אויך קיין באַזונדערס קאָמפּליצירטן באַגער נישט — הייסט עס, כ׳בין גליקלעך.

איך דערמאָן זיך, אַז קינדוויז פּלעגן מיך אַרומנעמען עפּעס מאָדנע געפילן, מיסטישע הוריות און אַ קרענקלעכע ליבע אָפּצוזונדערן זיך אויג אויף אויג מיט מיין פאַרגאַנגנהייט. כ׳פּלעג מיר צוגעבן אַן אומגעוויינטלעכע וויכטיקייט; ס׳פּלעגט זיך מיר אפילו אויסדאַכטן, אַז כ׳בין עפּעס אַ העכער וועזן, איידער אַלע אַנדערע! אָבער דאָס אַלץ איז ביסלעכוויז דערטרונקען געוואָרן אין דער נישטיקער ווירקלעכקייט פון אַלטעגלעכן לעבן.

• •
•

און איצט בין איך דאָ.

כ׳בויג מיך אַרויס פון מיין פאָטעל, כדי צו זיין נענטער צום שפּיגל און כ׳באַטראַכט מיך גענוי.

פון וווקס בין איך גיכער קליין, מיין פּנים איז פאַרשלאָסן, הגם כ׳בין צייטנווייז גאַנץ ברויזנדיק. מיין הלבשה איז זייער קאָרעקט. מיין גאַנצער אויסערלעכער האַ־טונג קאָן מען גאָרנישט פאָרוואַרפן.

כ׳באַטראַכט פון דער נאָענט מיינע אויגן, זיי זענען גרינלעך; הגם, צוליב אַן אומדערקלערלעכן טעם, גייען זיי כסדר אָן פאַר שוואַרצע.

כ׳גלויב אומקלאָר אין פּלערליי זאַכן; קודם־כּל אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, ווען אפילו נישט אין די רעליגיעזע דאָגמעס; מחמת די לעצטע ברעגנגען נאָר נוצן דעם אָרעמען

עולם און די פרויען, וועלכע האָבן א קלענערן מוח, ווי די איבעריקע מענטשן.

וואָס שייך די פילאָזאָפישע דיסקוסיעס, האלט איך זיי פאַר אבסאָליוט איבעריק. מ׳קאָן קיין זאַך מיט באַשטימטקייט נישט זאָגן און גאָרנישט לאָזט זיך פעסטשטעלן. דער אמת, וואָס־זשע איז אַזוינס דער אמת?

כ׳האָב דעם חויש פאַר גוטס און שלעכטס; קיינמאָל וועל איך נישט באַגיין קיין אומדעליקאַטע זאַך. אפילו דעמאָלט, ווען כ׳וואָלט זיכער געווען אין דער שטראָפלאָזיקייט. כ׳וואָלט אויך נישט פאַרטראָגן די מינדסטע איבערטריבנקייט אין וואָסער ס׳איז נישט היגזיכט.

ווען איטלעכער זאָל זיין אַזוי ווי איך, וואָלט אַלץ אַוועק גוט אויף דער וועלט.

* * *

ס׳איז שוין שפּעט. היינט וועל איך שוין גאָרנישט טוּן. בלייב איך דאָ אַזוי זיצן אין דער אָוונט־שקיעה, אַקעגנאיבער דעם שפּיגל. איך באַמערק, ווי דער בין־השמשות פאַרכאַפּט ביסלעכווייז די פאָרם פון מיין שטערן, דעם אָוואַל פון מיין פּנים און מיינע ציטעריקע וויעס. מיטן בליק דרינג איך אריין אין דעם תהום פון מיין נשמה, ווי אין דער טיפעניש פון א קבר.

די מידקייט, דאָס טריבע וועטער (כ׳הער דאָס פּלעסקען פון רעגן אינדרויסן), די אָוונט־שאָטנס, וועלכע פאַרטיפן מיין איינזאַמקייט און באַהערשן מיך קעגן מיין ווילן. און נאָך עפּעס אַנדערש, כ׳ווייס אַליין נישט וואָס, דאָס אַלץ מאַכט מיך טרויעריק. דידאָזיקע טרויעריקייט קוועלט מיך. איך טרייסל זיך אָפּ. וואָס איז דען געשען? אייגנטלעך... גאָרנישט. ס׳איז בלויז איך אַליין.

* * *

און דאָך בין איך נישט אַזוי פאַראיינזאַמט אין לעבן ווי כ׳פיל זיך אין דאָזיקן אָוונט. די ליבע האָט זיך פאַר מיר

אנטפלעקט אין געשטאַלט פון מיין קליינער אַנעט. ס׳איז שוין גאַנץ לאַנג, ווי מיר זענען בײנאַנד; באַקענט האָבן מיר זיך אין טור, אין דעם מאָדע-מאַגאַזין, וווּ זי האָט געאַרבעט. זעענ-דיק ווי זי שמייכלט צו מיר מיט אַ באַזונדערער קאָקעטעריע, האָב איך אָנגעכאַפּט איר קאָפּ און איר פעסט אַ קוש געטון אין די ליפּן — און האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז כ׳האָב זי ליב.

איך דערינער מיך שוין נישט אַזוי גוט אָן דעם ווילדן גליק, וואָס מיר האָבן געשפּירט, בעת מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל אויסגעטון. אָבער ס׳זענען דאָך פאַראַן מאָמענטן, ווען כ׳באַגער זי אַזוי הייס, פּונקטן ווי דאָס ערשטע מאָל; דאָס געשעעט איבערהויפּט דעמאָלט, ווען זי איז נישטאָ לעבן מיר. בעת זי איז אָבער דאָ, פיל איך טיילמאָל אַן עקל צו איר.

אין די פּעריען וועלן מיר זיך דאָרט ווידער צונויפ-טרעפן, די טעג, וואָס מיר וועלן זיך נאָך זען פאַר אונזער טויט, וואָלטן מיר געקאָנט אויף די פינגער אָנציילן, ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט מוט דערצו.

דער טויט! דער געדאַנק וועגן טויט איז אומבאַדינגט דער וויכטיקסטער פון אַלע געדאַנקען.

ס׳וועט קומען אַ טאָג, אין וועלכן כ׳וועל שטאַרבן. צי האָב איך ווען ס׳איז וועגן דעם געטראַכט? איך זוך אין מיין געדעכעניש. ניין, קיינמאָל איז מיר דערדאָזיקער רעיון אויפן קאָפּ גישט געקומען — איך קאָן אים צומאָל נישט דערלאָזן. מ׳קאָן נישט אַריינקוקן דעם שיקזאַל אין די אויגן, פּונקט ווי אין די זון, און פאָרט איז דער שיקזאַל גראָ...

און דער אָוונט פאַלט צו, פּונקט ווי ס׳וועלן צופאַלן אַלע אַנדערע אָוונטן, ביז צו יענעם, וועלכער וועט זיין דער גרעס-טער פון אַלע.

* * *

און אַט האָב איך זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט. איך וואַקל זיך, מיין האַרץ קלאַפּט האַסטיק, ווי אַ פּאָר גרויסע פליגל.

וואָס איז דאָס ? אונטן אויף דער גאַס האָט אַ שאָל געטון אַ קלאַנג פון אַ טראָמפּייט, אַ יאַגד-טאָן. וואָרשײַנלעך, האָט עפּעס אַ יעגער פון אַ פּריציש הויז, שטייענדיק באַם שענקטיש, אָנגעבלאָזן די באַקן און צונויפגעדריקט מיט אימפּעט די ליפּן, און בלאָזט אויס אַ ווילדע מעלאָדיע, און שטילט איין מיט זיין שפּילן דעם גאַנצן אַרומיקן עולם.

אָבער ס'איז נישט בלויז דאָס, אָט דער הייבאַל, וואָס הילכט אָפּ איבער די שטיינער פון דער שטאָט... בעת כ'בין נאָך אַ קינד געווען, פלעג איך אין דאָרף, ווו כ'האָב זיך דערצויגן, אָפטמאָל הערן דעמדאָזיקן קלאַנג פון ערגיץ ווייט, אויף די וועגן פון וואַלד און שלאָס. דערזעלביקער טאָן, אַקוראַט די אייגענע מעלאָדיע ; ס'אַראַ מאָדנע ענלעכקייט.

און נישט ווילנדיק האָב איך מיט אַ לאַנגזאַמער און ציטעריקער באַוועגונג אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויפן האַרץ !

אַמאָל... הײַנט... מיין לעבן... מיין האַרץ... איך !

כ'גנעם פלוצלינג טראַכטן וועגן דעם אַלעם, אָן אַ שום סיבה, גלייך ווי כ'וואָלט פון זינען אַראָפּ.

* *

*

פון זינט אַמאָל — איבער דער גאַנצער צייט — וואָס האָב איך דען אויפגעטון ? גאָרנישט, און כ'בין דאָך שוין אויפן באַרג-אַראָפּ פון לעבן. אַך ! מחמת דערדאָזיקער מאָטיוו האָט אין מיר אויפגעוועקט די פאַרגאַנגענהייט, דאַכט זיך מיר אויס, אַז פאַר מיר האָט זיך שוין אַלץ געענדיקט, און אַז איך האָב קיינמאָל נישט געלעבט ; און איך בענק נאָך אַ פאַרלוירענעם גן-עדן.

אָבער בחינם איז מיין ברעכן זיך, בחינם מיין רעוואָלטירן — פאַר מיינעטוועגן איז שוין גאָרנישט פאַראַן אויף דער וועלט ; איך וועל שוין נישט זיין, פון הייַנט אָן, נישט גליקלעך און נישט אומגליקלעך. איך וועל נישט אויפשטיין קיין תחית-המתים. איך וועל אַלט ווערן, פונקט אַזוי רויק, ווי כ'בין עס איצט אין דאָזיקן צימער, אין וועלכן ס'האָבן אַזוי-

פיל נפשות זייערע שפורן איבערגעלאָזט, אָבער קיינער נישט זיין אייגענעם, אינדיווידועלן שפור.

אַזאַ צימער קאָן מען געפינען אויף טריט און שריט. ס'איז אַ צימער, וואָס געהערט דער גאַנצער וועלט. מען מיינט, אַז ס'איז פאַרשלאָסן, אָבער ניין: אויפגעפראַלט שטייט עס פאַר אַלע פיר ווינטן. דאָס צימער גייט פאַרלוירן צווישן טויזנ־טער אַלצאיינע צימערן. פונקט ווי דאָס ליכט צווישן די אָנ־סופיקע הימלען, ווי איין טאָג גייט פאַרלוירן צווישן אַלע אי־בעריקע טעג, פונקט ווי איך אַליין אין דער גאָרער וועלט.

איך! איך! כ'זע איצט נישט מער ווי דאָס בלייכקייט פון מיין פנים, די טיף איינגעגראָבענע אויגן און די אַנט־שטומטע ליפּן, וועלכע דערשטיקן אוז פאַרניכטן מיך, פאַמע־לעך, אָבער זיכער.

כ'הויב זיך אונטער אויף מיינע עלנבויגנס, ווי אויף פאַרמאַטערטע פליגל. כ'וואָלט וועלן, אַז ס'זאָל געשען עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע, אומגעהויערע זאַך'

* *

*

כ'בין נישט קיין זשעני, כ'האָב קיין שום מיסיע אויס־צופילן און נישט קיין גרויס הארץ מקריב צו זיין. כ'האָב נישט גאָרנישט, און כ'קאָן מיר נישט צושרייבן קיין באַזונדער פאַרדינסט. און דאָך וואָלט איך וועלן עפּעס אַ וואָסער ס'איז נישט באַלוינונג.

ליבע! איך טרוים וועגן אַן אומדערהערטער זעלטענער אידיליע מיט אַ פרוי, וואָס ווייט פון איר האָב איך אָנגעווירן מיין גאַנץ ביזאהעריק לעבן. אירע שטריכן זע איך נאָכנישט, אָבער כ'שטעל מיך פאָר איר שאָטן באַ דער זייט פון מיינעם, אויפן וועג פון מיין לעבן.

אַ באַגער פון עפּעס אומגעדלעכס, עפּעס גאָר נייעס! עפּעס אַ נסיעה, אַן אויסערגעוויינלעכע נסיעה, אויף וועלכער כ'זאָל זיך קאָנען אַוועקלאָזן. אייליקע און לוקסוספולע אָפּ־שידן צווישן אַ פיבערהאַפטן עולם, דערנאָך דאָס בנעימותדיקע אויסציען זיך אין וואַגאָן, וועלכער לויפט מיטן גאַנצן אימ־

פעט ווי אַ רונער, דורך פאַרשידנפאַרביקע לאַנדשאַפטן אויף דורך פלערליי שטעט און שטעטלעך, וואָס וואַקסן פּלוצים אויס, ווי פון ווינט אָנגעטראָגן.

שיפן, מאַסטביימער, פּאָרטן... מאַנעווורעס, באַפעלן אין באַרבאַרישע שפּראַכן, אויטשטייגן אויף גילדענע האַפנס, דאַן עקזאָטישע פנימער אונטער אַ גליענדיקער זון, וועלכע זענען אַזוי קאַפּשווינדלעריש ענלעך איינער צום אַנדערן, דערנאָך מאָנומענטן, וועלכע מ׳קען בלויז פון די בילדלעך, און וועלכע, ווי ס׳דאַכט זיך אויס דעם שטאָלצן רייזנדער, קומען אים איצט אַליין אַנטקעגן.

מיין מוח איז פוסט ; מיין האַרץ איז אויסגעטריקנט ; כ׳האָב נישט קיינעם, וואָס זאָל זיך פאַר מיר זאָרגן ; כ׳האָב קיינמאָל גאָרנישט געפונען, אפילו נישט קיין חבר ; כ׳בין אַן עלנטער מענטש, וואָס איז צופעליק פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ ווילע צווישן די ווענט פון עפּעס אַ האָטעל-צימער, וועלכעס איטלעכער קען באַווינען, און פונוואַנען איטלעכער גייט אַוועק. און דאָך גאַר איך נאָך רום ! רום, וואָס זאָל זיך מיט מיר צונויפוואַקסן, ווי עפּעס אַ פלאַדיקע און מערקווירדיקע וווּנד, וועלכע איך זאָל שפּירן און די גאַנצע וועלט זאָל רעדן דערפון. איך גאַר נאָך אַ המון, ווו איך אַליין זאָל זיין דער ערשטער, און מיין נאָמען זאָל אָפּהילכן צווישן דער מאַטע מיט אַ מעכטיקן, נייעם אויסגעשריי, וואָס וועט אויפשטייגן ביז אונטערן הימל.

אָבער כ׳פיל, ווי מיין גרויסקייט נעמט זינקען. מיין קינדישע פאַנטאַזיע שפּילט זיך אומזיסט מיט דידאָזיקע ריזיקע בילדער. פאַר מיר איז שוין גאָרנישט פאַראַן : גאָרנישט ! כ׳בין אַליין און דער טריבער אָוונט אַרום מיר, און פון דער נשמה רייסט זיך אַרויס דערדאָזיקער טיפער געשריי.

די דעמערונגס-שעה האָט מיך כמעט בלינד געמאַכט. איך טרעף גיכער צו פונאויסנווייניק מיינע פנים-שטריכן, ווי איך זע זיי אין שפּיגל. איך זע נאָר מיין שוואַכקייט און מיין געפענטעטקייט.

איך שטרעק אויס מיינע הענט אין דער זייט פון פענצטער, מיינע הענט מיט די קראַמפהאַפטיקע פינגער, מיינע הענט

מיטן אויסזען פון צעריסענע און צעהאָדערטע זאַכן. פון מיין שטענדיקן ווינקל הויב איך אויף מיין פּנים צום הימל. איך בויג זיך אַהינטער און שפּאַר זיך אָן אָן דעם בעט, וועלכעס האָט אָנגענומען דאָס אומקלאָרע געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן בר-מינן.

גאָט מיינער, איך בין פאַרלוירן. דערבאַרעם דיך איבער מיר!

ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ'בין קלוג און צופרידן מיט מיין גורל; כ'האָב זיך באַרימט, אַז כ'בין פריי פון איגאָ-סטינקט פון גנבה; ליידער, — ליידער — דאָס איז נישט ריכטיק, כ'וואָלט וועלן אַרומנעמען און באַזיצן דאָס אַלץ, וואָס געהערט נישט צו מיר.

די קלאַנגען פונם יאַגד-האָרן זענען שוין לאַנג אַנטשטומט געוואָרן. די גאַס, די הייזער, האָבן זיך איינגעשטילט. פול-שטענדיקע שטילקייט. כ׳פיר אַריבער די האַנט איבערן שטערן. דערדאָזיקער אָנפאַל פון השתפכות-הנפש איז אַריבער. גלייכער אַזוי. מיטן כוח פון ווילן געפין איך אָפּ מיין גלייכגעוויכט.

איך זעץ זיך אַוועק באַם טיש און צי אַרויס די פּאַפּירן פון מיין טעקע. מ׳דאַרף זיי איבערלייענען, גלייכלייגן.

עפּעס אַזוינס גיט מיר צו ברען; כ׳האַלט באַ פאַרדינגען אַביסל געלט. כ׳וועל עס קענען אָפּשיקן מיין אַלטער מומע, וועלכע האָט מיך אויפגעהאָדעוועט און וואָס דערוואַרט מיך תמיד דאָרטן, אין דעם נידעריקן צימער, נאָכמיטאָג-צייט, בעת דאָס גערויש פון איר ניי-מאַשין איז אַזוי מאָנאָטאָן און דער-דריקנדיק, ווי דער כסדרדיקער טיקטאַק פונם וואַנט-זייגער, און אין אָוונט, ווען ס׳ברענט לעבן איר דאָס פּאַרצייטישע לעמפּל, וועלכעס איז ענלעך, כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, צו איר גופא.

פּאַפּירן... דאָקומענטן, וועלכע דאַרפן באַשטעטיקן מיינע פעיקייטן און מיינע קוואַליפיקאַציעס און וואָס זאָלן דעצידירן דאָס אָננעמען מיך אין דער בערטאָן-באַנק... הער בערטאָן איז דער מענטש, וואָס אַלץ איז פון אים אָפּהענגיק, און וועלכער דאַרף בלויז איין וואָרט זאָגן. הער בערטאָן איז דער גאָט פון מיין איצטיק לעבן...

כ׳קלייב זיך אָנצוצינדן דעם לאָמפּ. כ׳רייב-אָן אַ שוועבעלע, עס ברענט נישט, דער פאָספאָר קרישלט זיך, דאָס שוועבעלע

בעלע ברעכט זיך. איך וואַרף עס אַוועק, און אַ מידער זיך איך און וואַרט...

מיטאַמאָל הער איך אַ שטיל געזאַנג, וועלכעס עמיצער ברומט אונטער נאָענט פון מיין אויער.

* *
*

ס'דאַכט זיך מיר אויס, אַז עמיצער, אָנגעבויגן איבער מיינע פּלייצעס, זינגט פאַר מיר, פאַר מיר אַליין, שטיל, פאַר-טרוילעך.

אַך! ס'איז בלויז אַ האַלוציּנאַציע... מיין מוח איז, הייסט עס, קראַנק... דאָס איז די שטראָף פאַר דעם, וואָס איך האָב פריער צופיל געטראַכט. כ'האָב אַרומגעקלאַמערט מיט דער האַנט דעם ראַנד פון טיש און זיך אויפגעשטעלט, דערדריקט אונ-טערן רושם פון עפּעס איבערנאַטירלעכס; אויפמערקזאַם און חשדפול שנאַפּ איך נאָך אַן אויסטערלישן צופאַל, און מיינע וויעס ציטערן.

דידאָזיקע פּלאַדיקע מעלאָדיע דויערט נאָך אַלץ; כ'קאָן זיך נישט באַפרייען דערפון. דער קאָפּ דרייט זיך מיר... דאָס געזאַנג טראָגט זיך פון שכנותדיקן צימער. פאַרוואָס איז עס אַזוי דייטלעך, אַזוי מאָדנע נאָענט, אלמאי רירט עס מיך אַזוי? איך כאַפּ אַ בליק אויף זער וואַנט, וואָס טיילט מיך אָפּ פון דערבייִיקן צימער, און איך דערשטיק אַ געשריי פון איבער-ראַשונג.

אינדערהייך באַם סופיט, איבער דער בלינדער טיר, בליצט עפּעס אַ ליכטשיין. פון דאָזיקן שטערן פאַלט דאָס געזאַנג אַראָפּ.

די וואַנט איז דאָרט דורכגעלעכערט, און דורכן דאָזיקן לאָך דרינגט אַריין דאָס ליכט פון שכנותדיקן צימער אין דער פינצטערניש פון מיין אייגענער שטוב.

איך קריך אַרויף אויף מיין בעט. אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט אָן דער וואַנט, דערגרייך איך די עפענונג מיט מיין פּנים. דאָס האָלץ איז דורכגעפוילט, צוויי ציגל פונאַנדערגע-רוקט, דער טינק אָפּגעשיילט; פאַר מיינע אויגן באַווייזט זיך

אַ לאַך, וואָס איז ברייט ווי מיין האַנט, סך־עטער אומגעזען פון אונטן, צוליב די אויסגעבויגענע וואַנט־לייסטלעך.

איך קוק זיך אַרום... איך זע... דאָס שכנותדיקע צימער אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר, איינגאַנצן נאַקעט.

עס שפּרייט זיך אויס פאַר מיינע אויגן דאָסדאָזיקע צימער, וועלכעס געהערט נישט צו מיר... די שטים, וואָס האָט דאָרט געזונגען, איז פאַרשווּנדן, און נאָכן דאָזיקן אַוועקגיין איז די טיר געבליבן שטיין אָפן; זי באַוועגט זיך נאָך כּמעט. אין דעם צימער איז געבליבן בלויז אַן אָנגעצונדן ליכט, וואָס זיין פלאַם ציטערט אויפן קאַמין.

פונדערווייטנס זעט דער טיש אויס ווי עפּעס אַן איינזאַמע אינזל. די פונאַנדערגעשטעלטע בלאָלעכע און רויטלעכע מעבל זעען אויס, אין מטושטשדיקן, טאַנצנדיקן שיין פון ליכט, ווי משונהדיקע, לעבעדיקע באַשעפענישן.

איך באַטראַכט די שאַנק, אירע שלאַנקע, אומקלאָרע ליניעס, און די פיס, וועלכע שטייען אין שאָטן; איך באַטראַכט דעם סופיט, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין שפּיגל, און דאָס שמאָלע פענצטער, וואָס צייכנט זיך אָפּ קעגן הימל, ווי עפּעס אַ בלייך פּנים.

כ׳האָב זיך צוריק אומגעקערט אין מיין צימער — פּונקט ווי כ׳וואָלט אינדראַמתן געהאַט דערפון אַרויסגעגאַנגען... צוערשט דערשטוינט, מיט אַ כאַאָס אין קאָפּ, ביז צום פאַרגעסן אפילו ווער און וווּ איך בין.

כ׳זעץ מיך אַנידער אויף מיין בעט, און דענק האַסטיק נאָך, און כ׳ציטער אַביסל, מחמת די צוקונפט באַדריקט מיך...

איך באַהערש און באַזיץ דאָסדאָזיקע שכנישע צימער... מיין בליק דרינגט דאָרט אַריין. כ׳בין אָנוועזנדיק. אַלע מענטשן וואָס וועלן דאָרט זיין, וועלן זיין אויך מיט מיר, אָבער זיי וועלן דאָס נישט וויסן. כ׳וועל זיי זען, וועל זיי הערן און נעמען אָנטייל אין זייער לעבן, גלייך ווי די טיר וואָלט אָפן געשטאַנען.

א ווײַלע שפּעטער האָב איך ווידער מיט אַ לײַכטן ציטער אויפגעהויבן מײַן פּנים צום מויער־לאָך, און האָב אויפסניי אַרײַנגעקוקט.

דאָס ליכט איז פאַרלאָשן, אָבער עמיצער איז דאָרט פאַראַן. ס'איז דאָס דינסטמיידל. זי איז זיכער אַרײַנגעגאַנגען, ביי צוצוראַמען דאָס צימער און פּלוצלינג איז זי שטיין געבליבן.

זי איז אַליין, זי איז גאַנץ נאָענט פון מיר. אָבער כ'זע פונדעסטוועגן נישט גאַנץ דײַטלעך די לעבעדיקע פּערזאָן, וואָס באַוועגט זיך דאָרטן — אפשר דערפאַר ווײַל כ'בין ממש פאַרבלענדט צו זען זי אַזוי רעאַל: דאָס טונקל־בלאָע פאַרטוך פונם מיידל, וואָס האָט אַ נאַכטישע פאַרב, אירע בלײַכע הענט, וואָס זענען פאַרטונקלט פון זשמודנער אַרבעט. איר פּנים איז מטושטש, פאַרזונקען אין האַלב־שאָטן און דאָך באַחנט. אירע אויגן זענען פאַרבאָרגן, און דאָך שטראַלן זיי; אירע באַקנביינער שטאַרן אַרויס און גלאַנצן; איר גרעק אויפן קאָפּ בלישטשעט ווי אַ קרוין.

כ'האָב זי פריער געהאַט געטראָפן אויף די שטיגן, דאָס דאָזיקע מיידל, בעת זי האָט אײַנגעהויקערטערהייט אָפּגעוואַשן די שטאַפּלען, און איר רויט־צעפלאַמט פּנים איז כמעט אויף אירע הענט געלעגן. כ'האָב זי געפונען אָפּשטויסנדיק, צוליב אירע שוואַרצע הענט און שטויביקער באַשעפטיקונג, בשעת וועלכער זי איז געווען פאַרקנוילט און פאַרשמאָדערט... כ'האָב זי אויך שפּעטער אָנגעטראָפן אין קאָרידאָר. זי איז געגאַנגען מיר פאַרויס, מיט שווערע טריט און צעפלאָשעטע האָר, און האָט געלאָזט נאָך זיך אַן איבלדיקן ריח, וואָס האָט זיך געהערט פון אירע ברודיקע וועש און פאַרשמאַלצענע קליידער.

• •

•

און איצט קוק איך זי אָן. דער בין השמשות ווישט מילד פון איר דאָס מיאוסקייט אָפּ, שאַרט אַוועק דעם עלנט, דאָס שרעקלעכקייט; פאַרוואַנדלט, קעגן מײַן ווילן, דעם שטויב אין שאָטן, פּונקט ווי אַ קללה וואָלט אין אַ ברכה זיך פאַרוואַנדלט. און פון איר בלײַבט בלויז פאַרב, נעפּל, געשטאַלט —

אפילו נישט קיין אויפצאַפּלען אָדער קלאַפּן פון איר האַרץ; פון איר בלייבט בלויז איר וועזן גופא.

זי איז אַליין. אומדערהערטע, כמעט געטלעכע דערשייונג, זי איז באמת אַליין. זי איז אין דערדאָזיקער ריינקייט און אומשולדיקייט: אין דער איינזאַמקייט איז זי.

אָבער איך פאַרגוואַלטיק איר איינזאַמקייט מיט די אויגן, און זי ווייסט נישט דערפון, און דערפאַר איז זי נישט פאַרגוואַלטיקט.

זי גייט צו צום פענצטער, אירע אויגן בלישטשען, זי באַוועגט מיט די הענט, איר פּנים און דער אויבערשטער טייל קערפּער זענען באַלויכטן; ס'דאַכט זיך אויס, ווי זי וואָלט געווען איינגעהילט אין אַ הימלישן שיין.

זי זעצט זיך אַוועק אויף דער ברייטער, נידעריקער טונקל-רויטער סאָפע, וואָס פאַרנעמט דעם הינטערגרונט פון צימער לעבן פענצטער. דער בעזים שטייט לעבן איר. איר שטויב-טוך איז אַראָפּגעפאַלן צו אירע פיס.

זי ציט אַרויס אַ בריוו פון קעשענע און נעמט אים לייענען. אין דעם בין-השמשות איז דערדאָזיקער בריוו די העלסטע זאַך, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. דאָס טאָפּעלע בלעטל באַוועגט זיך צווישן אירע פינגער, וועלכע האַלטן עס אַזוי פאַרזיכטיק — פונקט ווי אַ טויב אין דער לופט.

זי האָט צוגעטראָגן דעם בריוו צום מויל און אים אַ קוש געטאָן.

פון וועמען איז דערדאָזיקער בריוו? — נישט פון איר פאַמיליע; מחמת אַ מיידל, ווען זי ווערט אַ רייפע פרוי, פאַרבאַהאַלט נישט אין זיך אַזאַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו עלטערן, אַז זי זאָל אַזש זייערס אַ בריוו מיט קושן באַדעקן. אַ געליבטער, אַ חתן, יאָ... כ'ווייס נישט דעם נאָמען פון געליבטן, און דאָך נעם איך אַזאַ אָנטייל אין איר ליבע, ווי קיין לעבעדיקער מענטש האָט עס נאָכנישט געטון. און דערדאָזיקער פּשוטער זשעסט פון קושן דאָס פּאַפּיר, אָט דער געהיימנישפולער זשעסט צווישן די ווענט פון צימער, דידאָזיקע באַוועגונג, וואָס איז באַרויבט און אויסגעזויגן דורכן שאָטן, פאַרבאָרגט אין זיך עפּעס דערהויבנס און שרעקלעכס צוגלייך.

זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צום פענצטער. דער ווייסער, איינגעלייגטער בריוו איז געלעגן אין איר גראָער האַנט.

דער אָוונט ווערט אַלץ געדיכטער, און מיר שיינט, אַז אין דער רגע ווייס איך נישט איר עלטער, נישט איר נאָמען און נישט איר פאַך, מיט וועלכן זי פאַרנעמט זיך דאָ, אויף דערדאָזיקער ערד, כ'ווייס גאָרנישט וועגן איר — גאָרנישט, גאָרנישט... זי קוקט אַרויף צו דער בלאַסער אומענדלעכקייט, וועלכע הילט זי איינגאַנצן איין. אירע אויגן גלאַנצן; ס'דאַכט זיך אויס, אַז זיי וויינען, אָבער ניין, זיי שטראַלן נאָר מיט עפּעס אַ מאָדנער העלקייט, זיי זענען דאָס ליכט גופא. דאָסדאָזיקע מייד, וואָלט געווען אַ מלאך, ווען די ווירקלעכקייט זאָל די ערד מיט בלומען באַצירן.

זי האָט אַ זיפץ געטון און איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו דער טיר, וועלכע האָט זיך פאַרמאַכט הינטער איר, ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס ווערט פאַרזונקען.

זי איז אַרויסגעגאַנגען, נישט האָבנדיק געטון קיין שום אַנדערע זאַך, ווי בלויז דעם בריוו איבערגעלייענט און אים געקושט.

* * *

כ'האָב זיך צוריק אומגעקערט אין מיין ווינקל, איינזאַמער, פיל איינזאַמער נאָך ווי פריער. דאָס פּשוטקייט פון דעמדאָזיקן באַגעגעניש האָט אַרויסגערופן אין מיר עפּעס אַ געטלעכע אומרויקייט. און פאָרט איז דאָס געווען מערנישט ווי מענטשלעך חעזן, אַזאַ ווי איך. איז בכן נישט פאַראַן קיין צאַרטערע און שטאַרקערע זאַך, ווי די נאָענטקייט פון אַ מענטשלעך נפש, אַ וואָסער ס'זאָל נישט זיין.

דידאָזיקע פרוי דרינגט אַריין אין מיין אינטים לעבן און נעמט אָנטייל אין מיין האַרץ. ווי אַזוי, פאַרוואָס? איך ווייס נישט... אָבער סאַראַ וויכטיקייט זי האָט פאַר מיר אָנגענומען!.. נישט דורך זיך גופא: איך קען זי נישט, און באַמי זיך אויך נישט זי צו באַקענען; נאָר דורכן בלויזן ווערט פון איר עק-

זיסטענץ, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אויף אַ ווײַלע; נאָר דורכן בײַשפּיל, וואָס זי האָט געוויזן; בלויז דורך די שפּורן פון איר רעאַלער אָנוועזנקייט און דורכן ווירקלעכן גע־רויש פון אירע טריט.

מיר שײַנט, אַז דער איבערנאַטירלעכער חלום, וועלכן כ'האָב אָקאָרשט געטרוימט, איז טאַקע מקוים געוואָרן. און דאָס וואָס איך האָב אָנגערופן אומענדלעכקייט, איז אויף אַן אמת געשען. און דאָס, וואָס ס'האָט מיר געשאָנקען, אַליין נישט ווי־סנדיק דערפון, דידאָזיקע פרוי, וועמעס טיפעניש ס'האָט פאַר־בײַגעשוועבט פאַר מײַנע אויגן, וועלכע האָט מיר באַוויזן איר פשוטן, ריינעם קוש — שוין־זשע איז דאָס נישט אַ טייל פון דער קיניגלעכער שײנקייט, וועמעס אָפּגלאַנץ ס'באַדעקט אונז מיט רום?

* * *

דער מיטאָג־גלאָק האָט אָפּגעקלונגען איבערן האָטעל.

דערדאָזיקער רוף צו דער אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט און צו די געוויינלעכע באַשעפטיקונגען ענדערט אין איין רגע דעם לויף פון מײַנע געדאַנקען. כ'מאַך מיך גרייט, כדי אַראָפּצוגיין צום טיש. כ'טו אָן אַ בונטן וועסט און אַ טונקעלן אָנצוג. כ'שטעק אַרײַן אַ פּערל אין מײַן קראַוואַט. אָבער בשעת מעשה פאַרהאַלט איך זיך ווײַלעוויז, בלײַב שטיין, שפּיץ־אָן מײַנע אויערן צו דעם דערבײַיקן צימער — האָפנדיק נאָך צו פאַרנעמען אַ גערויש פון טריט, אָדער עפּעס אַ מענטשלעכע שטים.

אויספּירנדיק די נויטיקע באַוועגונגען באַם אָנטון זיך, בין איך אַלץ אײַנאײַנעם אונטערן שטאַרקן, באַצווינגנדיקן רושם פונם גרויסן געשעעניש, וואָס ס'האָט מיר פּאַסירט: דידאָזיקע דערשײַנונג.

כ'בין אַראָפּגעגאַנגען אונטן צווישן די מענטשן, וועלכע ווינען צוזאַמען מיט מיר אין דאָזיקן הויז. אין דעם עסצימער, וועלכעס איז געווען אויסגעשטאַט מיט גאָלד־ און קאַשטאַן־פאַרבן און איבערפלייצט פון ליכט, זעץ איך זיך אַנידער באַם טיש. ס'הערשט אַן אַלגעמיין געשאַרך און געפּינקל. דאָס גרוי־

סע, פּוסטע אַרומשמייעניש, וואָס באַצייכנט תּמיד דעם אָנהויב פון אַ געמיינזאַמער סעודה. פיל מענטשן זענען דאָ פאַראַן, און אַלע זעצן זיך אַוועק צום טיש מיט די מאַנירן פון גוט דערצויגענע לייט. געשמייכלעריי איבעראַל, גערויש פון צוגערוקטע שטולן. דאָ און דאָרטן צעשטרייטע ווערטער, שטימען, וועלכע זוכן זיך איינאַנדער און קניפּן ווידער אָן קאָנטאַקט. אָפּגעהאַקטע שמועסן... דערנאָך דער רעגלמעסיקער און שטייגנדיקער קאָנצערט פון טעלער-געקלאַנג און דאָס געקלימפּער פון גאָפּל-מעסער,

מיינע ביידע שכנים פלוידערן איטלעכער אויף זיין זייט. איך הער זייער מורמלען, וואָס זונדערט מיך מאָדנע אָפּ. כ'הויב אויף די אויגן. איבערן בלענדנדיק ווייסן טישטוך צייכענען זיך פאַר מיר די שטערנס אָפּ, די בלישטשנדיקע אויגן, די קראַוואַטן, די בלוזעס, די באַשעפטיקטע הענט. אָט די אַלע זאַכן ציען צו מיין אויפמערקזאַמקייט און שטויסן זי גלייכצייטיק אָפּ.

כ'ווייס נישט, וועגן וואָס דידאָזיקע לייט טראַכטן, כ'ווייס נישט, ווער זיי זענען; זיי באַהאַלטן זיך אויס און היטן זיך איינער פאַרן צווייטן. איך שטויס מיך צונויף מיט זייער העלקייט, ווי אָן שטיינערנע סלופּעס.

בראַנזלעטן, האַלזקייטלעך, רינגען... פון דידאָזיקע באַוועגונגען, וואָס פינקלען מיט צירונג, דערשפּיר איך זיך אַזוי ווייט ווי פון די שטערן אויפן הימל. עפּעס אַ יונג מיידל קוקט מיך אָן מיט איר בלאָען, אומדרייסטן בליק. ווי קאָן איך ביישטיין קעגן אַזעלכע סאַפּירן?

דער עולם רעדט, אָבער אין דאָזיקן גערומל פילט זיך איטלעכער ווי אָפּגעזונדערט. און ס'פאַרטייבט מיך דאָסדאָזיקע גערויש, פּונקט ווי ס'האָט די ליכט מיך פריער געבלענדט. און דאָך האָבן דידאָזיקע לייט זיך צייטנווייז אַנטפּלעקט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אינגאַנצן אַליין; מחמת זיי האָבן בעת דער אונטערהאַלטונג צופעליק געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען זיי געלעגן אויפן האַרצן. כ'האָב דערקענט דעם-דאָזיקן אמת און בין בלייך געוואָרן פון אַ געוויסער דעריבערונג.

מ'האָט גערעדט וועגן געלט; דער שמועס האָט זיך פאַר-

אַלגעמיינערט אויף דערדאָזיקער טעמע, און די גאַנצע געזעל־שאַפט איז געווען אויפגערירט און באַגייסטערט ווי פון עפּעס אַן אידעאַל. אַ טרוים פון באַזיצן האָט דורכגעשימערט אין זיי־ערע בליקן, ווי אויף אַ וואַסער־גרונט, פונקט ווי ס׳האָט פריער אַ בליץ פון ליבע זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן פונם דינסט־מיידל, בעת זי האָט זיך דערפילט אַליין, אומענדלעך רויק און באַפרייט.

מ׳האָט דערמאָנט מיט טריומף פלערליי מיליטע־רישע העלדן; און די מענער האָבן געטראַכט: „און איך!״ און זיי האָבן זיך צעפלאַמט, ווייזנדיק וואָס זיי טראַכטן, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער לעכערלעכער דיספּראָפּאָרץ און שקלאַווערײַ פון זייער סאָציאַלער שטעלונג. דאָס פּנים פון עפּעס אַ יונג מיידל האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַרבלענדט. זי האָט נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך אַ זיפץ פון באַגייסטערונג. אונטער דער ווירקונג פון אַ געהיימנישפולן געדאַנק, האָט זי זיך שטאַרק פאַררויטלט. כ׳האָב גיזען די בלוטיקע פאַליע צו איר פּנים צושטראָמען; דאָס אויפשטראַלן פון איר האַרץ האָב איך געזען.

מ׳האָט דיסקוטירט וועגן אָקולטיסטישע דערשיינונגען און מכּוח יענער וועלט. „ווער ווייסט!״ האָט מען געזאָגט; דערנאָך האָט מען גערעדט וועגן טויט. און בעת מ׳האָט גערעדט וועגן טויט, האָבן צוויי געסט, אַ הער און אַ דאַמע, וועלכע האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און אויסגעזען נישט צו קענען צומאָל איינער דעם אַנדערן, זיך איבערגעוואָרפן פון איין עק טיש צום צווייטן מיט אַ בליק, וועלכן איך האָב אויפ־געכאַפּט. און כ׳האָב פאַרשטאַנען, זעענדיק דעמדאָזיקן בליק, וואָס האָט אַרויסגעשפּריצט פון זייערע אויגן גלייכצייטיק, אונ־טערן רושם פון געדאַנק וועגן טויט, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן זיך ליב און אַז די געהערן זיך אייַנאַנדער אין די נעכט פון זייער לעבן.

* *
*

דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט. די יונגעלייט זענען אַ־בערגעגאַנגען אין זאַל אַריין.

אַן אַדוואָקאַט האָט דערציילט זיינע שכנים וועגן אַ פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעמזעלביקן טאָג. ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט אַ געוויסער צוריקהאַלטעוודיקייט, כמעט פאַרטרוילעך, צוליב דער דראַסטישקייט פון דער טעמע. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ חברהמאַן, וואָס האָט פאַרגוואַלטיקט עפּעס אַ מינדעריעריק מיידל און זי גלייכצייטיק געשאָכטן, און כּדי מ'זאָל נישט דערהערן די געשרייען פון קליינעם קרבן, האָט דער מערדער געזונגען מיטן גאַנצן כּוח.

בעת דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג האָט די בעסטיע דערקלערט: „מ'וואָלט זי פאָרט געוועזן געהערט, אַזוי שטאַרק האָט זי געשריגן, אָבער צום גליק איז זי נאָך גאַנץ יונג געווען".

איינס נאָכן אַנדערן זענען אַלע מיילער אַנטשוויגן געוואָרן; און דער גאַנצער עולם, נישט לאָזנדיק עס דערקענען אויף זיך, האָט זיך איינגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, און די יעניקע, וועלכע זענען געזעסן אַביסל ווייטער, האָבן געזוכט זיך צו דערנענטערן און צורוקן זיך גאַנץ נאָענט צום דערציילער. אַרום דעמדאָזיקן בילד, וועלכעס איז דאָ אויפגעשווימען, אַרום דעמדאָזיקן אימהדיקן אויסברוך פון אונזערע פאַרבאָרגענע אינסטינקטן, האָט זיך אַ שטילקייט אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן זאַל, און דאָך האָט מען געפילט, ווי אַ שרעקלעכער רעש ברויזט אין די נשמות.

דערנאָך האָב איך דערהערט דאָס לאַכן פון אַ פרוי, פון אַן אָנשטענדיקער פרוי: אַ טרוקן, אָפּגעהאַקט געלעכטער, וואָס זי האַלט אפשר פאַר אומשולדיק, אָבער וואָס לאַשטשעט זי אַרום אינגאַנצן מיט רייצנדיקער צערטלעניש. ס'איז דער אויסברוך פון אַ געלעכטער, וואָס שטאַמט פון ווילדע, אינסטינקטיווע אויסגעשרייען. כמעט ווי אַן אויפברויז פון איר גאַנצער קערפּערלעכער תאווה איז עס...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך צוריק אין זיך פאַרשלאָסן. דער אַדוואָקאַט האָט ממשיך געווען מיט אַ רויקער שטים, זייענדיק זיכער אין דעם עפעקט פון זיינע ווערטער, און אַ שליידער־געטון פאַר זיינע צוהערער דעם ציניש ווידוי פון דעם פאַרברעכער: „זי האָט זיך שרעקלעך געווערט, און

זי האָט נעשריגן, געשריגן! כ'בין געווען געצוווּנגען צו דער־קוילן זי מיט אַ קיכמעסער".

עפּעס אַ יונגע מוטער, וואָס האָט געהאַלטן איר טעכ־טערל לעבן זיך, האָט זיך האַלב אויפגעהויבן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין. זי זעצט זיך צוריק אַנידער און בויגט זיך אויס אויף פאָרנט, כדי צו פאַרשטעלן מיט זיך דאָס קינד; מ'זעט, ווי באַם צוהערן, וואַקלט זי זיך צווישן חשק און בושה.

אַן אַנדערע פרוי בלייבט זיצן אומבאַוועגלעך, מיט אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. אָבער איר מויל האָט זיך פאַרהאַקט, ווי אין עפּעס אַ טראַגישער פאַרטיידיקונג, און כ'האָב געזען כמעט, ווי אונטער דעם ערדישן געשטאַלט פון איר פּנים, האָט זיך אָנ־געצייכנט עפּעס אַ געשריפט, אַ מין שגעונדיקער מאַרטירער־שמייכל.

און די מענער!.. אָטאָ־דעם דאָרטן, וואָס זעט אויס אַזוי מילד און פּשוט, האָב איך דייטלעך סאָפּען געהערט. דער אַנ־דערער מיט אַ גלייכגילטיק בירגערלעך פּנים, רעדט מיט גרויס־מי, צו זיין יונגער שכנטע וועגן פאַרשידענע זאַכן. אָבער דער־ביי קוקט ער אויף איר מיט אַזאַ בליק, וועלכער וואָלט זי וועלן אַדורכדרינגען ביזן לייב, און ווייטער נאָך; אַ בליק, וואָס איז שטאַרקער ווי ער אַליין, און ער שעמט זיך מיטן דאָזיקן בליק, וואָס זיין אויפבליצן מאַכט אים פינטלען מיט די אויגן, און וואָס זיין משא דערדריקט אים.

און דער אַנדערער דאָרטן, כ'האָב אויך געזען זיין רויען בליק און ציטעריק מויל, וועלכעס האָט זיך האַלב אויפגע־מאַכט. כ'האָב געהערט דאָס געסקריפּעריי פון דעם רעדער־גע־ווערק פון דער מענטשלעכער מאַשין, דאָס קאָנוווּלסיווע קלאַפּן פון די ציין אַקעגן דעם פרישן לייב און בלוט פונם אַנדערן געשלעכט.

און אַלע האָבן זיך פאַראייניקט אין איין קאָנצערט פון אויפגערעגטע זלזולים אַקעגן דער חיה אין מענטשלעכן גע־שטאַלט... און אַזוי האָבן זיי, אין פאַרלויף פון אַ רגע, נישט געלייגט. זיי האָבן זיך כמעט מתוודה געווען, אַליין נישט וויסנ־דיק אפשר, און זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט אין וואָס ס'באַ־שטייט זייער ווידוי. זיי זענען געווען כמעט זיי גופא. חשק

און תאווה האָבן אויפגעברויזט אין דער טיפעניש, און בעת ס'האָט פאַרבייגעפלאַטערט זייער אָפּשיין, האָט מען דייטלעך געזען, וואָס ס'האָט געלעבט אין דעם שווייגן, און וואָס ס'איז דורך די ליפּן פאַרחתמעט געוואָרן.

דאָס איז עס. דערדאָזיקער געדאַנק איז עס, אָט-דאָס געשטאַלט פון אַ לעבעדיקן געשפּענסט, וועלכעס איך וויל אויסשפּירן. איך שפּרינג-אויף, געשטויסן דורך דער האַסטיקער בענקשאַפט נאָך דער אַנטהילונג פון יעטווועדער אויפריכטיקייט אינם מענטשן, אין מענער ווי אין פרויען. אָטאָ-דאָס וויל איך זען: ווייל שיין איז דאָס, טראָץ זיין מיאוסקייט, ווי אַ מייסטערווערק. און כ'קער זיך אויפסניי אין מיין צימער צוריק, און כ'עפן-אויף די אָרעמס און פאַל צו צו דער מויער, גלייך ווי כ'וואָלט זי וועלן אַרומנעמען, און קוק אין דעם שכנותדיקן צימער אַריין.

און אָט ליגט עס צו מיינע פיס. אפילו אין זיין לערקייט איז עס מיט מער לעבן אָנגעפילט, איידער די מענטשן, וועלכע מ'טרעפט טאָג-טעגלעך, און צווישן וועלכע מ'לעבט; די מענטשן, וואָס צוליב דער אומגעהויערקייט פון זייער מענגע, מוזן זיי פאַרשווינדן און פאַרגעסן ווערן; וואָס האָבן אַ שטים, כדי ליגנט צו זאָגן און אַ פּנים, כדי צו פאַרבאָרגן זיך.

III

נאכט. פולשטענדיקע נאכט. דער סאַמעט-דיקער שאָטן הילט מיך אַרום פון אַלע זייטן.

אַלץ אַרום מיר איז פאַרזונקען אין נעפּל. אינמיטן דער-דאָזיקער פינצטערניש, האָב איך אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויפן קיילעכיקן טיש, וועלכן ס'באַלייכט אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ. כ'האָב מיך דאָרט אַוועקגעזעצט, כדי צו אַרבעטן, אָבער אינ-דעראמתן האָב איך נישט עפּעס אַנדערש צו טון, ווי נאָר זיך איינצוהאָרכן.

כ'האָב נאָר-וואָס אַריינגעקוקט אין דעם דערבייאיקן צי-מער. קיינער איז דאָרטן נישטאָ, אָבער עמיצער וועט זיכער אָנקומען.

עמיצער וועט קומען, אפשר היינט אינאָוונט, אפשר מאָרגן, אָדער אַן אַנדערן טאָג. עמיצער מוז אָנקומען. שפּעטער וועלן שוין גיין איינער נאָכן אַנדערן. איך וואַרט, און ס'דאַכט זיך מיר אויס, ווי דערין וואָלט באַשטאַנען דער ציל פון מיין לעבן.

לאַנג האָב איך געוואַרט, און נישט געוואַגט זיך צו לייגן שלאָפן. דערנאָך, שוין גאָר שפּעט, בעת שטילקייט האָט שוין לאַנג געהערשט און מיך ווי פּאַראַליזירט, האָב איך גע-מאַכט אַן אָנשטרענגונג און אויפסניי זיך אָנגעקלאַמערט אָן דער מויער. כ'האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו דער עפענונג אין וואַנט מיט אַ שטומער תּפילה. דאָס צימער איז געווען

שוואַרץ, פול מיט טיפער, געהיימנישפולער נאַכט, מיט פלערליי מעגלעכסטע זאַכן. כ׳האָב צוריק אַראָפּגענידערט אין מיין צימער.

* *
*

צומאָרגנס האָב איך געזען דאָס צימער אין דער פּשוט־קייט פונם טאָגליכט. כ׳האָב געזען ווי דער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשפרייט דערין און ווי ער האָט ביסלעכווייז אויפגעבליט פון צווישן די חורבות און ענדלעך דאָרט אויפגעוואַכט.

ס׳איז איינגעאָרדנט און אויסגעמעבלט אויפן זעלבן שטייגער ווי מיין צימער. אנטקעגן מיר — דער קאַמין, איבער וועלכן ס׳הענגט דער שפּיגל, רעכטס דאָס בעט, לינקס, אין דער זייט פון פענצטער, די סאָפע, שטולן, פאָטעלן, דער טיש, די שאַנק; די צימערן זענען אַלצאיינע, אָבער מיינס האָט זיך שוין געענדיקט, און דאָס אנדערע הויבט ערשט אָן אויפצולעבן...

נאָכן פרישטיק קער איך זיך אום צום זעלבן אָרט, וואָס לאָקט מיך אַזוי שטאַרק, צו דער שפּאַרע אין דער וואַנט. גאָרנישט. כ׳קריך ווידער אַראָפּ.

די לופט ווערט שווער. די קיך־ריחות טראָגן זיך אויך דאָ אַהער. ווידער בלייב איך שטיין אין דערדאָזיקער גרויסער, גרעניצלאָזער לערקייט פון מיין צימער.

כ׳עפן האַלב אויף מיין טיר, כ׳עפן זי אינגאַנצן. אין קאָרידאָר זענען די טירן פון אַלע צימערן ברוין געמאָלט, מיט איינגראַווירטע נומערן אויף מעשענע שילדלעך. אַלץ איז פאַרשלאָסן. כ׳מאַך א פּאָר טריט. זיי זענען די איינציקע, וועלכע איך פאַרנעם, און וואָס הילכן אָפּ צו הויך, אין דאָזיקן אומבאַוועגלעכן, ריזיקן הויז.

דער קאָרידאָר איז לאַנג און שמאָל, די מויער איז באַדעקט מיט אַן אימיטאַציע־שטאָף פון טונקל־גרינעם קאָליר. איך שפּאַר זיך אָן אויפן אָנלען פון די טרעפּ. א דינער (דערזעלבער, וואָס באַדינט באַם טיש און וואָס טראָגט אין דער מינוט א בלאָ פאַרטוך און זיינע האָר זענען צעשויבערט) לויפט שפּרינגענדיק אַראָפּ פון אויבערשטן גאָרן, מיט א פּעקל

צייטונגען אונטערן אָרים. דאָס טעכטערל פון דער פרוי לעמערסיע גייט אַרויף איבער די שטיגן, אָנהאַלטנדיק זיך פאָרזיכטיק מיט דער האַנט אָנעם אָנלען און שטרעקט אויס איר האַלז פאָרויס ווי אַ פויגל; און איך פאַרגלייך אירע דריבנע טריט מיט די אַנטלויפנדיקע רגעס. עפּעס אַ הער מיט אַ דאַמע גייען דורך פאַרביי מיר, איבעררייסנדיק זייער שמועס, כּדי כ׳זאָל זיי נישט הערן, גלייך ווי זיי וואָלטן מיר אָפּגעזאָגט די נדבה פון זייערע געדאַנקען.

אָט די אַלע לייכטע פאַסירונגען פאַרשווינדן, ווי די סצענעס פון אַ קאָמעדיע, איבער וועלכע ס׳פאַלט דער פאָרהאַנג.

איך וואַנדל אַרום אין דעם נאָכמיטאָג, וואָס ברענגט מיר האַרצווייטיק. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז כ׳בין איינער אַליין קעגן אַלעמען, בעת איך בלאָנזשע אַזוי אַרום אין דאָזיקן הויז און מוז פאָרט בלייבן מחוץ פון אים. בעת מיין וואַנדערונג דורכן קאָרידאָר, האָט זיך איין טיר שנעל פאַרמאַכט, דערשטיקנדיק דאָס געלעכטער פון אַן איבעררַאַשטער פרוי. די מענטשן אַנטלויפן און ווערן זיך קעגן צודרינגלעכקייט. עפּעס אַ גערויש אָן אַ זינען פליסט פון איבער דער וואַנט אַריבער: אָטאָ־דאָס איז נאָך ערגער ווי דאָס שווייגן. פון אונטער דער טיר קריכט אַ ליכטשטראַל אַפער, אָבער ער איז צעקוועטשט און אַזוי גוט ווי טויט: אָטאָ־דאָס איז ערגער נאָך ווי דער שאָטן.

איך לאָז מיך אַראָפּ פון די טרעפּ. כ׳גיי אַריין אין אַל, וווהין עס ציט מיך אַ גערויש פון עפּעס אַ שמועס.

עטלעכע מענער זענען דאָרטן פאַראַן; זיי זיצן באַזאַמען און פלוידערן צווישן זיך. זיי גייען אַרויס. כ׳בלייב ווידער אַליין, און הער נאָך זייערע שטימען אין קאָרידאָר. ענדלעך זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן.

דערנאָך קומט אַריין אין זאַל אַן עלעגאַנטע דאַמע, מיט אַ געשאָרך פון זיידנס און מיט אַ דופט פון בלומען און וויירעך. זי פאַרנעמט אַ סך פּלאַץ, צוליב אירע בלומען און איר עלעגאַנץ.

דידאָזיקע דאַמע שטרעקט לייכט אויס איר שיין, לענג-

לעך פּנים. באַצירט מיטן בליק פון גרויסער מילדקייט. אָבער כ׳זע זי נישט גוט, מחמת זי קוקט מיך נישט אָן.

זי זעצט זיך אַוועק באַם טיש, נעמט אַ בוך, בלעטערט דערין און די העלע זייטלעך גיבן-צו איר פּנים אַן אָפּשיין פון בלייכקייט און פאַרטראַכטקייט.

כ׳באַטראַכט בגנבה איר בוזים, וואָס הויבט זיך און זינקט, איר אומבאַוועגלעך פּנים, און דאָס לעבעדיקע בוך, וועלכעס איז מיט איר פאַרבונדן. איר הויט איז אַזוי העל, אַז דאָס מויל אירס זעט אַזש אויס שוואַרץ. איר שיינקייט מאַכט מיך טרויעריק. כ׳באַטראַכט דידאָזיקע אומבאַקאַנטע, פון קאָפּ ביז פיס. מיט דערהויבענער בענקשאַפט. זי צערטלט מיך מיט איר אָנוועזנהייט. אַ פרוי צערטלט תמיד דעם מאַנסביל, בעת זי דערנענטערט זיך צו אים און בעת זי איז אַליין - נישט געקוקט אויף אַלערליי מחיצות, אַנטשטייט תמיד צווישן מאַן און פרוי אַ שרעקלעכע התחלה פון גליק.

אָבער זי גייט אַוועק. ס׳איז אויס מיט איר. גאָרנישט איז געשען, און דאָך איז עס אויס. דאָס אַלץ איז אַזוי פּשוט, אַזוי שטאַרק, אַזוי וואָרהאַפטיק.

דערדאָזיקער מילדער יאוש, וועלכן כ׳האָב פריער נישט געפילט, באַאומרויקט מיך, זינט נעכטן בין איך פאַרענדערט, דאָס מענטשלעכע לעבן, דעם לעבעדיקן אמת, כ׳האָב עס גע-קענט, אַזוי ווי מיר אַלע קענען עס; כ׳האָב עס דורכגעמאַכט פון קינדערווייז אויף. און איצט גלייב איך דערין מיט אַ מין אימה. בעת ס׳האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין אַ געטלעך געשטאַלט.

*

*

כ׳בין ווידער אַרויפגעגאַנגען אין מיין צימער. דער נאָכ-מיטאָג שלעפּט זיך אומענדלעך און דאָך קומט אָן דער אָוונט.

פון מיין פענצטער זע איך דעם אָוונט, ווי ער נעמט אַרום דעם הימל, מילד, ביסלעכווייז, כמעט אומבאַמערקלעך; און דעם המון, וואָס צעקרישלט און צעשטויבט זיך אויפן ברוק פון די גאַסן.

די דורכגייער איילן אַוועק אין די הייזער, וווהין זייערע געדאַנקען זענען געווענדט. כ׳הער דורך דער מויער, ווי מיין הויז פילט זיך אויף אָן מיטן לייכטן גערויש פון איילנדיקע געסט.

פון איבער דער אַנדערער זייט וואַנט הערט זיך עפּעס אַ שאָרכעריי... כ׳קלעטער אַרויף ביז צו דער עפענונג אין דער מויער און כאַפּ אַ בליק אין שכנותדיקן צימער. עפּעס אַ פרוי געפינט זיך דאָרטן, זי איז אַרומגעהילט מיט פינצטערניש.

• •

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, פונקט ווי איך האָב עס פריער געטון. דאָס איז בלי־ספק דער אייביקער זשעסט פון מענטשן, וועלכע געפינען זיך אַליין אין אַ צימער.

כ׳זע זי וואָס אַמאָל דייטלעכער; וואָס מער מיינע אויגן געוויינען זיך צו, אַלץ באַשטימטערע פאָרמען נעמט זי אָן. ס׳דאַכט זיך מיר אויס, אַז זי דערנענט זיך באַרמהאַרציק צו מיר.

זי טראָגט אויף זיך, אין דידאָזיקע ערשטע טעג פון האַרבסט, איינס פון יענע העלע קליידער, אין וועלכע די פרוי אַליין ווערט העלער, כּל־זמן ס׳לייכט נאָך אַ זונענשטראַל. דאָס טריבע ליכט פון פענצטער באַדעקט זי מיט אַ פאַרלאָשענעם, פאַרוועלקטן אָפּשיין. איר קלייד גיסט זיך צונויף מיט דער אומגעהויערער דעמערונג, באַקומט די פאַרב פון דער צייט, פונקט ווי אין אַ צויבער־מעשהלע.

אַ הויך פון פאַרפום און פון בלומען טראָגט זיך פון דער פרוי צו מיר אַהער, און לויטן דאָזיקן דופט, וואָס באַצייכנט זי ווי מיט אַ ריכטיקן נאָמען, דערקען איך זי ווידער: דאָס איז דיזעלבע יונגע דאַמע, וועלכע איז פריער געזעסן לעבן מיר אין זאַל, און איז דערנאָך פאַרשוווּנדן. איצט געפינט זי זיך דאָרטן, הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר, און איז אַ רויב פאַר מיינע אויגן.

אירע ליפּן באַוועגן זיך; כ׳ווייס נישט, צי זי רעדט

צו זיך אינדערשטיל, אָדער זי ברומט-אונטער עפּעס אַ מע־לאָדיע... זי איז דאָרט, נאָענט פון דער טריבער בלאַסקייט פונעם פענצטער, נאָענט פון דעם פענצטער, וועלכעס שלאָגט זיך אָפּ אין שפּיגל, אינמיטן פון דאָזיקן פרעמדן צימער, וואָס פאַרלירט פון מינוט צו מינוט זיין קאָליר. זי שטייט דריבען מיט אירע טונקעלע אויגן און טונקעלן קערפּער און מיט דער העלקייט פון איר פּנים, וואָס אַזויפיל בליקן האָבן עס, זינט זי לעבט, געצערטלט.

איר ווייסער האַלז, וואָס איז אַזוי וווּנדערלעך פּרעכטיק, בויגט זיך אויס פאָרויס; דער פּראָפיל, וואָס איז נאָענט צום פענצטער, און דער שטערן, אויף וועלכן זי שפּאַרט זיך אָן, פאַרזינקען אין בלאָלעכן האַלב-שאָטן, גלייך ווי איר געדאַנק וואָלט אַ בלאָער געווען. און אַ שוואַכער גאָלד-שיין, וואָס שוועבט איבער דער נעפּלדיקער מאַסע פון אירע האָר, ווייזט, אַז זיי זענען בלאָנד.

איר מויל איז טונקל, ווי ס'וואָלט געווען האַלב גע־עפנט. איר האַנט רוט אויף דער בלאָער שויב, ווי אַ פויגל. איר בלוזע איז פון אַ צאַרטן און דאָך שטאַרקן קאָליר, גרין אָדער בלאָ.

כ'ווייס קיינזאַך נישט וועגן איר, ווען זי איז פון מיר אַזוי ווייט, גלייך ס'וואָלטן אונז גאַנצע וועלטן אָדער יאָרהונ־דערטער פונאַנדערגעטיילט, גלייך זי וואָלט געווען טויט.

און דאָך איז נישטאָ קיין שום מחיצה צווישן אונז: כ'בין לעבן איר, כ'בין מיט איר: איך בלי זיך פונאַנדער אי־בער איר אין תּענוגדיקן שווידער.

...מיינע הענט שטרעקן זיך אויס, כדי זי אַרומצוהאַלזן. כ'בין אַ מאַן ווי אַלע אַנדערע. שטענדיק אין דער טרויעריקער גרייטקייט פאַרבלענדט צו ווערן פון דער ערשטער אָנבאַגעגנ־טער פרוי. זי, זי איז דאָס ריינסטע בילד פון דער פרוי, וועלכע מ'האָט ליב, די פרוי, וועלכע מ'קען נאָכנישט אינ־גאַנצן, און וועלכע דאַרף זיך ערשט אַנטפּלעקן, די פרוי, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך דעם איינציקן לעבעדיקן ווונדער, וואָס עק־זיסטירט אויף דער ערד.

זי דרייט זיך אויס און גליטשט זיך אַריין ווי אַ וואָלקן אין דעם שוין נאַכטישן צימער, מיט אירע מילדע און ווייגנדיקע טריט. כ׳הער דאָס טיפע שאָרכן פון איר קלייד. כ׳זוך איר פנים, ווי אַ שטערן אויפן הימל; אָבער כ׳זע איר געזיכט פונקט אַזוי ווייניק, ווי אירע געדאַנקען.

כ׳זוך דעם זין פון אירע באַוועגונגען; אָבער זיי גליטשען זיך מיר אַרויס. כ׳בין אַזוי נאָענט פון איר, און ווייס נישט, וואָס זי טוט! אַלע באַשעפענישן, אויף וועלכע מ׳קוקט פונדערווייט, בעת זיי אָנען גאָרנישט דערפון, זעען אויס, ווי זיי וואָלטן אַליין נישט געוווסט וואָס זיי טוען.

זי פאַרשליסט איר טיר מיטן שליסל; דאָס הילט זי איין מיט נאָך מער געטלעכקייט. זי וויל זיין אַליין. זי איז בלי-ספק אַריינגעגאַנגען אין דאָזיקן צימער, כדי זיך אויסצוטון.

איך פרוביר מיר נישט צו דערקלערן די סיבה פון איר אָנוועזנהייט, פונקט אַזוי ווייניק, ווי כ׳טראַכט מיר אָפצוגעבן אַ חשבון פונם פאַרברעכן, וועלכעס איך באַגיי, צו באַזיצן די־דאָזיקע פרוי מיט די אויגן. כ׳ווייס, אַז מיר זענען פאַרייניקט; און מיטן גאַנצן מהות בעט איך צו איר, זי זאָל זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן.

זי זעט אויס, ווי זי וואָלט צונויפגענומען אירע רעיונות און זיך געיִשובט. כ׳שטעל מיר פאָר, אַז זי האָט שוין פונלאַנג געוואַרט אויפן דאָזיקן אַליינזיין, כדי זיך צו אַנטהילן, יאָ, זי פילט זיך נאָך גאָר דערשלאָגן דורך דער דרויסנדיקער לופט, אײנגאַנצן אַרומגעטאַפּט דורך די בליקן פון די פאַרבייגייערס, נאָך אײנגאַנצן באַרירט דורך די אויסגעשפּיצטע פנימער פון די מאַנסבילן: און געפינענדיק אַ מקלט צווישן די־דאָזיקע ווענט, וואַרט זי אָפּ, אַז אָט דער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט זאָל זיך וואָס מער דערווייטערן, איידער זי וועט פון זיך אַראָפּנעמען די קליידער.

מיט אַ מאָדנער מתיקות לייען איך אָבער אין איר דעם־דאָזיקן מיידלשן און דאָך זינלעכן געדאַנק; כ׳האָב דאָס געפיל, ווי מיין קערפּער וואָלט, נישט געקוקט אויף דער געמויערטער שיידוואַנט, זיך צו אירן אַהינגעבויגן.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט אויפגעהויבן אירע אָרעמס און מיט אַ ליכטיקער באַוועגונג אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג. פולשטענדיקע פינצטערניש איז געפאַלן צווישן אונז.

כ׳האָב זי פאַרלוירן!.. דאָס איז געווען אַ שאַרפער ווייטיק, וואָס כ׳האָב דערשפּירט אין מיין גאַנצן וועזן, גלייך ווי דאָס ליכט וואָלט זיך אויס מיר אַרויסגעריסן... און כ׳בין געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, דערשטיקנדיק אַ זיפץ, און כ׳האָב געלויערט אויפן שאָטן, וועלכער האָט זיך צונויפגעשמאָלצן מיט איר אָטעם...

זי האָט עפּעס אַרומגעזוכט אין דער פינצטער, גענומען אַ זאַך אין דער האַנט אַריין. כ׳האָב געטראָפן, כ׳האָב באַמערקט אַ שוועבעלע, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן צווישן אירע פינגער. פּאַוואָליע האָט אויפגעלויכטן איר געשטאַלט. מ׳האָט געזען דאָס אויפשימערן פון דער מאַטער בלייכקייט פון אירע הענט, פון איר האַלז און שטערן, און איר געזיכט איז פאַר מיר דערשיינען, ווי דאָס פּנים פון אַ מלאך.

אין דעם שוואַכן ליכט, האָב איך במשך פון עטלעכע סעקונדעס נישט גענוי געזען די שטריכן פון איר פּנים. זי האָט אַנידערגעקניט פאַרן קאַמין, מיטן פלעמל אין די הענט. כ׳האָב געהערט און געזען דאָס העלע אויפפלאַקערן פון דעם טרוקענעם האָלץ אין דער שוואַרצער און קאַלטער פייכטקייט. זי האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שוועבעלע, נישט אָנצינדנדיק דעם לאָמפּ, און ס׳איז נישט געווען אין צימער קיין אַנדערע ליכטיקייט, ווי בלויז די שיין, וועלכע האָט זיך געטראָגן פון אונטן, פונם קאַמין.

דער קאַמין איז רויט געוואָרן, בעת זי האָט פאַר אים אַרומגעשוועבט אַהין און צוריק, ווי דאָס פלאַטערן פון אַ ווינטל, ווי פאַר אַ פלאַמענדיקער שקיעה. מ׳האָט געזען די באַוועגונגען פון איר שלאַנקער געשטאַלט, אירע טונקעלע אָרעמס און אירע גאָלד-ראָזיקע הענט. איר שאָטן האָט אַראָפּגעקלעטערט צו אירע פיס, איז אַרויפגעקראָכן אויף דער וואַנט און אַריבערגעשוועבט איבער איר אויף דעם באַלויכטענעם סופיט.

זי איז געווען אָנגעגריפן דורכן אויפפלאַקערן פון דעם

פלאָם, וואָס האָט זיך געוואַלגערט צו אירע פיס. איר בליק האָט מילד געפלאַטערט איבערן צימער.

אַ ווײַלע לאַנג האָט זיך איר בליק אָפּגעשטעלט אויף מײַנעם; נישט ווייסנדיק דערפון, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט.

דערנאָך — שוין עפּעס אַ שאַרפערער בליק, אַ וואַרימער נדבה. איר מויל, וועלכעס האָט משמעות וועגן עפּעס, אָדער וועגן עמיצן געטראַכט, האָט אַ ציטער געטון; זי האָט געשמייכלט.

דאָס מויל אויפן אַנטבלויזטן פּנים זעט אויס, ווי עפּעס אַ נאַקעטע זאַך. דאָס מויל, וואָס איז רויט פון בלוט, וואָס בלוטיקט אייביק, איז גלייך צום האַרץ; ס'איז אַ וווּנד, און ס'איז אויך אַ וווּנד כמעט, צו זען דאָס מויל פון אַ פרוי.

און כ'האָב אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר דערדאָזיקער פרוי, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר און געבלוטיקט מיט איר שמייכל. די סאָפע האָט זיך מילד איינגעגראָבן אונטער דעם וואַרימען דרוק פון אירע ברייטע היפטן; אירע דינע קניען זענען געווען צונויפגעדריקט, און דער מיטלפּונקט פון איר קערפּער האָט געהאַט די פאָרם פון אַ האַרץ...

האַלב אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, האָט זי אָנגעבאָטן אירע פיס דעם פייער, לייכט אונטערהייבנדיק דאָס קלייד מיט ביידע הענט, און מיט דערדאָזיקער באַוועגונג האָט זי אָפּגעדעקט אירע פיס, וועלכע זענען געווען איינגעהילט אין שוואַרצע זאָקן.

און מיין גוף האָט אויפגעשריגן, ווי געטראָפן פון הייסן אייזן, צוליב דער מתיקותדיקער ליניע, וואָס איז דאָרטן פאַרשווונדן, און איז דאָך אין שאָטן גרעסער געוואָרן און זיך ווידער פאַרלוירן אין די אומדערגרייכלעכע טיפענישן.

כ'האָב צונויפגעקראַמפּט די פינגער, און מיין בליק איז געווען צעריסן; אַזוי פולשטענדיק האָט זי זיך מיר אָנגעבאָטן, אויסגעשטרעקט, אויפגעפראַלט — איר שטערן איז געווען פאַרזונקען אינם שאָטן, אָבער דער בלוטיקער פלאָם, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דר'ערד, האָט פאַרצווייפלט געקלעטערט אויף איר, אין איר, ווי עפּעס אַ מענטשלעכע אָנשטרענגונג.

די פאַלדן פון איר קלייד זענען צוריק אַרונטערגעפאַלן.

די פרוי איז צוריק געוואָרן דאָס, וואָס זי איז געווען. זיין זי איז שוין אַן אַנדערע. מחמת כ׳האָב געזען אַ טייל פון איר פאַרבאָטענעם ליבּ; איך לויער אויפן דאָזיקן ליבּ, צווישן די צונויפגעמישטע שאָטנס פון אונזערע בײדע צימערן. זי האָט אויסגעפירט די גרויסע, אײנפאַכע באַוועגונג, וואָס די מענער פאַרגעטערן ווי אַ הייליקטום, און וואָס זיי בעטלען־אויס, אפילו קעגן דער מינדסטער האָפענונג, אפילו קעגן פשוטסטן שכל-הישר — זי האָט אויסגעפירט אָט־די פאַרבלענדנדיקע באַוועגונג, פון וועלכער די פרוי אַליין ווערט אָפטמאָל פאַרבלענדט!

ווידער נעמט זי שפּאַנען אויף און אָפּ איבערן צימער, און איצט איז דאָס גערויש פון אירע קליידער ווי אַ פויגל-געפלאַטער אין מײנע טיפענישן.

מיין בליק שטויסט אָפּ איר קינדיש פנימל, אויף וועלכן ס׳איז פאַרשטאַרט געוואָרן דער צעשטרייטער שמייכל; אָפּשטויסנדיק מיט געוואַלט איר נשמה און געדאַנקען, רײסט ער זיך נאָר צו איר געשטאַלט אַהין, און גאַרט בלויז נאָך איר פלייש און בלוט, פונקט ווי דאָס פייער, וועלכעס באַלאגערט זי און לאָזט זי שוין נישט אָפּ. אָבער מײנע בליקן קאָנען בלויז צו אירע פיס אַראָפּזינקען און נאָר גאַנץ שוואַך איר קלייד באַפלאַטערן, פונקט ווי די פלאַמען אין דעם קאַמין, די הערלעכע, בעטלענדיקע פלאַמען, די צעפליקטע און צעשטיקלטע פלאַמען, וועלכע פליסן צום הימל אַרויף!

און ענדלעך האָט זי זיך באַוויזן.

כדי אויסצוטון די שיך, האָט זי איבערגעקרייצט די פיס זייער הויך, אָפּדעקנדיק פאַר מיר דעם תהום פון איר ליבּ.

זי האָט מיך געלאָזט זען איר פיינעם פוס, וועלכער איז געווען איינגעשנורט דורכן גלאַנציקן שיכל און, אין מאַטן זיידענעם זאָק, איר רונדיק אַנטוויקלטע ליטקע אויף די שמאָלע קנעכלעך, ענלעך צו אַ שלאַנקער אַמפאָרע. איבער דער איינגעבויגענער קני, דאָרט וווּ דער זאָק האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ ווייסן, וואָלקנדיקן בעכער, האָט מסתם געשיינט אַ שטיקל קלאָר ליבּ. אָבער אין דערדאָזיקער צעשטרייטער פינצטערניש און בײַ די אומאויפהערלעך פויזנדיקע פלאַמען פון דעם צי-

טערדיקן פייער, האָב איך נישט געקאָנט די וועש פון דער הויט אונטערשיידן. צי איז דאָס דער צאַרטער שטאָף פון די וועש, אָדער איז עס דאָס לייב אַליין? איז עס גאָרנישט, איז עס אַלץ? מיין בליק האָט דידאָזיקע נאַקעטקייט אויס די שאָטנס און פלאַמען אַרויסגעריסן. כ׳דריק צו מיין שטערן צו דער מויער; כ׳פּרעס־צו מיין פנים צו דער וואַנט, כ׳קלאַמער זיך אָן מיט די הענט אָן דער מויער, מיט האַסטיקייט, גלייך כ׳וואָלט זי וועלן צעשמעטערן און דורכבויערן. כ׳האָב פאַרפייניקט מיינע אויגן מיט דערדאָזיקער אומזיכערקייט, און איך פּרוביר, זאָל עס זיין מיט ערמה אָדער מיט געוואַלט, צו זען בעסער, צו זען מער.

און כ׳האָב געוואָלט פאַרזינקען אין דער גרויסער נאַכט פון איר וועזן, אונטער די זאַנפטע, וואַרימע און שרעקלעכע פליגל פון איר קלייד. די שפּיצן־הויזן האָבן זיך אָפּגעעפנט אין אַ ברייטן, טונקעלן שפּאַלט, וועלכער איז געווען אָנגעפולט מיט שאָטן. און מיינע בליקן האָבן זיך אַ שליידער־געטון דאָרט אהין, און זענען געוואָרן וואַנזיניק; און זיי האָבן כמעט באַזעסן דאָס, נאָך וועלכן זיי האָבן אַזוי געגאַרט, אין דאָזיקן אָפענעם שאָטן, אינם נאַקעטן שאָטן, אין מיטלפונקט פון איר וועזן, צווישן איר צאַרטער, דינינקער וועש, וועלכע איז אַזוי לופטיק־לייכט און דופטעט אינגאַנצן פון איר. ס׳איז כמעט ווי אַ וויירעך־וואָלקן דאָס, וואָס שלענגלט זיך דאָרט אַרום דעם מיטלפונקט פון איר לייב; דאָרט, אין דער טיפעניש פון דאָ־זיקן פינצטערן תהום איז פאַראַן אַ פּרוכט.

אַ ווײַלע לאַנג האָט עס אַזוי געדויערט. כ׳בין געלעגן אויסגעשטרעקט אויף דער מויער פאַר דערדאָזיקער פרוי, וועלכע האָט פריער מורא געהאַט פאַר איר אייגענעם שאָטן; אָבער איצט, אין דער פולשטענדיקער צניעות פון איר איינזאַמקייט, האָט זי אָנגענומען חשקפולע פּאָזעס פון אַ מיידל, וועלכע רופט אַרויס די בליקן פון אַ מאַנסביל, וואָס איז דורך איר פאַרלאָקט געוואָרן... זי איז ריין, און דאָך אַנטבלויזט זי זיך און ביט זיך אָן.

דער פלאַם אויפן קאַמין איז אויסגעגאַנגען, און כ׳האָב

די שוין כמעט נישט געזען, בעת זי האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוטון: אין דער נאַכט האָט געזאָלט פאָרקומען דערדאָזיקער גרויסער יום-טוב — אירער און מײַנער.

כ'האָב געזען דאָסדאָזיקע, הויכע, מטושטשע, אומבּרחמנותדיקע געשטאַלט, וועלכעס האָט זיך זאַנפט באַוועגט, פאַרשיפּורט פון די מילדע, לאַשטשענדיקע און וואַרימע שאָרכערייען. כ'האָב געזען דאָס לאַנגזאַמע אַנטבּלויזן זיך פון די בויגעוודיקע, רונדיקע אָרעמס, וועלכע האָבן אויפגעבּליצט מיט זייער באַקעטקייט.

דאָס, וואָס ס'איז אָקאָרשט, אין אַ פּיין, זיידן קנײַלכל, לייכט און פּאַמעלעך אויפן בעט אַראָפּגעפאַלן, איז געווען די בלוזקע, וואָס האָט איר האַלז צאַרט אַרומגענומען און איר טאַליע פעסט אײַנגעשנירט. דאָס נעפּלדיקע קלייד האָט זיך אָפּגעשפּיליעט, און אַראָפּגליטשנדיק זיך צו אירע פיס, האָט עס זי אײַנגאַנצן באַלויכטן, אַ זייער בלייכע אינמיטן פון דער טיפער פינצטערניש. מיר שײַנט, אַז כ'האָב זי געזען זיך באַפרייען פון דאָזיקן פאַרוועלקטן קלייד, וואָס אָן איר איז עס גאָרנישט, און כ'האָב באַמערקט די פאָרם פון אירע ביידע פיס.

כ'האָב אפשר אַזוי געמיינט, מחמת די אויגן מײַנע האָבן מיר שוין כמעט נישט געדינט, נישט בלויז צוליב מאַנגל אין ליכט, נאָר כ'בין בלינד געוואָרן צוליב דער שרעקלעכער אָנשטרענגונג פון מײַן האַרץ, צוליב דעם העפטיקן פולסירן פון מײַן לעבן, צוליב דער תהומישער פינצטערניש פון מײַן בלוט... דאָס זענען שוין נישט געווען מײַנע אויגן, וואָס האָבן פאַרפאָלגט דאָסדאָזיקע דערהויבענע געשטאַלט, ס'איז געווען גיכער מײַן שאָטן, וועלכער האָט זיך געקלאַמערט אָן אירן.

אין איין געשריי האָט אין מיר אויפגעצאַפּלט: איר שויס!

איר שויס! וואָס איז מיך דען אָנגעגאַנגען איר בוזים, אירע פיס! — וועגן דעם האָב איך זיך געקימערט פונקט אַזוי ווייניק, ווי וועגן אירע געדאַנקען און וועגן איר פּנים, וועלכע זענען שוין געהאַט אַוועקגעקומען ערגיצווו. איר שויס, נאָך דעם האָב איך געגאַרט, און דערצו האָב איך געשטרעבט, ווי צו דער אייביקער דערלייזונג.

מיינע הענט האָבן גענומען קאָנוולסיוו ציטערן, מיינע בליקן, וועלכע זענען געווען שווער, ווי די משא פון פלייש, האָבן זיך געצויגן צו איר שויס. תמיד, קעגן די געזעצן און די קליידער, רייסט זיך און קריכט דער בליק פונם מאַנסביל צום געשלעכט פון דער פרוי, פונקט ווי אַ וואָרם צו זיין לאָך.

זי איז פאַר מיר מערנישט געווען, ווי בלויז איר געשלעכט. זי איז מערנישט געווען, ווי די געהיימנישפולע וווּנד, וועלכע עפנט זיך ווי אַ מויל, בלוטיקט ווי אַ האַרץ און ציטערט ווי אַ האַרפע. און פון איר האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשיכּורטער דופט, וואָס האָט מיינע חושים באַרוישט. דאָס איז שוין נישט געווען יענער קינסטלעכער דופט, מיט וועלכן ס'זענען דורכגעזאַפּט געווען אירע קליידער; דאָס איז געווען דער ווילדער, תהומישער, אומענדלעכער דופט פון איר אייגן וועזן, וואָס גלייכט דעם דופט פון ים. ס'איז געווען דער דופט פון איר איינזאַמקייט, פון איר היץ, פון איר ליבע, און דער סוד פון איר אינערלעכקייט.

מיט אויסגעגלאָצטע און רויט־געשוואָלענע אויגן האָב איך זיך צוגעהעפט צו דערדאָזיקער אַנטפּלעקונג, וועלכע איז געווען שרעקלעך אין איר געוואַלטיקן כּוח־המושך. כ'בין געוואָרן ווילד פון מיין נצחון. און איר מויל איז געווען פאַר מיר אַ לאַנגער קוש, וואָס שוועבט פאַרביי, און כ'האָב צונויפגעקראַמפּט מיין מויל אין אַ לאַנגן, אומפּרוכטבאַרן קוש.

דאַן איז זי געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך — ווי אויסגעלאָשן, געהיימנישפול.

מיט אַ געוואַלטיקן אויפשפּרונג האָב איך אין דער ווירקלעכקייט זי געוואָלט באַרירן... אויסזעצן דידאָזיקע מויער, אָדער אַרויסלויפן פון מיין צימער, אויפברעכן איר טיר, וואַרפן זיך אויף איר...

ניין, ניין, ניין! מיין אינטויציע האָט מיך קלאָר און דייטלעך צוריקגעפירט צום שכל הישר... כ'וואָלט קוים באַוויזן זי לייכט אָנצורירן. מ'וואָלט מיך גלייך געבענדיקט — פאַרשוואַרצטער שם, תּפיסה, בזיון, פינצטערער עלנט, אַלצדינג. ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע מורא, אַזוי נאָענט איז

דאָס אַלס פאַר מיר געווען; אַ העפּטיקער שווידער האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט.

אָבער באַלד האָט מיך באַהערשט אַ צווייטער געדאַנק, אַ חלום האָט דורכגעריזלט אין מיין לייב: אפשר, נאָכדעם ווי די ערשטע שרעק וועט אַריבער, וועט זי פאָרט לאָזן מיט זיך אַלץ געשען. זי וועט ווערן מיטגעריסן דורך דער באַרי־רונג און וועט זיך אָנצינדן ווי אַ טויטע זאַך אונטער מיין ווירקונג, אין עפּעס אַ שיגעון פון דאַנקבאַרקייט...

ניין און ניין! מחמת דאַן וואָלט זי געווען אַ פּשוטע זונה, און זונות געפינט מען דאָך וויפל מ'וויל. ס'איז גאַנץ לייכט צו האַלטן אַ פּרוי אין די הענט און צו מאַכן פון איר וואָס מ'וויל נאָר אַליין: דאָס איז אַ זינד, וואָס איר פּריין איז נאָרמירט. ס'זענען אפילו פאַראַן הייזער, ווו מ'קאָן פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל צוזען, ווי אַזוי ס'ווערן אויסגעפירט די אַלע ליבעס־ענינים. וויבאַלד זי זאָל זיין אַ זונה, וואָלט זי שוין נישט געווען זי גופא — די געטלעך איינזאַמע פרוי.

און ס'איז נויטיק, אַז כ'זאָל מיר דאָס גוט אַריינשלאָגן אין קאָפּ און אין גוף אַריין: וויבאַלד כ'נעם זי אויף אויף אַזאַ שלמותדיקן אופן, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זי איז פון מיר אַזוי אָפּגעשיידט און ווייל אַזאַ פעסטע מחיצה טיילט אונז פונאַנדער. די איינזאַמקייט מאַכט זי שטראַליק, אָבער זי פאַרטיידיקט זי טריומפאַל. דערדאָזיקער כישוף פון איר אַנט־פּלעקונג שטאַמט פון איר מיידלשער וואָרהאַפטיקייט, פון דער אַבסאָלוטער אָפּגעזונדערטקייט, פון וועלכער זי איז די קיני־גין, און פון דעם באַוווסטזיין פון איר איינזאַמקייט. זי באַ־ווייזט זיך פונווייטנס, דורך איר צניעותדיקייט, און זי גיט זיך נישט אָפּ: זי איז געגליכן צו אַ מייסטערווערק; זי בלייבט פונקט אַזוי ווייט, אַזוי אומגעצירדט, אויפן ראַנד פון תהום און שטילשווייגן, ווי די סטאַטוע און די מוזיק. און דאָס אַלץ, וואָס ציט מיך צו, שטערט מיר גלייכצייטיק צו דערנענטערן זיך. און כ'מוז זיין אומגליקלעך, מוז זיין צוגלייך גנב און קרבן... און כ'האָב נישט קיין אַנדערן וועג, ווי בלויז צו גאַרן, איבערגוועלטיקן מיך אַליין מיטן כוח פון באַגערן, חלומען און האָפן, צו גאַרן און באַזיצן מיין באַגער.

האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אויף אַ ווײַלע. אַזוי מעכטיק און גרויזאַם איז דער געוויסנס-קאַמף, אין וועלכן איך ראַנגל זיך. און אין דערדאָזיקער עפּעװנגג, וועלכע האָט זיך אויסגעהוילט אָן אַ גרעניץ פֿאַר מײַנע אויגן, האָב איך געלאָזט פֿאַרלוירן גיין דעם זאַנפֿטן גערויש פֿון איר ווענן...

שוין-זשע ווער איך משוגע? ניין, דאָס איז נאָר דער משוגענער אמת פֿון לעבן.

מיט מײַנע אַלע חושים און מיט מײַן גאַנצער מחשבה איבערגעוועלטיק איך מײַן פֿאַרחלשט לײַב. שטיל ווערט מײַן געביין און טרוימט נישט מער. און איבער מײַנע שווערע חורבות הויב איך אָן אויפֿסניי צו באַאָבאַכטן.

גלײַך ווי זי וואָלט זיך דערבאַרימט איבער מיר, טוט זי זיך צוריק אָן, און פֿאַרהילט זיך ווידער.

איצט האָט זי אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט אָנגעטון דאָס קלייד; ווידער פֿאַרבאָרגט זי פֿאַר מיר אַלע שיינע סודות, וועלכע זי באַהאַלט אויס פֿון אַלעמען. זי האָט זיך צוריקגעקערט אין דעם טרויער פֿון איר שעמעוודיקייט.

זי שענקט מיר נאָך עטלעכע צעשטרייטע באַוועגונגען. אָט מעסט זי זיך אין שפּיגל איר טאַליע, דערנאָך טוט זי אַרויף אַ ביסל רויטס אויף די אויער-לעפּלעך און ווישט עס צוריק אָפּ; זי שמייכלט צו זיך אין שפּיגל אַרײַן. אירע שטריכן פֿאַרענדערן זיך, און אַ ווײַלע לאַנג שײַנט זי אפֿילו צו זײַן אַ ביסל אומצופֿרידן מיט זיך אַליין. זי טראַכט-צו טויזנטער נוצלעכע און אומנוצלעכע באַוועגונגען... זי ווײַזט אַרויס חנדלדיקע זשעסטן, וועלכע נעמען-אָן, פּונקט ווי די זשעסטן פֿון איר שעמעוודיקייט, עפּעס אַ מין ערנסטע, שטרענגע שיינקייט; מחמת דאָס אַלץ ווערט אויסגעפֿירט אין דערדאָזיקער אײַנזאַמקייט.

דערנאָך, בעת זי איז געשטאַנען גרייט שוין און וווּנדערבאַר אײַנגעהילט אין איר פֿײַנער זאַנפֿטער הלבשה און האָט זיך באַטראַכט מיט אַ לעצטן, דערהויבענעם בליק — האָבן זיך אונזערע אויגן ווידער צונויפֿגעטראָפֿן.

זי שפּאַרט זיך אָן מיט איין האַנט אויפֿן טיש, אויף וועלכן ס'ברענט זיך דער לאָמפּ אָן אַן אַבאַזשור... איר פּנים

און אירע הענט שיינען-אויף, און די שטראַלן פונם לאָמפּ וואַרפן אַ לעבהאַפטיקערן בליאַסק אויף איר קין, אויפן אָוואַל פון פּנים און אויף אירע טיפע אויגן.

כ'האָב זי שוין כּלל נישט דערקענט, בעת זי האָט אויפֿגעטויכט פונם שאָטן מיטן דאָזיקן זוניקן פּנים. אָבער כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ מיסטעריע נישט געזען פון אַזוי נאָענט... און כ'בלייב אַזוי שטיין, אינגאַנצן איינגעהילט מיט איר ליכט, אינגאַנצן אַ פאַרצאַפּלטער נאָך, פולשטענדיק אויפגעטרייסלט דורך איר נאַקעטער אָנוועזנהייט, גלייך ווי כ'וואָלט ביז איצט כּלל נישט געוווסט, וואָס ס'איז אַזוינס אַ פרוי.

פונקט ווי פריער, האָט זי צו מיר אַ שמייכל געטון איידער אירע אויגן האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט, און כ'שפּיר דעם אומגעוויינטלעכן ווערט פון דאָזיקן שמייכל און דעם גאַנצן פּראַכט פון איר פּנים...

זי גייט אַוועק... איך באַוואונדער זי, כ'פאַרער און פאַרגעטער זי; כ'פיל פאַר איר אַזאַ מין ליבע, וועלכע קיין שום ווירקלעכקייט וועט נישט בכּוח זיין צו פאַרניכטן, וועלכע האָט נישט קיין יסוד, נישט צום האָפן, און נישט אפילו אומצוקומען. ניין! אינדעראמתן, כ'האָב נישט געוווסט ביז אַהער, וואָס ס'איז אייגנטלעך אַ פרוי.

* *
*

זי איז נישט אַראָפּגעקומען צום מיטאָג. אויף צומאָרגנס האָט זי פאַרלאָזן דעם פּענסיאָנאַט.

כ'האָב זי געזען אין מאָמענט פון איר אָפּפאָרן. כ'בין געשטאַנען אונטן לעבן די טרעפּ אין האַלב-שאָטן פונם פּע-דערהויז, בעת ז דינערשאַפט איז געווען באַשעפטיקט אַרום איר. זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ; איר פיין, ווייס באַהענטשקעט הענטל האָט אַראָפּגעטאַנצט איבערן גלאַנציקן שוואַרצן פּאָרענטש, ווי אַ העל פלאַטערל. איר פוס, וועלכער איז געווען קליין און בלישטשענדיק, ווי עפּעס אַ צירונג, האָט לייכט געשוועבט פאָרויס. זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן פיל קלענער, ווי מיט אַ טאָג פריער, אָבער זי איז געווען פונ-

דעסטוועגן אין אַלעם ענלעך צו דער פרוי, וועלכע כ'האָב געזען צום ערשטן מאָל. איר מויל איז געווען אזוי קליינט־שיק, גלייך זי וואָלט עס בכיוון פאַרקלענערט. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שאָרכנדיק זילבער־גראָ קלייד. זי איז פאַרביי־געגאַנגען, האָט אַוועקגעשוועבט און איז פאַרשווונדן געוואָרן אין אַ נעפּל פון דופטנדיקע ריחות...

זי האָט מיך לייכט באַרירט; זי וואָלט מיך געקאָנט באַ־מערקן אין דערדאָזיקער רגע; אָבער זי האָט מיך נישט גע־זען — און דאָך, אינם שאָטן פון אונזערע צימערן, האָבן מיר זיך ביידע צעשמייכלט מיטן זעלביקן שמייכל! ווידער איז זי געוואָרן דאָס פאַרשלאָסענע, אומברחמנותדיקע ליכט, אַזוי ווי ס'זענען עס אַלע מענטשן, בעת מ'באַגעגנט זיי צווישן אַנ־דערע. אונז האָט שוין איצט נישט פונאַנדערגעטיילט קיין מויער; אָבער צווישן אונז איז געווען דער אומענדלעכער רוים און די אייביקע צייט. אַלע כּוחות פון דער וועלט האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונז.

אַזוי האָב איך זי דערזען אין דער לעצטער רגע — נישט באַגרייפנדיק די זאַך אינגאַנצן. מחמת דער מענטש באַ־גרייפט אייגנטלעך קיינמאָל נישט דעם מאָמענט פון אָפּשיד. כ'וועל זי שוין קיינמאָל מער נישט זען. אַזויפיל חן וועט פאַרוועלקן און פאַרפאַלן ווערן, אַזויפיל שיינקייט, אַזויפיל מילדע זיסקייט, אַזויפיל גליק וועט פאַרלירן גיין. לאַנגזאַם גייט זי אַוועק צו אַן אומבאַשטימטן לעבן, דערנאָך צו אַ באַ־שטימטן טויט. אַ וואָסערע ס'זאָלן נישט זיין אירע לעבנס־טעג, גייט זי אַלץ איר לעצטן טאָג אַנטקעגן.

דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב געקענט וועגן איר זאָגן.

...היינט אינדערפרי, ווען דער באַגינען האָט אויפגע־וואַכט אַרום מיר, צוגעבנדיק יעדן פּרט אַ משונהדיקע גענוי־קייט, האָט זיך מיין האַרץ געראַנגלט און געקלאָגט. אומעטום הויערט די ווייסע פּוסטקייט. צי דאַכט זיך דען נישט אויס, ווי אַלץ וואָלט זיך אויסגעלאָזט, בעת עפּעס אַ זאַך האָט זיך אינדעראמתן געענדיקט?

כ'ווייס נישט איר נאָמען... זי וועט אַוועק צו איר שיק־

זאָל, פונקט ווי איך צו מיינעם. און וואָלטן זיך אונזערע ביי-
דע לעבנס-שיקזאַלן געווען צונויפגעבינדן, וואָלטן זיי זיך כלל
נישט דערקענט; איצט, וואָס פאַרא נאַכט; אָבער כ׳וועל קיינ-
מאָל נישט פאַרגעסן יענעם ווונדערבאַרן אָוונט, וועלכן מיר
האָבן פאַרברענגט צוזאַמען.

אין דאָזיקן פרימאָרגן טראַכט איך וועגן דער גרויסער און גליקלעכער וויזיע, וועלכע כ'האָב איירנעכטן איבערגעלעבט; אָבער כ'קוק שוין אויף איר מיט ווייניקער עמאָציע. זי האָט זיך שוין אַביסל דערווייטערט פון מיין האַרץ, מחמת ס'איז שוין איין טאָג פאַריבער. צי וועט זי שוין טאַקע אַזוי אָפּשטאַרבן, און איך וועל גאָרנישט טון פאַר אירעטוועגן?

עס כאַפּט מיך אַרום אַ באַגער: באַשרייבן זי, פאַרפּיקסירן אויף אַן ענדגילטיקן אופן אַלע איינצלהייטן פון דעם, וואָס איך האָב אָפּגעפילט, כדי זי זאָל זיך נישט צעשטויבן ווי אַש, מיטן לויף פון דער צייט.

אָבער דאָס ווייסקייט פונם פּאַפּיר וואַרפט תיכף אַן אַ פאַרגעסנהייט אויף דעם אַלעם, וואָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן, עפּעס אַ זיסע פאַרבלענדעניש, אין וועלכן ס'צעשווימט זיך די גאַנצע גענויקייט פון מיינע דערינערונגען.

אַ דאַנק מיין אומאויפהערלעכער, אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, נישט געקוקט אויף דער שטייגנדיקער מידקייט פון מיינע אויגן, האַלט איך אין איין שרייבן. איך פיבער. כ'גלויב, אַז כ'האָב פּינקטלעך איבערגעגעבן די ווירקלעכקייט פונם געשעעניש. דערנאָך לייען איך עס איבער — און כ'זע, אַז ס'איז גאָרנישט — מערנישט ווי הוילע ווערטער, וועלכע ליגן פאַר מיר.

דער אויסערגעוויינטלעכער דרוק, די טראַגישע פשוטקייט, די אָנגעשטרענגטע און פונאַנדערגעריסענע האַרמאָניע — ווו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? אָט-דאָס געשריבענע, עס לעבט

נישט. ס׳איז בלויז אַ פּאַרקאָן פון ווערטער אַקעגן דער ווירק־לעכקייט; אויפן פּאַפּיר שטייען די ווערטער שוואַרץ און רעגל־מעסיק ווי פאַרשפּאַרנדיקע שטאַכעטן.

וואָס־זשע דאַרף מען טון, כּדי ס׳זאָל פון דידאָזיקע טויטע צייכנס אויפשטיין דער אמת?

כ׳האָב זיך געפליסט גובר צו זיין די שוועריקייטן. כ׳האָב געזוכט דעם מער כאַראַקטעריסטישן, אַרויסרופנדיקן פּרט... דער־מאָנענדיק זיך אָן ערשטן איינדרוק, וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט, בעת כ׳האָב זי געזען דאָס ערשטע מאָל אינם בלייכן ליכט פון פענצטער, כ׳האָב געוואָלט באַטאָנען די ווערטער: „אויף איר האָט געררוט בלויז און גרינס און געלס.״ — אָבער דאָס איז קיינמאָל אַזוי נישט געווען! אָט־דאָס קינדישע טינט־לעריי איז נישט די וואָרהייט; איך פאַרניכט עס... דאָס וויכ־טיקסטע איז, צו באַשרייבן די קערפּערלעכקייט. מיט פלייסיקער פּאַרטיפונג בין איך זיך אײנגאַנצן מקדיש דערדאָזיקער שילדערונג. כ׳מאַך אַ פאַרגלייך מיט אַן אַנטיקער סטאַטוע. אָבער בעת כ׳לייען נאָכאַמאָל איבער דאָסדאָזיקע שמירעכץ, פּאַרטיליק איך ווידער די בלעטלעך מיט גרויס צאָרן.

כ׳פּרוּוו ענדלעך שטאַרקערע, מער בולטע ווערטער, און ביסלעכווייז טראַכט איך צו אַלץ נייערע פּרטים, כּדי צו דער־גרייכן די גאַנצע האַרבקייט פון דער דעריגנערונג: „זי האָט אָנגענומען חשקפולע פּאָזעס...״

— ניין, ניין! דאָס איז נישט אמת!

דאָס אַלץ איז בלויז פּוסטע, טויטע ווערטער, וועלכע גיבן נישט איבער די גרויסקייט פון דעם, וואָס ס׳איז געווען אינדעראמתן; דאָס זענען אומנוצלעכע און הוילע גערוישן; ס׳איז ווי דאָס בילן פון אַ הונט, ווי דאָס רוישן פון צווייגן אויפן ווינט.

כ׳עפן־אויף מיין האַנט, כ׳לאָז אַרויס די פעדער — דער־שלאָגן בין איך פון דער אוממעכטיקייט פון מיין מפּלה, פון דער דרינגנדיקער מרה־שחורה.

ווי שיקט זיך עס, מ׳זאָל נישט קאָנען אויסדריקן דאָס, וואָס מ׳האָט אַליין געזען? ווי אַזוי געשעט עס, וואָס דער אמת אַנטלויפט פאַר אויגן, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיין אמת

נישט געווען, און אַז מ׳זאָל נישט קאָנען, קעגן דער אייגענער אויפריכטיקייט, זיין אויפריכטיק. דאָס בילד פון עפּעס אַ זאַך האָט מען נאָך כּלל נישט אַרויסגערופן, ווייבאַלד מ׳האָט עס בלויז באַם נאָמען אָנגערופן. די ווערטער, די ווערטער, מעג מען זיי אפילו פון קינדוויינז אויף קענען, אָבער מ׳ווייסט פאָרט נישט, וואָס זיי זענען אינדעראמתן!

מיין צאַפּלעניש, מיין אומעט און מיין צער גייען פאַרלוירן. כ׳בין פאַראורטיילט צום פאַרגעסן ווערן, מ׳וועט איבער מיר פאַרבייגיין, און מ׳וועט מיך נישט באַטראַכטן, אָדער מיך צומאָל נישט זען! מ׳וועט זיך נישט קימערן וועגן דעם גוטן, וואָס ליגט אפשר אין מיר פאַרבאָרגן. איך קאָן מער נישט זיין ווי נאָר אַ גלויביקער, דאָ אויף דערדאָזיקער ערד,

* * *

אין משך פון עטלעכע טעג האָב איך נאָרנישט געזען. דידאָזיקע טעג זענען געווען שרעקלעך הייסע. מתחילת איז דער הימל געווען גראָ און, רעגנדיק; איצט האָט זיך צעפלאַמט דער אַנטלויפנדיקער סעפּטעמבער. פרייטיק... איז שוין בכן אַ וואָך אַריבער זינט איך וווין אין דאָזיקן הויז.

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג בין איך געזעסן אויף אַ פאָטעל, פאַרזונקען אין האַלב-טרוימערישער שטימונג.

...גאָלד-באַזוימטער ברעג פון וואַלד; צופּיסנס פון די ביימער, אויפן טונקל-שמאַראַגדענעם טעפּיך, פלימערן אַרום זוניקע רעדער; דאָרט, באַם ראַנד פון פליין, אַ גרין בערגל — און פון צווישן דער געדיכטעניש פון געלן און טונקל-גרינעם געבלעטער קוקט אַרויס אַ שטיקל אַלטע מויער און אַ טורעמל, געקעסטלט אַלץ, ווי אויף אַ פאַרצייטישן גאָבעלין... ס׳קומט אַרויס אַ יונגער פאַזש, פאַרביק געקליידט, ווי אַ פויגל. אַ געזשומעריי פון פליגן. דער ווייטער אָפּהילך פון קיניגלעכן געיעג. ווונדערבאַר זיסע זאַכן דאַרפן פאָרקומען.

* * *

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָט ווידער געברענט די זון. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן ענלעכע נאָכמיטאָגן מיט לאַנגע יאָרן צוריק — ס׳האָט זיך מיר אַ ווײַלע אויסגעדאַכט, אַז כ׳לעב אין יענער פאַרשוווּנדענער עפּאָכע — גלײַך ווי די ברענענדיקע היץ וואָלט אָפּגעווישט יעטוועדע צײַט און דערשטיקט די גאַנצע רעשט לעבן אונטער איר ממשלה.

דאָס שכנותדיקע צימער איז געווען כמעט שוואַרץ... מ׳האָט פאַרמאַכט די לאָדנס. דורך די טאָפּעלע פאָרהאַנגען, וועלכע זענען געווען דראַפּירט פון אַ דינעם שטאָף, האָבן אַ־דורכגעקוקט די קראַטעס פונם פענצטער.

אין דערדאָזיקער חמימהדיקער שטילקייט, וואָס האָט אײַנגעהילט דאָס גאַנצע הויז אין אַ שלעפעריקער פוילקייט, האָבן זיך דערטראָגן פון דאַנען און דאָרטן אָפּגעריסענע געלעכטערן; שטימען האָבן זיך פאַרלוירן, ווי נעכטן, ווי תמיד.

פון אָט־דעם ווײַטלעכן געטומל האָט זיך בולט אויסגעטיילט אַ גערויש פון טריט. זיי זענען געגאַנגען צו מיר, וואָס אַמאָל נענטער, וואָס אַמאָל העכער... די טיר האָט זיך אַן עפן געטון, העל, בלענדנדיק, געשטויסן ווי פון ליכט אַליין, און צוויי דריבנע שאָטנס האָבן זיך אין איר באַוויזן.

זיי האָבן אויסגעזען צו זײַן פאַרפאָלגט. זיי האָבן זיך יוי געקווענקלט אויף דער שוועל, קליינע און אומדרייסטע, דערנאָך זענען זיי אַרײַנגעגאַנגען.

כ׳האָב געהערט פאַרמאַכן די טיר; די שטוב האָט ווידער אויפגעלעבט. כ׳האָב באַטראַכט די אָנגעקומענע; כ׳האָב זיי קוים אונטערשיידט דורכן טונקל־גרינעם און רויטן ליכטגעשטראַל, מיט וועלכן דאָס אויפשײַנען פון זייער אַרײַנטריט האָט מײַנע אויגן געטראָפן. אַ ייִנגל מיט אַ מיידל, פון צוועלף אָדער דרײַצן יאָר.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און זיך שטילשווײַגנדיק אָנגעקוקט, מיט זייערע כמעט אַלצאײַנע פּנימלעך.

* *

*

איינער פון זיי באַט אַרויסגעמורמלט אינדערשטיל:

— זעסט, קיינער איז נישטאָ.

און אַ האַנט האָט אָנגעוויזן אויפֿן אומבאַוועגלעכן בעט, אויפֿן נאַקעטן מלבושים־שטענדער און אויף דעם פּוסטן טיש: די אייביקע, געטרייע ווייסקייט פֿון אומבאַוווינטע צימערן.

און אין מיינע אויגן האָט דידאָזיקע האַנט גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט. כ׳האָב געהערט דאָס קלאַפּן פֿון מיין האַרץ. די שטימען האָבן געשעפּטשעט.

— מיר זענען אַליין... מ׳האָט אונז נישט געזען.

— דאַכט זיך, אַז מיר זענען דאָס ערשטע מאָל אַליין.

— און מיר קענען זיך דאָך אַזוי לאַנג...

אַ קורץ געלעכטער האָט אויפֿגעצאַפּלט.

ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט געזוכט דידאָזיקע איינזאַמקייט, דעם ערשטן שטאַפּל פֿון דער שטילער מיסטעריע, צו וועלכער זיי האָבן געוואַנדלט באַזאַמען. זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט פֿון לייטנס אויגן; האָבן זיך באַפֿרייט פֿון זייער סביבה. זיי האָבן געשאַפֿן די פֿאַרבאָטענע איינזאַמקייט. אָבער מ׳האָט גאַנץ גוט געזען, אַז זיי האָבן שוין נישט געוווסט, וואָס ווייטער צו זוכן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעפֿונען דעמדאָזיקן שטילן מקלט.

* * *

דאַן האָב איך געהערט, ווי זיי האָבן אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ כמעט פֿאַרצווייפֿלטן שוידער, מיט אַ יאָמערלעכן זיפֿץ.

„מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק ליב...

דערנאָך עפּעס אַ בלאַסער, קורצער, אָנאָטעמדיקער זאַץ, גלייך ער וואָלט געזוכט ווערטער, אומזיכער ווי אַ קליין פֿייגעלע.

— כ׳וואָלט וועלן נאָכמער דיך ליב האָבן.

...קוקנדיק אויף דידאָזיקע קינדער, ווי זיי זענען אַזוי איינס צום אַנדערן צוגעבויגן, אינם פֿאַרנעם, הייסן שאָטן, וואָס פֿאַרשלייערט זייער עלטער אויף זייערע פּנימער, וואָלט מען געקאָנט גלייבן, אַז דאָס זענען צוויי געליבטע, וועלכע דערנענטערן זיך צו איינאַנדער.

צווי געליבטע! דאָס איז עס געווען, וואָס זיי האָבן גע-
טרוימט צו זיין, נישט ווינסדיק צומאָל. וואָס דאָס איז אַזוינס
איינער פון זיי האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער:
דאָס ערשטע מאָל. ס'איז זיי פאָרגעקומען, ווי זיי
וואָלטן ערשט דאָס ערשטע מאָל געווען אַליין, הגם זיי האָבן
געלעבט ביז איצט זייט בײַ זייט.

מ'האָט געזען באַשיימפערלעך, אַז די צווי קינדער-פריינט
האָבן צום ערשטן מאָל געוואָלט אַרויסטרעטן פון זייער פריינט-
שאַפט און פון זייער קינדהייט. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל,
וואָס עפּעס אַן אומקלאָרער באַגער פון אַ באַגער האָט פאַרחי-
דושט און דערשיטערט צווי הערצער,וועלכע זענען ביזאהער
געשלאָפן באַזאַמען...

* *

*

מיטאַמאָל האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, און דער שמאָ-
לער זונענשטראַל, וואָס האָט אַריבערגעשוועבט איבער זיי און
זיך אַראָפּגעגליטשט צו זייערע פיס — האָט באַלויכטן זייערע
יונגע פיגורן און אויפגעהעלט זייערע פּנימער און האָר. אַזוי-
ערנאָך האָט זייער אָנוועזנהייט אָנגעפילט מיט ליכט דאָס צימער.

צי האָבן זיי געוואָלט אַוועקגיין. פאַרלאָזן זיך? ניין,
זיי האָבן זיך צוריק אַנידערגעזעצט; אַלץ איז ווידער פאַר-
זונקען אין שאָטן, אין געהיימעניש, אין וואָרהאַפטיקייט.

...און בעת כ'האָב זיי אַזוי באַטראַכט, האָב איך אָפּגעפילט
אַן אומקלאָרע דערינערונג פון מיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט.
ווו האָבן געלעבט דידאָזיקע קינדער? אומעטום, אין גאָר דער
וועלט.

זיי לעבן בײַם ברעג פון נילוס און פון גאַנגוס, זיי
לעבן בײַם ברעג פון אייביקן צייט-שטראָם. דאָס איז דאַפניס
און כלאָע, וועלכע ווילן צווישן די מירטן-קוסטעס, אין וווּנ-
דערבאַרן גריכישן ליכט; דער גרינער אָפּשיין פון די בלע-
טער פאַלט אויף זייערע פּנימער, און אין זייערע אויגן שפּיגלט
זיך אָפּ די ליבע. זייער אומדרייסטער, קינדישער דיאַלאָג זשו-
מעט, ווי די צווי פליגעלעך פון אַ בין, וועלכע פלאַטערט
אַרום נאָענט פון אַ קוואַל, אין דער היץ, וועלכע פאַרצערט די

פעלדער און פונוויטנס שלעפט זיך אַ וואָגן פאַרבײַ, אָנגעלאָדן מיט סנאָפּעס תּבֿואה און מיט הימל-בלאָקייט.

ס'עפנט זיך אַ נײַע וועלט. אַקעגן אײַך שטייט דער צאַפּלדיקער אמת. די קינדער זענען צעטומלט, זיי האָבן מורא פאַר דער פּלוצלינגער אַנטדעקונג פון עפּעס געטלעכס; זיי זענען גליקלעך און אומגליקלעך צוגלייך; זיי זענען גאָר נאָענט צו זיך, אויסקשענקענדיק זיך איינער דעם אַנדערן. אָבער זיי האָבן נאָך נישט דאָס באַוווסטזיין פון זייער אויפקשענקונג. זיי זענען נאָך צו קליין, זיי זענען נאָך צו יונג, זיי האָבן נאָך ווייניק געלעבט. זיי זענען יעדער פאַר זיך גופא אַ דערדריקנדיק געהיימניש.

פונקט ווי אַלע באַשעפענישן, פונקט ווי איך, ווי מיר אַלע, לעכצן זיי נאָך דעם, וואָס זיי האָבן נישט, זיי בעטלען. אָבער זיי פאַרלאַנגען באַרמהאַרציקייט פון זיך גופא, זיי זוכן די הילף אין זייער אייגענעם וועזן.

ער איז שוין מאַן, שוין פאַראָרימט דורך אַט-דער ווייבלעכער חברטאָרין, געוועגדט און געטריבן צו איר, שטרעקט ער צו איר אויס זײַנע אומגעשיקטע, שוואַכע אָרעמס; ער וואָגט נאָכנישט צומאָל ווי געהעריק זי אָנצוקוקן.

זי — איז שוין אינגאַנצן פרוי; זי האָט אַהינטערגעבויגן דעם קאָפּ, ווײַזנדיק איר פּנים מיט די בלישטשענדיקע אויגן. איר געזיכט איז עטוואָס דיקלעך און ראָזיק, פאַרפאַרבט און דערוואַרימט דורך איר האַרץ; די הויט פון איר האַלז איז זײַדיק און אָנגעצויגן, און זי ציטערט; דאָס איז צווישן איר קאָפּ און ברוסט, די טייערסטע און איידלסטע שטעל, וווּ ס'פּולסירט דאָס לעבן. האַלב-קנאָספּ, האַלב-אַנטוויקלט, אויפמערקזאַם, אַביסל באַרוישט פון דער אייגענער אויסגעשטראַלטער ליידנשאַפט, איז זי ענלעך צו אַ רויז, וואָס פאַרשיכורט זיך מיטן אייגענעם דופט. ןמ'זעט אַרויס, ביז צו די קני אַרויף, אירע שלאַנקע, געטאָקטע פיסלעך, אָנגעטון אין געלע פּאָדעמענע זאָקן, אונטערן קליידל, וואָס הילט איין איר קערפּער, אין געשטאַלט פון אַ בלומען-בוקעט.

און איך האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן מײַנע אויגן פון די-דאָזיקע קינדער-מענטשן, און באַהעפטנדיק מײַן פּנים אָן דער-דאָזיקער פּאָר, ווי אַ וואַמפּיר, האָב איך זיך אינגאַנצן אײַנגעזויגן אין דאָזיקן בילד.

• •

נאָך לאַנגן שטילשווייגן האָט דאָס יינגל אַרויסגעשטאַמלט:
„ווילסטו, אַז מיר זאָלן זיך אירצן?"
„צו וואָס?"
— כדי אָנצוהייבן פונדאַסניי, — האָט ער ענדלעך אָפּגעענטפערט.
ער האָט איבערגעחזרט:
— ווילט איר?
זי האָט באַשיימפּערלעך אַ ציטער געטון אונטער דער ווירקונג פון דערדאָזיקער בייער פאָרם פון זייַנע ווערטער, אונטערן אויסדרוק: איר, גלייך ווי אונטער אַן ערשטן קוש.
זי האָט זיך שטיל אָפּגערופן:
— דאָס איז פונקט אַזוי, ווי ס'זאָל אונז עפּעס האָבן צוגעדעקט, און ווי מיר וואָלטן עס אַליין פון זיך אַראָפּגענומען...
איצט האָט ער שוין מער געוואַגט:
— ווילט איר, מיר זאָלן זיך קושן אין די ליפּן?
ווי פאַרשיכורט, האָט זי קוים אַ שמייכל געטון.
— כ'וויל, — האָט זי געשעפּטשעט.
זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און פאַר די אָרעמס, און זיך דערלאַנגט די ליפּן, שעפּטשענדיק צו זיך גאַנץ שטילינקע, גלייך ווי זייערע מיילער וואָלט צוויי פייגעלעך געווען.
— זשאַן...
— עלען...
דאָס איז געווען די ערשטע זאַך, וואָס זיי האָבן אַנטדעקט מיט זייער קינדערשן מוחל. צו קושן דאָס, וועלכעס קושט — צי איז עס נישט די סובסטעלסטע, קלענסטע צערטלעניש, וואָס מ'קאָן נאָר געפינען? צי איז עס נישט די ענגסטע באַהעפטונג? און דערצו, איז דאָס אַזוי פאַרבאָטן!..
און צום צווייטן מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דידאָזיקע פאָר האָט נישט קיין באַשטימטן עלטער. זיי זענען ענלעך געווען צו אַלע געליבטע, בעת זיי האָבן זיך אַזוי געהאַלטן פאַר די הענט, צוטוליענדיק צו זיך זייערע פּנימער, ציטעריקע און בלינדע אינם שאָטן פון זייער קוש.

זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פונדעסטוועגן און זיך אָפּגעריסן פון די אַרומהאַלזונגען, וועלכע זיי האָבן נאָכגישט פאַרשטאַנען אויסצונוצן.

זיי האָבן גענומען רעדן, מיט זייערע נאָך אַלץ אַזוי אומשולדיקע מיילער. וועגן וואָס? וועגן אַמאָל. וועגן דעם אַזוי נאָענטן, אַזוי קורצן אַמאָל.

זיי זענען אַרויסגעטרעטן פון גן־עדן פון דער קינדהייט און פון דער אומוויסנהייט. זיי האָבן גערעדט וועגן אַ הויז און וועגן אַ גאָרטן, אין וועלכןביידע האָבן געלעבט.

דאָסדאָזיקע הויז האָט פאַרשלונגען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ס'איז געווען אַרומגערינגלט מיט דער מויער פון אַ גאָרטן אַזוי, אַז פון דער גאַס האָט מען קוים באַמערקט דעם שפּיץ פון זיין דאַך, אָבער מ'האָט נישט געקאָנט זען, וואָס אינעווייניק קומט פאָר.

זיי האָבן געמורמלט:

— דידאָזיקע צימערן, בעת מיר זענמיר געווען אַזוי קליין, און זיי אַזוי גרויס...

— עפּעס איז זיך דאָרט אַ סך בעסער געלאָפן, איידער ערגיץ אַנדערשוווּ...

צוהערנדיק זיך צו זייערע רייד, האָט מען געקאָנט גלייבן, אַז אין די מויערן פון דאָזיקן אַלטן הויז האָט געהערשט עפּעס אַן אומגעזעענער, הילפרייכער כּוח, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט איבעראַל; עפּעס אַזוינס, ווי דער ליבער גאָט פון די אַלטע גוטע צייטן... זי האָט גענומען אונטערברומען עפּעס אַן אריע, וועלכע זי האָט דאָרטן געהערט, אין יענעם הויז, און זי האָט געזאָגט, אַז מוזיק קאָן מען לייכטער פאַרגעדענקען, איידער מענטשן.

זיי זענען פאַרזונקען אין דער זיסער פאַרגאַנגענהייט; ציטעריקע און שווידערנדיקע האָבן זיי זיך איינגעטוליעט אין די זכרונות.

— איינמאָל, אַ נאַכט פאַר אונזער אָפּפאָרן, האָב איך גענומען אַ ליכט אין דער האַנט אַריין און איינער אַליין דורכגעוואַנדערט די גאַנצע וווינונג, וועלכע האָט קוים אויפגעוואַכט, כּדי מיך אָנצוקוקן...

...אין דעם שיינעם, אַזוי פלייסיק געפלעגטן גאָרטן, האָט מען געטראַכט בלויז וועגן בלומען, און ווייטער גאָרנישט. מ׳האָט זיך געשפּיגלט אין דער סאַזשלקע, מ׳האָט געזען די שאָטנדיקע אַלעע און דעם קאַרשנבוים, וועלכער האָט אין ווינטער, בעת דאָס גראָז איז געווען איינגאַנצן ווייס, געטראָגן אויף זיך אַזויפיל שניי־בלימעלעך.

נעכטן ערשט זענען זיי געווען אין דאָזיקן גאָרטן, ווי שוועסטער און ברודער. און איצט האָט זיך זיי אויסגעוויזן, ווי דאָס לעבן וואָלט מיטאַמאָל ערנסטער געוואָרן, און אַז זיי קאָנען זיך שוין מער נישט שפּילן. מ׳האָט באַשיימפּערלעך געזען, ווי זיי האָבן געוואָלט פאַרטיליקן די פאַרגאַנגענהייט. בעת מ׳איז אַלט, לאָזט מען דעם עבר אַליין אָפּשטאַרבן; איז מען אָבער יונג און געזונט, פאַרטיליקט מען די פאַרגאַנגענהייט מיט כּוח...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט:

— כ׳וויל זיך שוין מער נישט פאַרנעמען מיט קיין זכרונות, האָט זי געזאָגט.

און ער:

— כ׳וויל שוין נישט, אַז מיר זאָלן זיין ענלעך איינער צום אַנדערן. כ׳וויל מער נישט, אַז מיר זאָלן זיין שוועסטער און ברודער.

פּאַמעלעך עפענען זיך זייערע אויגן:

— זיך נישט אָנצורירן, ווי בלויז באַ די הענט, זיך נישט צו זען, ווי בלויז דאָס פּנים! האָט ער געמורמלט אַ ציטערנדיקער.

— ברודערשאַפט, דאָס איז גאָרנישט!

זי איז אָנגעקומען, די שעה פון שיינע, פאַרשיכּורנדיקע אַנטשיידונגען און פון פאַרבאָטענע פרוכטן. ביז אַהער האָבן זיי נישט געהערט צו זיך; און אָט איז אָנגעקומען די רגע, אין וועלכער זיי האָבן באַשלאָסן צו נעמען זיך איינגאַנצן, כּדי צו טון מיט זיך דאָס, צו וועלכן זיי האָבן געגאַרט.

און זיי האָבן זיך שוין ווי געשעמט אַביסל, אין באַוווסטזיין פון דער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי דערשפּירט אַ גרויס

פאַרגעניגן אין דער אומגעהאָרכזאַמקייט, אַרויסלויפנדיק אָוונט-צייט פון גאָרטן, קעגן דעם אויסדריקלעכן פאַרבאָט פון זייערע עלטערן.

— געדענקסטו, ווי די באָבעשי איז אַרויסגעקומען און אונז פון באַלקאָן גערופן, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן?..

— אָבער מיר ביידע זענען אַרויסגעלאָפן; מיר זענען דורכגעקראָכן דורכן פאַרקאַן אויף יענעם אָרט, וווּ ס'שטייט תמיד עפּעס אַ פויגל, און ס'איז דאָרט פאַראַן אַ שפּאַרע. דער פויגל איז געהאַט ערגיצוווּ אַוועקגעפלויגן און זיין געשריי אויכעט. קיין ווינט האָט נישט געבלאָזן, און ס'איז געווען שוין טונקל. די צווייגן פון דיביימער האָבן געשוויגן, הגם זיי זענען תמיד אַזוי פּילבאַר. דער שטויב אויף דער ערד איז געלעגן ווי אָפּגעשטאָרבן. דער שאָטן האָט אונז איינגעטוליעט אין זיך גופא, אַזוי שטיל און מילד, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט אונז געסודעט. זעענדיק ווי די נאַכט פאַלט צו, זענען מיר נעוואָרן עפּעס שרעקעוודיק. אַלץ אַרום האָט שוין נישט געהאַט קיין קאָליר, בלויז אַביסל ליכט אין דער פינצטערניש: בלומען, שטעג, קאָרן, אַלץ איז געווען ווי פון זילבער... און דעמאָלט האָב איך צוגעפּירט מיינע ליפּן צו דיינע אַזוי נאָענט, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

— די נאַכט — האָט זי געזאָגט, און איר נשמה האָט זיך פאַרשיכורט מיט דער שפע פון שיינקייט — די נאַכט טוליעט-איין די צערטלערייען.

— כ'האָב דיך אָנגענומען באַ דער האַנט און האָב מיט-אַמאָל דערשפּירט, אַז דו לעבסט אינגאַנצן... אַמאָל פלעג איך דיך רופן „מיין קוזינע עלען". אָבער כ'האָב נישט געוווּסט, וואס כ'רעד. איצט, ווען כ'וועל זאָגן „זי", וועט דאָס שוין זיין אַלץ...

זיי האָבן אויפסניי פאַרייניקט זייערע ליפּן. זייערע מיילער און זייערע אויגן זענען געווען דיזעלביקע ווי פון אדם און חוה. כ'האָב אַרויסגערופן דעמדאָזיקן אייביקן, אבותדיקן ביישפּיל, פון וועלכן ס'פליסט אַרויס די הייליקע געשיכטע און דער גאַנצער מענטשהייטס געשיכטע, ווי פון אַ לעבעדיקן קוואַל. זיי האָבן געבלאָנזשעט אין דעם דורכדרינגענדיקן ליכט

אין גן-עדן, נישט ווײסנדיק פון גאָרנישט; זײ זענען געווען — אָבער גלײך ווי זײ וואָלטן נישט געווען. און בעת ס'האָט אין זײ גובר געווען די נײַגעריקײט, וועלכע איז אָבער פון גאָט אַלײן פאַרבאָטן געווען — האָבן זײ דערקענט דעם סוד, האָבן אַנטדעקט דעם מעכטיקן ווילן פון קערפּער, און דער הימל האָט זיך פאַרטונקלט. ס'איז אויף זײ געפאַלן דער אָנזאָג פון צערפּולן עתיד. זײ זענען פאַרטריבן געוואָרן דורך בײזע מלאכים; זײ האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אויף דר'ערד, אָבער זײ האָבן געשאַפן די ליבע, פאַרבײַטנדיק דאָס הימלישע רײַכ-טום אויף דער אָרימקײט פון געהערן זיך ערדיש אײנער דעם אַנדערן.

און די צװײ קלײנע קינדער זענען אויפגעטרעטן אויף דער סצענע פון דער אוראַײַביקער דראַמע. זײ האָבן געענומען רעדן צווישן זיך, און מיט זײער באַנײַטן „דוצן זיך", ריכטן זײ צוריק אויף זײער גאַנצע ווײַטיקע דעראָבערונג.

— כ'זויל דיך מער ליב האָבן... כ'וואָלט דיך וועלן עפּעס גאָר שטאַרק ליב האָבן, אָבער כ'ווײס נישט ווי אַזוי... כ'וואָלט דיר וועלן פאַרשאַפן ווײטיק — אָבער ווי אַזוי? — ווײס איך נישט.

* *
*

זײ רעדן שוין נישט צווישן זיך, גלײַך ווי ס'וואָלט מער פאַר זײ קײן ווערטער נישט געווען. זײ געפינען זיך באַם אָפּגרונט פון זיך גופא, און מ'זעט דײַטלעך, ווי זײערע הענט ציטערן.

זײ פאָלגן דער אָנרעגונג פון זײערע הענט; זײ לאָזן זיך אוועק בלינדערהײט צום אומבאַקאַנטן, טראַגישן גליק, צו דער גליקלעכער זינד, וואָס צװײ מענטשן באַגײען גלײַכצײַטיק, צו די אַרומהאַלזונגען, אין וועלכע צװײ נפשות הײבן-אָן אַ נײַ אומענדלעך פאַרײַניקט לעבן.

כ'האָב זײ נישט געקאָנט זען געענוי. ס'האָט מיר גע-שײַנט, אַז ער האָט אַרויפגעלײגט זײַנע הענט אויפן מײדל, אויף די וואָרהאַפטיקסטע טײלן פונם מײדל, בעת זי האָט מיט

צעפלאָמטע אויגן שווייגנדיק געוואָרט. ס'האָט מיר געשײַנט, אין דעם גליענדיקן נעפּל, וואָס האָט זי אײַנגעהילט, אַז ער איז געווען האַלב־אויסגעטון און אַז פון דידאָזיקע אָוועקגעשליי־דערטע, צעקנוילטע מלבושים האָט אויפגעטויכט זײַן פולשטענ־דיקע נאַקעטקייט... זעלטענע בלום, תּהומישע בלום, וועלכע איז דיזעלביקע זאַך, ווי זײַן אינגעווייד, ווי זײַן פלייש און ווי זײַן האַרץ, און וואָס לעבט צווישן מענטשן, ווי אַ לעבעדיק רעטע־ניש, ווי עפּעס אַ וווּנדער.

...וואָרשײַנלעך האָט ער אונטערגעהויבן איר קליידל, מחמת איך האָב אויפגעכאַפּט די גאַנץ שטילע, אָן אָטעם אַרויס־געשעפּטשעטע, פאַרשטיקטע און שגעוונדיקע ווערטער, געהיי־ליקט דורך דער שרעקלעכער שטילקייט:

„אָמאָ־דאָס איז דײַן אמתדיק מויל!"

* *

•

און איך, איך האָב געשוידערט איבער זיי, אינדערצייט אין עפּעס אַ שרעקלעכע ליבע, אַ משוגעדיקע וואָרהייטס־ליבע האָט צוגעשמידט ווי מיט אײַזערנע נעגל מײַן האַרץ צו דער מויער...

גלייך ווי ס'וואָלט זיי געברענט און משוגע געמאַכט דער־דאָזיקער הייסער אָטעם, אַזוי האָבן זיי זיך איבערגעשראָקן און זענען אויפגעשפּרונגען. אַלץ איז געווען געענדיקט. דאָס רירנדיקע געשעעניש, וואָס האָט זיך צופעליק אָפּגעשפּילט פאַר מײַנע אויגן, וועט אוודאי ערגיץ אַנדערש האָבן זײַן המשך, וועט ערגיץ אַנדערש צושטאַנדקומען...

זיי זענען קוים געהאַט אויפגעשטאַנען, ווי די טיר האָט זיך אָן עפן געטון. די אַלטע, אײַנגעבויגענע באָבעשי איז דאָ. זי קומט פון דער גראָקייט, פונם שאָטן, זי קומט פון דער פאַרגאַנגענהייט... זי זוכט אַרום די קינדער, גלייך זיי וואָלטן ערגיץ פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, זי זוכט זיי אינדערשטיל... דורך עפּעס אַן אומגעוויינטלעכן צופאַל, וועלכער האַרמאָנירט מיט דעם מאָמענט, קלינגט איר שטים מיט אַן אומענדלעכער זיסקייט, כּמעט — אָ, וווּנדער — מיט אַ הויך פון עצבות.

— דאָ זענט איר, קינדער מײַנע?

זי זאָגט עס אַרויס מיט אַ שטילן, לויטערן שמייכל, אָן הינטער־כוונה.

— וואָס־זשע טוט איר דאָ? קומט, מ׳זוכט אײַך...

זי איז אַלט, פֿאַרוועלקט; אָבער זי זעט אויס מעשה מלאך אין איר ביזן האַלז פֿאַרשפּיליעטן קלייד. לעבן דידאָזיקע קינדער, וועלכע ברייטן זיך פֿאָר צו דעם אומגעהויערן לעבן, איז די אַלטיטשקע געוואָרן ווי אַ קינד: אומעטיק, אומנוצלעך...

זיי וואַרפֿן זיך אין אירע אָרעמס, שטרעקן אויס זייערע שטערנס צו אירע הייליקע ליפּן. ס׳זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זי אָפּגעזעגנט אויף תמיד.

* *

*

זי איז אַרויסגעגאַנגען, און אין אַ ווײַלע אַרום זענען אויך די קינדער אַוועקגעגאַנגען. געאייניקט דורכן אומגעזועענעם בונד פֿון זינד, פֿאַרבונדן אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך שוין מער נישט געהאַלטן בײַ די הענט, ווי פֿריער, בעת זיי זענען אַרײַנגעקומען אין דאָזיקן צימער. אָבער אויף דער שוועל זענען זיי געבליבן שטיין און האָבן זיך אָנגעקוקט.

און בעת דאָס צימער איז איצט ליידיק ווי אַ הייליקטום, טראַכט איך וועגן זייער בליק, זייער ערשטן ליבעס־בליק, וועלכן איך האָב געזען.

קיינער פֿאַר מיר האָט נישט געקאָנט זען אַן ערשטן ליבעס־בליק. כ׳בין געווען לעבן זיי, און בין דאָך געווען ווייט פֿון זיי. כ׳האָב געלייענט און פֿאַרשטאַנען, נישט זייענדיק פֿאַרוויקלט אין דער באַרוישנדיקער וויזיע. און דערפֿאַר טאַקע האָב איך געזען דעמדאָזיקן בליק. די קינדער ווייסן נישט, ווען אָט־דער בליק האָט זיך אָנגעהויבן, זיי ווייסן נישט, אַז ער איז געווען דער ערשטער; שפּעטער וועלן זיי אים אינגאַנצן פֿאַרגעסן. די שנעלע, האַסטיקע פֿאָרשריטן פֿון זייערע הערצער וועלן קומען און פֿאַרניכטן דעמדאָזיקן פֿאָרשפּיל. מ׳קאָן קיינמאָל נישט וויסן דעם ערשטן ליבעס־בליק, פּונקט ווי מ׳קאָן קיינמאָל דעם לעצטן נישט וויסן.

איך אָבער װעל אים געדענקען, װען זיי װעלן אים שוין האָבן פאַרגעסן.

איך דערינער זיך שוין נישט אָן מיין ערשטן ליבעס־בליק, אָן מיין ערשטער ליבעס־גאָב. און פאָרט — איז עס אַמאָל געװען. ס׳האָט זיך אין מיר פאַרװישט די געטלעכע פשטות. גאָט מיינער, און װאָס־זשע איז פאַרבליבן, װעלכעס זאָל געגליכן זיין צו יענע מינוטן! דאָס װאָס ס׳איז אין מיר געװען, איז פאַר מיינע אויגן איינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. כ׳האָב עס איבערגעלעבט, אָבער ס׳האָט מיך געמאַטערט די פאַרגעסנהייט און מיך ענדלעך גובר געװען, דער צער פון לעבן האָט מיך חרוב געמאַכט — און היינט װייס איך שוין נישט, װאָס כ׳האָב דאַן געפילט. כ׳דערינער זיך טיילמאָל אין עפּעס, צופעליק, אגב־אורחהדיק — אָבער דאָס שענסטע און דאָס צאַרטסטע רוט שוין לאַנג אין דעם תהום־הנשיה.

און בכן, דאָסדאָזיקע צאַרטע געזאַנג, װעלכעס כ׳האָב אָקאָרשט געהערט, און װאָס איז פול מיט אומענדלעכקייט און באַשטראַלט פון נייע, שמייכלדיקע װעלטן, אָט־דאָס טייערע געזאַנג, איך זאָפּ עס אין מיר איין און פאַרבאַהאַלט עס. עס צאַפּלט אין מיין האַרץ. כ׳האָב געגנבעט — אָבער כ׳האָב אָפּגעראַטעװעט דעם אמת.

אַ טאָג לאַנג איז דאָס צימער געבליבן ליידיק. צווײמאָל האָב איך געהאַט גרויס האָפענונג; אָבער באַלד האָב איך זיך ווידער אַנטוישט.

דאָס וואַרטן איז געוואָרן מײַן רגילות, מײַן באַשעפטיקונג. כ'האָב אָפּגעלייגט אַלע געשעפטן, האָב פאַרזוימט כלערליי ענינים — כ'האָב געפּטרט אַ סך צייט, נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר צו ריזיקירן מיט מײַן פּאָסטן; כ'האָב איינגעאָרדנט מײַן גאַנצן לעבנס־שטייגער ווי לכּבוד עפּעס אַ נייער ליבע. כ'פלעג בלויז פאַרלאָזן מײַן צימער, כדי אַראָפּצוגיין אונטן צום טיש, ווו ס'האָט מיך שוין אגב קיינזאַך נישט געקאָנט צעשטרייען.

אויפצומאָרגנס האָב איך באַמערקט, אַז דאָס צימער איז געווען צוגעגרייט אויפצונעמען אַ נייעם גאַסט; דאָס צימער האָט געוואַרט. כ'האָב געטרוימט טויזנטער הלומות וועגן דעם, ווער ס'וועט זײַן דערדאָזיקער גאַסט, אינדערצייט ווען די שטוב האָט געהיטן איר גרויסן סוד, ווי עמיץ וואָס לעבט כּסדר אין דמיונות.

דער בין־השמשות איז אָנגעקומען, און דערנאָך דער אָוונט, וואָס האָט ווי פאַרטיפערט דאָס צימער. כ'האָב שוין געהאַט פאַרלוירן יעטוועדע האָפענונג, ווי מיטאַמאָל האָט זיך די טיר אַן עפן־געטון אין געדיכטן שאָטן, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש.

* * *

ער האָט זיך שוואַך אויסגעטיילט פֿון דער בין־השמשות־דיקער טונקלקייט.

אַ שוואַרצער אָנצוג, אָדער אַ גאָר טונקעלער; מאַנזשעטן פֿון אַ מילכיקער בלאַסקייט, פֿון וועלכע ס'האָבן אַפּערגעשטאַרט די גראָבע, לאַנגע הענט; אַ קאָלנער פֿון אַן עטוואָס לעבהאַפּטיקער הייסקייט, איידער אַלדאָס איבעריקע. אויף זיין רונדיק און גראָלעך פּנים האָבן זיך איינגעגראָבן די טונקעלע לעכער פֿון זיינע אויגנהיילן און פֿון זיין מויל; אונטער דער גאָמבע — אַ שאָטנדיק גריבל. דער בולטער שטערן האָט געשימערט מיט אַ מטושטשן אָפּגלאַנץ, די באַקנביינער האָבן זיך אָפּגעצייכנט מיט אַ טונקעלער, שאַרפער ליניע. מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַ סקעלעט. ווער איז געווען דערדאָזיקער מענטש, מיט דער צורה פֿון אויסטערלישער פּשטות?..

ער האָט זיך דערנענטערט און באַקומען לעבן. כ'האָב געזען, אַז ער איז געווען אַ שיינער.

ער האָט געהאַט אַ באַחנט און ערנסט פּנים, אַרומגערינגלט מיט אַ פֿיין, שוואַרץ בערדל. די אויגן האָבן געבלישטשעט, און דער שטערן איז געווען אַ הויכער. עפּעס אַ מין דערהויבענער חן האָט באַהויכט זיינע באַוועגונגען און זיי צוגעגעבן אַ זעלטענעם אויסדרוק.

ער האָט געמאַכט צוויי טריט פֿאָרויס; דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו דער האַלב אויפֿגעלענטער טיר. דער שאָטן פֿון דער טיר האָט אַ ציטער געטון, עפּעס אַ מטושטש געשטאַלט האָט זיך דערין אָפּגעצייכנט. דערנאָך האָט עס באַקומען לעבן; אַ קליין, שוואַרץ באַהענטשקעט הענטל האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דער קלאַמקע, און אַ פֿרוי האָט זיך אַריינגעבויגן אין צימער אַריין; אויף איר פּנים האָט געשוועבט אַ פֿרעגנדיקער אויסדרוק.

זי איז אַפּנים געווען אינדרויסן מיט עטלעכע טריט הינטער אים. זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינגיין צוזאַמען אין דעם צימער, וואַהין זיי זענען ביידע אַנטלאָפֿן, כדי זיך אַרויסצודרייען פֿון עמיצנס פֿאַרפֿאָלגונג.

זי האָט פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און מיטן גאַנצן קערפּער זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר, גלייך זי וואָלט זי געוואָלט

נאָך פעסטער פאַרמאַכן, אפשר מיט איר לעבן גופא, און לאַנג־זאַם האָט זי צו אים אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי געליימט אַ ווײַלע דורך דער שרעק, טאָמער איז דאָס נישט ער... זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, זיי האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ ליידנשאַפטלעכן, פאַרשטיקטן, כמעט שטומען אויסגעשריי, וואָס איז אַריבערגע־לאָפן פון איינעם צום אַנדערן, און אין וועלכן ס׳האָט זיך ווי אָפּגעפּנט זייער בשותּפותדיקע ווונד.

— דו!

— דו!

זי איז געווען כמעט פאַרחלשט. זי האָט זיך אים גע־וואָרפן אויף דער ברוסט, ווי דורך אַ שטורעם־ווינט געשליידערט.

איר איז נאָך פאַרבליבן פונקט אַזוי פיל כוח, כדי זיך אים צו וואַרפן אין די אָרעמס. כ׳האָב געזען די צוויי גרויסע בלאַסע הענט פון דעם מאַנסביל, וועלכע האָבן זיך צונויפגע־פלאָכטן אויף די פּלייצעס פון דער פרוי. עפּעס אַ מין פאַר־צווייפלטע צאַפּלעניש האָט זיי ביידן אַרומגעכאַפּט. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן ווי אין צימער וואָלט געווען אײַנגעשלאָסן עפּעס אַ ריזיקער מלאך, וועלכער האָט זיך געראַנגלט און בחנם גע־זוכט צו אַנטלויפן אין דער אומענדלעכקייט; און ס׳האָט זיך מיר אָפּגעדאַכט, אַז דאָס צימער איז צו קליין געווען פאַר דער־דאָזיקער פּאָר, הגם ער איז געווען אָנגעפילט מיט אָוונט.

— מ׳האָט אונז נישט געזען!

ס׳איז געווען דיזעלביקע פּראַזע, וועלכע ס׳האָבן אַנומלט אַרויסגעשעפּטשעט די ביידע קינדער.

ער האָט צו איר געזאָגט: „קום”. ער האָט זי צוגעפירט צו דער סאָפע, לעבן דעם פענצטער. זיי האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אויפן רויטן סאַמעט. מ׳האָט געזען זייערע הענט, וועל־כע האָבן זיי פאַרבונדן, ווי מיט פּענטעס. און זיי זענען אַזוי געזעסן פאַרטיפט, אײַנזאַפּנדיק אין זיך אַלע שאָטנס פון דער וועלט; אָבער זיי האָבן באַקומען ניי לעבן, גלייך זיי וואָלטן דאָ ערשט אָנגעהויבן זייער קיום, אָפּגעפינענדיק זייער מהות אין נאַכט און אין אײַנזאַמקייט.

סאַראַ שרעקלעכער אַרײַנקום! סאַראַ מוראדיקער שטויס פון אַ קללה!

בעת דידאָזיקע פרוי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, געטריבן צו אים דורך עפּעס אַ מין סודותפולער קראַפט, האָט פאַר מיינע אויגן תּיכּף דורכגעשוועבט דאָס בילד פון איר מאַן, וועלכער איז דורך איר פאַרראַטן געוואָרן. פאַרראַט — האָב איך געשעפּטשעט — גלייבנדיק, אַז כ׳וועל דאָ זיין אַן עדות פון עפּעס אַ גליקלעכער פרייד, וועלכע איז פּראַכטפול אין איר שלמות, עפּעס אַ מין ווילדע און חיהשע פרייד, תּהומיש ווי די נאַטורנופאַ. אָבער פאַרקערט, דערדאָזיקער צוזאַמענטרעף איז ענלעך געווען צו אַ האַרצרייסנדיקן אָפּשיד.

— מיר׳ן בכן תּמיד מורא האָבן ?..

זי האָט זיך קוים עטוואָס באַרויקט, און האָט אַרויסגע־רעדט דידאָזיקע ווערטער, קוקנדיק אויף אים אַ דערשראָקענע, גלייך ווי ער האָט איינדעראמתן געזאָלט ענטפערן: יאָ.

זי האָט געציטערט, איינגעטוליעט אין דער פינצטערניש. צודריקנדיק פיבערהאַפט מיט אירע הענט די דלאָניעס פון דעם מאַנסביל, — ער איז געזעסן גלייך, מיט שטייפע אָרעמס. איר ברוסט האָט זיך געהויבן און געזונקען, ווי די כוואַליעס פון ים. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומען; אָבער דער איבער־געבליבענער פּחד האָט פאַרטריבן פון צווישן זיי די צערטלע־רייען.

— תּמיד מורא... תּמיד מורא... תּמיד... ווייט פון דער גאַס, ווייט פון דער זון, ווייט פון אַלעם... איך, וואָס האָב אַזוי געגאַרט נאָך אַ לעבן אין ליכטיקייט, אין פולקייט פון טאָגליכט! — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויפן הימל; איר פּראָ־פיל האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס הימל־בלאָקייט, און אירע ווערטער האָבן אַוועקגעפלאַטערט אין ווייטן חלל...

זיי שרעקן זיך, דער פּחד באַהערשט זיי, דער פּחד דער־דריקט זיי. זייערע אויגן, זייערע הערצער האָבן מורא. זייער ליבע, דערעיקרשט, האָט מורא.

... אַ טריבער שמייכל האָט זיך דורכגעגליטשט איבערן פּנים פונם מאַנסביל. ער האָט באַטראַכט דאָס געזיכט פון זיין געליבטער און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— דו קלערסט וועגן אים...

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט אָנגעשפּאַרט די

עלנבויגנס אויף די קניען, מיט די פויסטן אונטער די באַקן און האָט אויסגעבויגן דאָס פּנים אויף פּאָרנטצו.

יאָ, גליענדיק און איינגעקאָרטשעט, קליין ווי אַ קינד, האָט זי אַוועקגעשוועבט אין דער ווייטקייט נאָך יענעם, וועלכער איז דאָ נישט געווען.

זי האָט איינגעבויגן אירע פּלייצעס פאַרן דאָזיקן בילד, גלייך ווי זי וואָלט דערצו מתפּלל געווען, מיט אָפּגעקערטע אויגן, און דערפון איז אויף איר געפאַלן אַ געטלעכער אָפּשיין. דער, וועמען מ׳נאַרט אָפּ, וועלכער איז דאָ נישטאָ, אָבער וועלכער עקזיסטירט פּאָרט: דער באַליידיקטער, דער פאַרווונדעטער, און וועלכער איז דאָך דער הערשער. דער, וועלכער געפינט זיך אומעטום, נאָר נישט דאָרט, וווּ זיי ביידע זענען דאָ, וועלכער פאַרנעמט דעם דרויסנדיקן חלל און וועמענס נאָמען ס׳בויגט זיי די נאַקנס איין; דער, וועמענס רויב זיי זענען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, גלייך ווי בושה און שרעק וואָלטן אַרויסגעשטאַמט פונם שאָטן, און זיך געלייגט איבערן דאָזיקן מאַן און דערדאָזיקער פרוי, וועלכע זענען אַהערגעקומען אויסבאַהאַלטן זייערע אַרומהאַלזונגען אין דאָזיקן צימער, ווי אין תהום פון אַ קבר.

[illegible] איך געזאָגט:

— כ׳האָב דיך ליב!

כ׳האָב דייטלעך געהערט דאָסדאָזיקע גרויסע וואָרט.

כ׳האָב דיך ליב! כ׳האָב אַ ציטער געטאָן אויפן גאַנצן קערפּער, אויפכאַפּנדיק דאָס טיפע וואָרט, וועלכעס האָט אויסגעשטראַלט פון דידאָזיקע צוויי, כמעט צונויפגעשמאָלצענע נפשות. כ׳האָב דיך ליב! דאָס וואָרט, וועלכעס שענקט אַוועק דאָס האַרץ און דעם גוף, דאָס גרויסע, אָפענע געשריי פון דעם באַשעפעניש און פון גאָר דער שאַפונג: כ׳האָב דיך ליב. כ׳האָב געזען די ליבע פּנים-אל-פּנים.

דערנאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי די אויפריכטיקייט וואָלט זיך אָפּגעטון פון זיינע האַסטיקע, אָפּגעריסענע ווערטער.

ער האָט זיך צו איר דערנענט, זיך צוגערוקט וואָס אַמאָל נענטער. גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן וואָס גיכער באַפריי-ען פון די בויטיקע ווערטער, האָט ער זיך אינסטינקטיוו גע-איילט אָנצוהויבן די צערטלערייען:

— מיר זעמיר געבוירן איינער פאַרן אַנדערן, זעסטו... צווישן אונזערע נשמות איז פאַראַן אַ ברודערשאַפט, וואָס האָט געמוזט מנצח זיין. קיינמאָל האָט נישט געקענט שטערן, אַז מיר זאָלן זיך ביידע באַקענען און צו זיך געהערן, פונקט ווי קיינמאָל קאָן נישט פונאַנדערשיידן אונזערע ליפּן, בעת זיי דערנענטערן זיך צו אייגאַנדער. וואָס גייען אונז אָן די מאָראַ-לישע תקנות, די געזעלשאַפטלעכע מחיצות?.. אונזער ליבע איז געשאַפן פון דער אומענדלעכקייט און אייביקייט.

זי האָט געזאָגט: יאָ, און איז ווי איינגעוויגט געוואָרן פון זיין שטים.

אָבער איך, וואָס האָב זיי צום טיפסטן אויסגעהערט, האָב דער-פילט, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט משקר געווען, אָדער ער האָט זיך פאַרלוירן אין זיינע רייד... די ליבע איז געוואָרן אַן אָפּגאָט, אַ חפץ. ער האָט געלעסטערט, האָט אומזיסט אַרויסגערופן די אומענדלעכקייט און די אייביקייט, וועלכע ער האָט פאַרערט בלויז מיטן ראַנד פון זיינע ליפּן, מיט דער אַלטעגלעכער, אָפּגענוצטער תפילה...

זיי האָבן געלאָזט פאַלן די גלייכגילטיקע, באַנאַלע פראַ-זע... די פרוי איז געבליבן אַ ווײַלע פאַרזונקען אין אירע מחשבות. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און זי, זי האָט איצט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, וואָס האָט זי געדאַרפט איינהילן ווי אין אַ לויב-געזאַנג — מער נאָך: דאָס וואָרט פון וואָרהייט:

כ׳בין געווען צופיל אומגליקלעך!..

* *

*

„ווי לאַנג דאָס איז שוין" — האָט זי אָנגעהויבן.

דאָס איז געווען איר קונסטווערק, איר פּאָעמע און איר תפילה, איבערצוחזרן תמיד די אייגענע געשיכטע, שטיל און האַסטיק, ווי זי וואָלט געקניט פאַר דער ווידוי-שטול... מ׳האָט געשפּירט, אַז זי וועט דערצו צוקומען גאַנץ נאַטירלעך, אָן איבערגאַנג, אַזוי האָט עס זי אָנגעפּולט אינגאַנצן אין די מי-נוטן, אין וועלכע זיי זענען געווען אַליין.

... זי איז געווען גאַנץ פּשוט אָנגעטון. זי האָט אויסגע־זען אירע שוואַרצע הענטשקעס, איר זשאַקעט און דעם הוט. זי האָט געטראָגן אַ טונקל קליידל און אַ רויטע בלוזע, אויף וועלכער ס'האָט געפינקלט אַ גילדן קייטעלע.

דאָס איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר ד"ייסיק, מיט רעגל־מעסיקע פּנים־שטריכן און מיט זיידענע גוט געפלעגטע האָר; ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ'האָב זי שוין עפּעס אַמאָל געקענט, אָבער כ'וואָלט זי קיינמאָל נישט געווען דערקענט צווישן דעם עולם.

זי האָט אָנגעהויבן הויך צו רעדן וועגן זיך, אַרויסצו־רופן אַן אומענדלעך שווערע פאַרגאַנגענהייט.

— סאַראַ לעבן כ'האָב געמוזט פירן! סאַראַ איינטאָניקייט, סאַראַ פּוסטקייט! דאָס קליינע שטעטעלע, דאָס הויז, דער זאַל מיט די מעבל, וועלכע זענען געווען פונאַנדערגעשטעלט דאָ און דאָרטן, און וועלכע האָבן קיינמאָל נישט משנה־מקום גע־ווען, ווי די מצבות אויפן בית־עלמין... איינמאָל האָב איך גע־וואָלט איבערשטעלן אַנדערש דעם מיטלסטן טיש — כ'בין נישט בכּוח געווען.

איר פּנים איז געוואָרן בלייך און האָט באַקומען אַ הע־לצרן אָפּשיין.

ער האָט זי אויסגעהערט. אַ געדולדיקער, יאָושדיקער שמייכל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ לייכטער, ליידנדיקער מידקייט האָט געבלאָנזשעט איבער זיין סובטעלן פּנים. אַך! ער איז געווען באמת שיין, הגם עפּעס אַ מאָדנער, מיט זיינע גרויסע אויגן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט באַוווּנדערן, מיט זיי־נע אַראָפּפאַלנדיקע וואָנצן, מיט זיין צאַרטער און צעשטרייטער מינע. ער איז געגליכן געווען צו איינער פון יענע זאַנפטע נפשות, וואָס דענקען צופיל און פאַרשאַפן ווייטיק. מ'וואָלט געקאָנט זאָגן, העכער איבער אַלעם, און עלול צו אַלעם...

ער איז געווען אַביסל דערווייטערט פון דעם, וואָס זי האָט גערעדט, אָבער ער איז פונדעסטוועגן פול געווען מיט גליס־טונג צו איר, און האָט אויסגעוויזן צו וואַרטן...

... און מיטאַמאָל איז צעאָפּגעריסן געוואָרן דער שלייער פון מיינע אויגן, די ווירקלעכקייט האָט זיך פאַר מיר אַנט־

פלעקט: כ'האָב דערזען, אַז צווישן דידאָזיקע צוויי מענטשן איז פאַראַן אַ ריזיקער אונטערשיד, עפּעס אַן אומענדלעכע דיסהאַרמאָניע, אַ דערהויבענע פאַרן אויג, צוליב איר תהומישעטיפעניש, אָבער אַזאַ ווייטיקלעכע, אַז זי האָט מ׳׳ אַוש דאָס האַרץ פאַרוווּנדעט.

ער איז בלויז באַוועגט געווען דורך דער תשוקה צו איר לייב. זי, בלויז דורכן אייניציקן באַדערפעניש אַרויסצורייסן זיך פון איר אייגן לעבן. זייערע באַגערן זענען נישט געווען דיזעלביקע; דידאָזיקע פאָר האָט נאָר לפנים אויסגעזען צו זיין פאַרייניקט, אָבער אינדעראמתן איז אַזוי נישט געווען.

זיי האָבן נישט גערעדט מיט דער זעלביקער שפּראַך; אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן דיזעלבע זאַכן, האָבן זיי זיך לחלוטין נישט פאַרשטאַנען. און אין מיינע אויגן האָט זיך זייער קשר פון די ערשטע סעקונדעס אָן אויסגעוויזן מער לויז און קרישלדיק, ווי ווען זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט געווען געקענט.

אָבער ער האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט; מ'האָט דאָס נישט געשפּירט אין קלאַנג פון זיין שטים, אַפילו אין רייץ פון זיין טאָן, אין מוזיקאַלישן צוקלויב פון די ווערטער: ער האָט בלויז געטראַכט ווי איר געפעלן צו ווערן, און ער האָט געלייגט. ער איז געשטאַנען העכער פון איר — דאָס האָט מען באַשיימפּערלעך געזען, אָבער זי האָט אים באַגוועלטיקט מיט עפּעס אַ מין געניאַלער אויפריכטיקייט. בעת ער איז געווען באַלעבאָס איבער זיינע ווערטער, האָט זי זיך אין אירע רייד אינגאַנצן אַוועקגעשענקט.

... זי האָט געשילדערט דאָס בילד פון איר אַמאָליקן לעבן.

— דורכן פענצטער פון מיין צימער און דורכן פענצטער פון מיין עס-שטוב פלעג איך אַרויסקוקן אויפן פוסטן פלאַץ; כ'האָב געזען דעם ברונים אינמיטן און דעם שאָטן אים צופיסנס. כ'האָב געזען, ווי דער טאָג האָט דאָרט אַרומגעוואַנדלט, אויפן דאָזיקן קליינעם, קיילעכיקן און ווייסן פלאַץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ציפערבלאַט.

... דער בריוטרעגער פלעגט אים דורכלויפן רעגלמעסיק. געדאַנקענלאָז; פאַרן טויער פונם אַרסענאַל האָט זיך געלאַנג-

ווייליקט דער זעלנער... ווייטער איז קיינער מיטאָג-צייט נישט געווען אויפן פּלאַץ, בעת דער זייגער האָט טרויעריק אויסגעשלאָגן די שעהן. איך דערמאָן זיך איבערהויפּט אין דאָזיקן מיטאָגדיקן טויטן-גלאָק: האַלבער טאָג: דער העכסטער פּונקט פון לאַנגווייליקייט.

„גאָרנישט איז מיט מיר געשען, גאָרנישט האָט געקאָנט געשען. קיין שום פּאַסירונגען. די צוקונפט האָט פאַר מיר נישט עקזיסטירט. און כ'האָב געטראַכט: אויב מיינע טעג וועלן זיך אַזוי ווייטער שלעפּן, דאַן טיילט מיך שוין גאָרנישט אָפּ פון טויט — גאָרנישט! אַך, גאָרנישט!.. לאַנגווייליקן זיך, הייסט שטאַרבן. מיין לעבן איז געווען טויט, און פונדעסטוועגן האָט מען געדאַרפט ווייטער לעבן. דאָס איז געווען אַ מין זעלבסטמאָרד. אַנדערע הרגענען זיך מיט כלי-זין אָדער סם; איך האָב זיך געטויט מיט די מינוטן און שעהן.״

— געליבטע מיינע! — האָט געמורמלט דער מאַנסביל.

— און דאַן, צוזעענדיק ווי די טעג ווערן געבוירן אינדערפרי און שטאַרבן אָפּ אינאָוונט, האָב איך דערשפּירט אַ פּחד פאַרן טויט — און דערדאָזיקער פּחד איז געווען מיין ערשטע ליידנשאַפט... אָפטמאָל, בעת כ'פלעג זיין אויף באַזוך, אָדער אַליין אין דער טויבער נאַכט, אָבער בעת כ'פלעג זיך אומקערן פון שטאָט לענגאויס דער קלויסטער-מויער, האָט מיך די דאָזיקע ליידנשאַפט דורכגענומען מיט אַ שוידער פון האָפענונג!..

אָבער ווער וואָלט מיך אַרויסגעצויגן פון דער דאָזיקער קלעם? ווער וואָלט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון דאָזיקן אומגעזעגנעם שיפּברוך, וואָס איך אַליין האָב קוים פון צייט צו צייט באַמערקט? אַרום מיר האָט געלויערט עפּעס אַ מין פאַרשווערונג, וואָס האָט געשטאַמט פון קנאה, שלעכטס און אומבאַוווסטזיניקייט... אַלץ וואָס כ'האָב געזען, אַלץ וואָס כ'האָב געהערט, האָט זיך ווי געפּלייסט מיך אַרויפצושליידערן אויפן דרך-הישר, אויף מיין אָרימען דרך-הישר.

„... די פרוי מאַרטען, געדענקסט דאָך זי מסתם, די איינציקע, באַקאַנטע מיינע, וועלכע איז געווען עלטער פאַר מיר מיט צוויי יאָר, פלעגט צו מיר טענהן, אַז דער

מענטש דאַרף זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. דער טויט האָט שוין בכן מער נישט וואָס צו טון. צו זעסטו דען נישט, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט באַטייט דעם סוד פון לעבן? צו גלייבסטו באמת אין דעם, וואָס דו זאָגסט? זי האָט געענטפערט: יאָ. אַך די העסלעכע פּרוי!

אָבער ס'איז נאָך ווייניק געווען, וואָס איך פלעג מורא האָבן פאַר דערדאָזיקער לאַנגווייליקייט. כ'האָב זי אויך געמוזט האַסן. ווי אַזוי ס'איז צו מיר געקומען דידאָזיקע שנאה, ווייס איך נישט.

כ'האָב מיך ממש אַליין נישט דערקענט — כ'בין שוין נישט געווען איך. כ'האָב דערשפּירט אַ געוואַלטיק באַדערפעניש נאָך עפּעס אַנדערש. כ'האָב צומאָל מיין אייגענעם נאָמען שוין מער נישט געוווסט.

„איינמאָל — דערמאָן איך מיך — און כ'בין דאָך נישט קיין שלעכטע — איינמאָל האָט זיך מיר מתיקותדיק געחלומט, אַז מיין מאַן איז געשטאָרבן, מיין אָרימער מאַן, וועלכער האָט מיר דאָך קיין שום שלעכטס נישט געטון, און אַז איך בין ענדלעך געווען פראַנק און פר״״, אַזוי פריי, אַזוי גרויס ווי די וועלט!

אָבער דאָס האָט נישט געקאָנט לאַנג אָנהאַלטן. לאַנג האָב איך נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק פאַראַכטן די איינטעניקייט, די פוסטקייט און די געוווינהייט. אָך! די געוווינהייט, דאָס איז דער וואָרהאַפטיקסטער שרעקלעכסטער שאָטן, און אין פאַרגלייך מיט אים איז די באַכט קיין נאַכט נישט...

„די רעליגיע? ניין, נישט מיט רעליגיע קאָן מען אויספילן די פוסטקייט פון די טעג, נאָר מיטן אייגענעם לעבן. און נישט מיט קיין גלייבענישן, נישט מיט קיין אידעען האָב איך געמוזט פירן אַ קאַמף, נאָר מיט זיך גופא!

„און דאַן — האָב איך געפונען די רפואה!״

זי האָט כמעט אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריק, וווּנדערבאַר געשריי:

— די זינד, די זינד! דאָס פאַרברעכן קעגן דער לאַנגווייליקייט; דעם פאַראַט, כדי צו ברעכן דאָס רגילות. די זינד, כדי צו ווערן אַ נייער מענטש, כדי צו האַסן דאָס לעבן נאָך

שטאַרקער, ווי ס׳האָט מיך געהאַסט; די זינד, כדי נישט אָפּ־צושטאַרבן לעבעדיקערהייט!

„כ׳האָב דיך באַגעגנט; דו האָסט געשריבן לידער און ביכער, ביסט געווען אַנדערש ווי די איבעריקע מענטשן, דו האָסט געהאַט אַ ציטעריקע שטים, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון שיינקייט, און דערעיקרשט, ביסט דערשינען דאָרטן, אינמיטן פון מיין גראָער עקזיסטענץ, און ביסט ווי געגאַנגען גלייך מיר אַנטקעגן; כ׳האָב בלויז געדאַרפט די הענט אויסשטרעקן. דאַן האָב איך דיך ליב געקריגן מיט מיינע אַלע כוחות, אויב מ׳קאָן דאָס אָנרופן ליבע, מיין אָרים יונגל!

זי האָט איצט גערעדט שטיל און האַסטיק, עטוואָס דערשלאָגן און דאָך מיט באַגייסטערונג. זי האָט זיך געשפּילט מיט דער האַנט פון איר פריינט, ווי מיט עפּעס אַ שפּילצייג.

און דו אויך, דו האָסט מיך, נאַטירלעך, אויך געליבט... און ווען מיר האָבן זיך איינמאָל אינאָוונט אַריינגעשלייכט אין אַ האָטעל — דאָס ערשטע מאָל — האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי די טיר וואָלט זיך אַליין אויפגעמאַכט, און כ׳האָב געשפּירט אַ דאַנקבאַרקייט צו מיר גופא, וואָס כ׳האָב זיך רעוואָלטירט און צעריסן מיין גורל, ווי מיינס אַ קלייד.

„און פון דעמאָלט אָן! דער שקר — איבער וועלכן מ׳ליידט אָפּטמאָל, אָבער נאָך טיפערן נאָכדענקען, פילט מען נישט צו אים קיין עקל — אָט דאָס איינשטעלעניש, די סכנות, וועלכע גיבן צו אַ רייץ די טריבע שעהן; דער גאַנצער נשמה־ווירבל, וואָס באַרייכערט דאָס לעבן; דידאָזיקע צימערן, דידאָזיקע באַהעלטעניש, דידאָזיקע שוואַרצע תפיסה־לעכער, וועלכע האָבן ערשט צוגעגעבן דעם בליאַסק דער זון פון מיינע טרוימערייען!

„אָך!" — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט. זי האָט אַ זיפץ געטון, גלייך ווי איר בענקשאַפט וואָלט געווען מקוים געוואָרן, און ווי קיינזאַך וואָלט זיך שוין נישט געקאָנט גלייכן אין שיינהייט דערצו.

* *
*

זי האָט צונויפגענומען אירע רעיונות און געזאָגט:

— אָט־וואָס מיר זעמיר... אַך! איך האָב אפשר אויך געגלויבט אַ ווײַלע אין עפּעס אַ מין ליבעס־בליק, אין אַ קנאַל פון אַ דונער, אין אַן איבערנאַטירלעכער און פאַטאַלער צו־ציונגס־קראַפט — מחמת דו ביזט דאָך אַ דיכטער. אָבער אינ־דערעמתן בין איך צו דיר געקומען — כ׳זע עס איצט גאַנץ דײַטלעך — מיט געבײַלטע פויסטן און געשלאָסענע אויגן.

זי האָט ווײַטער גערעדט:

אַ סך איז מען משקר בנוגע דער ליבע. זי איז כמעט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס מ׳זאָגט וועגן איר.

„צווישן מענער און פרויען זענען אפשר פאַראַן עפּעס אַזעלכע דערהויבענע יחידי־סגולה, עפּעס אַ פּרעכטיקער, וווּנ־דערבאַרער העכערער כּוח פון געמיינזאַמער צוציונג. כ׳זאָג נישט, אַז אַזאַ ליבע קאָן נישט געמאָלט זײַן צווישן צווײ מענטשן. אָבער אָט־די צווײ אויסדערווײַלטע מענטשן — זענען מיר בײדע געוויס נישט. מיר האָבן תּמיד געטראַכט בלויז וועגן זיך גופא. כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז אין דיר האָב איך בלויז מיך גופא געליבט. דו, פון דײַן זײַט, דאָסגלײַכן. פאַר דיר איז פאַראַן אַ רייץ, וועלכער עקזיסטירט פאַר מיר לחלוטין נישט, ווײַל איך שפּיר נישט קיין תּענוג אין דער ליבע. זעסט, מיר מאַכן אַ מסחר, איינער פון אונז צאָלט מיט טרוימערייען, דער צווייטער — מיט גענוס. דאָס אַלץ איז נישט קיין ליבע.

ער האָט געמאַכט אַ מינע פון האַלב ספק, האַלב פּראָ־טעסט; ער האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו ענטפערן. פונדעסטוועגן האָט ער געלאָזט פאַלן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ שוואַכער שטים.

— אַזוי איז עס דאָך תּמיד; אפילו אין דער ריינסטער ליבע קאָן מען נישט אַרויסקריכן פון אייגענעם „איך".

— אַך! — האָט אויסגערופן די פרוי, אַן אויפגעטרייסל־טע פון פרומען פּראָטעסט, וועמעס לעבהאַפטיקייט האָט מיך ממש איבערראַשט — דאָס איז פּאַרט נישט דאָסזעלביקע, ניין! זאָג דאָס נישט! ניין, רעד נישט אַזוי!

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין איר שטים האָט גע־

קלונגען אַ שטילע, אומקלאָרע חרטה, אין איר בליק — אַ חלום פון עפּעס אַ נייעם חלום.

אָבער זי האָט זיך דערפון אָפּגעשאָקלט, אַ טרייסל־טוענ־דיק מיטן קאָפּ.

— ווי גליקלעך כ׳בין געווען! כ׳האָב מיך געשפּירט ייִנגער, פרישער. כ׳האָב צוריק דערשפּירט די אַמאָליקע מיידל־שע תמימותדיקייט. איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב זיך שוין צוּ־מאָל נישט געוואָגט אַרויסצושטעקן דעם שפּיץ פון פוס פון אונטערן קלייד אַפער. כ׳האָב זיך כמעט געשעמט מיט מיין פּנים, מיט מיינע הענט, מיט מיין נאָמען...

* *
*

דאָן האָט דער מאַנסביל אויפגענומען די ווידוי אין דעם אָרט, ווו זי האָט עס איבערגעריסן, און ער האָט גענומען רעדן וועגן דער ערשטער צייט פון זייער ליבעס־בונד. ער האָט זי געוואָלט פאַרוויגן מיט זיינע ווערטער, איינטוליען זי ביסלעכ־וויין מיט די פּראָזן, איינצערטלען זי מיט דער קראַפט פון זכרונות.

— בעת מיר זעמיר דאָס ערשטע מאָל געווען אַליין...

זי האָט אים אָנגעקוקט.

— דאָס איז געווען אויף דער גאַס, אין אָוונט, האָט ער געזאָגט. כ׳האָב דיך אָנגענומען אונטערן אָרעם. דו האָסט זיך וואָס אַמאָל מער אָנגעלענט אויף מיר. כ׳האָב ביסלעכווייז דערשפּירט די גאַנצע שטייגנדיקע משא פון דיין קערפּער. ס׳האָט געשווינדלט און געווימלט פון מענטשן, אָבער אונזער איינזאַמקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט וואָס אַמאָל שטאַרקער. אַלץ אַרום אונז האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומענדלעכע, וויסטע מדבר... ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי מירביידע וואָלטן עפּעס אַוועקגעשוועבט איבער אַן אומענדלעכן ים.

— אָך! האָט זי געזאָגט. ווי גוט דו ביסט געווען! אין אונזער דאָזיקן ערשטן אָוונט האָסטו נישט געהאַט דאָסזעלבע פּנים, וועלכעס דו האָסט געהאַט שפּעטער, אפילו אין די בעס־טע מינוטן...

מיר האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן, און בעת כ'האָב דיך געהאַלטן נאָענט לעבן מיר, צוגעדריקט צום האַרצן ווי בלומען, האָסטו מיר דערציילט וועגן פאַרשידענע מענטשן, אונזערע בשותפותדיקע באַקאַנטע, דו האָסט גערעדט וועגן דער ליפּטיקער זון פון באַטאָג און וועגן דער קילקייט פון באַנאַכט. אָבער אינדערעמתן האָסטו גאָר געוואָלט זאָגן, אַז דו גייסט אַ שטראַלנדיקע צו מיר... די ווערטער פון דער אינערלעכער הודיה, דורך אַלע דיינע ווערטער האָב איך זיי דערשפּירט, און אויב דו האָסט זיי נישט אַרויסגערעדט, האָבן זיי פון דיר העל אַרויסגעשטראַלט.

„אַך! ווי גרויס זענען די ווערטער אין אָנהויב! ס'איז קיינמאָל נישט פאַראַן קיין קליינלעכקייטן אין די התחלות...

„איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין גאָרטן און בעת כ'האָב דיך אינאָוונט אָפּגעפירט דורך די פאָרשטעט... דער וועג איז געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ רויקער, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אונזערע טריט וואָלטן געשטערט די מנוחה פון גאָר דער נאַטור. כ'האָב מיך אָנגעבויגן איבער דיר און דיר אַ קוש געטון.

„דאָ — האָט זי אָנגעוויזן, אַרויפלייגנדיק אַ פינגער אויפן האַלז. דיראָזיקע באַוועגונג האָט באַלויכטן ווי אַ שטראַל איר האַלז.

„ביסלעכווייז איז מיין קוש געוואָרן טיפער, הייסער און האָט געוואַנדלט אַרום דיינע ליפּן, דערנאָך האָט ער זיך דאָרט פאַרהאַלטן; דאָס ערשטע מאָל האָב איך עס געטון על־פּי־טעות, דאָס צווייטע מאָל — מאַכנדיק זיך, ווי כ'וואָלט זיך פלומרשט טועה געווען. ביס־עכווייז האָב איך דערשפּירט אונטער מיין מויל —

ער האָט גערעדט גאַנץ שטיל:

— ווי דיין מויל האָט זיך אויפגעשלאָסן, ווי דיין מויל האָט אויפגעבליט —"

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מ'האָט געזען דעם ראָזיקן קנאָספּ פון אירע ליפּן.

— דאָס אַלץ, האָט זי געזיפצט — אומקערנדיק זיך בסדר צו אירע פּאַטעטישע און מתיקותדיקע רעיונות — איז

געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין, אויך אינמיטן פון דער השגחה־נעץ, מיט וועלכער מ׳האָט מיך אַרומגערינגלט !..

ווי דידאָזיקע פרוי האָט זיך געניטיקט, באַוווסטזיניקער־הייט, אָדער נישט, אין אָט־דעם רייצמיטל פון זכרונות פון אַמאָליקע איבערלעבונגען! אַרויסרופנדיק אויסגעשפּילטע דראַמעס און סכנות, האָט זי ווי באַנייט איר ליבע. און דערפאַר האָט זי זיך אַזוי לחלוטינדיק אַוועקגעגעבן אין אירע דערציילונגען. און ער האָט זי געשטויסן פאָרויס אויפן דאָזיקן וועג פון מתיקותדיקן וואַנזין. די ערשטע התלהבות איז ווידער געבוירן געוואָרן, און איצט האָבן זייערע ווערטער געזוכט די פילבאַרסטע זכרונות, איידער זיי האָבן געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין מעשים.

— דאָס איז געווען טרויעריק, ווען כ׳האָב דיך צומאָרגנס נאָך דעם טאָג, אין וועלכן דו האָסט געהערט צו מיר, געזען אַ פאַרפאַרעטע בעת אַן אויפנאַם בײַ דיר אין שטוב — אומצוטריטלעך, צווישן אַ פרעמדן עולם מענטשן. ביסט געווען די פולשטענדיקע האַרין פון הויז, אַלצײַנס ליבנסווירדיק צו איינעם ווי צום אַנדערן, אַביסל אומדרייסט, האָסטו איטלעכן באַשאָנקען מיט אַ פּאָר באַנאַלע ווערטער, האָסטו גלייכגילטיק אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען — און פאַר מיר אויך דערונטער — דאָס שיינקייט פון דיין פּנים.

„האָסט דאַן געטראָגן דאָסדאָזיקע גרינע קלייד, וועלכעס איז געווען פון אַזאַ פרישער פאַרב, און צוליב וועלכן מ׳האָט פון דיר אַזוי אָפּגעהוזקט... בעת דו ביסט פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיר און איך האָב דיך נישט געוואַגט נאָכצופאָלגן מיט די אויגן אַפילו, האָב איך זיך דערמאָנט. סאַראַ משוגעים מיר זענען געווען אין אונזער ערשטן עקסטאַז; איך האָב צו מיר געזאָגט: „כ׳האָב געהאַט אַרום מיין האַלז דאָס וווּנדערבאַרע געפלעכט פון אירע נאַקעטע פיס; כ׳האָב געהאַלטן אין מיינע אָרעמס איר בויגעוודיקן, שלאַנקן קערפּער; ביז בלוט האָב איך זי געצערטלט”. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער טריומף, אָבער ס׳האָט מיר נישט געגעבן קיין באַרויקונג — מחמת אין דערדאָזיקער רגע האָב איך דיך אַזוי באַגערט, און כ׳האָב דיך נישט געקאָנט באַזיצן. און כ׳האָב צו זיך געזאָגט אינדערשטיל: „דידאָזיקע פרוי האָב איך טאַקע געהאַט אין מיינע אָרעמס

און בלי-ספק װעל איך זי נאָך װײטער האָבן. אָבער הגם דער גאַנצער קאָסטבאַרער אוצר פון איר ליִיב געהערט צו מיר, בין איך פאָרט אָרים אין דערדאָזיקער רגע. איבעריקנס — װיבאַלד מ'באַזיצט נישט איצט, װער װײסט, צו מ'װעט נאָך אַמאָל באַזיצן?"

— אָך! ניין — האָט זי אָפּגעזיפצט, פילנדיק די שטײ-גנדיקע שײנקײט פון אירע זכרונות, פון אירע געדאַנקען, פון איר נשמה, — די ליבע איז לחלוטין נישט דאָס, װאָס מ'זאָגט װעגן איר! מיך האָט אויך אַרומגעכאַפּט אַן אַנגסט, אַ פּחד. װי האָב איך מיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, װי האָב איך געמוזט תּמיד פאַרבאָרגן דעם מינדסטן סימן פון גליק, און פאַרשליסן אים האַסטיק און די טיפענישן פון מײן האַרץ! אין די ערשטע צײטן האָב איך פּשוט נישט געװאָגט אײנצושלאָפן, אויס מורא, נישט אַרויסצורעדן דײן נאָמען אין חלום, און אָפטמאָל, קעמ-פנדיק מיטן אָנפאַל פון שלאָף-משוגעת, האָב איך מיך געמוזט אָנשפּאַרן מיט געװאַלט אויף די עלנבויגנס און האַלטן אויפגע-ריסן די אויגן, כּדי הערןאיש צו װאַכן איבערן אײגענעם האַרץ. „כ'האָב מורא געהאַט, מ'זאָל מיך נישט אַנטדעקן. כ'האָב מורא געהאַט, מ'זאָל נישט באַמערקן די לויטערקײט, אין װעלכער כ'האָב זיך געטובלט. יאָ, די לויטערקײט. װען אינ-מיטן פון זײן לעבן, װאַכט דער מענטש פּלוצלינג אויף פונם לעבן, זעט ער אין ליכט פון טאָג עפּעס אַ פרישע שײן, װאָס ער האָט פון זיך אַלײן געשאַפן, אָטאָ-דאָס רוף איך אָן די לויטערקײט!"

* * *

— געדענקסטו די משוגענע רײזע אין פיאַקער איבער די גאַסן פון פּאַריז — װען מײן מאַן, גלײבנדיק אַז ער האָט אונדז דערקענט פונװײטנס, איז שנעל אַרײנגעשפּרונגען אין אַ צװײטן פיאַקער און האָט אונדז געגומען נאָכיאָגן, אײלנדיק אין גאַלאָפּ נאָך אונדזערן?

געריִרט און באַגײסטערט איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— אַך, יאָ — האָט ר געפּליסטערט — דאָס איז געווען דער גרויסער טאָג!

ער האָט גערעדט מיט אַ זייער ציטעריקער שטים, מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיט די קלעפּ פון זיין האַרץ:

— קניענדיק אויפן געזעס, האָסטו אַרויסגעקוקט דורכן הינטערשטן פענסטערל, און בשעת איך האָב געצערטלט דיין לייב, אַרומנעמענדיק עס מיט מיינע הענט, האָסטו כסדר פּי־בערהאַפטיק גערופן: „אַך, ער דערנענטערט זיך!.. ער איז שוין אַביסל ווייטער!.. ער וועט אונז דעריאָגן... כ׳זע אים שוין נישט... ער איז ערגיץ נעלם געוואָרן... אַך!..״

און מיט איין גלייכצייטיקער באַוועגונג האָבן זיך צונויפגעפּרעסט זייערע ליפּן.

זי האָט אַרויסגעסאַפּעט:

— אָך! דאָס איז געווען ס׳איינציקע מאָל, וואָס כ׳האָב געשפּירט דעם תענוג פון דער ליבע.

— מיר וועלן תמיד מורא האָבן! — האָט ער געזאָגט.

זייערע ווערטער זענען געפלאָסן ווי פון אַ וואַרימען קוואַל, זייערע ווערטער האָבן זיך אַרומגעאָרעמט און זיך פאַרוואַנדלט אין הייסע קושן, אַרויסגעשעפּטשעטע אויס דער טיפעניש פון זייער לייב. ער האָט געלעכצט נאָך איר, האָט זי צוגעצויגן צו זיך, זיין מויל האָט זי גערופן צו זיך מיט אַלע כוחות. זייערע הענט זענען געווען פאַרשמאַכט, אָפּגעשטאָרבן — זייער גאַנץ לעבן האָט געהאָנגען אויף די ליפּן. און אַלץ איז בטל געוואָרן לגבי דעמדאָזיקן באַגער, וואָס האָט ווידער אויפגעוואַכט דורכן גייסט פון דער זינד.

יאָ, זי האָט געמוזט לאָזן אויפלעבן זייער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, כדי אויפסנייַ צו ליבן; זיי האָבן כסדר געמוזט צונויפקלייבן אירע ברעקלעך, כדי נישט צו לאָזן פאַרלוירן גיין זייער ליבע אין דעם רגילות, — גלייך זיי וואָלטן אין די לאָקערנדיקע שאָטנס און אין דער פאַרשטאַרטער לאַנגזאַמקייט פון לעבן געשפּירט די משא פון עלטער און דעם קראַמף פון טויט.

זיי האָבן זיך אַרומגעהאַלזט. די בלייכע פלעקן פון

ייערע פּנימער האָבן זיך פאַרייניקט. כ'האָב זיי שוין נישט געקאָנט אונטערשיידן איינעם פון אנדערן. אָבער ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'זע זיי וואָס אַמאָל בעסער, מחמת כ'האָב דערקענט די גרויסע טיפע טרייבקראַפט פון זייער באַהעפטונג.

זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דער נאַכט; זיי זענען פאַרזונקען אין שאָטן, אין דעם געגאַרטן אָפּגרונט; זיי האָבן זיך אַריינגעקייקלט אין דערדאָזיקער פינצטערניש, וועלכע זיי האָבן אַליין געזוכט און אויסגעבעטלט.

ער האָט געשטאַמלט:

— כ'וועל דיך ליב האָבן אייביק.

אבער אי זי, אי איך האָבן מיר גוט געפילט, אַז ער לייגט פּונקט ווי פריער; מיר האָבן זיך נישט געלאָזט נאַרן. אָבער וואָס מאַכט עס אויס, וואָס מאַכט עס אויס!

צופּרעסנדיק אירע ליפּן צו זיינע, האָט די פרוי אַרויסגעשעפּטשעט ווי אַ שמערצפולע, שטעכיקע צערטלעניש:

— אָט באַלד, און ער וועט דאָ ווידער זיין.

ווי הייניק פאַרבונדן ס'זענען דידאָזיקע מענטשן צווישן זיך! ווי אינדערראַמתן געמיינזאַם איז זיי בלויז די מורא און דער פּחד זייערע, וואָס זיי זעטיקן כּסדר אונטער מיט פאַרצווייפלונג... אָבער זייער ריזיקע אָנשטרענגונג, כּדי זיך צו פּייניקן אין עפּעס, האָט געזאָלט באַקומען אַ תּיקון...

מיטן דערנענטערן זיך פונם באַנאַכטיקן יום־טוב, האָט די פרוי אָנגענומען אַ דערהויבענעם, פייערלעכן ערנסט, און איר פּנים, וואָס האָט געשמייכלט און געטרערט אין שאָטן, האָט זיך אָנגעפילט מיט אויפאָפּערונג און מיטן געפיל פון דערהויבנקייט.

שוין נישטאָ קיין ווערטער צווישן זיי. די ווערטער האָבן שוין דורכגעפירט זייער ווערק פון באַנייונג... מ'פילט נאָר די אַרומהאַלזונג און דעם ניצחון פון לייב — די גרויסע מיסטעריע פון דער שטילקייט און פון דער היץ, וואָס גיט נאָך אַ סימן פון לעבן... זיפצערייען, אומקלאָרע באַוועגונגען, שאָדכעריי פון קליידער...

זי איז איצט אויפגעשטאַנען; זי איז האלב אויסגעטון: זי איז געוואָרן איינגאַנצן ווייס... צי וואַרפט זי אַליין אַראָפּ

פון זיך אירע קליידער, אָדער ער רייסט זיי פון איר אַראָפּ ?...
מ׳זעט אירע שטאַרקע שענקלען, איר בויך שיינט זילבערדיק
אין צימער אויף, פּונקט ווי די לבנה אין דער נאַכט... דאָס-
דאָזיקע לייב קלאַמערט אַרום אַ גרויסע, שוואַרצע ליניע: דער
אָרעם פונם מאַנסביל. ער האַלט זי, ער פּרעסט זי און דריקט
זי פיבערהאַפט אויף דער סאָפע אַראָפּ. און זיין מויל, איצט
איז עס נאָענט צו דעם תהום פון איר ווייבלעכקייט, און זיי דער-
נענטערן זיך צו אַ שרעקלעכן, מאָנסטרועל צערטלעכן קוש.
איך זע זיין טונקעלן קערפּער, וועלכער קניט פאַר איר בליי-
כן קערפּער — און זי לאָזט פאַלן אויף אים אירע גרויסע,
טיפע בליקן...

דאַן מורמלט זי מיט אַ שטראַלנדיקער שטים:

— נעם מיך... נעם מיך נאָכאַמאָל, פּונקט ווי אַזויפיל
אַנדערע מאָל. מיין קערפּער געהערט צו מיר, און איך שענק
אים דיר אַוועק. ניין, ער געהערט נישט צו מיר! און דער-
פאַר טראָג איך אים דיר מיט אַזויפיל פרייד אַנטקעגן!

איצט האָט ער זי אויסגעשטרעקט אויף זיינע קניען...
איך גלייב, אַז זי איז נאַקעט; איך אונטערשייד נישט גוט
די ליניעס פון איר שלאַנקן קערפּער. אָבער איר קאָפּ איז אַהינ-
טערגעבויגן און פאַרטונקען אינם בלאָלעכן אָפּשיין פון פענצ-
טער, און איך זע דאָסדאָזיקע נאַכטישע פּנים, פון וועלכן עס
שיינען אַרויס די אויגן, אין אויך דאָס מויל שיינט, פּונקט
ווי די אויגן. כ׳זע דאָסדאָזיקע פון ליבע באַשטראַלטע פּנים!

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך שטאַרקער, הייסער. אפילו
אינמיטן פון זייער באַווּליקטער הסכמה איז קענטיק געווען
עפּעס א מין קאַמף צווישן זיי; עפּעס אַן אומגעוויינטלעכע,
הייליקע און ווילדע אויפרעגונג האָט זיי אינגאַנצן באַגעוועל-
טיקט. און הגם כ׳האָב עס נישט געזען, האָב איך דאָך אויפגע-
פּאַסט דעם אויגנבליק, אין וועלכן דאָס לייב פונם מאַנסביל
איז אַריינגעדרונגען אין לייב פון דער פרוי.

...צוליב מיין דויערנדיקע אומבאַוועגלעכקייט זענען בא מיר
פאַרשטאַרט געוואָרן די מוסקלען פון די אַקסלען און פונם רוקן,
אָבער כ׳האָב מיך צוגעפּלאַטשט צו דער מויער, נישט אָפּ-
רייסנדיק מיינע אויגן פון דער עפענונג; איך האָב מיך געקריי-

ציקט, כדי צו געניסן פון דעם גרויזאַמען און פייערלעכן שוישפּיל. כ'האָב אַרומגענומען דידאָזיקע וויזיע מיט מיין גאַנצן פּנים. און די מויער האָט אויסגעוויזן אָפּצופּילן דאָס טיאַכקען פון מיין האַרץ.

...די ביידע נפשות, וועלכע זענען געווען צונויפגעפּרעסט איינס צום אַנדערן, האָבן גענומען שוידערן, ווי צוויי צו־נויפגעפלאָכטענע ביימער. די תאווה, די וואַנזיניקע תאווה, וועלכע איז גובר אַלע געזעצן, וועלכע איז גובר אַלצדינג, אַפילו די אויפריכטיקייט פון די ליבהאָבערס, האָט דערפילט איר מתיקותדיק מייסטערווערק. און דערדאָזיקער אויפברויז איז געווען אַזוי מעכטיק, אַזוי ווילד און פאַטאַל, אַז כ'האָב גע־שפּירט, אַז גאָט אַליין וואָלט נישט בכוח געווען צו פאַרהאַלטן דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער רגע — סיידן ער זאָל אַראָפּשיקן דעם טויט אויף דידאָזיקע נפשות. קיין שום מאַכט וואָלט עס נישט בכוח געווען. און דאָס טאַקע האָט געלאָזט צווייפלען אין דער מציאות גופא פון אַ גאָט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איבער דינר פאַרקנוי־לונג פון זייערע קערפּערס, און אים פאַרוואָרפן אַהינטער. און ס'איז גראָד געבליבן געגנוג העלקייט, כדי צו זען זיין פּנים און דאָס מויל, וועלכעס איז געווען אויפגעעפנט אין אַ האַלב־אָפּגעהאַקטן, זינגענדיקן זיפץ, אין דערוואַרטונג פון דער גרויסער, תענוגפולער רגע.

און זי איז געקומען, דידאָזיקע רגע, אַן איבערגעפלייצטע און אומדערהערטע. כ'האָב זי געשפּירט אָנקומען ווי עפּעס אַ נאַטור־געשעעניש.

כ'האָב געציילט ביז פיר. אין דידאָזיקע סעקונדן האָב איך נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם מאַנסבילס פּנים. ער האָט געפּאָכעט מיט איין האַנט אינדערלופטן, און זיין איב־נעווייט האָט געזידט און געשוימט. זיין געזיכט איז געווען פאַרקרומט און צוגלייך צעשמייכלט, פאַרטונקלט פון בלוט, ענ־לעך צו אַ געטלעכן מאַרטירער, צו אַ מלאך, וואָס איז אויף דר'ערד אַראָפּגעשליידערט און גלייכצייטיק צום הימל אַרויפגע־פלויגן. ער לאָזט אַרויס קורצע, איבערראַשטע אויסגעשרייען, גלייך ווי פאַרבלענדט פון עפּעס פּרעכטיקס און אומדערוואַרטס.

גלייך ווי ער וואָלט כלל נישט געאַנט, אַז ס'קאָן זיין אַזוי שיין, דערשטוינט פונם פריידיקן וווּנדער, וואָס זיין גוף האָט אין זיך פאַרבאָרגן.

אין דערדאָזיקער רגע זענען זיי געווען פאַרייניקט. ס'קאָן זיין, אַז זי האָט אפשר נישט געשפּירט דעם פולן תענוג, אָבער מ'זעט עס, מ'שפּירט עס, אַז זי פאַרשיכורט זיך מיט זיין גליק; און דערין שטעקט דער אומאויסדריקלעכער פרויען־וווּנדער.

-- ביסטו גליקלעך?..

כ'האָב געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם איינדרוק, דאָס האָט זי זיך צו מיר געווענדט מיט דערדאָזיקער פראַגע... כ'האָב זיך כמעט נישט טועה געווען... כ'בין געווען אַזוי נאָענט צו איר — דאָס האָט זי צו מיר גערעדט.

מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל, נאָך איינגעקלאַמערט אין איר מיטן קערפּער, האָט ער אויסגעמורמלט:

— איך שווער דיר, אַז דאָס איז אַלץ אין דער וועלט!

תיכף נאָכדעם, בעת זי האָט געשפּירט, אַז דאָס גליק איז געווען צו ענדע און האָט שוין געלעבט בלויז אין דער דערינערונג, אַז דער עקסטאַז, וואָס האָט געדויערט אַ ווײַלע צווישן זיי, וועט פאַרשווינדן, און אַז איר אייגענער חלום וועט באַלד צערינען און פאַרלוירן גיין, האָט זי געזאָגט כמעט קלאָגנדיק זיך:

— זאָל גאָט בענטשן דאָס ביסל פאַרגעניגן, וואָס מיר האָבן!

אָרימער אויסגעשריי, ערשטער אָנזאָג פון געוואַלטיקער ירידה, לעסטערנדיקע תפילה!

דער מאַן האָט מעכאַניש איבערגעחזרט:

— אַלץ אין דער וועלט!

...דער תאווהדיקער מענטשן־קנויל איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. דער מאַנסביל איז געווען באַפרידיקט. כ'האָב געזען ווי ס'האָט אים ביסלעכווייז ארומגענומען עפּעס אַ חרטה, ווי דאָס געוויסן וואָלט אים געפּייניקט און ער האָט אָפּגערוקט פון זיך די משא פון דער פרוי, וועלכע האָט אין איר לייב נישט פאַר־

שטאַנען דידאָזיקע דערוויטערונג. זי איז נישט געווען ווי דער מאַן, פלוצלינג באַפרייט און אויסגעשעפּט פון חשק.

אָבער זי האָט געפילט, אַז ער האָט מער נישט געזוכט, אַז ער האָט נישט געזען ווייטער ווי דאָס, און אַז ער איז געווען באַם ציל פון זיין חלום... און זי האָט שוין זיכער געטראַכט וועגן דעם, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן וועט דאָס אַלץ זיין פאַר איר געענדיקט און אַז דאָס נייע לעבן וועט נישט בעסער זיין פון אַלטן.

און אין דער רגע, בעת כ׳האָב מיט אַזאַ עקשנותדיקער, כמעט שעפערישער וויזיאָנערישקייט נאָכגעשפּירט דעמדאָזיקן צופלוס פון נידערגעשלאָגנקייט אויף זייערע פנימער; אין דער לופט, וועלכע איז נאָך אָנגעפילט געווען מיט די ווערטער: „דאָס איז אַלץ אין דער וועלט”, האָט ער פלוצלינג אַ זיפץ געטון:

— אַך! דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז גאָרנישט!

פרעמד אייגער דעם אַנדערן. זענען זיי פונדעסטוועגן געווען דורכגעריזלט פון זעלבן געדאַנק.

...בעת זי איז נאָך מיטן גאַנצן קערפּער צוגעטוליעט געווען צו אים, האָב איך באַמערקט, ווי ער, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט געווענדט זיין בליק צום זייגער, צו דער טיר, צום אַוועקגיין. דערנאָך, בעת די ליפּן פון זיין געליבטער האָבן זיך דערנענטערט צו זיינע ליפּן, האָט זיך זיין פּנים מילד אַוועקגעבויגן — (איך אליין האָב נאָר דאָס באַמערקט) — מיט אַ לייכטער העויה פון ווידערטעם, פון עקל כמעט: ס׳האָט אים אַרומגעווייעט אַ פיבערדיקער, נישט פרישיקער אָטעם פון דעם מויל, וועלכעס האָט מיט אַ ווײַלע פריער פאַרשלאָסן אין זיך, ווי אין אַ קבר, די אַלע הייסע קושן.

איצט ערשט ענטפערט זי אָפּ מיט איר אָרימען מויל אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, איידער ער האָט זי באַזעסן:

— ניין, דו וועסט מיך נישט אייביק ליבן. דו וועסט מיך פאַרלאָזן. אָבער נישט געקוקט דערויף, פיל איך נישט קיין חרטה און וועל עס אויך קיינמאָל נישט באַדויערן. ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן און כ׳וועל זיך אומקערן אין דעם גרויסן טרויער, וואָס וועט מיך שוין דעמאָלט נישט פאַרלאָזן, דאַן

וועל איך מיר זאָגן אין האַרצן: „כ'האָב געהאַט אַ געליבטן!"
און כ'וועל אַרויסטרעטן פון מיין נישטזיין, כדי צו זיין גליק־
לעך אויף אַ ווײַלע.

ער וויל נישט מער, ער קאָן נישט מער ענטפערן. ער
שטאַמלט:

— אלמאי צווייפלסטו אין מיר?..

אָבער ביידע ווענדן זייערע אויגן צום פענסטער צו.
זיי האָבן מורא, זיי פרירן, זיי קוקן דאָרט אַרונטער, ווו צווישן
צוויי הייזער האָט זיך פאַרקליבן דער שאָטן פון דעם בין־
השמשות.

עס שיינט מיר, אַז דאָס פענצטער לעבן זיי טרעט איצט
אַריין אין שפּיל. זיי באַטראַכטן דאָס פאַרבלאָזע, אומגעהויערע
פענצטער, וואָס הערשט איבער אַלעם. זיי קוקן דערויף, און
נאָך דעם משוגענעם קראַמף פון זייערע חושים און דער אומ־
ריינער קורצקייט פון זייער תענוג פילן זיי זיך דערשלאָגן, ווי
אונטערן דרוק פון אַן אַנטפּלעקונג; פאַרן דאָזיקן פּגימהלאָזן
הימל־בלאָקייט און דעם בלאַסן ליכט, וואָס בלוטיקט נישט. דאַן
פאַלן ווידער זייערע בליקן איינער אויפן אַנדערן צוריק.

— זעסטו — זאָגט די פרוי — מיר זיצן דאָ און קוקן
זיך אָן ווי צוויי פאַרשטויסענע הינט.

זייערע הענט פלעכטן זיך פונאַנדער, די צערטלענישן
צעפליסן זיך און פאַרשווינדן, שוואַך ווערט דאָס לייב. זיי
דערווייטערן זיך איינער פון אַנדערן. זי רוט איצט אויפן ראַנד
פון דער סאָפע.

ער זיצט אויף אַ שטול, זיין פּנים איז טרויעריק, די
פּיס צעשפּרייט, זיינע מלבושים צעקנאָדערט. ער סאַפּעט לאַנגזאַם,
ווי פאַראומווערדיקט דורכן גאַנצן אויסגעלאָשענעם און אָפּגע־
שטאָרבענעם תענוג.

זיין מויל איז האַלב אָפן, זיין פּנים ציט זיך צונויף אין
אַ ווייטיקלעכן קראַמף; די אויגנהיילן און דער קין צייכענען
זיך שאַרף אָפּ. מ'וואָלט געקאָנט גלייבן, אַז דערדאָזיקער מענטש
איז מאָגערער געוואָרן אין משך פון די עטלעכע סעקונדעס,
און אַז מ'זעט אין אים דעם אייביקן סקעלעט. פון אים דויכט
אויס עפּעס אַ מין שמערצפולע און דערדריקנדיקע אָנג[illegible]

גונג. ער איז שטום, און שיינט צו שרייען אין דער טיפעניש פון דער אָוונט-דעמערונג.

און ביידע זענען לסוף ענלעך צו זיך מיטן וויפולן אויסדרוק פון פנים, ווי מיט דער געמיינזאַמער עלנטקייט!

...כ׳זע זיי שוין נישט מער אין דער נאַכט, זיי זענען אינגאַנצן פאַרזונקען אין חשכות. איך חידוש מיך אַפילו, ווי אַזוי כ׳האָב זיי געקאָנט זען ביזאַהער, סיידן דאָס שטורעמדיקע פייער פון זייערע גופים און זייערע נשמות האָט אויסגעשטראַלט אויף זייערע געשטאַלטן אַ מין העלע ליכטיקייט.

* *

*

ווו-זשע איז גאָט? ווו-זשע איז גאָט? אַלמאַי מישט ער זיך נישט אַריין אין דער קריטישער רגע, וועלכע איז אַזוי שרעקלעך און חזרט זיך איבער אַזוי רעגלמעסיק און אייביק? פאַרוואָס שטערט ער נישט דורך אַ נס דעמדאָזיקן מוראדיקן פאַקט, אַז דאָס, וואָס איז פאַרהערלעכט און פאַרגעטערט, ווערט פלוצלונג אָדער לאַנגזאַם פאַראַכט און פאַרהאַסט? פאַרוואָס באַשיצט ער נישט דעם מענטש פאַרן שטילן טויט פון אַלע זייַנע חלומות? פאַרוואָס באַשירמט ער אים נישט פאַר דעם עלנט פון דערדאָזיקער תאווה, וואָס אויפלעבנדיק פון זיין לייב, פאַלט זי אויף אים צוריק ווי אַ שפיי!

אפשר דערפאַר, ווייל כ׳בין אַליין אַ מאַנסביל ווי יענער, ווי אַנדערע, אפשר דערפאַר, ווייל דאָס, וואָס ס׳איז חיהיש און געוואַלטזאַם, פאַרשליגט שטאַרקער מיין אויפמערקזאַמקייט אין דער רגע — עס דערשיטערט מיך איבערהויפּט דערדאָזיקער אומבאַזיגלעכער, אומפאַרמיידלעכער צוריקשפּרונג פון קערפּער און חושים.

„דאָס איז אַלץ! דאָס איז גאָרנישט!" דער ווידערקול פון דידאָזיקע צוויי אויסגעשרייען הילכט מיר כסדר אָפּ אין די אויערן. אָט-די צוויי אויסגעשרייען, וועלכע זענען אַרויסגעפּליסטערט געוואָרן מיט אַזאַ שטילער און קוים הערבאַרער שטים, ווער איז בכוח אויסצודריקן זייער גרויסקייט און דעם אומענדלעכן מהלך, וואָס שיידט זיי פונאַנדער.

ווער וועט עס אויסדריקן דערעיקרשט, ווער וועט עס משיג זיין? מ׳דאַרף זיך קאָנען אויפהויבן איבער דער מיי-הייט, מ׳דאַרף זיין פאַראַמאָל צווישן די לעבעדיקע, און ווייט, ווייט פון זיי, כדי צו זען דעם שמייכל, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין גסיסה, די פרייד, וואָס ווערט מגולגל אין איבערזעטיקונג, די אַרומהאַלזונגען, וואָס פאַרבייטן זיך אין פענטעס. מחמת ווען דער מענטש שטייט אין פולן לעבן, זעט ער דאָס אַלץ נישט, און ווייסט אויך גאָרנישט; ער גייט בלינד פון איין עקסטרעם צום אַנדערן איבער. דער, וואָס זיין האַרץ האָט גע-בלוטיקט מיט דידאָזיקע צווי אויסגעשרייען: „אַלץ! גאָרנישט!" — האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן ערשטן, בעת ער איז מיטגע-ריסן געוואָרן דורכן צווייטן.

ווער וועט דאָס אַרויסזאָגן? כ׳וואָלט וועלן, אַז דאָס זאָל ווערן אַרויסגעזאָגט! וואָס נוצן די ווערטער, די טראַדיציעס, די דורותדיקע טאַלענטן און גאונים, וויבאַלד זיי פאַרהאַלטן זיך אויף דער שוועל פון דידאָזיקע באַשרייבונגען, גלייך ווי דאָס וואָלט זיי געווען פאַרבאָטן מן השמים. מ׳דאַרף דאָס אַרויסזאָגן אין אַ פּאָעמע, אין אַ מייסטערווערק, אַרויסזאָגן עס ביז צום יסוד, ביז צו דער טיפסטער טיפעניש, עלעהיי כאָטש צוליב דעם, כדי צו ווייזן די שעפערישע קראַפט פון אונזע-רע האָפענונגען, פון אונזערע באַגערן, וועלכע, בעת זיי שטראַלן-אויף, געשטאַלטן זיי אום די גאַנצע וועלט, און דערשיטערן די ווירקלעכקייט.

סאַראַ רייכערע נדבה קאָן מען דען שענקען דידאָזיקע צווי געליבטע, בעת זיי וועלן נאָכאַמאָל קוקן אויפן אָפּשטאַר-בן פון זייער פרייד! מחמת דידאָזיקע סצענע איז נישט די לעצטע פון זייער פאַרצווייאיצקטער געשיכטע; זיי וועלן דאָס שפיל פונסניי אָנהויבן, ווי אַלע די, וועלכע לעבן. זיי וועלן אויפסניי פרווון, איינער מיט דער הילף פון אַנדערן, צו ווערן זיך מיט דער גאַנצער קראַפט קעגן די מפלות פון לעבן, זיי וועלן זוכן צו באַגייסטערן און עקזאַלטירן זיך, און זיך באַ-שיצן קעגן טויט; אויפסניי וועלן זיי זוכן אַ פאַרלייכטערונג און דערלייזונג אין דעם צונויפפלעכט פון זייערע קערפּערס... זיי וועלן ווידער פאַרכאַפּט ווערן דורך דעם גרויסן, שטערבלע-

בן שוידער, דורך די קראַמפּט פון דער זינד, וועלכע קלאַמערט זיך אָן קערפּער, גלייך ווי זי גופא וואָלט געווען אַ טייל פון קערפּער. און פונדאָסניי וועט דער שווונג פון זייער טרוים און דער אויפבליץ פון זייער באַגער פאַרשיכורן זייערע חושים, וועט לאָזן אויף אַ ווײַלע צווייפלען אין דער שפּעטערדיקער אומפאַרמײַדלעכער צעשיידונג, וועט דערהויבן יעטוועדע נידעריקייט און קלייניקייט, וועט אויסרייניקן דעם שמוץ, פאַרהייליקן די טונקלסטע און פאַרשאָלטנסטע טיילן פון זייערע לײַבער, וועלכע דינען אויך צו די טונקלסטע און פאַרשאָלטנסטע פונקציעס, און אַרײַנלייגן דערין אויף אַ ווײַלע די גרעסטע טרייסט אין דער וועלט.

און שפּעטער, בעת זיי וועלן אײַנזען, אַז זיי האָבן אומזיסט געוואָלט פאַראַנקערן דעם אין־סוף אין זייער גליסטונג, וועלן זיי דאַן באַשטראָפט ווערן פאַר זייער הויכמוט.

אַך! כ׳באַדויער כּלל נישט, וואָס כ׳האָב פאַרגוואַלטיקט דעמדאָזיקן פּשוטן און שרעקלעכן סוד; דאָס וועט אפשר זײַן מײַן אײנציקער שבח, וואָס כ׳האָב אַרומגענומען מיטן בליק דאָסדאָזיקע בילד אין זײַן גאַנצער ריזיקייט און האָב פאַרשטאַנען, אַז דער אמת פון לעבן איז פיל טרויעריקער און גראַנדיעזער, איידער כ׳בין ביזאהער עלול געווען צו גלייבן.

VI

אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי זענען אַוועק; זיי האָבּן זיך מסתּם ערגיץ אַנדערש אויסבּאַהאַלטן. ס'שיינט מיר, אַז דער מאַן אירער האָט געוואָלט אָנקומען, הגם כ'האָב נישט אַזוי גענוי פאַרשטאַנען. צי קאָן איך דען וויסן אַלצדינג, וואָס זיי האָבּן גערעדט.

דאָס צימער איז פאַרלאָזן. איך וואַנדער אַרום איבּער מיינעם, דערנאָך — ווי אין חלום — עס איך דאָס מיטאָג. לסוף גיי איך אַרויס, פאַרלאָקט דורך דער באַוועגונג פון גאַס.

אינדרויסן זענען די הייזער געשלאָסן. די דורכגייער מיידן מיך אויס און גייען ווייטער. כ'זע אומעטום נאָר מויערן און פנימער.

פאַר מיר אַ קאַפע־הויז. דאָס שרייענדיקע ליכטיקייט, וואָס הערשט דאָרט, רופט מיך אַריינצוגיין. דאָסדאָזיקע קינסט־לעכע ליכט געפעלט מיר, עס באַרויקט מיך, און דאָך פיל איך מיך דערין עפּעס פרעמד; אַוועקגעזעצט זיך, מאַך איך האַלבּ די אויגן צו.

אַרום זיצן מענטשן, רויקע, פּשוטע און זאָרג־אָזע, און וועלכע האָבּן נישט, ווי איך, עפּעס אַן אויפגאַבּע צו דערפילן.

נישט ווייט פון מיר זיצט עפּעס אַ מיידל פאַר אַ גלעזל שוואַרצער קאַווע, גאַנץ אַליין, מיט געשמינקטע ליפּן, און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן. זי האַלט אויף אירע קניען אַ קליין הינטל, וואָס קוקט אַפער מיטן קעפּל איבּערן מירמלנעם טישל. דאָס אַמיזאַנטע חיהלע בעטלט פאַר איר האַרינטע די בּליקן און די שמייכלען פון די פאַרבייגייער.

דידאָזיקע פרוי באַטראַכט מיך מיט אינטערעס. זי זעט, אַז כ׳דערוואַרט נישט קיינעם, אַז כ׳וואַרט נישט אויף גאָרנישט.

איין צייכן, איין וואָרט, און זי, וועלכע וואַרט אויף אַלע, וואָלט צו מיר צוגעקומען, און מיר צוגעשמייכלט מיט איר גאַנצן לייב... אָבער ניין, נישט דאָס באַגער איך. מיינע פאַר־לאַנגען זענען פשוטער און באַשיידענער, איך ברויך נישט קיין פרוי. אויב כ׳בין מבולבל דורך דער באַרירונג פון ליבע, איז עס נאָר צוליב אַ גרויסן טיפן געדאַנק און נישט צוליב אַן אינסטינקט.

זי דערנענט זיך צו מיר. זי ווייסט נישט, ווער איך בין. איך בייג מיך אַוועק. וואָס גייט מיך אָן דער פלוצלינגער און ברוטאַלער עקסטאַז, די סעקסועלע קאָמעדיע! איך האָב אַריבער־געקוקט איבער דער מענטשהייט, איבער די מענער און איבער די פרויען, און כ׳ווייס, וואָס זיי טוען.

דער געשמאַק פון קאַווע און דער רויך פון טיטון, אויס־געמישט מיט דער דעמפיקער לופט, שאַפן אַן איינמידנדיקע אַטמאָספער. דער טומל — דער קליפ־קלאַפ פון די טעצלעך, דאָס אויפפראַלן און צוריקוואַרפן די איינגאַנגס־טיר, די אויס־געשרייען פון די שפילערס — דאָס אַלץ מישט זיך אויס איניינעם. אויף די פנימער איז אויסגעגאָסן אַ גרינלעכער אָפשיין. מיין פנים מוז אַוודאי זיין נאָך מער אויפפאַלנדיק, איידער אַלע איבעריקע פנימער. עס מוז מסתם אויסזען צעשטורעמט און צעברויזט פון דער אָקאָרשטיקער וויזיע, און פון דעם דראַנג נאָך מער צו זען.

...ער האָט זי אָנגערופן עמע *). כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז געווען איר נאָמען, אָדער צי האָט ער געוואָלט דערמיט זיין ליבע אויסדריקן. איך קען נישט קיין נעמען, כ׳ווייס נישט קיין פרטים, קיין קלייניקייטן. די מענטשהייט האָט מיר באַוויזן איר בלוטנדיק אינגעווייט; איך באַמי זיך אַראָפצולייענען די טיפענישן פון לעבן, אָבער כ׳פיל מיך פאַרלוירן אויף דער אויבערפלאַך פון דער וועלט. אָט האָב איך געמוזט מאַכן אַ געוויסע אָנשטרענגונג, כדי זיך דורכצוקריגן צווישן דער מענגע דורכ־

*) עמע, Aimée הייסט אויף פראַנצויזיש: געליבטע, און אויך אַ נאָמען אזא. (איב.)

גייערס, אַוועקזעצן זיך אין דאָזיקן לאָקאַל, און פאַרלאַנגען עפּעס פון דער דינערשאַפט. —

...דורך דער גלעזערנע שויב פונם קאַפע־הויז האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ'דערקען דאָס געשטאַלט פון עפּעס אַ לאָקאַטאָר פון מיין האָטעל. כ'האָב מיך תיכף אַ בויג־געטון אויף צוריק. כ'פיל מיך נישט בכּוח צו פירן אַ שמועס וועגן דעם און יענעם; שפּעטער אַביסל וועל איך זיך מסתּם אומקערן צו דערדאָזיקער באַנאַלער רגילות. אָנשפּאַרנדיק די עלנבויגנס אויפן טיש, בייג איך אַראָפּ דעם קאָפּ און האַלט אים צווישן די דלאָניעס, כּדי נישט דערקענט צו ווערן דורך קיין באַקאַנטן, אויב ס'וועט ווער צופעליק אַרבייגיין.

* *

*

אָט וואַנדל איך איבער די גאַסן אַרום. ס'גייט פאַרביי עפּעס אַ פרוי. מעכאַניש גיי איך איר נאָך... דאָס איז אַ וועלטישע דאַמע, אָנגעטון אין אַ טונקל־גראַנאַטענעם קאָסטיום און אין אַ גרויסן שוואַרצן הוט. זי איז אַזוי פאַרנעם, אַז זי פילט זיך אַביסל נישט היימלעך אויף דער גאַס. זי הייבט אונטער דאָס קלייד גאַנץ אומגעשיקט און מ'זעט אַרויס איר דין שיכל, וואָס נעמט אַרום איר צאַרט פיסל און דעם דורכזיכטיקן שוואַרצן זאָק... אַן אַנדערע פרוי גייט לעבן מיר פאַרביי; איך קוק איר גלייך אין פּנים אַריין... דאָרט אונטן שוועבט אַדורך אַ פרויען־שאָטן איבער דער גאַס; מיין האַרץ קלאַפּט, ווי ס'וואָלט פלוצלינג אויפגעוואַכט...

נייגעריקייט? ניין, באַגער. אַ ווײַלע פריער האָב איך נישט געשפּירט קיין חשק. איצט קומט עס און פאַרשיכּורט מיך... איך שטעל זיך אָפּ... כ'בין אַ מענטש, ווי אַלע אַנדערע; כ'האָב מיינע גליסטונגען, און מיינע טויבע באַגערן; און צווישן דידאָזיקע גראָע גאַסן, ווו כ'ווייס נישט ווי־איין ווי־אויס, וואָלט איך זיך וועלן דערנענטערן צו אַ קערפּער פון אַ פרוי.

...דאָסדאָזיקע קליינע געשטאַלט, וואָס שוועבט פאַרביי לענגאויס דער מויער, נישט ווייט פון מיר, כ'שטעל מיר פאָר איר ריינע נאַקעטקייט... זי האָט אַזעלכע קליינע פיסלעך, אַז מ'באַ־

מערקט זיי קוים. אויף די פּלייצעס טראָגט זי אַ שאַל. אין דער האַנט האַלט זי אַ פּאַקעט. אויסגעבויגן פּאָרויס, לויפט זי גיך, גלייך זי וואָלט וועלן קינדעריש איבעריאָגן זיך גופא. אונטערן דאָזיקן אָרימען שאָטן פאַרבאָרגט זיך אַ ליכטיקער קערפּער, וואָס בליצט אויף פאַר מיינע אויגן אין דעם זאַנפטן לופט־וואָלקן, ווי זי פאַרשווינדט... כ׳טראַכט וועגן איר זוניקער שיינקייט, וועגן דער שטראַליקייט פון אירע האָר, וועלכע זענען פאַרבאַהאַלטן און צונויפגעדריקט אונטער דעם באַשיידענעם היטל, וועגן דעם כּישופדיקן שמייכל, וואָס זי פאַרבאָרגט אויף איר גאַנץ ערנסט פּנימל.

כ׳בלייב שטיין אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך אינמיטן וועג. דער פאַנטאָם פון דער פרוי איז שוין ווייט. ווען כ׳וואָלט זיך באַגעגנט מיט איר בליק, וואָלט עס פאַר מיר געווען אַן אמתדיקער ווייטיק. כ׳פיל, אַז אַ קראַמף האָט צונויפגעצויגן מיינע שטריכן, אַז דאָס פּנים איז מיר פאַרענדערט געוואָרן.

דאָרט אויבן, אויף דער אויבערשטער פּלאַטפאָרם פון טראַמוויי זיצט אַ יונגע פריילין; דאָס קלייד עטוואָס אונטערגעהויבן און פאַרקיילעכיקט... פון אונטן קאָן מען זי אינגאַנצן זען... אָבער עס טיילט אונז פונאַנדער אַ ווירוואַר פון וואָגנס. דער טראַמוויי לויפט ווייטער, ווערט נעלם ווי אַ קאָשמאַר.

דאָ און דאָרטן, אין אַלע זייטן, איז די גאַס פול מיט קליידער, וואָס וויגן זיך און באָטן זיך אָן. אַזוי לייכט זענען זיי, עטוואָס אונטערגעהויבן בײַ די ראַנדן: זיי אַנטהילן עפּעס און דאָך אַנטהילן זיי גאָרנישט!

אין דער טיף פון אַ הויכן שויפענצטער־שפּיגל זע איך מיין בלייך פּנים און די אונטערגעשלאָגענע אויגן. נישט איין פרוי באַגער איך, כ׳וואָלט זיי וועלן האָבן אַלע, און איך זוך זיי אַרום און אַרום, איינע נאָך דער אַנדערער. זיי גייען פאַרביי און פאַרשווינדן ווייטער, הגם ס׳זעט אויס, ווי זיי וואָלטן זיך צו מיר דערנענטערט.

איצט בין איך באַזיגט און וואַרף זיך געהאָרכזאַם דעם צופאַל אונטער. כ׳האָב נאָכגעפאָלגט אַ פרוי, וועלכע האָט אויף מיר געלאָקערט פון איר ווינקל. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען

זייט בא זייט. מיר האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווער־טער, זי האָט מיך אַוועקגעפירט צו זיך. אויף די טרעפּ, בעת זי האָט אויפגעמאַכט די טיר, בין איך דורכגעטרייסלט געוואָרן דורך אַ שוידער פון אַן אידעאַל. דערנאָכדעם האָב איך זיך אונטערגעגעבן דער באַנאַלער סצענע. דאָס איז שנעל פאַריבער־געגאַנגען ווי אַ געוואַלטיקער אַראָפּפאַל אין דער טיפעניש.

כ׳בין ווידער אויפן טראָטואַר. באַרואיקט בין איך נישט, ווי כ׳האָב געהאָפט. ס׳כאַפּט מיך אַרום אַן אומגעהוירער ווירוואַר; אַלץ ווייזט זיך מיר אויס שוין נישט אַזוי, ווי ס׳איז אין דער ווירקלעכקייט; איך קוק צו ווייט און זע צופיל.

וואָס טוט זיך מיט מיר? פאַרמאַטערט, דערדריקט אונטער דער אייגענער משא, זעץ איך מיך אויף אַ באַנק אַוועק. ס׳הייבט־אָן גיין אַ רעגן. די מענטשן איילן זיך און ווערן אַלץ זעלטענער. די פאַראַסאָלן נעמען באַלד קאַפּען, די דאַך־רינעס וויינען, די גאַסן און די טראָטואַרן גלאַנצן פון וואַסער, האַלב־שטילקייט איז אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער טרויער פון פליוש־קענדיקן רעגן... מיך פייניקט דאָס. וואָס מיין חלום איז צו ברייט און צו שטאַרק, אַז כ׳זאָל אים קאָנען דערטראָגן.

ווי איז צו די, וועלכע טראַכטן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן נישט! זיי האָבן רעכט, זיי האָבן אפילו צופיל רעכט, אָבער זיי זענען דורכדעם מחוץ דעם לעבן. די שוואַכע, די פּשוטע, די נכנעדיקע, זיי גייען זאָרגלאָז פאַרביי פאַר דעם, וועלכעס איז נישט פאַר זיי; זיי באַגעגענען אַלץ און אַלע־מען אָן מורא, אָן אנגסט. דידאָזיקע קליינע נשמהלעך גליסטן תמיד צו קלייניגקע זאַכן. — אָבער די אַנדערע, אָבער איך אַליין...

וועלן נעמען דאָס, וואָס מ׳פאַרמאָגט נישט, גנבענען! ס׳איז געווען געוואוינט, כ׳זאָל זען עטלעכע מענטשלעכע נפשות, ווי זיי האָבן געקעמפט קעגן יסוד פון זייער וואָרהאַפטיקייט, כדי צו ווערן איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיטן גלויבן, אַז דער מענטש גייט און דרייט זיך אַרום אין דאָזיקן תחום מיט אַזאַ זיכער־קייט, ווי די ערד דרייט זיך אין איר קרייז אַרום.

ווי, ווי, כ׳האָב נישט בלויז דערקענט דעם דאָזיקן שרעקלעכן אמת, נאָר כ׳בין אפילו אַליין מיטגעריסן געוואָרן

פון דאָזיקן מוראדיקן ראָד. כ'האָב זיך אָנגעשטעקט דערמיט; מיינע אייגענע תשוקות זענען געוואָרן וויכטיקער און ברייטער; כ'וואָלט וועלן דורכלעבן די אַלע מיני לעבנס, אַראָפּשווערן אויף אַלע הערצער, און ס'דאַכט זיך מיר אויס, אַז דאָס וואָס ס'איז נישט פאַר מיר, טוט זיך פון מיר דערווייטערן, און אַז איך בין איינזאַם, פאַרלאָזן.

און פאַרשטויסן אויף דערדאָזיקער באַנק, אינמיטן דער גרויסער, וויסטער, אין רעגנוואַסער שווימענדיקער גאַס, צע־שמעטערט דורכן ברויזנדיקן געוויטער, איינקאָרקשטנדיק זיך וואָס אַ מאָל מער, כּדי זיך בעסער צו באַשיצן — בין איך אָנגעפילט מיט יאוש, מחמת כ'האָב ליב אַלצדינג אַזוי שטאַרק, ווי כ'וואָלט געהאַט אַן איבערפלוס פון גוטסקייט.

אָך! כ'זע שוין פאָראויס דעם עונש, וואָס וואַרט אויף מיר דערפאַר, ווייל כ'האָב זיך אַריינגעריסן אין די לעבעדיקע סודות פון דער מענטשהייט. כ'וועל באַשטראָפט ווערן מיט איטלעכן סוד, וואָס פאַרבאָרגט זיך אין שטילשווייגן, און מיט איטלעכער פרוי, וואָס גייט פאַר מיר פאַרביי.

דער אין־סוף איז נישט דאָס, וואָס די וועלט מיינט. דער עולם זעט אים געדן אין דער פּאָעטישער נשמה פון עפּעס אַ לעגענדאַרישן העלד אָדער מייסטערווערק; מ'צירט דערמיט אויס, ווי מיט אַ טעאַטראַלישן קאָסטיום, די רוישיקע אויס־נאַמס־נאַטור פון עפּעס אַ ראָמאַנטישן האַמלעט... אָבער די אומ־ענדלעכקייט לעבט זיך שטילערהייט אין יענעם מענטש, וואָס זיין בלאַס פּנים האָב איך אָקאָרשט באַמערקט אין שפּיגל פון שוי־פענצטער; ער לעבט אין מיר, אַזוי ווי כ'בין, מיט מיין באַנאַלן פּנים און געוויינטלעכן נאָמען, מיטן געוואַלטיקן חשק צו אַלצדינג, וואָס כ'האָב נישט... מחמת ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ כּוח, וואָס זאָל קאָנען דאָ גרעניצן אויפשטעלן. און אָט אַזוי גיי איך, טריט בּאַ טריט נאָך די שפּורן פון דער אומענדלעכ־קייט; און דאָסדאָזיקע אַרומבלאָנקעניש אָן אַ האָריזאָנט איז געגליכן צו דער שטערן־וואַנדלונג אויפן הימל. צו זיי הייב איך מיינע פאַרלוירענע אויגן אויף, אַך! אויב כ'בין באַגאַנגען אַ חטא, וועט מיך אויסקויפן דערדאָזיקער גרויסער פּיין, אין וועלכן ס'ווייגט דאָס אוממעגלעכע. אָבער כ'גלייב נישט אין קיין אויס־

קויף, אין דאָזיקן רעליגיעז-מוסרדיקן בלאָף. איך לייד, איך האָב בלי-ספק דאָס אויסזען פון אַ מאַרטירער.

כ׳מוז זיך אומקערן צו זיך, כדי מקיים צו זיין דאָסדאָזיקע מאַרטירעריי אין זיין גאַנצער ברייט, אין זיין גאַנצער מוראדיקער ברייט; איך מוז ווייטער קוקן און קוקן. איך פטר מיין צייט דאָ צווישן דעם ווירוואַר, צווישן די מענטשן. כ׳קער זיך אים צו דעם צימער, וועלכעס מאַכט זיך אויף פאַר מיינע אויגן ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

* *
*

כ׳האָב פאַרבראַכט צוויי פוסטע טעג — כ׳האָב געקוקט און גאָרנישט נישט געזען.

כ׳בין פאַרבליבן צווישן מיינע פיר ווענט אין פיבערדיקער רויקייט, אומעטיק ווי אַ געפאַנגענער. כ׳האָב אַרומגעשפּאַנט אַהין און צוריק איבער מיין צימער דעם גרעסטן טייל פון טאָג, פאַרלאָקט דורך דער שפאַרע אין דער מויער, און האָב זיך נישט געוואָגט צו דערווייטערן.

ס׳האָבן זיך געשלעפּט די אומענדלעך לאַנגע שעהן; און אין אָוונט האָב איך זיך געפילט צעבראָכן דורך מיין אומדערמידלעכער האָפעניש.

אין דער נאַכט פון צווייטן טאָג האָב איך זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט. כ׳האָב מיך אָפּגעדעקט און בין אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ שוידער פונם ענגן געפענגעניש פון מיין בעט; מיין צימער איז געווען קאַלט ווי אייז. כ׳האָב זיך ווידער אָנגעקלאַמערט אָן דער וואַנט, וועלכע איז אונטער דער באַרירונג פון מיינע פינגער געווען טויט און געפרוירן.

כ׳האָב אַריינגעקוקט אַהין. דער אָפּשיין פון דער לבנה איז אַריינגעדרונגען אין דעם שכנותדיקן צימער, וועמעס לאָדנס ס׳זענען נישט פאַרמאַכט געוואָרן, אַזוי ווי בײַ מיר. כ׳בין געבליבן שטיין אויפן זעלביקן אָרט, נאָך האַלב-שלעפעריק, ווי היפּנאָטיזירט דורך דערדאָזיקער בלאָלעכער אַטמאָספער, שפּירנדיק בלויז די דורכנעמענדיקע קעלט... ווייטער גאָרנישט...

כ׳האָב מיך געפילט אַליין, ווי איינער, וואָס איז פאַרזונקען אין אַ שטומער תפילה...

דערנאָך איז אויסגעבראָכן דער שטורעם, וועלכער האָט נאָך געדראָט פאַרנאַכטצו. ס׳האָבן גענומען פאַלן הילכיקע טראָפּנס. האַסטיקע און לאַנגע ווינט־שטויסן האָבן געוואָיעט אינדערלויפן דונערן און בליצן האָבן אויפגעטרייסלט דעם הימל.

פון מינוט צו מינוט האָט זיך געשטאַרקט דער רעגן; דער ווינט האָט געבלאָזן שוואַכער און מילדער. די לבנה האָט זיך באַהאַלטן הינטער די כמאַרעס. אַרום מיר האָט געהערשט פולשטענדיקע חשכות. און נישט ווייסנדיק, פאַרוואָס איך האָב אויפגעוואַכט, און צוואָס כ׳בין דאָ אַהערגעקומען, בין איך געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך פאַר דידאָזיקע אומענדלעכע שאָטנס, פאַר דער אומדערגרינטלעכער נאַכט...

* *

*

פלוצלינג האָט זיך אין דעם שוואַרצן חלל אַריינגעגליטשט אַ לייכטער גערויש...

אַוודאי עפּעס אַ ווייטער אָפּהילך פון דעם געוויטער...

ניין... עפּעס אַ נאָענט געמורמל: אַ געמורמל פון שטימען, אָדער אַ גערויש פון טריט.

עמיצער... עמיצער איז דאָרט געווען... ענדלעך! מיין אינסטינקט, וואָס האָט מיך אַרויסגעריסן פון שלאָף, האָט זיך בכן נישט טועה געווען.

כ׳כאָב געמאַכט מיט מיינע אויגן אַ פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונג; אָבער די פינצטערניש איז געווען אומדורכדרינגלעך. דאָס פענצטער האָט זיך קוים אָפּגעצייכנט אין דער געדיכטער טיפקייט מיט אַ בלאָלעכן אָפּשיין — און כ׳האָב אפילו נישט געהאַט די זיכערקייט, צי דאָס איז געווען אינדעראמתן דאָס פענצטער, אָדער איך האָב נאָר אַזוי געמיינט.

ווידער האָט זיך געלאָזט הערן דאָס גערויש, דאָסמאָל אַביסל לענגער.

טריט — יאָ, טריט... מ׳איז געגאַנגען — עמיצנס אַטעם

אָפּגעריסענע טענער, אומבּאַשטימטע, איבּערגעריסענע דורך דער שטילקייט — דאָס אַלץ האָט זיך מיר אויסגעוויזן אומדערקלערלעך.

אין אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך גענומען צווייפלען... כ'האָב זיך אַליין געפרעגט, צי דאָס אַלץ איז נישט געווען קיין הודזשענדיקע האַלוציניאַציע, אַרויסגערופן דורך דער אויפטרייסלונג פון מיין האַרץ?..

אָבער דער קלאַנג פון אַ מענטשלעכער שטים האָט געטלעך צו מיר דערגרייכט.

* *

*

ווי נידריק ס'איז געווען דידאָזיקע שטים; איבערהויפּט, ווי מאָדנע איינטעניק זי איז געווען, דידאָזיקע שטים! זי האָט געשיינט צו רעציטירן אַ פּאָעמע אָדער אַ ליטאַניע. כ'האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם, כדי נישט צו פאַרלירן דידאָזיקע דערנענטערונג מיטן לעבן...

...די שטים האָט זיך פאַרטאָפּלט... דאָס זענען געווען צוויי שטימען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעענטפערט. זיי זענען אַרויסגעפלאָסן פון אַן אומדערגרייכלעכער עצבות, ווי אַלע איינגעהאַלטענע, זייער שטילע שטימען; פון עפּעס אַ מוזיקאַלישער עצבות...

בלי-ספק האָב איך ווידער געהאַט פאַר מיר צוויי געליבטע, וועלכע האָבן געזוכט אַ מקלט אויף אַ קורצע ווײַלע אין דעמדאָזיקן אומבאַוווינטן צימער. צוויי מענטשלעכע נפשות זענען דאָ געווען, פאַרלאָקט איינער דורכן אַנדערן, אין דערדאָזיקער אומגעשטערטער איינזאַמקייט, אין דאָזיקן פאַרבלאָזן תּהום. און נישט זייענדיק בכּוח זיי צו דערקענען, האָב איך דאָך געשפּירט זייער ברויזנדיקע תּשוקה אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי כ'שפּיר דאָס האַרץ אין מיין אייגענער ברוסט.

כ'האָב אַרומגעזוכט דאָס פאַרהוילענע פּאָרל. מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט נאָכגעשפּירט דידאָזיקע צוויי קערפּערס. אומזיסט. די נאַכט איז אַרייַנגעדרונגען אין מיינע אויגן און האָט מיך בלינד געמאַכט; וואָס מער כ'האָב געקוקט, אַלץ מער האָט מיר דער

שאָטן ווייגעטון. אַ ווײַלע לאַנג פֿונדעסטוועגן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ'האָב באַמערקט אַ טונקעלע געשטאַלט, וואָס צייכנט זיך אָפּ אויפֿן פֿאָן פֿון טונקעלן פֿענצטער... דאָס געשטאַלט איז נעלם געוואָרן... ניין... נאַכט... די פֿינצטערניש איז שטאַר ווי אַ געץ... ווער זענען זיי געווען, דידאָזיקע לעבעדיקע באַשעפֿענישן? וואָס האָבן זיי געטון, וווּ זענען זיי געווען, וווּ זענען זיי געווען?

* *
*

און מיטאַמאָל האָב איך פֿון צווישן דער געדיכטער פֿינצטערניש דערהערט איין דייטלעך וואָרט: „נאָך!"

„נאָך!" דערדאָזיקער געשריי איז געקומען פֿון זייער לייב. ער האָט זיי מיר ענדלעך באַוויזן. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זייערע פּנימער האָבן זיך אַרויסגעשיילט פֿונם נעפּל.

דערנאָך, אינמיטן פֿון דעם האַסטיקן געשטאַמל און פֿאַרשטיקטער ראַנגלעניש, איז געפֿאַלן אַן אַנדער וואָרט, געוואָרפֿן מיט אַ פֿאַרסאַפּעטער און גליקלעכער שטים:

— ווען זיי וואָלטן געוווסט! ווען זיי וואָלטן געוווסט!

און דידאָזיקע ווערטער זענען איבערגעחזרט געוואָרן מיט אַן איינגעהאַלטענער שטים, וואָס אַמאָל שטילער, וואָס אַמאָל שוואַכער.

דערנאָך האָבן זיך די ווערטער אויסגעלאָדנט גאַנץ הויך, אין אַן אויפֿשאַלנדיק געלעכטער. און דער קנאַל פֿון אַ קוש איז אויפֿגעשטיגן און האָט דאָס אַלץ צוגעדעקט. אויס דער טיפֿעניש פֿון די צונויפֿגעקנוילטע שאָטנס האָט דערדאָזיקער קוש אויפֿגעטויכט ווי אַן אַנטפּלעקונג.

* *
*

אַ בליץ האָט דורכגעריסן די פֿינצטערניש, פֿאַרוואַנדלנדיק אויף אַ רגע דאָס צימער אין אַ העלן מקלט, און ווידער האָט זיך צוריקגעקערט די שוואַרצע נאַכט.

דער עלעקטרישער בליאַסק האָט מיר אונטערגעהויבן די

וויעס, וועלכע כ׳האָב פריער אינסטינקטיוו געהאַלטן פאַרשלאָסן, אַזוי אַז מיינע אויגן האָבן צו גאָרנישט געטויגט. מיינע בליקן האָבן אַרומגענומען דאָס שכנותדיקע צימער, אָבער כ׳האָב דאָרט נישט געזען קיין שום סימן פון לעבן... צי האָבן זיך די צוויי געסט איינגעקוליעט ערגיץ אין אַ ווינקל, און זיך פאַרשטעקט אין טיפן חשכות?

זיי האָבן אַפּנים נישט באַמערקט דעם שטאַרקן בליק. מיט פאַרצווייפלטער רעגלמעסיקייט זענען מיך באַפאַלן דיזעלביקע ווערטער, אָבער עפּעס שווערער, זעלטענער און פאַרלוירענער.

— ווען מ׳וואָלט געווען געוווּסט! ווען מ׳וואָלט געווען געוווּסט!

און כ׳האָב געהערט דעמדאָזיקן געשריי, און כ׳האָב מיך אַריבערגעבויגן איבער די ביידע נפשות מיט הייליקער אויפמערקזאַמקייט, ווי איבער שטאַרבנדיקע.

* *

*

צוואָס די דאָזיקע אייביקע מורא, וואָס האָט זיי אינגאַנצן דורכגעטרייסלט און געציטערט אויף זייערע ליפּן? סאַראַ משוגענע באַדערפעניש האָבן זיי געהאַט צו זיין אַליין און פאַרבאָרגן — כדי אַרויסצושאַלן דעמדאָזיקן אָרימען געשריי פון טריומף, וואָס איז ענלעך צו אַ געשריי נאָך הילף; סאַראַ אומווערדיקייט זענען זיי באַגאַנגען, סאַראַ פאַרברעכן האָט פאַרבאָרגן זייער אַרומהאַלזונג?

כ׳האָבן דערשפּירט אַ שאַרפן שטאָך אין האַרצן. די ביידע שטימען זענען ענלעך געווען צו זיך! איך פאַרשטיי: דאָס זענען צוויי פרויען, וועלכע זענען געקומען דאָ אַהער, כדי זיך אין דער נאַכט אויסטערליש צו באַהעפטן!

* *

*

אַך! איך הער זיך איין... קיינמאָל האָב איך מיך נישט אַזוי שטאַרק אָנגעשפּאַרט אויף דער נאַכט. און באמת, מיט

מיין גאַנץ לעבן, מיט צונויפגעקראַמפּטע הענט און אויסגע־גלאָצטע אויגן, שפּיר איך נאָך די פינצטערע ליבעס־פּאָר, וועלכע איז דאָרט פאַרזונקען אינם בעט פון שאָטן...

איך פיל, אַז ס'האָט זיי אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ שוידער פון פאַרגעטערונג:

— גאָט זעט אונז! גאָט זעט אונז! — שטאַמלט איינס פון די מיילער.

זיי ווילן אויך, אַז גאָט זאָל זיי זען, כּדי זיך דערמיט צו פאַרשענערן! ווי פאַרצווייפלטע רופן זיי אים צו הילף!..

* *

*

איך צווייפל איצט, אַז דאָס זאָלן האָבן געווען צוויי פרויען. ס'שיינט מיר, אַז כ'האָב אויפגעכאַפּט דעם שווערן קלאַנג פון אַ מענלעכער שטים. איך הער זיך איין, איך פאַרגלייך די ביידע שטימען, פרווונדיק אין אַ לעצטער אָנשטרענגונג צו באַפרייען זיך פון די שאָטנס...

דערנאָך האָב איך דייטלעך פאַרנומען די הייסע בקשה, וועלכע איז גאַנץ שטיל געפלאָסן, אין האַסטיקע ווערטער, פאַר־שטיקטע דורך צוויי מיילער, דערטרונקען אין בלוט פון די קושן:

— ווילסטו ?.. ווילסטו ?..

און דידאָזיקע פראַגע האָט אָנגענומען עפּעס אַ גרויסע, ציטעריקע באַדייטונג. דאָס איז געווען אַ פראַגע פון אַ מענטש־לעך נפש, וואָס פאַרשענקט זיך אינגאַנצן.

דערנאָך איז אויפגעשטיגן אַ האַסטיקע שטים, ווי דאָס געפּאָך פון גרויסע פליגל:

— יאָ.

— אָך! — האָט געשטאַמלט דער צווייטער קערפּער.

פּאַר סאָראַ געהיימע, פאַרבאָרגענע מיטלען כאַפּן זיך די־דאָזיקע מענטשן, כּדי זיך צו באַקענען און באַזיצן? סאָרא געשטאַלט נעמט אָן זייער געפיל?

סאָרא געשטאַלט? וואָס גייט מיך דען אָן דאָס געשטאַלט

פון דער ליבע? כ׳ווייס נאָר איינס, אַז כ׳בין אַן עדות פון דער גאַנצער טראַגעדיע פון ליב האָבן.

זיי ליבן זיך; דאָס איבעריקע איז גאָרנישט. צי זיי זעען נאָרמאַל אָדער דעגענערירט, פאַרשאָלטן אָדער געבענטשט — זיי ליבן און באַזיצן זיך אויף זייער אופן.

זיי באַהאַלטן זיך אויס פון דער וועלט; זיי פאַרזונקען אין דער פינצטערניש ווי אין אַ קבר. זיי פאַרשפּאַרן זיך. זיי פאַראַכטן דעם טאָג און אַנטלויפן פאַר אים ווי פאַרן אורטייל פון דער ערלעכקייט און פרידלעכקייט. „ווען מ׳וואָלט געוווסט!” האָבן זיי געשריגן, געוויינט און געלאַכט; זיי רימען זיך מיט זייער איינזאַמקייט, זיי צערטלען זיך מיט איר. זיי זענען אַרויסגעשליידערט מחוץ דעם געזעץ, מחוץ דער נאַטור, מחוץ דעם נאָרמאַלן לעבן, וועלכעס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אָפּערוויליקייט און נישטזיין. זיי גאַרן צו באַהעפטן זיך; זייערע מירמלנע שטערנס שלאָגן זיך צונויף. יעדער איז פאַרנומען מיט זיין אייגענעם גוף, יעדער נעמט אַרום דעם צווייטן גוף אָן געדאַנק, אָן נשמה. אַך! וואָס מאַכט דען אויס דאָס געשלעכט פון דידאָזיקע צוויי הענט, וועלכע זוכן בלינדערהייט די פאַרבאָרגענע תאווה, פון דידאָזיקע צוויי מיילער, וועלכע לעכצן נאָך זיך, פון אָט די צוויי בלינדע און שטומע הערצער!

אַלע ליבהאָבערס אין דער וועלט זענען גלייך: זיי ווערן צונויפגעפירט דורך אַ צופאַל; זיי זעען זיך און פילן זיך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן דורך די שטריכן פון זייערע פנימער; זיי באַשטראַלן איינער דעם אַנדערן מיטן ווילדן כוח־המושך, וואָס איז געגליכן צו משוגעת; זיי נעמען אָן כלערליי הוריות פאַר הוילע ווירקלעכקייט; זיי פאַרוואַנדלען אין איין ...גע דעם שקר אין אַן אמת.

און דאַן האָבן זיך צו מיר דערטראָגן עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער פון זייער ליבעס־דערקלערונג.

— דו געהערסט צו מיר, ביסט מיינע. איך באַזיץ דיך, איך נעם דיך...

יאָ, כ׳בין דיינע!..

אָט איז די גאַנצע ליבע, אָט איז זי האַרט לעבן מיר; זי וואַרפט מיר אין פּנים, ווי א וויירעך־וואָלקן, דעם גאַנצן

פארשיכורנדיקן אַראָמאַט און די גליענדיקע היץ פון לעבן און פילט אויס איר עובדה פון משוגעת און אומפרוכטבאַרקייט.

*

* *

דער דיאַלאָג הויבט זיך ווידער אָן, שטילער, רויקער און איך הער זיך צו, גלייך מ׳וואָלט גערעדט צו מיר.

פריער קומט איין זאַץ, אַ ציטעריקער, כמעט ווי אין חלום:

— איך האָב האַלט אונזערע נעכט; כ׳האָב נישט ליב אונזערע טעג.

דערנאָך פאַלן לאַנגזאַם אומקלאָרע, צעשטרייטע ווערטער, אין מתיקותדיקער פאַרוויגונג — די ווערטער מישן זיך צייט־ווייז צונויף און האָבן שוין קיין געשטאַלט נישט; די ביידע מיילער זעגען נאָענט צו זיך ווי צוויי ליפּן:

— באַטאָג ווערט מען צעשטויבט, און מ׳פאַרלירט זיך. ערשט באַנאַכט איז מען זיך באמת מתקרב.

— אַך! — האָט געזאָגט די צווייטע שטים — כ׳וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך ליבן באַטאָג!

*

* *

— דאָס וועט אַמאָל זיין, אפשר... שפּעטער, אַך, שפּעטער.

די ווערטער קלינגען אָפּ אין אַ לאַנגן, וויטן עכאָ. דער־נאָך זאָגט די שטים:

— אינגיכן...

— מיין גאָט! — זאָגט די אַנדערע מיט אַ שוידער פון האָפענונג.

כ׳האָב שוין געהערט דאָסזעלבע קלאָגן זיך; גלייך ווי ס׳וואָלט נישט געווען אויף דער וועלט קיין אַנדערע ליידן: „איך, וואָס האָב אַזוי געגאַרט צו לעבן אין דער ליכטיקייט — האָט אַנומלט געקרעצכט די אומטרייע פרוי.

דערנאָך נעמען זיי רעדן שטילערהייט, אין מטושטשדיקע זאַצן, וואָס זייער אָנהויב הער איך שלעכט, און וועלכע כ׳קאָן נישט צונויפבינדן. זיי רעדן וועגן זוניקע אַלטאַנעס, וועגן

אַלטע פּאַרקן מיט שאָטנדיקע אַלעען און טיפע סאַדשעלקעס, וועלכע פינקלען און שימערירן מיטאָגצייט אַזוי, אַז מ׳קען אין זיי נישט אַריינקוקן, פונקט ווי אין דער זון.

פאַרזונקען אין שאָטן, זייענדיק אַליין שאָטנס, שאַפן זיי ליכטיקייט; זיי טראַכטן וועגן העלן טאָג, און ווילן אים דע־ראָפּערן פאַר זיך. און זיי פּישופן אַרויס פונם טיפן געפל אַ מין ליכטיקן דענקמאָל פון הימל־בלאָקייט און זומער.

און וואָס לענגער זיי רעדן וועגן דער זון, אַלץ שיילער און אויסגעלאָשענער ווערט זייער שטים.

נאָך אַ ווײַלע ערנסטן און מילדן שטילשווייגן, הער איך:

— ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי די ליבע באַשיינט דיך, ווי דיין שמייכל באַשטראַלט דיך!

און פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט נאָכאַנאַנד דערדאָ־זיקער שמייכל...

דערנאָך האָט די מעלאָדיע פון זייער חלום אומגעביטן די בילדער, נישט פאַרלירנדיק די העלקייט. זיי באַלעבן אויפ־סניי די סאַלאָנען, די שפיגלען, און די פּרעכטיקע קאַנדעליאַ־ברעס... זיי רופן אַרויס זכרונות פון באַנאַכטיקע פאַרוויילונגען אויפן וויגנדיקן וואַסער, וואָס איז באַזייט געווען מיט שיפלעך און פאַרביקע באַלאָנען — רויטע, גרינע, בלאָע — ענלעך צו דאַמען־שירמען אונטער דער זון, אין פאַרק...

נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט איינע פון זיי, מיט אַ בעטנדיקן טאָן, צוריק אויפגענומען דעם שמועס, פאַרראַטנדיק דעם אומענדלעכן, שטאַרקן דראַנג און דעם ביז משוגעת ריזיקן באַגער צו פאַרווירקלעכן דעם חלום, און זי האָט געזאָגט:

— איך פיבער. כ׳האָב דאָס געפיל, ווי אויף מיינע הענט וואָלט געברענט די זון.

* *

און אין אַ ווײַלע אַרום*האַסטיק

— דו ווייסט! דיין באַק איז פייכט, פונקט ווי דיין מויל.

מיר וועלן קיינמאָל דאָס אַלץ נישט האָבן! מיר וועלן דאָסדאָזיקע ליכט בלויז אין אונזערע חלומות האָבן, וועלכע מיר וועבן אויס באַנאַכט, בעת מיר זעמיר צוזאַמען.

— מיר וועלן עס האָבן! — האָט אויסגעשריגן די אַנ־

דערע — ס'וועט אַמאָל קומען אַ סוף צו אַלץ, וואָס איז טרויעריק.

און זי האָט צוגעגעבן גדלותדיק:

— מיר האָבן עס שוין כּמעט. דו זעסט עס גאַנץ גוט!

— אַך! ווען מ'וואָלט געוווסט! — האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן מיט עפּעס אַ מין פאָרוואורף, וואָס מענטשן ווייסן נאָכנישט וועגן זיי. — אַלע וואָלטן אונז מקנא געווען; אפילו די פאַרליבטע, און אפילו די גליקלעכע!

דערנאָך האָבן זיי ווידער איבערגעחזרט, אַז גאָט קוקט אויף זיי. דידאָזיקע נעפּלדיקע פּאָר, וועלכע איז געווען צונויפגעפלאָכטן אין דער פינצטערניש, האָט געטרוימט וועגן אַ גרויסער אילומינאַציע, אַז גאָט זאָל זיי אַנטדעקן און זיי באַרירן מיט זיין האַנט. זייערע פאַרייניקטע נשמות האָבן אַוועקגעשוועבט צו אַ טיפער און גרעסער לעבן. כ'האָב אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט: „אייביק!"

צעדריקט און צעריבן ביז צו גאָרנישט, האָבן דידאָזיקע מענטשלעכע נפשות, וואַלגערנדיק זיך מסתּם אייגס לעבן אַנדערן ווי די לאַרוועס, אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אייביק!" זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס איבערמענטשלעכע וואָרט, דאָס איבערנאַטירלעכע און אויסערגעוויינטלעכע וואָרט.

אַלע הערצער זענען צו זיך ענלעך. דער געדאַנק, וואָס איז אָנגעפילט מיט דעם אומבאַקאַנטן, דאָס נאַכטישע בלוט און דער חשק, וועלכער איז געגליכן צו דער נאַכט, זיי שליידערן זייער זיגערישן געשריי אַרויס. בעת די פאַרליבטע האַלזן זיך אַרום, קעמפט איטלעכער פאַר זיך, און זיי זאָגן: „כ'האָב דיך ליב!" זיי וואַרטן, וויינען, ליידן, און זיי זאָגן: „מיר זענען גליקלעך!" זיי פאַלן שוין פאַרשמאַכטע אַוועק און פאַרלאָזן זיך און זיי זאָגן: „אייביק!" מ'וואָלט געקאָנט גלויבן, אַז אין דעם טיפן אָפּגרונט, אין וועלכן זיי זענען פאַרזונקען, האָבן יי, פּונקט ווי פּראָמעטעוס, אַוועקגערויבט דאָס פייער פון הימל.

און כ'האָב אָנגעהויבן זיי צו זוכן, אָטעם נאָך אָטעם...

אַך! ווי איך האָב זיי געגאַרט צו זען אין דערדאָזיקער רגע! כ'האָב עס געוואָלט אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי כ'האָב געוואָלט לעבן; אַנטדעקן דידאָזיקע זשעסטן, דעמדאָזיקן בונט, דעמדאָ-

זיקן גן-עדן און דידאָזיקע פּנימער, פונוואַנען דאָס אַלץ איז אויסגעהויכט געוואָרן. אָבער כ׳האָב נישט געקאָנט דערגרייכן ביז צום אמת. כ׳האָב קויב געזען דאָס פענצטער פונוויינס, וואָס האָט זיך אָפּגעצייכנט אין דעם אומדערגרייכלעכן חשכות פון צימער, ווי עפּעס אַ נעפּלהאַפטער מילך-וועג. כ׳האָב שוין מער נישט געהערט קיין ווערטער, נאָר עפּעס אַ מטושטש געפּליסטער... כ׳האָב נישט געוווּסט, צי דאָס איז געווען די באַווילִיקטע איינשטימונג פון די הערצער, אָדער גאָר אַ קלאָגליטאַניע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן אויס דער ווּנד פון זייערע מיילער.

דערנאָך איז דאָסדאָזיקע געמורמל אויך אַנטשוויגן געוואָרן. אפשר זענען זיי איינגעשלאָפן אין די אָרעמס, איינס לעבן אַנדערן און אפשר זענען זיי אַוועקגעגאַנגען, כדי זיך ערגעץ אַנדערשוווּ צו פאַרבלענדן מיט זייער איינציקן אוצר.

דער שטורעם האָט זיך אויפסניי צעבושעוועט.

* *
*

לאַנג קעמף איך קעגן שאָטן. אָבער דער שאָטן איז שטאַרקער פון מיר, ער באַגראָבט מיך. איך זינק אַראָפּ אויפן בעט און בלייב ליגן אין דער נאַכט און אין דער שטילקייט. איך זעץ מיך אויף און פליסטער אַ תּפילה; כ׳האָב אַרויסגעשטאַמלט "„De profundis —‏

דע פּראָפונדיס... אַלמאַי איז דערדאָזיקער געשריי פון שרעקלעכער האָפענונג, דערדאָזיקער געשריי פון עלנט, פּיין און אימה, אויפגעשטיגן הייַנטיקער נאַכט פון מיין אינגעווייט צו מיינע ליפּן אַרויף?..

דאָס איז דער ווידוי פון אַלע באַשעפענישן. אַוואָסערע ס׳זאָלן נישט זיין די ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגערעדט געוואָרן דורך די מענטשן, אין וועמעס גורל איך האָב זיך אַריינגעריסן, האָבן זיי דאָס אַלץ אַרויסגעשריגן אויס זייער טיפעניש — און נאָך די אַלע טעג און נעכט, וועלכע כ׳האָב פאַרבראַכט אין איינהערן זיך, האָב איך בלויז דאָס אַליין פאַרנומען. דערדאָזיקער רוף, וועלכער שטייגט אויף פונם אָפּגרונט

צום ליכט אַרויף, דערדאָזיקער געמיינזאַמער קאַמף פון באַ־
האַלטענע וואָרהייטן, פון אַלע זייטן שטייגט ער אויף, און פון
אַלע זייטן זינקט ער אַראָפּ; און איך, געפּלאָגט און געפּייניקט דורכן
דראַנג צו באַקענען דעם אמת פון דער מענטשהייט, הילך מיט
אים איינגאַנצן אָפּ.

כ׳ווייס נישט, ווער איך בין, וווהין איך גיי, וואָס איך
טו — אָבער איך האָב אויך אַרויסגעשריגן אויס דער טיפע־
ניש פון מיין תהום נאָך אַ פונק ליכטיקייט.

VII

אין צימער הערשט די אינדערפריאיקע אומאָרדענונג. עמע געפינט זיך דאָרט מיט איר מאַן. זיי זענען אָקאָרשט געקומען צו פאָרן.

כ'האָב זיי נישט געהערט אַרײַנגיין. כ'בין אַפּנים געווען צו מיד.

ער האָט נאָך דעם הוט נישט אַראָפּגענומען; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן דעם בעט, וועלכעס איז נאָך נישט געווען צוגעבעט. אָבער כ'זע דײַטלעך דעם לענגלעכן אָפּדריק פון אַ מענטשלעכן קערפּער, אָדער פון אַ פּאָרל.

זי טוט זיך אָן. כ'האָב אָקאָרשט געזען, ווי זי איז פאַרשווונדן אין דער טיר פון טואַלעט-צימער. איך באַטראַכט דעם מאַן, וואָס זײַנע רעגלמעסיקע שטריכן פאַרראַטן אַ געוויסע פּאָרנעמקייט. די ליניע פון שטערן איז גוט געצייכנט; בלויז דאָס מויל און די וואָנסן זענען אביסל וווּלגאַר. ער האָט אַ געזונטערן און קרעפּטיקערן אויסזען, איידער יענער געליבטער. די האַנט, וועלכע שפּילט זיך מיטן שטעקעלע, איז לאַנג און שמאָל. די גאַנצע פיגור זײַנע איז אויסגעשטאַט מיט אַ היפּשער עלעגאַנץ. איז דאָס בכן דער מאַן, וועלכן זי נאַרט אָפּ און וועלכן זי האָט פײַנט! אָטאָ-דאָס איז דער קאָפּ, דאָס געשטאַלט, דער אויסדרוק, וועלכע זענען אין אירע אויגן אַזוי פאַרמיאוסט און דערעסן און מישן זיך צונויף מיט איר אומגליק.

מיטאַמאָל באַווייזט זי זיך ווידער אין צימער; דאָס האַרץ הערט מיר אויף צו קלאַפּן, דערנאָך טוט עס מיך אַ ריס אַהין צו איר.

זי איז האַלב-נאַקעט: אַ דינינקע און קורצינקע פּיאָלעט-העמדל, וואָס איז אָנגעשפּאַנט און אויסגעוועלבט אויף איר בו-זעם, טוליעט זיך זאַנפט, בײַ די באַוועגונגען פון אירע טריט, צו דער רונדיקייט פון איר קערפּער צו.

זי קומט צוריק פון טואַלעט-צימער, אַביסל מיד און שלעפּעדיק פון די טויזנטער קלײניקייטן, וואָס זי האָט שוין אויסגעפירט. זי האַלט אַ ציינבערשטעלע אין דער האַנט; דאָס רויטע מויל איז נאָך גאַנץ פייכט, און די האָר צעלאָזט. די קניען זענען צאַרט און שיין, דאָס קלײנע רונדיקע פיסל שוועבט זאַנפט אויפן הויכן, שפּיציקן קנאַפּל.

דאָס צימער איז נישט צוגערוימט און איז אָנגעפילט מיט פאַרשידענע שמעקעדיקע ריחות: זייף, פודער, קעלניש וואַסער. דאָס אַלץ איז אײַנגעשלאָסן אין דער דעמפּיקייט פון פרי-מאָרגן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע און האָט זיך באַלד צוריק אומגעקערט. זי איז נאָך באַדעקט מיט לעבעדיקייט און זייפנשוים; דערנאָך שטייט זי אינגאַנצן אַ פרישינקע און ווישט אָפּ די וואַסער"טראָפּנס פון איר ראָזיקן פּנים.

עד רעדט צו איר, ער דערקלערט איר עפּעס אַ גע-שעפטלעכן ענין. ער האַלט אויסגעשטרעקט די פיס. דאָ קוקט ער אויף איר, דאָ קוקט ער זיך ווידער איבער צימער ארום.

— ווייסט, די בערנאַרדס האָבן נישט מסכּים געווען אויף דעם אייזנבאַן-עסק...

דאָסמאָל פאָלגט ער איר נאָך מיט די אויגן, בעת ער רעדט, דערנאָך קוקט ער ערגיץ אַנדערש, לאָזט זײַנע בליקן רוען אויפן טעפּיך, טוט אַן אַנטוישטן קנאַל מיט דער צונג, אינגאַנצן פאַרזונקען אין זײַן געדאַנק — בעת-מעשה שפּאַנט זי אויף און אָפּ איבערן צימער, ווייזנדיק אירע געוועלבטע היפּטן, אירע יאָדערדיקע לענדן, איר בלאַסן בויך און דעם געדיכטן שאָטן אונטער אים.

מײַנע שלייפן פולסירן; מײַן גאַנץ לײַב לעכצט נאָך דער-דאָזיקער כּמעט נאַקעטער פרוי, וועלכע איז אַזוי רײַצנדיק אין ליכט פון פרימאָרגן, און אין דערדאָזיקער דורכזיכטיקער הלבשה, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיטן זיסן ריח פון איר וועזן... און

מ'הערט נאָך אָפּקלינגען די באַנאַלע רייד פונם מאַן, די פּרעמ־דע, גלייכגילטיקע ווערטער, די לעסטערנדיקע ווערטער אין דאָזיקן צימער, וועלכעס איז אָנגעפילט מיט איר הער⸗עכער באַקעטקייט.

זי טוט אָן איר גאָרסעט, די זאָקן־בענדלעך, דעם טרי־קאָט, דאָס אונטערקליידל. דער מאַן בלייבט זיצן אין זיין חיהשער גלייכגילטיקייט, פאַרנומען רק מיט זיינע געדאַנקען.

... פאַרן שפּיגל פון קאַמין האָט זי פונאַנדערגעלייגט אירע שאַכטעלעך און פלעשעלעך. דער שפּיגל פונם וואַש־צימער האָט איר אפּנים אויסגעוויזן נישט גענוגנדיק פאַר דעם, וואָס, זי האָט געוואָלט טון.

בעת זי איז אַזוי פאַרפאַרעט באַ איר טואַלעט, רעדט זי צו זיך אַליין. זי פּלאַפּלט, זי איז הייטער און אויפגעלייגט, מחמת דער פרילינג פון טאָג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

זי איז אומגעווײנלעך באַשעפּטיקט און פאַרפאָרעט. זי פּטרט אַ שלל מיט צייט אויף טויזנטער קלייניקייטן, אָבער דאָס זענען וויכטיקע און לגמרי נישט קיין פאַרלוירענע שעהן. אי־בעריקנס, זעט מען, אַז זי איילט זיך.

איצט שליסט זי אויף די שאַנק און נעמט אַרויס אַ העל־לייכט קלייד, און זי האַלט עס אין די אָרעמס, ווי אַ נעסט פון קליינע עופהלעך.

זי טוט עס אָן. דאַן פאַלט איר פּלוצלינג אַ געדאַנק איין, און אירע הענט פאַרהאַלטן זיך.

— ניין, ניין, אומבאַדינגט נישט — זאָגט זי.

זי טוט אויס איר קלייד און נעמט אַן אַנדערס: אַ טונ־קעלע יאַקע און אַ בלוזקע.

זי נעמט דעם הוט אין האַנט אַריין, בעסערט אַביסל אויס דעם שלייף פון דער באַנד, דערנאָך האַלט זי די רויזן־באַפּוצונג נאָענט צו איר פּנים. זי קוקט זיך איין אין שפּיגל, און אַ צופרידענע, בלי־ספק, ברומט זי אונטער עפּעס אַ לידל.

* *

*

ער קוקט נישט אויף איר, און אפילו ווען ער קוקט, זעט ער זי אויך נישט!

אַך! דאָס איז פייערלעך; דאָס איז אַ דראַמע, אַ טרויעריקע, אנגעטפולע דראַמע. דערדאָזיקער מאַן איז נישט גליקלעך, און דאָך בין איך אים מקנא זיין גליק. זאָגט מיר, מיט וואָס קאָן מען דאָס פאַרענטפערן, אויב נישט דערמיט, אַז דאָס גליק ליגט אין אונז גופא, אין איטלעכן פון אונז, און אַז דאָס איז די אייביקע תשוקה נאָך דעם, וואָס מען האָט נישט.

דידאָזיקע מענטשן זענען צוזאַמען, אָבער אינדערמאמתן זענען זיי ווייט, ווייט איינער פון אַנדערן; זיי האָבן זיך פאַרלאָזט, נישט צעשיידנדיק זיך. עס ליגט אויף זיי עפּעס אַ מין פאַרשווערונג פון דעם נישטזיין. זיי דערנעענטערן זיך שוין מער נישט צו אייגאַנדער, מחמת די פאַרלאָשענע ליבע גראָבט אויס אַ מוראדיקן תהום צווישן זיי. דידאָזיקע שרעקלעכע שטילקייט, דידאָזיקע אומענדלעכע קעגנזייטיקע גלייכגילטיקייט — דאָס איז די גרויזאַמסטע זאַך אין דער וועלט. שוין זיך נישט ליב האָבן, דאָס איז ערגער, ווי זיך צי האַסן — מחמת דער טויט איז ערגער, ווי דאָס ליידן.

ס'איז מיר אַ רחמנות אויף די מענטשן, וועלכע גייען דורך דאָס לעבן פאַרנוויין, צוגעשמידט מיט קייטן פון גלייכגילטיקייט. ס'איז מיר אַ רחמנות אויפן אָרימען מענטשלעכן האַרץ, וואָס באַזיצט אַזוי קורץ דאָס, וואָס ער האָט; ס'איז מיר אַ רחמנות אויף די יעניקע, וועלכע האָבן אַ האַרץ, און קאָנען דאָך שוין נישט ליבן.

און פאַר דערדאָזיקער אַזוי פשוטער און האַרצרייסנדיקער סצענע, האָב איך געשפּירט אַ ווײַלע לאַנג די אומגעהויערע און אומצאָליקע יסורים פון די, וועלכע ליידן נאָך מער פון מיר.

* * *

איצט איז זי שוין אינגאַנצן אָנגעטון. זי האָט גענומען אויף זיך אַ טונקעלן זשאַקעט, פון הינטער וועלכן עס קוקט אַפּער די ווייסע, דורכזיכטיקע בלוזע. זי פאַרלאָזט אונז.

ער קלייבט זיך אויך אַוועקצוגיין. די טיר עפנט זיך ווידער אויף. שוין־זשע קערט זי זיך אום?.. ניין, דאָס איז

דאָס דינסטמיידל. זי מאַכט אַ מינע צוריק אוועקצוגיין.

— כ׳האָב געוואָלט צוראַמען, אָבער כ׳שטער דעם הער...

— איר קאָנט בלייבן.

דאָס מיידל פאַרמאַכט די שאַנק, דעם שופלאָד, זי לייגט גלייך פאַרשידענע חפצים... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און קוקט אויף איר פּונדערזייט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, ער דערנעענטערט זיך, אימ־געשיקט, גלייך ווי שיכּורלעך... ס׳הערן זיך טריט, דערנאָך אַ געשריי, וואָס ווערט פאַרשטיקט דורך אַ גראָב געלעכטער; זי לאָזט אַראָפּ אויף דר׳ערד איר בערשטל און דאָס קלייד, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט... ער כאַפּט זי אָן הינטן אַרומעט, און שטעקט אַריין ביידע הענט אין איר בלוזקע אַריין.

— אך! אָבער ניין, באמת, וואָס האָט זיך עס אייך פּלוצ־לינג פאַרגלוסט?

ער ענטפערט גאָרנישט, דאָס פּנים פאַרלאָפן מיט בלוט, זיין אויג איז שטאַר, ווי בלינד; ער האָט קוים געלאָזט פאַלן עפּעס אַן אומגעלומפּערטן קלאַנג: דאָס שטומע וואָרט, וואָס אָטעמט מיט הוילער גשמיות. פון צווישן זיינע פלאַמענדיקע, איבער די ציין לייכט פאַרשאַרצע ליפּן, הערט מען אַ האַסטיק קייכן, ווי דאָס סאַפּען פון אַ מאַשין... ער האָט זיך איינגע־קלאַמערט אין דאָזיקן לייב, מיטן בויך אויף איר רוקן, און וואַרפט זיך אויף איר ווי עפּעס אַ לייב, אָדער גאָר ווי אַ מאַלפּע.

דאָס מיידל לאַכט מיטן ברייטן, רויטן פּנים. אירע האַלב צעפלאָשעטע האָר פאַלן איר אַראָפּ איבערן שטערן, אירע יאַ־דערדיקע ברוסטן ציען זיך איין אונטער די קראַמפּהאַפטע פינ־גער, וואָס דריקן זיי צו.

ער וויל איר אויסטון דאָס קלייד, אָדער עס אונטער־הייבן. זי קלעמט צונויף די פיס און שפּאַרט אָן די הענט אויף אירע ברייטע שענקלען, כדי צוצוהאַלטן דאָס קלייד. דאָס גע־לינגט איר נאָר האַלב. מ׳זעט אַרויס אירע זאָקן, וואָס פאַלבן זיך אויף די גראָבע, קיילעכיקע פיס, אַ שטיקל פון איר העמד און די אַלטע, אָפּגענוצטע פאַנטאָפל; זיי טרעטן אויפן קלייד

פון דער פרוי, וואָס די דינסט האָט פריער אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד.

דערנאָך געפינט זי איין, אַז דאָס האָט שוין צו לאַנג געדויערט:

— נו, נו, גענוג שוין, מיין קליינער, גענוג!

אזוי ווי ער האָט נאָך אַלץ נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, צודריקנדיק צו איר נאַקן זיין קין, ווי דעם קינבאַק פון אַ חיה, האָט זיך דאָס מיידל געגומען בייזערן:

— אַך, ביין! גענוג צום טייוול, גענוג, זאָג איך!

...ער האָט זי ענדלעך אָפּגעלאָזט און ער גייט אַוועק, לאַכנדיק מיט אַ פאַרפלוכט געלעכטער, מיט אַ געלעכטער פון בושה און ציניזם. ער וואַקלט זיך כמעט, אונטער דער ווירקונג פון עפּעס אַ מעכטיקער, אינערלעכער אויפטרייסלונג.

ער גייט אַוועק צווישן די איבעריקע פרויען, וועלכע ער באַגעגנט אויף דער גאַס. זיינע אויגן בלאַנזשען ווי אין אַ קאָשמאַר, וואָס הייבט אונטער די קליידער איבער די קעפּ אַריבער.

די תאווה זידט אין אים און זוכט זיך אַן אויסוועג. אויב דאָס, וואָס ס'מאַכט אים משוגע, שפּריצט פון אים נישט אַרויס, וועט עס אים צום קאָפּ אַרויפשטייגן, פונקט ווי דער מאַמעס מילך. אָט איז ער דאָ, דער אבותדיקער מענטש, וואָס טאַפּט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס נאָך דער ארומהאַלזונג, וועלכער איז צענאָגט פון אַ לעכצנדיקער ווונד, און ער וואַקלט זיך צו אַ ליבעס-בעט, געטריבן פון זיין מעכטיקער תאווה.

אָבער ס'איז נישט בלויז דער אומגעהויערער אינסטינקט: מחמת ער האָט דאָך אָקאָרשט געהאַט פאַר זיך די פּרעכטיקע פרוי (און דאָס ליכט, וואָס האָט זיך געשפּילט אין אירע לופּ-טיקע שלייערן האָט באַשטראַלט און באַזוניקט איר גאַנצן לייב); אָבער ער האָט זי נישט באַגערט.

אפשר האָט זי אים אָפּגעזאָגט, אפשר האָבן זיי געשלאָסן צווישן זיך עפּעס אַן אָפּמאַך... אָבער כ'האָב גאַנץ גוט געזען אַז אפילו די אויגן, וועלכע האָבן זיך גלייך אָנגעצונדן און ווי אויסגעהונגערט זיך אַ וואָרף געטון אין דער רגע, ווען

ס׳האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל יענע מגושמדיקע ווענוס מיט די שמוציקע האָר און פאַרבלאָטיקטע בעגל.

מחמת ער האָט זי נישט געקענט, מחמת זי איז געווען אַן אַנדערע ווי די, וועלכע ער קען. באַזיצן דאָס, וואָס מ׳האָט נישט... און אַזוי — הגם דאָס קאָן זיך אויסווייזן גאָר אויס־טערליש — אָבער דאָס איז אַ הויכער און אייביקער געדאַנק, וואָס פירט דעם אינסטינקט. דאָס איז אַ געדאַנק, וואָס טרייבט אכזריותדיק דעם מאַן צו די פיס פון דער אומבאַקאַנטער פרוי, און פאַרוואַנדלט אים אין אַ חיה, וועלכע לויערט אויף איר קרבן. אָנגעשפּיצט איז זיין אויפמערקזאַמקייט און זיינע אויגן ווערן מגלגל אין שאַרפע פאַזורעס. ער ווערט געשטויסן און געטריבן פון אַ טראַגישער פאַרביטערטקייט, גלייך ווי ער וואָלט מוזן באַגיין אַ מאָרד, כדי זיך באַם לעבן צו דערהאַלטן.

איך, — וועמען ס׳איז געגעבן געוואָרן אַרומצוגעמען מיטן בליק דידאָזיקע מענטשלעכע ראַנגלענישן, דעמדאָזיקן מאַוימדיקן קאַמף, וועלכער איז אַזוי פאַרביטערט און צעבושעוועט, אַז גאָט אַליין זעט אויס אָנמעכטיק צו זיין לגבי אים — איך פאַרשטיי, אַז אַ סך זאַכן, וועלכע מיר זעען מחוץ אונז, זע־נען אין אונז גופא. דאָ ליגט דער סוד. אָך! ווי די שלייערן פאַלן, ווי די פשוטקייט דערשיינט פאַר אונזערע אויגן!

* *

*

דער פרישטיק אונטן האָט מיך צוגעצויגן מיט אַ מאַגי־שער קראַפט. כ׳האָב אויפמערקזאַם באַטראַכט אַלע פּנימער, באַ־מיענדיק זיך צו דערקענען דיביידע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געליבט באַנאַכט.

אָבער כ׳האָב בחינם אויסגעפרעגט די פּנימער פאָר נאָך פאָר, זוכנדיק צו זען עפּעס אַ מין ענלעכקייט. גאָרנישט האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן וועג. כ׳האָב זיי נישט דערקענט מער, ווי דעמאָלט, בעת ס׳האָט זיי איינגעהילט די שוואַרצע נאַכט.

...באַם טיש זיצן פינף יונגע מיידלעך אָדער יונגע ווייב־לעך. איינע פון זיי פאַרבאָרגט אין איר לייב אַ לעבעדיקע

און ברענענדיקע דערינערונג. אָבער אַ ווילנס־קראַפט, וועלכע איז שטאַרקער פון מיר, פאַרשליסט איר פּנים, איך ווייס קיינ־זאַך נישט און בין דערדריקט דורך דעם גאָרנישט, וואָס רינ־גלט מיך אַרום.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער. כ׳ווייס נישט... אָך, די הענט קראַמפן זיך מיר צונויף אין דעם אין־סוף פון דער אומזיכערקייט, און פרעסן בלויז דעם פוסטן חלל צווישן די פינגער צו; אָט שטיי איך דאָ אַ דער־שלאָגענער לגבי די אַלע מעגלעכקייטן, לגבי דעם אַלעם, וואָס איז אומקלאָר און מטושטש לגבי אַלץ...

* *
*

דידאָזיקע דאַמע! איך דערקען עמען, די געליבטע. זי שטייט מיט דער באַלעבאָסטע לעבן פענצטער און רעדט מיט איר, כ׳האָב זי פריער נישט דערקענט, מחמת ס׳האָבן אונז פונאַנדערגעטיילט די איבעריקע געסט.

זי עסט ווייַנטרויבן, זייער פאָרנעם און מיט עטוואָס איינגעשטודירטע באַוועגונגען.

איך דריי מיך אויס צו איר. זי הייסט פרוי מאַנזשעראָן אָדער מאַנזשעראַט. דערדאָזיקער נאָמען קומט מיר קאָמיש פאָר. אַלמאי הייסט זי אַזוי? מיר ווייזט זיך אויס, אַז דערדאָזיקער נאָמען קליידט איר נישט, אָדער אַז ער איז איבעריק. עס פאַלט מיר אויף דער געקינצלטער כאַראַקטער פון ווערטער, צייכנס.

דאָס מאָלצייט איז צו ענדע. כמעט דער גאַנצער עולם איז שוין אַרויסגעגאַנגען. די שאָלן פון קאַווע, די קליינע קלעפּיקע ליקער־גלעזלעך זענען צעשפּרייט איבערן טיש, אויף וועלכן עס פאַלט אַ זונענשטראַל, וואָס באַשימערט דאָס טישטוך און מאַכט פינקלען דאָס גלאָזוואַרג. אַ לענגלעכער פלעק פון קאַווע טריקנט־איין, אַרויסגעבנדיק פון זיך אַ שאַרפן ריח.

איך מיש מיך אַריין אינם שמועס, וועלכן זי פירט מיט פרוי לעמערסיע. זי קוקט מיך אָן. כ׳דערקען קוים איר בליק. וועלכן כ׳האָב אַזוי גוט געזען.

דער דינער קומט אַריין און זאָגט עפּעס שטילערהייט צו דער פרוי לעמערסיע, זי שטייט אויף, אַנטשולדיקט זיך און גייט אַרויס. איך שטייט לעבן עמען, צו וועלכער כ'האָב זיך אָקאָרשט דערנענט. איז עס־זאָל איז קוים פאַראַן אַ דריי אָדער פיר פערזאָן, וועלכע שמועסן וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרברענגען דעם נאָכמיטאָג.

כ'ווייס נישט, וואָס כ'זאָל איר זאָגן, דערדאָזיקער דאַמע. דער שמועס צווישן איר און מיר קלעפּט זיך עפּעס נישט, ער הערט אינגאַנצן אויף. זי מוז אַפּנים אָננעמען, אַז זי אינ־טערעסירט מיך נישט. — די דאָזיקע פרוי, וועמענס האַרץ איך זע אַזוי קלאָר, און וועמענס גורל איך קען אַזוי גוט, ווי ס'קאָן אים נאָר קענען גאָט אַליין.

זי שטרעקט אויס די האַנט נאָך אַ זשורנאַל, וואָס ליגט אויפן טיש, פאַרטיפט זיך אַ ווײַלע אין לייענען, דערנאָך לייגט זי צו דאָס בלאַט, שטייט אויף און גייט אויך אַרויס.

פאַרנודעט דורך דער באַנאַלקייט פון לעבן, און אגב פאַרמאַטערט פון דער שלעפּעדיקער נאָכמיטאָג־צייט, שפּאַר איך אָן אַ שלעפעריקער מיינע עלנבויגנס אויפן טיש, אויפן לאַנגן מיט זון פאַרגאָסענעם און פאַרחלשטן טיש — און כ'מאַך כל־ערליי אָנשטרענגונגען נישט אויסצוציען מיינע הענט, נישט אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ און שליסן מיינע וויעס.

און אין דאָזיקן זאַל, וואָס איז פול מיט אומאָרדענונג, וואָס איז שוין דיסקרעט באַלאַגערט דורך די דינערס, וועלכע איילן זיך אַראָפּצוראַמען פון טיש, כדי אים צוצוגרייטן צום נאַכטמאָל, בלייב איך כמעט איינער אַליין, נישט וויסנדיק, צי כ'בין זייער גליקלעך אָדער זייער אומגליקלעך, נישט וויסנדיק, וואָס ס'איז אייגנטלעך דאָס רעאַלע, און וואָס ס'איז דאָס איבער־נאַטירלעכע.

דערנאָך אָבער באַגרייף איך עס, זאַכט און ביסלעכווייז... איך וואַרף אַ בליק אַרום מיר. איך באַטראַכט יעדע זאַך פשוט און געלאַסן. דערנאָך פאַרמאַך איך די אויגן, און איך זאָג צו מיר, ווי אַן אויסדערוויילטער, וואָס גיט זיך ביסלעכווייז אָפּ אַ חשבון פון זיין אַנטפּלעקונג; „אָבער די אומענדלעכקייט, דאָ ליגט זי

טאַקע; אָט איז דער אמת, אין וועלכן כ׳קאָן מער נישט צווייפלען״. דידאָזיקע באַשטימטקייט וואָרצלט זיך איין: נישט פאַראַן קיין אויסטערלישע זאַכן; דאָס איבערנאַטירלעכע עקזיסטירט נישט, אָדער ריכטיקער, איבעראַל איז עס דאָ. עס ליגט אין דערווירקלעכקייט גופא, אין דער פשוטקייט, אין דער מנוחה. עס ליגט דאָ, צווישן דידאָזיקע מויערן, וועלכע דערוואַרטן עפּעס... דאָס רעאַלע און דאָס איבערנאַטירלעכע — ס׳איז איינע און די זעלביקע זאַך.

איך, וואָס כ׳בין ענלעך צו אַנדערע, בין באַשאַפן פון דער אומענדלעכקייט. אָבער ווי דאָס אַלץ ווייזט זיך מיר אויס אומקלאָר, מטושטש! און איך טרוים וועגן מיר גופא, וואָס כ׳קען נישט געפינען דעם אייגענעם „איך״ דורכדרינגען און נישט זיך פון אים באַפרייען, כ׳בין ווי אַ שווערער שאָטן צווישן דער זון און מיין אייגענעם האַרץ.

דיזעלביקע דעקאָראַציע האָט זיי אַרומגערינגלט, דערזועלביקער האַלב-שאָטן האָט זיי פאַרטונקלט, ווי דאָס ערשטע מאָל, בעת כ'האָב זיי געזען צוזאַמען. עמע מיט איר געליבטן זענען געזעסן, נישט ווייט פון מיר, זייט ביי זייט.

זיי האָבן שוין מסתם געהאַט גערעדט אַ היפשע ווײַלע, בעת איך האָב זיך דערנענט צו דער מויער.

זי איז געזעסן אויף דער סאָפע, פאַרשטעלט דורכן אָוונט-שאָטן און דורכן שאָטן פון דעם מאַנסביל. ער איז געווען אויסגעבויגן אויף פאָרנטצו, אַ בלייכער, מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף די קני.

די נאַכט איז נאָך געווען איינגעהילט אין אַ גראָער און זיידענער אָוונט-זאַנפטקייט; באַלד וועט זי זיין איינגאַצן נאַקעט. זי האָט געזאָלט אַראָפּפאַלן אויף זיי ווי אַ חולאת, פון וועלכער מ'ווייסט נישט, צי דער מענטש וועט פון איר געהיילט ווערן, אָדער נישט. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָס פאַרגעפילט, ווי זיי וואָלטן געזוכט זיך צו ווערן, און האָבן אָנגעצנומען אַקעגן דעם אומפאַרמיידלעכן חשכות די פאַרזיכטס-מיטלען פון ווערטער און געדאַנקען.

זיי האָבן זיך האַסטיק אונטערגעהאַלטן מיט פלוידערייען וועגן דעם און יענעם, אָן געפיל, אָן אינטערעס. כ'האָב געהערט אָנרופן די נעמען פון ערטער און מענטשן. זיי האָבן גערעדט וועגן אַ באַנהויף, וועגן אַן עפנטלעכן פאַרק, וועגן אַ בלומען-געשעפט.

מיטאַמאָל איז זי אַנטשוויגן געוואָרן אַ פּאַראַמערטע פאַרבאָרגנדיק דאָס געזיכט אין אירע הענט.

ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, מיט אַ מין טרויעריקער לאַנגזאַמקייט — ער איז אַפּנים שוין צוגעוווינט געווען צו דידאַזיקע שוואַכקייטן, — און ער האָט גענומען רעדן צו איר, נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן, און צוריקנדיק זיך צו איר, ווי נאָענט ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— אַלמאַי ווײנסטו? זאָג מיר, פאַרוואָס דו ווײנסט?

זי האָט נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זי אַוועקגענומען די הענט פון די אויגן און אים אָנגעקוקט:

— פאַרוואָס? צי ווייס איך דען! — האָט זי געזאָגט — טרערן זענען נישט קיין ווערטער.

* *
*

כ'האָב זי געזען ווײנען, זיך באָדן אין טרערן. אַך! דאָס איז אַגרויסע רגע, צו זײַן דערבײַ, בעת ס'ווײנט אַ מענטש אַ בר-דעת! בעת עס ווײנט אַ גאָר שוואַך און גאָר צעבראָכן באַשעפעניש, מאַכט עס דעם זעלבן רושם, ווי עפּעס אַן אַלמעכטיקער גאָט, צו וועלכן מ'איז מתפּלל... מחמת אין זײַן שוואַכקייט און אין זײַן אָנמאַכט שטײַגט אַזאַ באַשעפעניש די מענטשלעכע כּוחות אַריבער.

עפּעס אַ מין אָבערגלויבישע באַוווּנדערונג האָט מיך אַרומגעכאַפּט לגבי דעם פּנים פון דעראָזיקער פרוי, וואָס האָט זיך געבאָדן אין דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון טרערן, לגבי דעמדאָזיקן אַזוי אויפריכטיקן און וואָרהאַפטיקן פּנים.

* *
*

זי האָט אויפגעהערט צו ווײנען. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. און נישט געפּרעגטערהייט דאָסמאָל, האָט זי געזאָגט:

— איך ווײן, ווײל דער מענטש איז אַזוי אײנזאַם. מ'קאָן נישט אַרויסקריכן פון זיך גופא; מ'קאָן זיך צומאָל נישט מתוודה זײַן; מען איז אײנזאַם. איבעריקנס, אַלץ פאַרגייט.

אַלץ ענדערט זיך, אַלץ אַנטלויפט, און ווײַבאַלד אַלץ אַנטלויפט, איז מען אַליין. פאַראַן שעהן, אין װעלכע כ׳זע דאָס בעסער, ווי אין אַנדערע. און דאַן, וואָס־זשע קאָן מיר שטערן צו ווײַנען?

אין דעם עצבות, אין וועלכן זי איז ביסלעכווײַז פאַרזונקען, איז איבער איר דורכגעלאָפן אַ לײַכטער צאַפּל פון שטאָלץ; כ׳האָב געזען, ווי אויף דער מרה־שחורהדיקער מאַסקע האָט דורכגעשימערט אַ מילדער שמייכל.

— איך בין מער פילבאַר, ווי אַנדערע מענטשן. זאַכן, וואָס אין די אויגן פון אַנדערע גייען זיי דורך לגמרי אומבאַמערקט, געפינען אין מיר אַ הילכיקן אָפּקלאַנג. און בעת איך באַטראַכט מיך גופא אין דידאָזיקע רגעס פון קלאָרן באַוווסטזײַן, זע איך, אַז איך בין אַליין, אינגאַנצן אַליין, פולשטענדיק אַליין.

באַאומרויקט פון איר שטײַגנדיקער דערשלאָגנקייט, האָט ער איר געפּרווט צוצוגעבן מוט:

— מיר טאָרן דאָס נישט זאָגן — מיר, וואָס האָבן אויפסניי אויפגעריכט אונזער גורל... דו, וואָס האָסט אויסגעפירט אַ גרויסן אַקט פון ווילן...

אָבער דידאָזיקע ווערטער זענען אַוועקטראָגן געוואָרן ווי דינע שטרויעלעך אינדערלופטן.

און צו וואָס?.. דאָס אַלץ האָט קיין האַפט נישט. נישט געקוקט אויף אַלע מײַנע באַמיונגען בין איך דאָך אַליין. אַך! נישט קיין פאַרראַט וועט משנה זײַן דעם תוך פון דער זאַך — ווי זיס ס׳זאָל נישט זײַן דאָסדאָזיקע וואָרט!

נישט דורך די זינד דערגרייכט מען דאָס גליק. אָבער אויך נישט דורך דער טוגנט. און דעסגלײַכן נישט דורך יענעם הייליקן פייער פון גרויסע, אינסטינקטיווע החלטות, וואָס איז נישט, נישט גוט, נישט שלעכט. דורך קיינעם פון דידאָזיקע וועגן דערגרייכט מען נישט דאָס גליק; מ׳דערגרייכט עס קיינמאָל נישט.״

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, און גלײַך ווי זי וואָלט געשפּירט, אַז איר גורל האָט זיך פונסניי אויף איר אַראָפּגעלאָזט, האָט זי געזאָגט:

יאָ, איך ווייס, אַז כ'האָב געזינדיקט, אַז די יעניקע, וואָס ליבן מיך אַממייסטן, וואָלטן מיך שרעקלעך פאַראַכט, ווען די זאָלן דערפון געוואָר ווערן... מיין מאַמע, ווען זי זאָל וויסן וועגן דעם, — זי, וועלכע איז דאָך אַזוי מילד און לייט-זעליק — זי וואָלט געוועזן אַזוי אומגליקלעך! איך ווייס, אַז אונזער ליבע איז אַ פּראָדוקט פון פאַרגוואַלטיקן דאָס אַלץ, וואָס איז קלוג און יושרדיק, און פון די טרערן פון מיין מוטער. אָבער דידאָזיקע חרפּה און דאָסדאָזיקע באַוווסטזיין נוצן שוין צו גאָרנישט! — עך, מאַמע, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָלסטו געהאַט מיטלייד מיט מיין גליק!"

ער האָט שטילערהייט געמורמלט: „דו ביסט אַ שלעכטע!" דאָסדאָזיקע וואָרט איז געפאַלן ווי אַ הוילער, אומבאַדייטנדיקער קלאַנג.

זי האָט געגלעט דעם שטערן פונם מאַנסביל מיט אַ לייכ-טער באַרידונג פון איר האַנט. און מיט אַן איבערגעגעבענער פעסטער שטים האָט זי געענטפערט: „דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך פאַרדין נישט דאָסדאָזיקע וואָרט, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך רעד פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז העכער פון אונז. דו ווייסט זייער גוט, דו ווייסט עס נאָך בעסער פון מיר, אַז דער מענטש איז אַליין, איינמאָל, בעת איך האָב גערעדט וועגן דער פרייד פון לעבן, און דו ביסט געוועזן ארומגעהילט מיט עצבות, פּונקט ווי איך היינט, דאַן האָסטו אויף מיר אַ קוק געטון און געזאָגט, אַז דו ווייסט נישט וועגן וואָס איך טראַכט, נישט געקוקט אויף מיינע ווערטער, און אַז דו ווייסט נישט, צי דאָס בלוט, וואָס שטייגט מיר צום פּנים אַרויף, איז נישט אַמאָל קיין לעבעדיקע שמינקע.

„אונזערע געדאַנקען, די גרעסטע ווי די קלענסטע, גע-הערן בלויז צו אונז גופא. אַלץ שליידערט אונדז צוריק צו זיך גופא, און פאַרמשפּט אונדז צו בלייבן מיט זיך אַליין. דו האָסט דאַן געזאָגט: „פאַראַן זאַכן, וואָס דו פאַרבאָרגסט זיי פון מיר, און וואָס כ'וועל זיך וועגן זיי קיינמאָל נישט דערוויסן — אַפילו ווען דו זאָלסט זיי מיר אויסזאָגן". דו האָסט מיר אויפגעוויזן, אַז די ליבע איז בלויז אַ מין יום-טוב, געפראַוועט אין אונזער אייגענער איינזאַמקייט. און ארומקלאַמערנדיק מיך מיט דיינע

אָרעמס, האָסטו אויסגערופן: „אונזער ליבע, דאָס איז איך אַליין!"
און איך האָב דיר געגעבן דעם, ליידער, אומפאַרמיידלעכן
ענטפער: „אונזער ליבע, דאָס איז איך אַליין!"

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער זי האָט אים מיט
אַ פריינטלעכער און פאַרצווייפלטער באַוועגונג פאַרשטעלט דאָס
מויל מיט דער האַנט, און האָט גענומען רעדן העכער, מיט אַ
ציטעריקן און דורכדרינגלעכן טאָן:

— נאַ... נעם מיך, דריק מיר צונויף די פינגער, הויב
מיר אויף די וויעס, שפּאַר אָן דיין ברוסט אויף מיינער; צע-
קנעט מיך מיט דיינע הענט, אָדער מיטן גאַנצן קערפּער; קוש
מיך לאַנג, לאַנג, ביז צום פאַרלירן דעם אָטעם, ביז מיר
זאָלן שוין נישט דערקענען אונזערע אייגענע מיילער; טו מיט
מיר, וואָס דו ווילסט, כּדי זיך צו דערנענטערן, צו דערנענטערן...
און ענטפער מיר! איך בין דאָ, כּדי צו ליידן, צי שפּירסטו
מיין פּיין?"

ער האָט גאָרנישט געענטפערט. און אין דער בין-
השמשותדיקער הילע, וואָס האָט זיי אַרומגענומען און זיי בחנם
צוגעטוליעט איינעם צום אַנדערן, האָב איך געזען, ווי ער האָט
מיט אַ מידן זשעסט זיך אומזיסט באַמיט אָפּצווענדן אירע
רייד... כ'האָב געזען דעם גאַנצן תּהומישן עלנט פון די ביידע
לייט, וואָס האָבן צופעליק, איינמאָל, אין שאָטן פון דער נאַכט,
שוין נישט געקאָנט מער משקר זיין.

אָט וועגען זיי דאָ, צוזאַמען — און קיין זאַך פאַרבינדט
זיי נישט. צווישן זיי געניצט די פּוסטקייט. זיי מעגן רעדן,
טון, בונטעווען זיך, קעמפן און דראָען — די צעשיידונג וועט
זיי סוף-כּל-סוף בעגדיקן. איך זע, אַז זיי האָבן גאָרנישט, וואָס
זאָל זיי קאָנען פאַרייניקן — גאָרנישט.

* *
*

— אַך! — האָט געזאָגט די פרוי — לאָמיר מער נישט
רעדן, לאָמיר קיינמאָל מער נישט רעדן פון לייד און פרייד — זיי
כּונאַנדערצוטיילן איז אינדעראמתן אַ גאַנץ אוממעגלעכע זאַך.
אָבער אַפילו דאָס קעגנזייטיקע דורכדרינגען זיך פון גייסט און

גייסט איז אויך פאַרבאָטן. ס׳איז נישט פאַראַן אין דער וועלט קיין צוויי באַשעפעניש, וואָס זאָלן רעדן מיט דער זעלביקער שפּראַך. אין געוויסע גרדאַנקענלאָזע מאָמענטן איז מען זיך מתקרב. דערנאָך דערווייטערט מען זיך ווידער, פּונקט אַזוי גע־דאַנקענלאָז, און מען ווייכט אויס איינער דעם אַנדערן. מען קרענקט זיך, מ׳צערטלט זיך, מ׳באַליידיקט זיך און מ׳פּאַרוווּ־דעט זיך; מ׳לאַכט אינדערצייט ווען מ׳דאַרף וויינען — און אַזוי פאַרקערט. אַ ליבעס־פּאָר איז תּמיד משוגע — דידאָזיקע פראַזע האָב איך נישט אויסגעטראַכט — דו אַליין האָסט דאָס אַמאָל געזאָגט. דו, וואָס באַזיצסט אַזויפיל אינטעליגענץ און וויסן, האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז צוויי מענטשן, וואָס רעדן צווישן זיך, זענען ווי צוויי בלינדע איינער לגבי דעם אַנדערן און כמעט ווי צוויי שטומע; און אַז צוויי פאַרליבטע, וועלכע וואַלגערן זיך צוזאַמען אויפן געלעגער, בלייבן זיך פרעמד איינער דעם אַנדערן, פּונקט ווי ווינט און ים. דער פּער־זענלעכער אינטערעס, אָדער דאָס פאַרשידנאַרטיקע באַנעמען פון געפילן און אידעען, די מידיקייט, אָדער די צו שטאַרקע פאַר־שפּיצטקייט פון דער תאווה. פאַרטושן די אויפמערקזאַמקייט, און פאַרטונקלען דעם שכל־הישר. און נייגט מען אַפילו די אויערן צו, הערט מען קוים, און הערט מען שוין, פאַרשטייט מען זיך נישט. אַ פאַרליבטע פּאָר — דאָס זענען תּמיד צוויי משוגעים.

ער האָט אויסגעוויזן שוין צו זיין צוגעוווינט צו דידאָ־זיקע טרויעריקע מאָנאָלאָגן, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט גע־וואָרן מיט דער זעלביקער איינטעניקייט, צו דידאָזיקע אומ־מעגלעך לאַנגע ליטאַניעס. ער האָט מער נישט געענטפערט. ער האָט זי געהאַלטן, האָט זי לייכט געוויגט, האָט זי אַרומ־געלאַשטשעט פאָרזיכטיק און צערטלעך. ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר, ווי מיט אַ קראַנק קינד, וועלכעס מ׳פלעגט און מ׳היט עס אָפּ, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין צופיל פּרושים... און אַזוי־ערנאָך איז ער געווען פון איר אַזוי ווייט, ווי ס׳איז איבער־הויפּט מעגלעך געווען צו זיין.

אָבער איר באַרירונג האָט אים מבולבל געמאַכט. אפילו אין איר נידערגעשלאָגנקייט, אין איר געפאַלנקייט און טרייסט־

לאָזן צושטאַנד, האָט ער געשפּירט איר צאַפּלדיקע וואַרעמקייט; הגם זי איז געווען פאַרווונדעט — האָט ער דאָך באַגערט דעמ־דאָזיקן רויב. זיינע פינקלדיקע אויגן האָבן גערוט אויף איר, בעת זי איז אַזוי געזעסן, אינגאַנצן פאַרזונקען אין איר עצבות. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר. דאָס, וואָס ער האָט באַגערט — דאָס איז געווען זי. די ווערטער, וואָס זי האָט געדעדט, האָט ער אָוועקגעשליידערט אין דער זייט; זיי זענען אים געווען גלייכגילטיק, זיי האָבן אים נישט געלאַשטשעט. זי האָט ער געוואָלט, זי, זי.

צעשיידונג, שרעקלעכע צעשיידונג! זיי זענען געווען ענלעך צו זיך מיט זייערע געדאַנקען און נשמות. אָבער איך, דער קאַלטער, אָביעקטיווער צוקוקער, וועמעס בילד עס שוועבט איבער אַלעם, האָב גאַנץ גוט באַמערקט, אַז זיי זענען געווען פרעמד. נישט קוקנדיק אויף דער לפנימדיקער פאַרבינדונג, האָבן זיי זיך נישט געזען און זיך נישט פאַרשטאַנען. זי איז געווען טרויעריק און קוים לייכט באַלעבט דורכן שטאָלץ פון אירע סברות און איבערצייגונגען. ער איז געווען אויפגערייצט, און באַגעריק, צערטלעך און חיהיש. זיי האָבן זיך געענטפערט, ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקאָנט. אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט נאָכגעבן דעם צווייטן, און האָבן זיך געפּרווט גובר צו זיין. דערדאָזיקער שרעקלעכער קאַמף האָט מיר צעריסן דאָס האַרץ.

* *
*

זי האָט פאַרשטאַנען זיין באַגער און האָט געזאָגט, קלאָגנדיק זיך ווי אַ קליין קינד, בעת עס פאַרזינדיקט זיך:

— כ'בין קראַנק...

דערנאָך האָט איר אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אומגעהויער ווילד משוגעת. זי האָט אַראָפּגעריסן פון זיך אירע קליידער, האָט זיי אַוועקגעשליידערט ווייט פון זיך, זי האָט זיך אַרויסבאַפרייט פון אירע מלבושים, ווי פון אַ לעבעדיקער תּפיסה אַרויס. און זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן אינגאַנצן אַ נאַקעטע, מיט לייב און נשמה.

דער גרויסער זעגל-געפלאַטער פון מלבושים האָט זיך אויפגעעפנט און זיך ווידער צוריק פאַרמאַכט.

ווידעראַמאָל דאָס צונויפגעמיש פון קערפּערס, די לאַנג-זאַמע, גרעניצלאָזע, ריטמישע לאַשטשעניש. און נאָכאַמאָל האָט איך באַטראַכט דאָס פּנים פון דעם מאַנסביל, בעת ס'האָט אים באַגוועלטיקט די תאווה. אַך! אַזוי גוט האָב איך אים געזען — ער איז געווען איינזאַם!

ער האָט געטראַכט וועגן זיך; ער האָט ליב געהאַט זיך גופא. זיין פּנים, וואָס איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט און אָנגעשוואָלן פון אָדערן, האָט בלויז זיך אַליין געליבט. דידאָזיקע פרוי איז געווען פאַר אים דער פּאַסיווער אינסטרומענט פון תענוג, אַ מיטל, מיט וועלכן ער האָט זיך אַריינגעבראַכט אין התלהבות. פאַרכישופט, אַנטציקט, האָט ער בלויז געטראַכט וועגן זיך. ער איז געווען גליקלעך מיט זיין גאַנצן קערפּער, און מיט דער גאַנצער נשמה. זיין נשמה, זי האָט אויפגעשפּראָצט, זי האָט זיך צעבליט און אויפגעשטראַלט, זי האָט ממש געצאַפּלט אויף זיין פּנים... ער האָט זיך אינגאַנצן צעפלאָסן אין דער תענוגדיקער פרייד... ער האָט געמורמלט הייסע ליבגעזאַנגען פאַר איר; פאַרגעטלעכט דורך איר, האָט ער געבענטשט דידאָזיקע פרוי. זיי האָבן זיך נישט פאַרייניקט דערמיט, וואָס זיי האָבן גלייכצייטיק געצאַפּלט און געוויגט זיך, און ווייל עפּעס אַ שטיקל פלייש איז זיי געווען געמיינזאַם. פאַרקערט, איטלעכער פון זיי איז איינזאַם ביז צו פאַרבלענדונג; זיי פאַלן נישט וויסנדיק וווּ, מיט אָפענע מיילער און אָרעמס. צוזאַמען געניסן דעם תענוג — סאַראַ שרעקלעכע צערייסונג!

* *
*

איצט הויבן זיי זיך אויף און באַפרייען זיך פון דעם פלוצים אָפּגעקילטן חלום, וואָס האָט זיי אַראָפּגעשליידערט צו דר'ערד.

ער איז פונקט אַזוי פאַראומערט ווי זי. איך בויג זיך צו, כדי אויפצוכאַפּן זיין וואָרט, וואָס קלינגט שטיל ווי אַ זיפץ. ער האָט געזאָגט:

— ווען איך וואָלט געוווּסט!

ביידע זענען שטייף און אומצוטרויליך איינער צום צווייטן. עפּעס אַ פאַרבאָרגן הויערט צווישן זיי, און זיי זענען אויסגעשטרעקט אין דער שווערער, אומהיימלעכער אָוונט-פינצטערניש. לאַנגזאַם שלעפּן זיי זיך צו דעם גראָען פענצטער אַהין, אויף וועלכן עס צאַפּלט נאָך אַ שוואַכער טאָג-שימער.

זיי זענען אַזוי ענלעך צו דעם, וואָס זיי זענען געווען אין ערשטן אָוונט! כ'האָב קיינמאָל אַזוי שטאַרק דעם איינדרוק נישט געהאַט, אַז דעם מענטשנס מעשים זענען אַזוי פּוסט, און פאַרגייען ווי הוילע געשפּענסטער.

דעם מאַנסביל כאַפּט אַרום אַ שוידער, ער איז באַזיגט און באַרויבט פון זיין מענטשלעכן שטאָלץ. ער איז מער נישט בכוח אונטערצודריקן דעם ווידוי פון זיין בזיונדיקער חרטה;

— מ'קאָן זיך נישט ווערן אַקעגן דעם, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, אַראָפּלאָזנדיק טיף דעם קאָפּ — דאָס איז ווי אַן אָנשיקעניש, ווי דער גורל!

זיי נעמען זיך פאַר די הענט, אַ שוידער ריזלט זיי דורך. זיי סאַפּען שווער, זיי זענען צעקלאַפּט, צעפּייניקט דורכן אייגענעם האַרץ.

— דער גורל!

און בעת זיי רעדן אַזוי, זעען זיי ווייטער און טיפער ווי זייער ליבע און ווי דעם אויסגעפירטן אַקט פון זייער ליבע. די בלויזע סעקסועלע אַנטוישונג וואָלט זיי נישט צעמאַרשט אויף אַזאַ מדרגה און זיי געשטויסן אין דערדאָזיקער קנעכטשאַפט פון געוויסנפּיין און עקל. זיי זעען פיל ווייטער. זיי זענען פאַרכאַפּט דורכן איינדרוק פון דער הוילער וואָרהאַפטיקייט, דורכן געפיל פון טרוקנקייט, פון דעם שטייגנדיקן נישזיין, בעת זיי טראַכטן, אַז זיי האָבן זיך שוין אַזויפיל מאָל געלאָזט פאַרפירן דורכן נעבעכדיקן, אומדויערהאַפטן אידעאַל פון די חושים.

זיי פילן, אַז אַלץ פאַרגייט, אַלץ נוצט זיך אָפּ, אַלץ ענדיקט זיך, אַז ס'וועט שטאַרבן דאָס, וואָס ס'איז נאָך נישט טויט, און אַז אפילו דער אילוזאָרישער קשר זייערער איז נישט קיין דויערהאַפטער. דער עפּאָ פון די ווערטער פון דער לייד-

דיקער פרוי קלינגט אָפּ ווי אַ דערינערונג, וואָס איז פול מיט אייביקייט און הערלעכער מוזיק. זי זאָגט: „מיטן מאָמענט, ווען אַלץ אַנטלויפט, בלייבט דער מענטש אַליין."

דאָס געפיל פון געמיינזאַמען אומעט איז זיי נישט מקרב. פאַרקערט,ביידע בויגן זיך גלייכצייטיק אונטער דערזעלבער משא. דער זעלביקער שוידער, וואָס שטאַמט פון דער אייגענער מיסטעריע, שטויסט זיי צו דער זעלביקער אומענדלעכקייט. זיי זעגען פונאַנדערגעשיידט דורך דער קראַפט פון זייער געמיינזאַמען שמערץ. ליידן צוזאַמען — אַך, סאַראַ צעשיידונג!

און פון דער פרוי אַליין, שטראָמט און ברויזט אַרויס די קללה פון דער ליבע. און זי רופט אויס אין גסיסהדיקן געשריי:

— אַך! אונזער גרויסע, אונזער אומגעהויערע ליבע! איך שפיר, ווי ביסלעכווייז טרייסט איך זיך שוין נאָך איר אויך!

*

*   *

זי האָט אַהינטערגעוואָרפן דעם קאָפּ און אויפגעהויבן די אויגן.

— אַך! דאָס ערשטע מאָל! — האָט זי געזאָגט.

און בעת ביידע האָבן געזעגן פאַר זיך יענץ ערשטע מאָל, בעת זייערע הענט האָבן זיך אָפּגעפונען צווישן די מענטשן און זאַכן, האָט זי גערעדט ווייטער:

כ'האָב שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע צאַפּלדיקע צוזאַגענישן און שבועות, וועט אַמאָל מוזן אָפּשטאַרבן דערדאָזיקער גאַנצער ליבעס-שווונג, און כ'האָב נישט געוואָלט, אַז די צייט זאָל באַלד אַריבער.

„אָבער די צייט איז פאַריבער. מיר ליבן זיך שוין נישט..."

ער האָט עטוואָס אויפגעצאַפּלט.

„נישט נאָר דו, מיין ליבער, גייסט אַוועק, אויך איך גיי אַוועק. כ'האָב געמיינט מתחילת, אַז ס'איז נאָר דו אַליין, דערנאָך האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז אויך מיין אָרים האַרץ איז אָנמעכטיק קעגן כוח פון דער צייט. זי האָט דאָס אַרויסגערעדט פאַמעלעך און אים טרויעריק אָנגעקוקט. דערנאָך האָט

זי פון אים אװעקגענומען די אויגן, און קוקנדיק װי אין װײטן עתיד אַרײַן, האָט זי געלאָסן געזאָגט:

— לײדער! אין אײן שײנעם טאָג װעל איך דיר אפשר אַ זאָג טון: „כ׳האָב דיך שוין נישט ליב.״ לײדער, לײדער, כ׳װעל דיר אפשר אַמאָל זאָגן: „כ׳האָב דיך קײנמאָל נישט געליבט!״

— אָט איז די שרעקלעכע, אומהײלבאַרע װוּנד; די צײַט, װאָס גײט פאַרבײַ און פאַרענדערט אונז. אין פאַרגלײַך דערמיט האָט די צעשײדונג פון צװײ מענטשן קײן שום באַטײַט נישט. נישט געקוקט דערויף, װאָלט מען פונדעסטװעגן געקאָנט װײַטער לעבן. אָבער די אומברחמנותדיקע צײַט, װאָס אַנטלויפט! אַלט װערן, דענקען אַנדערש, שטאַרבן. איך עלטער זיך און שטאַרב — איך — איך! מאָל דיר, אַז כ׳האָב דאָס אַ לאַנגע צײַט נישט געקאָנט משיג זײַן. איך עלטער זיך; כ׳בין נאָכנישט אַלט, אָבער כ׳עלטער זיך שוין. כ׳האָב שוין עטלעכע װײַסע האָר. די ערשטע װײַסע האָר, סאַראַ שרעקלעכער קלאַפּ! אײנמאָל האָב איך מיך געקליבן אַרויסצוגײן אין גאַס, און שטײענדיק שוין פאַרן שפּיגל האָב איך באַמערקט אויף מײַן שלײף זילבערנע פעדים. אַך! דאָס איז נישט קײן קאַטאַװעס, דאָס איז אַ בפירושער אָנזאָג, אַן ערנסטע התראה. כ׳האָב מיך דאַן אַװעקגעזעצט אין אַ װינקל פון מײַן צימער און איבערגעקוקט מײַן גאַנץ לעבן פון אָנהויב ביזן סוף און ס׳האָט זיך מיר אויסגעװיזן, אַז מײַן יעדער געלעכטער איז געװען אַ זעלבסטנאַרערײַ. גראָע האָר, אויך איך! באמת איך! אָבער יאָ, טאַקע איך! כ׳האָב אַמאָל געזען דעם טויט זיך שלײַכן אַרום מיר, אָבער דעם טויט, װעלכער איז געװען פאַר מיר אַלײן באַשטימט, האָב איך ביז אַהער נישט געקענט. און איצט האָב איך אים געזען און פאַרשטאַנען, אַז דאָ גײט װעגן אים און װעגן מיר גופא:

„אַך! אויסמײַדן דידאָזיקע גראָקײַט, װעלכע לײגט זיך אויף דיר און כאַפּט דיך, װי אַ פּאַיאַץ, פאַרן קאַרק; אַנטלויפן פאַר דערדאָזיקער אויסלעשונג פון דער פאַרב אין דײַנע האָר, װאָס באַדעקט דיך מיט דער בלײַכקײַט פון תכריכים, מיט דער װײַסקײַט פון טויטן־בײנער און מצבות...״

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַ געשריי־געטון אין פוסטן חלל אַריין...

— אַנטלויפן פאַר דער נעץ פון קנייטשן!

* * *

זי האָט פאַרגעזעצט:

— איך האָב צו מיר געזאָגט: „גאַנץ געלאַסן גייסטו דערצו, און ביסלעכווייז וועסטו אַהינקומען. דיין הויט וועט אויסטרוקענען, דיינע אויגן, וואָס שמייכלען אפילו אין שלאָף, וועלן ווייבען פון זיך אַליין... דיינע ברוסטן וועלן פאַרוועלקן און זיך נאָכבאָמבלען ווי די שטיקלעך פלייש פון דיין סקעלעט. די מידיקייט פון לעבן וועט מיטן כסדרדיקן גענייצן דיר פונאַנדעררייסן דאָס מויל, און ציטערן וועסטו אומאויפהערלעך, מחמת ס'וועט דיר זיין זייער קאַלט. דיין געזיכט וועט האָבן דעם קאָליר פון ערד. דיינע ווערטער, וועלכע מ'האָט געהאַלטן פאַר אַנטציקנדיק, וועלן זיך איצט אויסווייזן העסלעך, צוליב דער צעבראָכנקייט פון דיין שטים. דיין קלייד, וואָס האָט דיך ביזאהער צופיל פאַרדעקט קעגן די גלוסטיקע בליקן פון די מאַנסבילן, וועט שוין איצט נישט גענוג פאַרדעקן דיין געשפענסטיקע נאַקעטקייט. מ'וועט פון דיר די אויגן אָפּקערן, און שוין נישט וואָגן אַפילו צו טראַכטן וועגן דיר!

דערדריקט פון דערדאָזיקער וויזיע, אויפהייבנדיק די הענט צום מויל, האָט זי זיך געשטיקט מיט דעם שרעקלעכן אמת, וואָס האָט זי פאַרפאָלגט און געפייניקט. און געווען איז דאָס גלייכצייטיק פרעכטיק און צעשמעטערנדיק.

ער האָט זי ווילד אַ כאַפּ געטון אין די אָרעמס. אָבער זי איז געווען ווי באַרוישט און פאַרטראָגן פון אַ וועלט־שמערץ. ס'האָט אויסגעזען ווי דידאָזיקע פרוי וואָלט זיך ראַפּטעם דערוווסט וועגן דעם שטערבלעכן אמת, ווי וועגן עפּעס אַ פּלוצימדיקער שלעכטער בשורה, ווי וועגן עפּעס אַ נייעם טרויער.

— כ'האָב דיך ליב, אָבער כ'ליב די פאַרגאַנגענהייט נאָכמער, איידער דיך. כ'וואָלט וועלן זי צוריק האָבן, דער געדאַנק וועגן איר פאַרצערט מיך אינגאַנצן. די פאַרגאַנגענ־

הייט! אָך! זעסטו, כ׳וועל לײַדן, כּל־זמן די פאַרגאַנגענהייט וועט זיך נישט אומקערן.

* * *

„אָבער ווי מ׳זאָל נישט ליב האָבן די פאַרגאַנגענהייט, זי וועט זיך שוין מער נישט אומקערן... אומעטום לאָקערט דער טויט: אין דער מיאוסקייט פון דעם, וואָס איז צו לאַנג שיין געווען, אין דער פאַראומווערדיקונג פון דעם, וואָס איז געווען קלאָר און זויבער, אין דעם פאַרוועלקן פון די פנימער, וועלכע מ׳האָט געליבט, אין דעם פאַרגעסן פון זאַכן, וועלכע זענען שוין ווייט, אין דעם רגילות, וואָס וואַרפט אַ נעפּל פון פאַרגעסנקייט אויף אַלץ, וואָס ס׳איז נאָענט. דער מענטש זעט קוים דאָס לעבן: באַגינען, פרילינג, האָפענונג; מערנישט ווי דעם טויט האָט מען צייט צו באַטראַכטן... זינט די וועלט שטייט, איז דער טויט די איינציקע ממשותדיקע זאַך. איבער אים שפּאַנט מען, אים אַנטקעגן גייט מען. צו וואָס נוצט עס, צו זיין שיין, תמימותדיק? מ׳וועט סיי־ווי איבער אונז טרעטן. אין דער טיפעניש פון דער ערד איז פאַראַן אַ סך מער טויטע, איידער לעבעדיקע אויף איר אויבערפלאַך: און מיר גופא, מיר האָבן אין זיך אַ סך מער טויט, איידער לעבן. און נישט בלויז די איבעריקע באַשעפענישן, וועלכע זענען אַמאָל געווען אין קאָמפּלעט אַרום אונז, זענען היינט פאַרטיליקט; נאָך יאָר נאָך יאָר שטאַרבט אויך אָפּ אין אונז אַליין אַ גרויס חלק פון אונז גופא. און דאָס, וואָס איז נאָך נישט פאַראַן, וועט אויכעט שטאַרבן, כּמעט אַלץ איז טויט.

„ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל שוין נישט זיין. איך וויין, מחמת כ׳וועל אויף זיכער שטאַרבן.

„מיין טויט! איך פרעג מיך, ווי אַזוי קאָן מען לעבן, טרוימען, שלאָפן, וויבאַלד מ׳וועט סיי־ווי־סיי שטאַרבן: דערדאָזיקער געדאַנק באַרוישט און פאַרמאַטערט.

„נישט קוקנדיק אויף די אַלע אומגעהויערע, סבלנותדיקע, אייביקע אָנשטרענגונגען און די מעכטיקע דרייסטע אָנגריפן

קעגן טויט, הערט מען פאָרט אין די אַלע שבועות און צו־זאָגענישן דעם שקר פונם גורל. איך הער אים תמיד. איטלעכס מאָל, ווען עמיץ זאָגט: יאָ, באַווייזט זיך דער אומענדלעך שטאַרקערער, וואָרהאַפטיקערער: ניין, און פאַרכאַפּט אַלץ פאַר זיך.

„פאַראַן צייטן, איבערהויפּט אין אָוונט, ווען ס׳דאַכט זיך אויס, ווי די צייט וואָלט זיך געקווענקלט, זייענדיק געמילדערט און אָפּגעשוואַכט דורך אונזער הארץ; מ׳שטייט דאַן פאַר אַ הערלעכן מיראַזש פון דער אומבאַוועגלעכקייט פון שעהן. אָבער דאָס איז נישט אמת. אין אַלעם איז פאַראַן אַן אומבאַזיגלע־כער און אומפאַרמיידלעכער נישטזיין, און זייענדיק פאַרסמט דורכן דאָזיקן נישטזיין, גייען מיר אַוועק פון דער וועלט.

„זעסטו, מיין ליבער, בעת מ׳טראַכט וועגן דערדאָזיקער זאַך, איז מען אַלעמען מוחל, מ׳שמייכלט, מ׳טראָגט קיינעם נישט נאָך קיין שנאה — אָבער אַזאַ מין באַזיגטע גוטסקייט איז שווערער ווי אַלץ.

* * *

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און געקושט אירע הענט. ער האָט זי באַדעקט מיט עפּעס אַ מין פרומער, וואַרימער שטילקייט; אָבער ווי תמיד, האָב איך אַרויסגעפילט, אַז ער איז געווען באַלעבאָס איבער זיך...

זי האָט גערעדט מיט אַ זינגעדיקער און געענדערטער שטים:

— איך האָב תמיד געטראַכט וועגן טויט. איינמאָל האָב איך מיך אפילו מודה געווען דערין פאַר מיין מאַן. ער איז אויף מיר אַרויס מיט אַ שרעקלעכן ירגזון. ער האָט געזאָגט, אַז כ׳בין נויראַסטעניש און דאַרף זיך קורירן. ער האָט מיך אויפגעפאָדערט, אַז כ׳זאָל זיין אַזוי ווי ער, וואָס טראַכט קיינ־מאָל נישט וועגן אַזעלכע זאַכן, מחמת ער איז געזונט און איז באַם שכל־הישר.

„נישט אמת. דאָס איז ער טאַקע קראַנק געווען אויף דער אומענדלעכער רויקייט און גלייכגילטיקייט: דאָס איז אַ מין פאַראַליז, אַ גראָע קראַנקייט; זיין פאַרבלענדקייט איז געווען

אַ מום, און זיין מנוחה איז געווען די מנוחה פון אַ חיה אין אַ מענטשלעך געשטאַלט, פון אַ הונט, וואָס לעבט, אַבי צו לעבן.

„וואָס־זשע דאַרף מען טון? מתפלל זיין? ניין; דער אייביקער דיאַלאָג, בעת וועלכן מ׳פילט זיך תמיד איינזאַם, דערשלאָגט דעם מענטש אי״נגאַנצן. וואַרפן זיך אין ווירבל פון עפעס אַ באַשעפטיקונג, אַרבעטן? דאָס איז לחלוטין אומזיסט. שוין־זשע איז די אַרבעט נישט עפעס אַזוינס, וואָס מ׳מוז תמיד אָנהויבן פונדאָסניי? געבוירן און האָדעווען קינדער? דאָס גיט תמיד דעם איינדרוק, אַז דער מענטש ענדיקט זיך, און גלייכ־צייטיק, אַז ער באַנייט זיך אומגוצלעך. און פאָרט, ווער ווייס?״

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי איז ווייכער געוואָרן:

— די איבערגעגעבנקייט, דער אויסדויער און די מסירת־נפשדיקע מוטערשאַפט, די אַלע מדות האָבן מיר תמיד געפעלט, אפשר וואָלט מיר דאָס געווען אַ וועגווייזער אין לעבן. כ׳בין פאַריתומט נאָך אַ קינד, וועלכעס כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט...

אַ ווײַלע לאַנג איז זי געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און אָנמעכטיק אַראָפּגעהאָנגענע הענט, לאָזנדיק זיך באַהערשן דורך דער מוטערשאַפט פון איר האַרץ. און זי האָט נאָר גע־טראַכט וועגן איר ליבע און בענקשאַפט נאָך דעם נישט פאַ־ראַנענעם קינד. זי האָט נישט באַמערקט, אַז נאָר דערפאַר האָט זי באַטראַכט דאָס קינד אַלס די איינציקע מענטשלעכע ישועה, ווייל זי האָט עס נישט געהאַט...

— באַרמהאַרציקייט?.. מ׳זאָגט אַז דאָס מאַכט דעם מענטשן פאַרגעסן אָן אַלעם.

און בעת איך האָב געפילט דעם קילן שוידער פון רעגנ־דיקן אָוונט, פון אַלע פאַרגאַנגענע און קומענדיקע ווינטערן, האָט זי ווייטער געשעפטשעט:

— אָך! יאָ, זיין גוט! זיך אוועקלאָזן צוזאַמען מיט דיר אין אַ גרויסן פוטערנעם מאַנטל, און טיילן נדבות אויף די פאַרשנייטע וועגן...

זי האָט געמאַכט אַ מידן זשעסט.

— איך ווייס נישט.

„ס׳שיינט מיר, אַז ז׳אָס אַלץ איז גאָרנישט. דאָס אַלץ

אין מערנישט ווי באַרוישונג און שקר; דאָס ענדערט מיט גאָרנישט דעם אמת, מחמת דאָס איז נישט דער אמת... וואָסזשע וועט אונז מציל זיין? און איבעריקנס, ווען מיר זאָלן אפילו ניצול ווערן! מיר וועלן דאָך סיי ווי שטאַרבן — מיר מוזן שטאַרבן!

זי האָט ווייטיקלעך געשריגן:

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די ערד וואַרט אויף אונזערע גופים, און זי וועט זיי האָבן. און דאָס איז שוין כּלל נישט אַזוי ווייט.

זי האָט אָפּגעווישט די טרערן פון אירע אויגן, האָט אָנגענומען אַזאַ רויקן און אַנטשלאָסענעם טאָן, גלייך ווי זי וואָלט געקומען פון אַ גאַנץ נייער וועלט פון מחשבות:

— כ'וואָלט דיר געוואָלט שטעלן איין פראַגע. ענטפער מיר אויפריכטיק. צי האָסטו אַמאָל געוואַגט, מיין טייערער, אפילו אין דער טיפעניש פון דיין נשמה, דיר פעסטצושטעלן אַ דאַטע, אַ פאַרהעלטנישמעסיק ווייטע דאַטע, אָבער דאָך אַ באַשטימטע, פעסטע, פיר-ציפערדיקע דאַטע? צי האָסטו דיר אַמאָל געזאָגט „ווי לאַנג אפילו כ'זאָל נישט לעבן, צו יענער דאַטע וועל איך שוין זיכער טויט זיין — בעת אַלדאָס לעבן וועט זיך ווייטער גיין זיין וועג, און ס'וועט זיך ביסלעכווייז אָפּווישן יעדער שפור פון מיין אָרט דאָ אויף דער ערד?”

דער מאַנסביל האָט אַ צאַפּל געטאָן אונטער דער האַרבקייט פון דערדאָזיקער פראַגע. אָבער ער האָט באַשיימפערלעך געזוכט אויסצומיידן פון צו געבן איר אַן ענטפער, וואָס וואָלט נאָך געקאָנט פאַרשאַרפן איר ווייטיק. ער האָט וואָרשיינלעך פאַרשטאַנען די אַלע זאַכן (ס'האָט אין זיי אָפּגעקלונגען נישט איינמאָל דאָס ווידערקויל פון זיינע אייגענע ווערטער) — אָבער ער האָט אויסגעזען צו פאַרשטיין דאָס אַלץ בלויז טעאָרעטיש, אין ליכט פון גרויסע אידעען, אין פילאָזאָפישן אדער קינסטלערישן פיבער, וועלכער איז געווען ווייט אָפּגעטיילט פון זיין פערזענלעכער פילבאַרקייט —, בעת זי איז געווען אינגאַנצן אויפגעטרייסלט און דערדריקט פון דער פערזענלעכער איבערלעבונג, און בעת אירע מחשבות האָבן געבלוטיקט.

* *
*

זי איז געבליבן אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אויפסנײַ, שטילער, האַסטיקער, פאַרצווייפלטער, און דער גרויסער ווייטיק האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איר שטים:

— ווייסטו וואָס כ׳האָב נעכטן געטון? זײַ נישט בייז אויף מיר! כ׳בין געווען אויפן בית-עלמין. כ׳בין געגאַנגען צווישן די מצבות לענגאויס די אַלעען צום קבר פון מײַן פאַמיליע, ביז דאָרט אַהין, וווּ מ׳וועט אַמאָל אויפהייבן דעם שטיין און אַראָפּלאָזן אויף שטריק מײַן ארון. איך האָב זיך געזאָגט: אָטאָ-דאָ אַהער וועט אין אַ געוויסן טאָג, הײַנט צי מאָרגן, אָבער זיכער אַמאָל, אַרים עלף אינדערפרי מײַן עגלה פאַרפאָרן. כ׳בין געווען מיד, אָפּגעשוואַכט, כ׳האָב זיך געמוזט אָנשפּאַרן אָן עפּעס אַ מצבה; און כ׳בין געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער אַרומיקער שטילקייט און פון דעם מירמלשטיין און פון דער ערד, און כ׳האָב געהאַט פאַר מיר די אַנטפּלעקונג פון מײַן אייגענער לויה. זי איז געגאַנגען מיט גרויס שווערקייט באַרג-אַרויף. מ׳האָט געמוזט די עגלה-פערד פאַ די צײַמלעך אַרויפציִען (נישט איינמאָל האָב איך דאָס געזען אויפן דאָזיקן אָרט). יעמערלעך האָט אויסגעזען די לויה אין דידאָזיקע באַדינגונגען. די אַלע וואָס האָבן מיך געקענט, וואָס האָבן מיך ליב געהאַט, זענען דאָרט געווען אין טרויער. דער עולם מלווים האָט זיך צעשפּרייט צווישן די מצבות. ווי דאָס אַלץ איז נאַריש, די דאָזיקע שווערע שטיינער, וואָס דריקן אַראָפּ אויף די טויטע; און די אוהלים, וואָס זענען פאַרשלאָסן ווי די הײַזער!..

„און איך בין דאָרט געווען... אין דער עגלה... אָדער ריכטיקער, דאָס איז נישט געווען איך: זי איז דאָרט געווען... און אין דערדאָזיקער רגע האָבן מיך אַלע ליב געהאַט מיט עפּעס אַ מין שרעק. און זיי האָבן אַלע געטראַכט וועגן מיר, וועגן מײַן קערפּער. דער טויט פון אַ פרוי האָט אין זיך עפּעס אומפאַרשעמטס, מחמת ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן איר אינגאַנצן.

„און דו — דו ביסט אויך דאָרט געווען... דײַן אָרים קליין פּנים האָט זיך צונויפגעקראַמפּט אין אַ שטומען צער — און פון אונזער גרויסער ליבע איז שוין מער נישט געבליבן,

ווי דו און דער שאָטן פון מיר, און דו האָסט צומאָל נישט געהאַט דאָס רעכט צו רעדן וועגן מיר. — לסוף ביסטו אַוועקגעגאַנגען, גלייך ווי דו וואָלסט מיך קיינמאָל נישט געווען ליב געהאַט.

„אומקערנדיק זיך אַ פאַרפרוירענע אַהיים, האָב איך באַ זיך געטראַכט, אַז דערדאָזיקער קאָשמאַר איז געווען דער ווירקלעכסטער פון די ווירקלעכקייטן. אַז דאָס איז געווען די פּשוטסטע זאַך, אמתדיק ביז גאָר. און אַז אַלץ, וואָס כ׳האָב דורכגעלעבט אין פולן לעבן, איז לגבי דעם געווען מערנישט ווי א חלום״.

זי האָט דערשטיקט אין זיך אַ ווייטיקלעכן אויסגעשריי, אויפשוידערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

— סאַראַ יאוש איך האָב אַהיימגעשלעפּט אין שטוב אַריין! אינדרויסן האָט מיין עצבות אַלץ פאַרטונקלט, הגם די זון האָט געשטראַלט. אַך! דעם חורבן פון דער גאַנצער נאַטור, וואָס מ׳מאַכט אַרום זיך, דעם אומגעהויערן ים פון צער, וואָס מ׳טראָגט אַריין אין דער וועלט! בעת אונזער אומעט וואַקסט זיך פונאַנדער, דאַן האַלט נישט אָן דאָס הערלעכסטע וועטער אפילו.

„אַלץ איז מיר פאַרגעקומען צעקלאַפּט, פאַרשאָלטן דורכן בייזן מלאך פון אמת, וואָס מ׳זעט אים נישט קיינמאָל.

„די שטוב האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, ווי זי איז אינדערעמתן: הויל, חרוב, פאַרשימלט...!״

* *
*

און פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן אַ זאַך, וואָס ער האָט איר אַמאָל געהאַט געזאָגט; זי האָט זיך אָן דעם דערמאָנט מיט אַן אומגעווייַנטלעכער שאַרפקייט און דערשטוינענדיקער געשיקטקייט, כדי אים פאָרויס צו פאַרמאַכן דאָס מויל, און זיך נאָך מער צו מאַטערן.

— אַך! יאָ, הער זיך איין... געדענקסטו?... איינמאָל אין אָוונט — האָב איך באַ דער שיין פון לאָמפּ געבלעטערט עפּעס אַ בוך. דו האָסט געקוקט אויף מיר. ביסט צוגעקומען און

אנידערגעקניט לעבן מיר. דו האָסט מיך אַרומגענומען, האָסט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף מײַנע קני און האָסט געוויינט. כ'האָב נאָך דײַן שטים: „כ'טראַכט וועגן דעם, האָסטו געזאָגט — אַז דידאָזיקע רגע וועט זיך שוין קיינמאָל מער נישט אומקערן. כ'טראַכט, אַז דו וועסט זיך ענדערן, שטאַרבן, און אַז דו וועסט אַוועקגיין — און דאָך ביסטו איצט דאָ מיט מיר!.. כ'טראַכט, מיט אַן אומגעהויערן וואַרהייטס־בּרען, ווי ווײַט די מינוטן זענען טײַער, ווי ווײַט דו גופא ביסט טײַער, דו, וואָס וועסט שוין קיינמאָל נישט זײַן דאָס, וואָס דו ביסט איצט. — און איך פאַרער און פאַרגעטער דײַן אומענדלעך טײַערע אָנוועזנהייט אין דערדאָזיקער רגע." — דו האָסט אַ קוק געטון אויף מײַן האַנט, האָסט געזאָגט, אַז זי איז קליין און ווײַס, אַז דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער אוצר, וואָס וועט אַמאָל פאַרשווינדן ווערן. דערנאָך האָסטו איבערגעחזרט: „איך פאַרגעטער דיך," מיט אַזאַ ציטעריקער שטים, אַז כ'האָב קיינמאָל עפּעס שענערס און אמתדיקערס נישט געהערט — ווײַל דו האָסט ווי אַ גאָט אָנגעטקינדיקט דעם אמת.

„און נאָך אַן אַנדערע זאַך דערמאָן איך זיך: איינמאָל אין אָוונט, ווען מיר זענען געזעסן לאַנג בּאַזאַמען און קיין זאַך האָט נישט געקאָנט צעשטרײַען דײַנע שוואַרצע מחשבות, האָסטו פּלוצלונג באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און האָסט מיר אַ זאָג געטון דאָס שרעקלעכע וואָרט, וואָס האָט מיך דורכגעדרונגען דורך און דורך און פאַרוואונדעט מײַן נשמה: „דו ענדערסט זיך; דו האָסט זיך שוין געענדערט! כ'וואָג נישט צו קוקן אויף דיר, מורא האָבנדיק כ'זאָל דיך נישט זען אַן אַנדערע!"

„און ווייסטו?.. אין יענעם אָוונט גראָד האָסטו מיט מיר גערעדט פון אָפּגעשניטענע בלומען, פון בלומען — מתים, האָסט זיי פאַרגליכן צו קליינע טויטע צופהלעך. יאָ, דאָס איז געווען דער אָוונט פון דערדאָזיקער בייזער בשורה, פון דער שרעקלעכער בשורה, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דײַן מיט פּײַן איבערגעפולטן האַרץ, צוליב די אָפּגעשניטענע בלומען.

„ווי דו ביסט געווען גערעכט, פילנדיק אַז די צײַט האָט

דיך באַזיגט און מכניע געווען — זאָגנדיק, אַז מיר זעמיר גאָר נישט, מתמת אַלצדינג פאַרגייט..."

* * *

דער בין-השמשות האָט זיך אַריינגעשלייכט אין צימער און אַראָפּגעדריקט ווי אַ שטאַרקער ווינט-שטויס דידאָזיקע אומ-גליקלעכע פּאָר, וועלכע איז געווען פאַרזונקען אין באַטראַכטן דעם מהות פון ליידן, און האָבן זיך פאַרטיפט אין די סיבות פון מענטשלעכן עלנט.

— דער שטח, דער אומגעהויערער שטח טיילט אונז תמיד פונאַנדער; די צייט, די שרעקלעכע צייט פרעסט אונז אויף ווי אַ חולאת... די צייט איז נאָך מער אכזריותדיק, ווי דער שטח. דער שטח האָט אין זיך עפּעס טויטס, די צייט — עפּעס אָפּ-טויטנדיקס. אַלע שטילשווייגענישן, אַלע קברים האָבן אין דער צייט זייער קבר... אַך! אָט די ביידע אומגעזעענע און דאָך אַזוי רעאַלע זאַכן, וואָס קרייצן זיך איבער אונז, גראָד דאָרטן, ווו מיר זענען! מיר זעמיר געקרייציקט; נישט ווי קריסטוס, קערפּערלעך, אויפן צלם; נאָר (— זי האָט צוגעפּרעסט די הענט צו דער ברוסט, און זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק —) מיר זע-מיר געקרייצט אין צייט און אין שטח!"

און זי האָט זיך מיר באמת אויסגעוויזן ווי געקרייציקט דורך די ביידע תקיפים און איר האַרץ האָט געטראָגן די בלוטנ-דיקע וווּנדן פון דעם גרויסן לעבנס-פּיין.

זי האָט זיך צעשטראַלט מיט איר גאַנצער קראַפט. זי איז ענלעך געווען צו די אַלע, וואָס כ'האָב געזען אויפן זעל-ביקן אָרט, און וואָס האָבן זיך אדיך געוואָלט אַרויסרייסן פונם נישטזיין און לעבן רייכער, פולער. אָבער זי האָט געגאַרט נאָך דער פולקאָמענער ישועה. איר גבנעדיק און געניאַל האַרץ איז געלאָפן אין זיין אויפשוווּנג פונם אַלטרויט ביז צום אַללעבן. אירע אויגן זענען געווענדט אין דער זייט פון ווייסן פענצטער, אין דערדאָזיקער עליה פון איר פּנים צום הימל האָט געצאַפּלט די גאָר הייסטע בקשה, די טיפסטע מענטשלעכע בענקשאַפט.

— אַך! פֿאַרהאַלט, פֿאַרהאַלט די צייט, וואָס גייט אַוועק! דו ביסט מער נישט ווי אַן אָרימער מענטש, מער נישט ווי עט־וואָס לעבנס־קיום און מחשבות, פֿאַרלוירן אין אַ ווינקל פֿון אַ צימער, און איך רעד צו דיר וועגן פֿאַרהאַלטן די צייט, און וועגן פֿאַרצוימען דעם וועג פֿון אַלמעכטיקן טויט!"

איר שטים האָט זיך אויסגעלאָשן, גלייך ווי זי וואָלט מער נישט געקאָנט רעדן, איר גאַנצע הייסע תּפֿלה איז געווען אָפּגענוצט און אויסגעשעפּט ביזן סוף. און זי איז פֿאַרזונקען אין אָנמעכטיקן שטילשווייגן.

— ליידער! — האָט געענטפֿערט דער מאַנסביל...

ער האָט געקוקט אויף די טרערן פֿון אירע אויגן, אויפֿן שטילשווייגן פֿון איר מויל... דאַן האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שטערן; אפֿשר איז ער אַליין אויך אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מוט; און אפֿשר האָט ער גאָר אויפֿגעוואַכט צו אַ גרויסן, אינערלעכן לעבן.

בעת ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך געפֿילט בחוש, אַז ער האָט געוווּסט, וואָס איר אָפּצוענטפֿערן, אָבער ער האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי עס צו זאָגן, גלייך ווי יעט־ועדעס וואָרט וואָלט אין אָנהויב צו שוואַך געווען.

— אָט וואָס מיר זענען! — האָט איבערגעחזרט די פֿרוי, אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, גלייך זי וואָלט נאָך געהאָפֿט אויף אַן אוממעגלעכע אָפּווענדונג; פּונקט ווי אַ קינד, וואָס פֿאַרלאַנגט אַ שטערן פֿון הימל.

ער האָט געמורמלט:

— ווער ווייס וואָס מיר זענען?..

* * *

זי האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ זשעסט פֿון אומענד־לעכער מידקייט, וואָס האָט נאָכגעמאַכט אומבאַוווּסטזיניק דעם טויט־קלאַפּ פֿון דער סערפּ, און מיט אַ מאַטער שטים און פֿאַר־לאָשענע אויגן האָט זי ווייטער גערעדט:

— איך ווייס, וואָס דו וועסט ענטפֿערן. וועסט נעמען ברייען מכּוח דער שיינקייט פֿון ליידן. אַך! איך קען דיינע שיינע אידעען. איך ליב זיי, מיין געליבטער, דיינע שיינע טע־

אָריעס; אָבער כ׳גלויב נישט אין זיי. כ׳וואָלט אין זיי געגלויבט, ווען זיי זאָלן מיר קאָנען געבן אַ טרייסט און פאַרטיליקן דעם טויט.

מיט אַ באַשיימפּערלעכער אָנשטרענגונג, זייענדיק אַליין ווייניק זיכער, האָט ער געזוכט אַן אויסוועג:

— זיי וואָלטן אפשר פאַרטיליקט, ווען דו זאָלסט געווען אין זיי גלויבן... האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— ניין, זיי פאַרטיליקן אים נישט, דאָס איז נישט אמת. מעגסט רעדן וואָס דו ווילסט, איינער פון אונז וועט שטאַרבן דער ערשטער, און דערנאָך וועט אויך דער צווייטער אַוועק אויפן עולם־האמת. וואָס־זשע ענטפערסטו דערויף, זאָג, וואָס ענטפערסטו דערויף? אָך! ענטפער מיר! ענטפער נישט מיט קיין פשטלעך, נאָר דירעקט אויף דערדאָזיקער פראַגע. אָך! צעברויז מיך, באַקער מיך דורך אַ תשובה, וואָס זאָל אָנגיין מיך גופא, אַזוי ווי כ׳בין דאָ פאַר דיר!״

זי האָט זיך געווענדט צו אים, נעמענדיק די האַנט זיינע אין אירע דלאָניעס. איר גאַנצע נשמה האָט געצאַפּלט אין דער איינער פראַגע — זי האָט אים געפרעגט מיט אומברחמנותדיקן געדולד, דערנאָך האָט זי זיך אַראָפּגעגליטשט פאַר אים אויף די קני, ווי אַ גוף אָן לעבן. אַרויסגעשליידערט פון הימל אין צעטרעטן אויף דער ערד, איז זי געזונקען אין תהום פון יאוש, און זי האָט געבעטן:

— אַך! ענטפער מיר! ס׳דאַכט זיך מיר, אַז מיט איין וואָרט דיינס קאָנסטו מיך גליקלעך מאַכן!

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף דער וויזיע, וואָס האָט זי נאָך אַלץ פאַרפאָלגט: די שמערצפולע וואָרהייט, פאַר וועלכער זי האָט אויסגעפונען די פאָרמול, דעם אַלמעכטיקסטן נאָמען פון שלעכטס: דער שטח, וואָס פאַרבאָרגט אונז איינער פון אַנדערן; די צייט, וואָס רייסט אונז אָפּ איינער פון אַנדערן!״

אין דעם צימער, וואָס דער בין־השמשות האָט עס געמאַכט עפּעס ווי ענג און נידריק, ווו דער אָרימער הימל האָט געוויזן דעם שטח ווו דער איינטאָניקער זייגער האָט באַשטעטיקט און באַשטעטיקט די צייט, האָט דער מאַנסביל, אָנגעבויגן איבער

איר, גלייך ווי ער וואָלט צי איר אַריבערגערעדט איבער אַ תהום, אין וועלכן ס׳הויערט די אייביקע פראַגע, איבערגעחזרט:

— צי ווייס מען דען, וואָס מיר זעמיר! אַלץ וואָס מיר זאָגן, אַלץ וואָס מיר דענקען, אַלץ, אין וואָס מיר גלויבן, איז הוילע הוריות. מ׳ווייסט קיינזאַך נישט; ס׳איז לחלוטין נישט פאַראַן קיין שום זיכערע, פעסטע זאַך.

— אָבער יאָ! האָט אויסגעשריגן די פרוי — דו האָסט אַ טעות. ס׳איז דאָ, ליידער, ס׳איז יאָ פאַראַן עפּעס, וואָס איז זיכער און פעסט. דאָס איז אונזער שמערץ און אונזער טויט! אונזער עלנט איז אַ ממשותדיקע זאַך; מ׳זעט אים מיט די אויגן און מ׳קען אים מיט דער האַנט אָנטאַפּן. מעג מען פאַרלייקענען אַלדאָס איבעריקע, אָבער ווער קאָן אָפּלייקענען אונזער בעטלערישן גורל?״

— דו ביסט גערעכט — האָט ער געזאָגט — דאָס איז די איינציקע לחלוטינדיקע זאַך אויף דער ערד.

און דאָס איז אינדעראמתן אַזוי געווען. אויף זייערע אָפּענע, צעשראָקענע פּנימער איז באמת געלעגן דער בעטלע־רישער עלנט. מ׳האָט עס געקאָנט זעען מיט די אויגן, מ׳האָט עס געקאָנט מיט די הענט אָנטאַפּן.

* *
*

ער האָט איבערגעחזרט:

— מיר זעמיר די איינציקע אַבסאָלוטע זאַך אין דער וועלט.

ער האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן דאָזיקן געדאַנק. דאָ האָט ער געשפּירט עפּעס אַ שטיץ־פּונקט אינמיטן דעם ווירבל־דיקן לויף פון דער צייט. „מיר...״ — האָט ער געזאָגט. ער האָט אויסגעפונען דעם געשריי אַקעגן טויט און האָט אים איבערגעחזרט. ער האָט געפּרוווט נאָכאַנאַנד צו זאָגן: „מיר... מיר...״

אין דעם גרעניצלאָזן בין־השמשות האָב איך באַטראַכט דעם מאַנספּיל, און אים צופיסנס די פרוי, מטושטש ווי אַ וואָלקן... זיין שטערן, זיינע הענט, זיינע אויגן, דאָס גאַנצע

ליכט פון זיינע געדאַנקען, האָבן אויפגעטויכט פון נעפּל ווי א שטערן־קרייז. און פּרעכטיק איז געווען דער אָנבליק פון זיין ווידערשטאַנד.

— מיר זעמיר דאָס — וואָס בלייבט.

— וואָס בלייבט?!... פאַרקערט מיר זעמיר דאָס, וואָס פאַרגייט.

— מיר זעמיר דאָס, וואָס קוקט זיך צו, ווי אַל דאָס איבעריקע פאַרגייט. מיר זעמיר דאָס, וואָס בלייבט.

זי האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס מיט א תנועה פון פּראָטעסט און אומפאַרשטייעניש. איר שטים האָט געקלונגען כמעט מיט שנאה.

— יאָ... ניין... אפשר... ווי דו ווילסט... איבעריקנס, וואָס גייט דאָס מיך אָן? דאָס איז נישט קיין נחמה.

— ווער ווייסט, צי מיר דאַרפן נישט האָבן דעם צער און דעם שאָטן, כדי אָפּצופילן חדווה און ליכטיקייט.

— דאָס ליכט וואָלט עקזיסטירט אָן שאָטן אויך.

— ניין — האָט דער מאַנסביל מילד אַרויסגעזאָגט. אָבער זי האָט איבערגעחזרט צום צווייטן מאָל:

— דאָס איז אַלץ נישט קיין נחמה.

* * *

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין אַמאָל געטראַכט וועגן די אַלע זאַכן...

— הער זיך איין — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטעריקער און עטוואָס פּייערלעכער שטים. גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מתוודה זיין. כ'האָב אַמאָל געשאַפן אין דער פאַנטאַזיע צוויי נפשות, וועלכע שטייען שוין בײַם סוף פון זייער לעבן, און זיי דערמאָנען זיך אַלצדינג, וואָס זיי האָבן דורכגעליטן.

— אַ פּאָעמע! — האָט זי געזאָגט מיט אומחשק.

— יאָ — האָט ער געענטפערט — איינע פון די, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין אַזוי שיין!

און אַ מערקווירדיקע זאַך: ער האָט ביסלעכווייז אויפ־

געלעבט. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי אויפריכטיק, בעת ער האָט אָפּגערוקט אין אַ זייט דעם לעבע־דיקן ביישפּיל פון זייער גורל, כדי זיך צו באַהעפטן אָן דער פיקציע; בעת ער האָט גערעדט וועגן דערדאָזיקער פּאָעמע, האָט ער ממש געציטערט. מ׳האָט געפילט בחוש, אַז ער האָט אָפּגעפונען די אמונה, אַז ער איז באמת געוואָרן „ער גופא״. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ כדי אים צו הערן, הגם אָן בטחון, געטריבן פון דעם עקשנותדיקן באַדערפעניש נאָך אַ וואָרהאַפטיק וואָרט.

— אָט זענען זיי דאָרט... מאַן און ווייב. דאָס זענען צוויי גליקלעכע. זיי זענען באַם סוף פון זייער לעבן. און זע־נען גליקלעך, וואָס זיי גייען שטאַרבן, און וועלן שוין אויף אייביק פאַרלאָזן דעמדאָזיקן עמק-הבכא.

דאָס איז אַ מין אדם־און־חוה, וועלכע טראַכטן איצט וועגן גן־עדן, וואוהין זיי וועלן אינגיכן זיך אומקערן.

— און מיר, צי וועלן מיר זיך אויך אומקערן אין אונ־זער גן־עדן — האָט געפרעגט די פרוי — אין אונזער פאַר־לוירענעם גן־עדן: צו דער תמימותדיקייט, צום בראשית, צו דער ווייסקייט? אָך! ווי איך גלויב אין דאָזיקן גן־עדן!

* *

*

— די ווייסקייט, דאָס איז עס טאַקע — האָט געזאָגט דער מאַנסביל. דער גן־עדן — דאָס איז דאָס ליכט. דאָס ער־דישע לעבן, דאָס איז די פינצטערניש. אָט איז דער מאָטיוו פונם געדיכט, וואָס איך האָב אָנשקיצירט. זיי זענען שאָטן — און גארן נאָך ליכט.

— פונקט ווי מיר — האָט זי געשעפּטשעט.

... אַזוי זענען זיי דאָרט אויך געזעסן, מאַן און ווייב, איינגעטוליעט אין טונקעלן בין־השמשות, און זיך געריסן צום ליכט, צו דער נעפלדיקער, פאַרוואָלקנטער בלייכקייט פון הימל...

„דידאָזיקע גלויביקע לייט בעטן אויפן טויט, פונקט ווי מ׳בעט אויפן קיום. אין דאָזיקן דערהויבענעם טאָג, האָט זיך

איין וואָרט סוף־כּל־סוף אומגעביטן אין זייער טעגלעכער תּפילה: דער טויט אָנשטאָט ברויט.

„ווּנדיק, אַז זיי גייען ענדלעך שטאַרבן, דאַנקען זיי פּאַרן דאָזיקן חסד. זיי ווייזן גאָט זייערע טונקעלע הענט און מיילער, זייערע פאַרחושכטע הערצער, זייערע פאַרלאָשענע אויגן, און זיי זענען צו אים מתפּלל, אַז ער זאָל זיי אויסהיילן פון דערדאָזיקער אומהיילבאַרער פינצטערניש.

„אין זייער תּפילה שימערט־דורך אַ בּראשיתדיקער געדאַנקענגאַנג. זיי ווילן זיך באַפרייען פונם שאָטן, מחמת ער פאַרשטעלט דעם וועג צו דער געטלעכער ליכטיקייט; בעת זייער ערדישער וואַנדערונג האָבן זיי אויפגעכאַפּט בלויז זעלטענע אויפבליצן, אָדער אַ שוואַכן אָפּשיין קוים פון דער געטלעכקייט. אָבער זיי גאַרן נאָך דער שלמות פון דאָזיקן גאָט, פון וועלכן זיי האָבן מערנישט געזען ווי די בלאַסע פונקען אויפן הימל: „גיב אונז — רופן זיי — גיב אונז די נדבה פון אַ שטראַל, וואָס זיין אָפּגלאַנץ באַדעקט אונז טיילמאָל ווי מיט אַ שלייער, און וועלכער פאַלט פון דעם אין־סוף ביז צו די שטערן אַראָפּ!"

זיי הייבן אויף זייערע בלייכע הענט, ווי צוויי אָרעמע, שוואַכע שטראַלעכלעך...

און איך, הערנדיק דאָס, האָב מיך געפרעגט אין האַרצן, צי דידאָזיקע פּאָר, וועלכע כ'האָב געהאַט פאַר מיינע אויגן, איז נישט געווען פאַרזונקען שוין אין דער נאַכט פון טויט; צי איז דאָס נישט געווען זייער בשותּפותדיקע נשמה, וואָס האָט אויסגעהויכט איר לעצטן זיפץ, און דערגרייכט צו מיינע אויערן...

„מיין פּאָעמע שטרעבט צו אַנטפּלעקן און באַלייכטן זייער אינערלעכן מהות; זי רייסט אַרויס זייער לעבן שטיקערווייז פונם שטילשווייגן אין פונם אומבאַקאַנטן. מיין געדיכט דרינגט אַריין אין זייער טיפן געהיימעניש — און אַזוי גייט ווייטער: די פרוי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נאָכמער נידערגעשלאָגן. זי הערט זיך איין. דער מאַן האָט אַ מער דערהויבענעם אויסזען ווי זי. ער איז שענער פון איר. —

— זיי וואַנדערן אין דער מחשבה אויף צוריקוועגס פון זייער

לעבן... זיי שפּייען אויף דער שוועל צום אייביקן גליק און באַטראַכטן נאָכאַמאָל זייער אויסגעפּירט לעבנסווערק אין זיין גאַנצן פאַרנעם. וויפל צער, וויפל האַרצווייטיק, וויפל פּחד! זיי חזרן איבער אַלצדינג, וואָס ס'האָט זיך זיי אַקעגנגעשטעלט אין לעבן, זיי פאַרגעסן אָן קיינזאַך נישט, זיי פאַרהוילן גאָרנישט, זיי פאַרלירן נישט קיין שום פּרט פון דער שרעקלעכער פאַר-גאַנגענהייט. סאַראַ געדיכט מוז עס זיין, סאַראַ געזאַנג פון עלנט, וואָס זאָל מיט איין קלאַפּ געבן אַן אויסדרוק דעם גאַנצן מענטשלעכן פּיין!"

„קודם-כל די אכזריותדיקע נויטווענדיקייטן. דאָס קינד ווערט געבוירן; זיין ערשטער געשריי איז שוין אַ וויי-געשריי; דערנאָך די קראַנקהייט, דער ווייטיק, די אַלע יאָמערייען, מיט וועלכע מיר זעטיקן אָן די גלייכגילטיקע מנוחה פון דער נאַ-טור; דאַן די אַרבעט, מיט וועלכער מ'דאַרף קעמפן פון פרי-מאָרגן אָן ביזן טיפן אָוונט, כּדי צו קאָנען, בעת ס'ווען זיך אויסלאָזן די כּוחות, אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ הויפן גאָלד, וואָס פאַלט זיך פונאַנדער ווי אַ חרובדיקער בנין; דאָס אַלץ מוז מען שילדערן ביז צו די אַלע שמוציקייטן, די מיאוסע רייזות און דעם קויטיקן שטויב, וואָס לויערט אויף אונדז אויף טריט און שריט און פון וועלכן מ'מוז זיך אָפּשאָקלען און צופרייניקן יעדע רגע — גלייך ווי די ערד וואָלט זיך נאָכאַ-נאַנד געפלייסט אונדז צו באַזיצן, אָן אָפּרו, ביז צו דער ענד-גילטיקער קבורה; שילדערן מוז מען אויכעט די מידקייט און די מאַטערניש, וואָס דערנידעריקט אַ גוף און פאַרטרייבט דעם שמייכל פון פּנים, און אין אונדז פאַרוואַנדלט ער די היים כּמעט אין אַ מדבר, אין וועלכן ס'טויבן-אויף די רוחותדיקע שאָטנס, וואָס זאָגן רק נאָך רו און רו!"

...עמע הערט זיך צו און זאַפּט איין זיך די דאָזיקע ווערטער. אין אַ געוויסער רגע האָט זי אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרצן און אַ זאָג געטאָן: „אָרימע מענטשן נעבעך!" דערנאָך האָט זי געמאַכט אַן אומגעדולדיקע תנועה, האַלטנדיק אַפּנים, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַוועק אַביסל צו ווייט; זי וויל נישט אַזוי אַזויפיל שוואַרצקייט. צי איז זי אַזוי פאַרמאַטערט? אָדער געפינט זי אפשר, אַז דאָס בילד, וועלכעס איז אַרויס-

גערופן געוואָרן נישט מיט איר אייגענער, נאָר מיט אַן אַנדערער שטים, איז צופיל איבערגעטריבן?

און ווי דורך עפּעס אַ ווונדערבאַרן צונויפפאַל פון חלום און ווירקלעכקייט, פּראָטעסטירט די פרוי פון דער פּאָעמע אויך אין דערזעלבער רגע.

— די פרוי הייבט־אויף די אויגן און פּרוּווט נישט דרייסט אָפּצווענדן: אָבער דאָס קינד, וואָס קומט אונדז צו־הילף..." דער מאַן ענטפערט: „דאָס קינד, וועמען מ׳גיט דאָס לעבן אין וועמען מ׳לאָזט דערנאָך שטאַרבן!" ער וויל נישט מ׳זאָל פאַרבאַהאַלטן די יסורים און ער נעמט אַרומזוכן אין דעם עבר נאָך מער ליידן, איידער מ׳וואָלט זיך געקאָנט משער זיין; ער דערגרייכט צו אַ מין שלמות אין זיינע זוכענישן; זיין משפּט איבערן לעבן איז הערלעך און מעכטיק, ווי דער לעצטער משפּט: „דאָס קינד, דורך וועלכעס די מענטשלעכע ווונד האַלט אין איין בלוטיקן. באַשאַפן, פונדאָסניי אַ האַרץ באַלעבן, ווידער גורם זיין מענטשלעכע פּיין! געבוירן, מקריב זיין אַ נפש! ברענגען קרעכצנדיק אויף דער וועלט נאָך איין יללה מער! די חבלי־לידה פון דער מוטער! און זיי ענדיקן זיך נישט דערמיט, זיי צעוואַקסן זיך אין דער אומענדלעכקייט מיט אָן אַ שיעור יסורים און וואַכנעכט..." און ס׳פליסט ווייטער די פּאַליע פון דעם אומענדלעכן געפיל פון מוטערשאַפט און זעלבסטאָפּפערונג; דאָס העלדישקייט פון דער מוטער צוקאָפּנס דעם קליינטשיקן, צאַפּלדיקן נפשל, וועלכעס וואַגט קוים צו לעבן; די גליקלעכע מינע פון דער מוטער, בעת זי איז איבערגעפולט מיט אַנגסטן ביז צו טרערן און קאָן ענדלעך ווידער אַ שמייכל טון... און די אייביקע אומרויִקייט: דערמאָן זיך נאָר דאָס ענדיקן די אַרבעט פון טאָג, און דעם אָוונט בעת די זון פאַרגייט; די טרויעריקע מתיקות פון אָפּרוען זיך... וויפל מאָל האָב איך אין אָוונט אַרומגענומען מיטן בליק די טייערע מיינע, ציטעריקע, מיט גרויס מי דערהאַלטענע עופהלעך, מיינע הענט האָבן געצערטלט די ליבע קעפּלעך, דערנאָך זענען מיינע אָרעמס אָנמעכטיק אַראָפּגעזונקען און איך האָב געוויינט, באַזיגט דורך דער שוואַכקייט פון מיינע טייערינקע!..״

עמע האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן פון צו

מאַכן אַ האַסטיקע תנועה, גלײַך זי װאָלט אים געװאָלט זאָגן, אַז ער איז אַן אכזר...

— די קינדער װאַקסן, און דערנאָך... ער זאָגט מיט אַ גלײַענדיקן בליק: „קין!" זי זאָגט מיט אַ שלאָכצנדיקער שטים: „הבל". זי לײַדט בײַ דער דערינערונג פֿון די צװײ קינדער, װעלכע זענען זיך געװען שונאים און פֿלעגן זיך אָפּט שלאָגן. זײ האָבן אין איר גופא געטראָפֿן, מחמת זי האָט זײ געטוליעט אין איר מוטערלעכן האַרץ. דערנאָך שטײַגן פֿאַר איר שטי־לערהײט אַנדערע זכרונות אויף; זי טראַכט װעגן דעם יונגסטן, װאָס איז געשטאָרבן: „דאָס יונגסטע, דאָס בעסטע... ער איז שוין נישטאָ צװישן אונז, און איך, איך קוק אויף אים אָן אויפֿהער". — די מוטער שטרעקט אויס אירע אָרעמס נאָך דעם אוממעגלעכן, זי יאָמערט, צערײַסט מיט אירע קושן דעם פּוסטן חלל: „ער איז שוין נישטאָ, און איך האַלז אים!" און דער מאַן שרײַט: „דער טויט — די בײַזהאַפּטיקע גוטסקײט פֿאַרלאָזט אונז" — און זי רופֿט אויס אין אומגעהויערן יאוש: „אָך!" די אומפּרוכטבאַרקײט מוטער צו זײַן!"

ס'האָט מיך אײַנגעװיגט די שטים פֿונם פּאָעט, װאָס האָט האַרמאָניש און קלינגנדיק רעציטירט זײַנע חלומות. די מטוש־טשע דמיונות האָבן אָנגענומען רעאַלע פֿאָרמען...

— דערנאָך זעען זײ זיך פֿאַרלאָזענע דורך די אײגענע קינדער, זינט זײ זענען אויפֿגעװאַקסן און האָבן אָנגעהויבן צו ליבן. „צי דאָס קינד בלײַבט לעבן, אָדער עס שטאַרבט, עס פֿאַרלאָזט אונז אַלצײַנס, מחמת זיס איז פֿײַנט צו האָבן די עלטער, בעת דער מענטש איז יונג, געזונט און האָפֿערדיק; דער אכזריותדיקער פֿרילינג באַגראָבט דעם װינטער — דער קוש איז נאָר טיף אויף פֿרישע ליפּן. אָ, מוטערס! אונזער אָנשיעורדיקע צערטלעכקײט װערט פֿאַראַלמנהט. דו װעסט פֿאַר־לאָזן דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער און װעסט אַנטלויפֿן פֿאַר דער אומפּרוכטבאַרער און לעסטיקער אַרומהאַלזונג פֿון זײערע אָרעמס...

כ'האָב זיך דערמאָנט אַן יענער טראַגישער סצענע, װעל־כע כ'האָב געזען אויפֿן זעלביקן אָרט מיט עטלעכע טעג צו־ריק. יאָ, אַזױ איז עס בעװען אײַנדערצמתן. די אַלטיטשקע האָט

אַרומגענומען דאָס יונגע פּאָרל, וועלכעס האָט זיך אָקאָרשט באַפרייט צו אַ נײַ לעבן, מיט אַן אומגוצלעכער און לאַיבּוד־גייענדיקער אַרומהאַלזונג. ער איז געווען גערעכט, דערדאָזיקער מערקווירדיקער דיכטער, אָט־דער אומבאַקאַנטער זינגער־דענקער.

— קיין שום תּרופה קעגן דעם אומדערמידלעכן אומ־גליק פון לעבן; אפילו דער שלאָף גיט נישט קיין נחמה: „שלאָפן... פאַרגעסן אין דער נאַכט אָן אַלעם... — ניין, עס באַפאַלן דיך חלומות, רוחות, זעעענישן... אונזער שלאָף שלאָפט קיינמאָל נישט: ער צאַנקט — טיילמאָל צערטלט ער אונז מיט זיין מילדער, נעפּלדיקער פאָרם, דער חלום, וואָס מיר חלומען. אָבער תּמיד פאַרשאַפט ער אונז צער: איז ער טרויעריק, פאַר־וואונדעט ער אונזערע נעכט; איז ער זיס, פאַרוואונדעט ער אונזע־רע טעג...

„...אין דאָך האָבן מיר ביידע געלעבט באַזאַמען" שעפּ־טשעט דאָס ווייב... און זיי באַטראַכטן איצט זייער ליבע. באַם סוף פון זייער לעבנס־מי, רופן זיי אַרויס דאָס בילד פון האַר־ציקער צערטלעכקייט... „אָבער אין דער נאַכט, האָבן מיר דאָך לאַנגע שעהן איינער צום אַנדערן געהערט... בעת מיר האָבן צווישן די אַלע פאַרהוילענע וועגן געזוכט דעם אונזעריקן, בעת מיר האָבן אינדערפינצטער געאיילט צו אונזער מקום־מנוחה, גלייך ווי צו דעם לעצטן ברעטל פון אַ צעבראָכענער שיף, אויפן שויס פון די ברויזנדיקע ים־כוואַליעס; בעת אין דער טיפעניש פון טאָל האָט זיך דער שאָטן צונויפגעגאָסן מיט דיין אָרעם, פשוט און אָפּגעריבן קלייד, האָבן מיינע אויגן, אונטער די לעצטע שטראַלן, וואָס האָבן זיך אין אַ כאָר געלאָשן, געזען דאָס כּמעט נאַקעטע טיאָכקן פון דיין האַרץ. און בעת מיר זענען געווען גאַנץ אַליין, וואָס האָבן מיר גע־רעדט... מיר האָבן זיך געזאָגט: כ'האָב דיך ליב..."

„אָבער דאָסדאָזיקע וואָרט האָט, ליידער, קיין זין נישט, מחמת איטלעכער פון זיי פילט זיך איינזאַם, און ביידע שטי־מען שעפּטשען צו זיך אומפאַרשטענדלעכע סודות און ס'ליגט אויף זיי די קללה פון איינזאַמקייט, צו וועלכער זיי זענען פאַרמשפּט. „אָ, שיידונג פון די הערצער, ערד, וואָס איז אָנ־געהויפנט אויף איטלעכן בן־אדם, שרעקלעכע שווייגזאַמקייט פון

געדאַנק! ליבהאָבערס און געליבטע, מיר האָבן זיך געזוכט אין דער אומענדלעכקייט; מיר זעמיר געווען צוזאַמען, אָבער אונז האָט קיינזאַך נישט פאַרייניקט. און בעת מיר זעמיר געשטאַנען נאָענטע און ציטעריקע אונטער די מלכותדיקע שטערן און מיר האָבן צונויפגעפלאָכטן אונזערע הענט, דאַן זענען מיר בלויז געווען ווי צוויי זיך קעגנזייטיק געשענקטע נדבות!

— אַך! — האָט געזאָגט עמע — ביסטו דאָס בכן מודה אין דיין פּאָעמע. דו דאַרפסט דאָס נישט טון... דאָס איז צו־פיל אמתדיק!

— ... דערנאָך איז געקומען די רגע פון דעם קוש און דער אַרומהאַ־זונג. אָבער די גופים דרינגען זיך פונקט אַזוי ווייניק דורך, ווי די הענט, נישט געקוקט אויף דער דרייסט־קייט פון געדאַנק, און דאָס איז נישט געווען קיין פאַרייניקונג, נאָר עפּעס אַ ווילדע צעברויזטקייט פון די חושים, אַ מין שיכּרותדיקער פיבער, וואָס האָט זיי ביידן באַגעוועלטיקט.

— איך קען דאָס — האָט געזאָגט עמע, און איר גאַנ־צער קערפּער האָט אויפגעשווידערט מיט טאָפּעלער בושה.

„און אין מאָמענט פון יאוש האָט דער ווייטיק נאָך פאַרשטאַרקט זייער טאָפּעלע איינזאַמקייט: „איינגעגראָבן אין אונזערע לייבער ווי אין אונזערע תּכריכים, האָבן אונזערע אויגן זיך אויסגעמישט מיט די טרערן. אונזערע הערצער אָבער האָבן געוויינט יעדעס פאַר זיך. כ'האָב געזעען די אומענדלעכע טיפעניש פון דיינע טרערן; דו האָסט געוויינט... כ'האָב גע־שפּירט, אַז יעדער פון אונז איז אַ באַזונדערע וועלט!"

* * *

„און אַזוי־ערנאָך — האָט דער פּאָעט ווייטער דערציילט — באַווייזן זיך עלנט און פּיין אין זייער גאַנצן פאַרנעם. דאָס גע־וויסן איז קיינזאַך נישט מוחל, די קל׳ה איז צו ענדע. איבע־ריקנס — אויך דאָס לעבן איז צו ענדע. דאָס לעצטע מאָל קערן זיי זיך אום צו דידאָזיקע זאַכן.

„די פרוי בליקט איצט עתיד מיט דער זעלבער נייגע־ריקייט, מיט וועלכער זי איז אַריינגעקומען אין לעבן. חוה

ענדיקט פונקט אַזוי, ווי זי האָט אָנגעהויבן. איר סובטעלע און לעבהאַפטיקע פרויען-נשמה רייסט זיך צום אייביקן סוד. זי וואָלט געוואָלט זיין גליקלעך — שוין...״

די געליבטע הערט זיך איין מיט גרויס שפּאַנונג אין די ווערטער פון איר פריינט. די קללה פון יענער, אַזוי נאָענטער און שוועסטערלעכער העלדין פון זיין פּאָעמע, האָט באַהערשט איר גאַנצע מחשבה. אָבער ס׳דאַכט זיך מיר, ווי זי וואָלט עפּעס איינגאַנצן קלענער געוואָרן אין מיינע אויגן. אָקאָרשט האָט זי געוועלטיקט איבער אַלעם, איצט הערט זי נכנעדיק צו, זי וואַרט, זי איז פאַרכאַפּט.

— מיר אויכעט, נישט אמת? — האָט זי געזאָגט.

ס׳איז דאָ עפּעס רירנדיקס אין דעמדאָזיקן צווייאיקן ווערק פון לעבן און קונסט. ער איז לירישׂ; זי איז דראַמאַטיש. זיי זענען גלייכצייטיק שעפערס, אַקטיאָרן און קרבנות פון דער דראַמע. און מ׳ווייס שוין נישט סוף-כל-סוף וואָס זיי זענען אייגנטלעך. ס׳איז נאָר פאַראַן דער גרויסער אמת, וועלכער איז דערזעלבער אי פאַר די ווערטער, אי פאַרן מזל. ווו הייבט זיך אָן די דראַמע, וואָס זיי שפּילן און ווו הייבט זיך אָן דאָס שוישפּיל, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין זיי גופא?״

* *

*

אַן אומגעהויערע פרומקייט איבערפלייצט זיי מיט האָפענונג; כ׳גלייב אין גאָט, כ׳גלייב שוין נישט אין זיך!״ אָבער די אומדערמידלעכע נייגעריקייט גליטשט זיך אַריין בשתיקה. ווי אַזוי וועט זיין אין גן-עדן, ווי אַזוי וועלן אויפהערן די ליידן?...

— דער גן-עדן — זאָגט ער — מיר האָבן אים צייטנווייז, הגם גאַנץ קנאַפּלעך, אויף דער ערד שוין געזען. די האָפענונג, די חדווה, דער שיינער געפילס-אויסברוך, דער שטאַלץ פון אינערלעכער באַלוינונג, דאָס אַלץ זענען געווען ברעקלעך פון גן-עדן. דאָס זענען געווען ווי קורצע רגעס פון רבונו-של-עולם... אָבער דאָס אַלץ האָט זיך גיך פאַרהוילן צוליב אונזער אומווערדיקייט, צוליב אונזער מענטשלעכער פינצטער-

קייט. איצט חעט אראָפּפאַלן אונזער טרויעריקע הילע און להבא וועט שוין זיין בלויז גאָט אָן גרעניצן! אָבער זי פרעגט „וואָס-זשע וועל איך דאַן זיין?"

— זי האָט רעכט — באַמערקט עמע.

„און ער ווייזט איר אויף, אַז מיר קענען נישט דעם מהות פון פולקאָמענעם גליק. מ'קאָן די אייביקייט מיט די הענט נישט באַרירן, זי איז פאַרהוילן. מיר מוזן זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס באַדאָט, און איינשלאָפן שטיל ווי די קינדער, בעת ס'וועט קומען דער לעצטער אָווגט פון אונזערע אָוונטן!"

— און פאָרט... — וויל עמע ווייטער איינווענדן; אָבער דער דיכטער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אירע ווערטער און ווייטער ממשיך געווען זיין דערציילונג:

„קעמפנדיק מיט דער שטיקנדיקער נייגעריקייט, וואָס האָט זי באַגוועלטיקט, שטעלט דאָס ווייב אויפסניי די אומלייזבאַרע לעבעדיקע פראַגע: „וואָס-זשע וועלן מיר זיין?"

„און דאַן ענטפערט ער איר ווידער דערמיט, וואָס ער דערקלערט איר דאָס, וואָס זיי וועלן נישט זיין. ער וואָלט איר גערן געזאָגט עפּעס פּאָזיטיווס, אָבער דער אמת האָט אים באַגוועלטיקט און קערט אים אָפּ צום פאָרגעפיל: מיר וועלן שוין נישט זיין דאָס, וואָס ביז אהער: הויפּנס ביינער, לייבער. געיאָמער!.."

און ער גראָבט זיך איין אין זיין שאָטן, כדי צו פאַרלייקענען די ווירקלעכקייט. אָבער דאָס ווייב שרייט אויס אַ ציטערנדיקע: „וואָס-זשע וועלן מיר זיין?" — ס'וועט שוין נישט זיין קיין שאָטן, קיין צעשיידונג, קיין שרעק, קיין ספק. ס'וועט נישט זיין קיין עבר, קיין עתיד, קיין באַגער; דער באַגער איז תמיד אָרים, מחמת ער בעטלט תמיד דאָס, וואָס ער האָט נישט. ס'וועט נישט זיין קיין האָפענונג.

— וועט בכן נישט זיין קיין האָפענונג?..

„די האָפענונג איז אומגליקלעך, טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָפט. קיין תפילה מער: די תפילה איז אויך אומזיניק, מחמת דאָס איז דער אייביק שטייגנדיקער און זינקנדיקער געשריי... קיין שמייכל מער: צי איז ער דען נישט האַלב טרויעריק? דער מענטש שמייכלט בלויז צו זיין מעלאַנכאָליע, צו זיין אומ-

רויקייט, צו זיין להבאדיקער איינזאַמקייט, צו זיין שמערץ, ווען אַנטלויפט; דער שמייכל דויערט קיינמאָל נישט לאַנג, ווייל אויב ער וואָלט געדויערט, וואָלט ער נישט געווען במציאות; ער מוז בטבע פאַרשווינדן, שטאַרבן... — „אָבער וואָס וועל איך זיין, איך? — דאָסדאָזיקע געשריי: „איך!" פאַרכאַפּט ביסלעכווייז אַלץ, און עס ציטערט, וויינט און מאָנט זיין תיקון. און נאָכאַמאָל נעמט ער איר שליידערן ווערטער-שאָטנס, ווערטער-רוחות, מהמת דאָ פרעגט מען אים וועגן דעם, וואָס ס'וועט זיין, און ער ענטפערט דאָס, וואָס ס'וועט נישט זיין. ער שפרייט פאַר איר נאָכאַמאָל אויס דאָס בילד פון די דורכגעליטענע יסורים, ווי עפּעס אַ שרעקלעך געשפענסט. ער ציט זיי אַרויס פון די סודותפולע באַהעלטענישן. ער איז זיך מודה אין דעם, אין וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט מודה געווען. „כ'האָב עס תמיד פון דיר פאַרהוילן. — כ'האָב מיט דיר גערעדט וועגן דעם, אָבער כ'האָב משקר געווען." ער איז שוין אפילו דערגאַנגען אַזש ביזן אויסטראַכטן ממש אומגלויבלעכע זאַכן, אַבי נאָר צו געפינען אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער אַזוי פשוטער פראַגע. ער צענעמט ברעקלעכווייז זיינע באַגערן, און יעדעס פיצל פון זיין פראַזע רופט אַרויס אַ ניי גיהנום. ער האָט אַלץ געגלוסט; דאָס גוטס פון צווייטן, דאָס מזל פון צווייטן, די ממשלה איבערן המון, אומשטערבלעכן רום. ער עפנט פאַר אונז אָפּ אפילו אַ גאַנצע מוראדיקע דראַמע, וועלכע איז דערשטיקט געוואָרן אין זיינע טיפענישן: „אַ גיהנום, וואָס איז נאָך פיל שרעקלעכער און מאוימדיקער: כ'האָב געגלוסט אונזער טאָכטער, וואָס איז ענלעך געווען צו דיר אינם מאָרגנשטערן פון דיין יוגנט!" ער האָט נישט נאָכגעגעבן דידאָזיקע גליסטונגען, ער איז העלדיש אויסגעשטאַנען די יסורים. ער האָט אין זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מאַסקע פון רויקייט דעם אייביקן נסיון: „דערשטיקט אין דער טיפעניש פון מיין נשמה, אָבער שטאַרק, מעכטיק, גרויס... אַך, די זינד, וועלכע לאָקערט אין מיין האַרץ, פאַרטאָיעט און מאַטערנדיק, דער אומגעהויערער ווייטיק פון נישט דערפילטער זינד!"

„מער ווי אַלץ האָט ער באַגערט די פאַרגאַנגענהייט און האָט זיך כסדר צוריק אומגעקערט צום דאָזיקן אַזוי פשוטן

און אַזוי זיכערן שמערץ — צו דעם עבר, וועלכער איז אָפּגע־שטאָרבן. ער האָט געוואָלט אַריינדרינגען אין דעם עבר, פּונקט ווי אין דעם עתיד, פּונקט ווי אין דעם געליבטן האַרץ. אָבער דאָס געדעכעניש איז אומברחמנותדיק. דער עבר איז גאָרנישט, ער וועט זיך קיינמאָל שוין נישט אומקערן — עס ליידט דער, וואָס איז פאַרקוקט אינם עבר.

„נישט געקוקט אויף דער פרומקייט, וואָס האָט זיך איינ־געפונדעוועט אין זיי צוזאַמען מיט זייער עלטער, האָט זיי ביידן פאַרפאָלגט דער געדאַנק וועגן טויט, וואָס פאַרטיליקט די גאַנצע לעבנס־כוחות, וואַרפנדיק אויף אַלץ אַן אונטערערדישן שאָטן. דער געדאַנק וועגן טויט: דער טויט, וואָס לעבט איי־ביק... „אַך! ווי איך האָב געליטן... ווי איך האָב געמוזט ליידן!"

„אָט איז דאָס אַלץ, וואָס ס'איז געווען, און וואָס האַלט זיך שוין בײַ ענדיקן. אָט זענען די אַלע מיני נעפּלען, וואָס האָבן פאַרצוימט דעם וועג דער דויערהאַפטיקייט פונם גליק. „מיר זעמיר די — שרייט ווי אינאָנהויב דער העלד פון דער פּאָעמע — מיר זעמיר די, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געזאָטן דאָס ליכט, וועלכע ס'האָט אַרומגעהילט איטלעכן אָוונט אַ די־קער, אַלמעכטיקער נעפּל. שוואַרץ איז אונזער לעבעדיק, שטראָמיק בלוט. אַלץ וואָס מיר באַרירן, ווערט פאַראומווערדיקט דורך אונזערע טונקעלע מחשבות. אונזערע אויגן זענען פּוסט, שוואַרץ און בלינד, אונזערע אויגן זענען אויסגעלאָשן: זיי ברויכן די גרויסע ישועה פון הימל... געדענקסטו, ווי מיר זעמיר אַמאָל געזעסן אונטער אַ רויקן אָוונט־ווינטל, בעת אַ שטראַל פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט געבלאָנזשעט אויף אונזערע קעפּ, און מיר האָבן געוואָלט, אַז ס'זאָל נאָך לאַנג נישט צופאַלן די נאַכט. דיין שוואַכער אָרעם, אָנגעלענט אָן מיינעם, האָט געציטערט ווי אַ בלאַט... דערדריקנדיק אונזער צער־גולן שוונג, האָט די נאַכט אונדז צוגענומען דאָס געטריבטע ליכט".

„די נאַכט האָט אויסגעשפּרייט איבער זיי איר שוואַרצן מאַנטל... און דער מאַן, וועלכער איז נאָך געווען פאַריאָכט און פאַרבלענדט פון זיין קינדישער אמונה, שרייט אויס: „די נאַכט וועט ווערן איינגעשלונגען; דו וועסט זיין דאָס ליכט!"

אָבער דער אומגעהויער באַרמהאַרציקער צוזאָג האָט נישט קיין פּעולה, ער פאַריאָגט נישט די שרעק פון דער פרוי; און זי הערט נישט אויף צו פרעגן, וואָס זי וועט זיין, זי גופא; מחמת דאָס ליכט איז פאַר איר גאָרנישט. גאָרנישט, גאָרנישט... זי פּלייסט זיך אומזיסט צו קעמפן מיטן דאָזיקן וואָרט.

„ער וואַרפט איר פאָר, אַז זי איז אין סתירה מיט זיך גופא, פאַרלאַנגנדיק אויפאַמאָל דאָס ערדישע גליק און דאָס הימלישע גליק. זי ענטפערט אים אָפּ מיט טיפער איבערצייגונג, אַז נישט אין איר ליגט די סתירה, נאָר אין די זאַכן גופא, נאָך וועלכע זי גאַרט.

„דאַן כאַפּט ער זיך נאָך אָן אַן אַנדער ישועה-צווייגל און מיט פאַרצווייפלטער זשעדנעקייט איז ער מסביר, שרייט און קאָרטשעט זיך פון ווייטיק: דאָס קאָן מען נישט וויסן! סאַראַ משוגעת, סאַראַ לעסטערונג, צו וועלן דורכדרינגען דעם געטלעכן סוד! דאָ גייט וועגן מהות פון די זאַכן, וועלכע זע-נען אַזוי פאַרשידן פון די יעניקע, וואָס מיר זענען מסוגל משיג צו זיין מיט אונזער באַגרעניצטן מוח! דאָס געטלעכע גליק האָט נישט דאָסזעלבע געשטאַלט ווי דאָס מענטשלעכע גליק. „דאָס געטלעכע גליק איז מחוץ אונז".

די פרוי האָט זיך ציטערנדיק אויפגעשטעלט.

„דאָס איז נישט אמת! דאָס איז נישט אמת! ניין, מיין גליק איז נישט מחוץ מיר, מחמת ס'איז דאָך מיין גליק..." די אַלוועלט איז די אַלוועלט פון גאָט, אָבער דער גאָט פון מיין אייגענעם גליק — בין איך אַליין. „איין זאַך וויל איך נאָר — איז זי מוסיף מיט אַנטשיידנדיקער פּשטות — כ'וויל זיין גליק-לעך, איך, אַזוי ווי כ'בין — איך, אַזוי ווי כ'לייד."

ע.גע האָט אַ טיפן ציטער געטון: זי האָט בלי-ספק גע-טראַכט וועגן דעם, וואָס זי אַליין האָט געזאָגט מיט אַ ווײַלע פריער: „גיב מיר אַן ענטפער, וואָס זאָל מיך פאַרזענלעך אָנ-גיין, מיך גופא, אַזוי ווי כ'בין." און אָט האָט איצט די העלדין פון דער פּאָעמע געשטעלט דידאָזיקע פראַגע אויף אַ טיפערן און קלאָרערן אופן. עמע איז ענלעך געווען צו דערדאָזיקער פרוי, מער ווי צו זיך גופא...

„איך, אַזוי ווי כ'לייד — האָט איבערגעחזרט דער מאַנסביל,

„אַ וויכטיק וואָרט! עס פירט אונז אין סאַמע האַרץ פון דערווירקלעכקייט. דער מענטשלעכער ווייטיק איז אַ באַשטימטע זאַך, וואָס פאַרלאַנגט אַ באַשטימטן ענטפער, און ווי טריב ס'זאָל נישט זיין דערדאָזיקער ווייטיק, זענען אָט־די ווערטער פול מיט שיינקייט, אַ דאַנק דעם לחלוטינדיקן אמת, וואָס זיי טראָגן אין זיך: „איך, אַזוי ווי כ'לייד!" ס'איז אַ טעות צו ג'ווּבן, אַז מיר קאָנען זיין גליקלעך אין עפּעס אַ שלמותדיקער רו און אין אַ ריינער לויטערקייט, אַבסטראַקט, ווי אַ טעאָרעטישע פאָר־מול. פון צופיל שאָטן באַשטייט אונזער קיום, פון צופילליידן. ווען מ'וואָלט פון אונז אַוועקגענומען דאָס אַלץ, וואָס פאַרשאַפט אונז ווייטיק — וואָס־זשע וואָלט געבליבן ?! און דאָס גליק, וואָס וואָלט דאַן געקומען, וואָלט נישט געווען פאַר אונז, עס וואָלט געווען פאַר אַן אַנדערן. אַ שקר פון אַ משוגענעם איז די סברה: מיר האָבן געהאַט אַ ניצוץ פון גליק, וואָס איז פאַר־לאָשן געוואָרן דורכן שאָטן; ווי באַלד דער שאָטן וועט זיך אָפּטון, וועלן מיר באַזיצן גאָר דאָס גליק. און אַ שקר פון אַ משוגענעם מענטשן איז אויך די באַהויפּטונג: מיר וועלן באַזיצן דאָס ריינע גליק, וועלכעס מיר זעמיר נישט בכוח משיג צו זיין.

„און די פרוי זאָגט: „גאָט מיינער. איך וויל נישט דעם הימל!"

— אַך, וואָס! — האָט עמע געשעפּטשעט מיט אַ ציטע־ריקער שטים — מוז מען, הייסט עס, קאָנען זיין פאַרוויטיקט אויך אין גן־עדן!

— דער גן־עדן — דאָס איז דאָס לעבן — האָט געענט־פערט דער דיכטער.

עמע איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז געבליבן זיצן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. ענדלעך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מיט די דאָזיקע אַלע ווערטער זיינע האָט ער נאָר איר גופא דעם ענטפער געגעבן, און אַז ער האָט איר אַריינגעהויכט אין דער נשמה אַ דערהויבענעם און ריכטיקן געדאַנק.

* *
*

„איצט שטייט דער מאַן פאַרן סך־הכל פון זיינע געדאַנ־קען. ער האָט איבעריקנס שוין געשפּירט נאָך מיט אַ ווײַלע פריער אויף וועלכן טעות איר צאָרן האָט זיך אָנגעשטויסן. און ער שטרייכט אונטער און פאַרפולקאָמט דעם דראַמאַטישן אמת, וועלכער איז ערשט האַלב באַנומען געוואָרן דורכן שכל פון דער פרוי. און גאָט. גאָט? — פרעגט זי. — גאָט קאָן דאָ גאָר־נישט אויפטון — ענטפערט דער מאַן — ער איז נישט די אומ־מעגלעכקייט; ער איז נאָר גאָט!"

„וואָס־זשע טוען ווייטער די צווי גלויביקע, וועלכע גע־פינען נישט קיין טרייסט אין גאָט?.. זיי בויען צוריק זייער לעבן אויף, אין אומאָרדענונג, זכרונות נאָך זכרונות, און זיי פאַרגעטערן דאָס לעבן אין זיין עלנטקייט. לעבן יעדן אויפ־בליק פון פרייד און שטאָלץ, וואָס זיי האָבן מיט אַ ווײַלע פריער געלויבט אַלס אַ טייל פון גאָט, זעען זיי איצט שאָטן, שוואַכ־קייט, סכנה, צווייפל, פחד... דאָס בילד פון זייער גורל, וואָס קערט זיך איצט אום אַזוי רעאַל פאַר די אויגן, גיסט זיך צו־נויף מיטן בילד פון זייער אומגעהויערער ליבע, וועלכע איז געווען אַזוי הערלעך און בלענדנדיק, מחמת זי איז פול געווען מיט פּיין און יסורים. ווען ער זאָל נישט האָבן געווען אָרעם, וואָלט ער נישט געפילט די אומגעהויערע באַרמהאַרציקייט, מיט וועלכער זי האָט אים באַשאָנקען, בעת ער האָט זיך דערנענ־טערט צו איר ליכט, צו איר מויל, וואָס האָבן אָנגעזאָגט מנוחה און שטילקייט!

עס זעט אויס, ווי זיי וואָלסן ביידע נאָכאַמאָל אויפגע־לעבט... ווי זיי וואָלטן זיך נאָך נישט געהאַט געגוג געקענט־און ביסלעכווייז נעמען זיי זיך דערקענען, זיי שאַצן זיך אָפּ און נעמען זיך אַרום. זיי זאָגן: מיר האָבן געזוכט דעם שאָטן. זיי דערמאָנען זיך, ווי זיי פלעגן אַרומזוכן איינער דעם אַנדערן באַטאָג און באַנאַכט, צווישן די שאָטנס פון די שטובן און צווישן דער געדיכטעניש פון וועלדער. זיי האָבן באַוווּנדערט די נאַטור און זי באַנומען. זיי האָבן זי אפילו גאַנץ גוזמאַ־דיק באַנומען, און איר צוגעגעבן דאָס, וואָס געהערט נישט צו איר, בעת זייער שטערבלעכע עמאָציע האָט באַשאָנקען דעם

בין-השמשות מיט א דערהויבענעם שמייכל... און אַרום אונז, אַך, איז אָפּגעשטאָרבן דער טאָג!״

איך האָב שוין נישט געוווּסט וועגן וועמען און אין וועמעס נאָמען ס׳האָט גערעדט דאָסדאָזיקע מענטשלעכע נפש, צי זיין מויל האָט גערעדט וועגן זיך גופא, אָדער גאָר וועגן אַנדערע... צונויפגעפּרעסט צווישן דידאָזיקע ווענט, אַוועקגעשליידערט ווי אַ נאַסע שמאַטע אין אַ ווינקל פון דעם צימער, האָט דערדאָזיקער מענטש אויסגעוויזן צו פאַרווירקלעכן איינס פון יענע גרויסע ווערק, ווו די מוזיק גיסט זיך צונויף מיטן וואָרט;

„— מיר האָבן מורא געהאַט, מיר האָבן געפּרירט... דו ביסט געווען אַרומגערינגלט מיט שאָטנס: אונזער אָוונט, דיין קלייד, דיין שעמעוודיקייט... אָבער סאַראַ מאָרגנשטערן ס׳האָט זיך צעפלאַקערט, בעת כ׳בין צו דיר געגאַנגען!.. „בעת כ׳האָב אונטערן שלייער פון אָוונט געטוליעט דיין טייערן קאָפּ אין מיינע דעראָפּערישע אָרעמס, בעת כ׳האָב געזען דיינע ליפּן, די אומענדלעכע שטילקייט פון זייערע קושן, דיין לייב, וואָס אין דער נאַכט לייכט עס ווייס ווי אַ מלאך...״ בעת כ׳האָב זיך דערנענטערט צו דיין פּנים, ווי צום שפּיגל פון מיין שמייכל; בעת כ׳בין געשטאַנען לעבן דיר, געהאַלטן דיך אין די אָרעמס, בין איך פאַרזונקען מיט געשלאָסענע אויגן אין דער זון פון דיינע האָר, כדי זיך צו פאַרבלענדן; בעת כ׳האָב אויפגעגראָבן דיין שאָטן מיט מיינע דענקענדיקע הענט...

„מיר האָבן געברויכט איינער דעם אַנדערן, מיר האָבן געליטן איינער דורכן אַנדערן... אַך! דער ספק, דאָס נישט וויסן, דאָס האָפן און וויינען! אַזוי איז געווען תמיד. נישט געקוקט אויף דער אוממעגלעכקייט, פאַרגעסנהייט, שוואַכקייט און עלנטקייט, האָט געוועלטיקט די גרויסע אָרימקייט פון אונזער ליבע...״

— אַך! — האָט אויסגערופן עמע — מ׳דאַרף נישט פאַרשעלטן, מ׳דאַרף נישט קלאָגן, מ׳דאַרף ליב האָבן דאָס אייגענע האַרץ.

דער דיכטער האָט זיך נישט געלאָזט איבערשלאָגן און האָט ווייטער דערציילט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף אירע ווערטער.

— „און עס זאָגן די שטאַרבנדיקע; „און ווען דאָס לעבן האָט אויך אויף זיין לאַנגן וועג אונז נישט דערנענטערט מער, ווי ס'איז געווען מעגלעך, ווען עס האָט אפילו נישט געמאַכט פון צוויי מענטשלעכע נפשות איין איינציקס, האָט עס אונז אָבער לכל-הפחות געשענקט גענוג ענלעכקייט, כּדי די צערטלעכקייט זאָל אונז, ווי דורך אַ נס, פילבאַר מאַכן איינעם פאַרן אַנדערן; ס'האָט זיך באַ אונז אויסגעאַרבעט עפּעס אַן אינערלעכע פאַרטיפונג, אַ שטילע רעליגיע, עפּעס אַ מין קולט אפילו פאַר אונזער מענטשלעכן עלנט גופא. דעמדאָזיקן עלנט און טויט האָבן מיר געזען אומעטום; מיר האָבן פאַרערט די מענטשלעכע שוואַכקייט אין דעם ווייען פונם ווינט, וואָס פלאַטערט, דערנענט זיך און פאַרשווינדט — אין דעם זונפאַרגאַנג, וואָס באַרויבט די וועלט פון איר בליאַסק — אין דער חמימה-דיקער היץ פון זומער, וואָס לעשט זיך און פאַרגייט — אין דער פורפורנער האַרבסט-צייט, וועמעס שיינקייט פאַרבאָרגט אין זיך בייזע פאָרגעפילן, וועמעס פאַרוויאַנעטע און טויטע בלעטער פאַרטויבן עצבותדיק דאָס גערויש פון טריט — אין דעם אויסגעשטערנטן הימל, וועמעס אומגעהויערע גרויסקייט ווייזט זיך אונז אויס ווי אַ משוגעת. און ס'איז אפילו שווער געווען צו גלויבן, אַז דער שטיין זאָל האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין; און אַז דער עתיד זאָל נישט זיין אויך אַזוי תמימותדיק און איבערגעגעבן פאַרט צום אייביקן טעות!..

מיר זעמיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון מוט און זיך געשטאַרקט מיט האָפענונג. „צי דערמאָנסטו זיך נאָך דערין? בעת איבער די ברייטע טאָלן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער קילער אָוונט, אין וועלכן מיר האָבן דערשפּירט די אָנקומענדיקע עלטער, האָבן מיר צונויפגעלייגט ווי צו אַ תפילה אונזערע אָרימע, שוואַכע הענט און געווענדט אונזערע אויגן צו דעם שפּעטער צו. דער שפּעטער! אויף דיין פּנים האָט געשמייכלט אַ רונצל. אַלץ איז געווען העררלעך און באַפליגלט. די חכמה פון אמת האָט אַראָפּגעפלאָסן פון פּראַכטפולן הימל, און איר לעצטער שימער האָט זיך געלייגט אויף דיין בלייכן שטערן. פאַרמאַטערט און זשעדנע, עפּענענדיק קוים די וויעס, וועלכע זענען געווען באַשווערט מיט דער אָרימער פאַרגאַנגענהייט, וואָס

קאָן שוין צוריק נישט אויפלעבן, האָבן מיר געגלויבט און גע־
האַט ביטחון: דער אָוונט האָט געמילדערט די האַרטקייט פון
די שטיינער, דיינע אויגן זענען געווען באַגאָסן מיט גאָלד,
כ׳האָב געפילט, אַז דו שטאַרבסט!״

דאָס לעבן שטראַלט אויף מיט אַ מין אומגעהויערער
שלמות, בעת עס דערנענטערט זיך שוין צו זיין סוף. שיין
איז — זינגט דער מאַן נאָך טיפער — שיין איז צו דערגרייכן
דעם סוף פון די אייגענע לעבנס־טעג... אויף אַזאַ אופן האָבן מיר
דורכגעלעבט דעם גן־עדן.״

„און לסוף זאָגן זיי זיך אומדרייסט, אומגעשיקט: „כ׳האָב
דיך ליב.״ אויף דער שוועל פון אייביקער הימלבלאָקייט פליישן
זיי זיך צו פאַרווירקלעכן דעם באַשיידענעם אָנהויב פון זייער
לעבן, וואָס איז מכפר יעטוועדע זינד. און עס ווייזט זיך זיי
אויס, אַז גאָט אַליין ליידט, צוזעענדיק ווי זיי שטאַרבן, און
זיי פילן מיט דעם בורא אין זיין צער. און עס זאָגן זיך די
מענטשן, וואָס גייען אַוועק פון דער וועלט, כדי מער נישט צו
ליידן, זייער שרעקלעכן אַדיע, מיט וועלכן ס׳פאַרענדיקט זיך
די דראַמע.״

— זיי זענען גערעכט — האָט אויסגערופן עמע, און
איר גאַנץ וועזן איז געלעגן אין דאָזיקן געשריי.

— אָט איז דער אמת — האָט געזאָגט דער דיכטער —
דער אמת פאַרטיליקט נישט דעם טויט, פאַרקלענערט נישט דעם
שטח, פאַרהאַלט נישט די צייט. אָבער ער שאַפט פון דעם
אַלעם און פון אונזערע מחשבות די אייגנטלעכע טונקעלע יסו־
דות, פון וועלכע ס׳באַשטייט אונזער לעבן. דאָס גליק באַדאַרף
דאָס אומגליק. חדווה שאַפט זיך טיילווייז פון עצבות. בלויז
אַדאַנק די שאָטנס קאָן דער מענטש אָפּפילן די ליכטיקע רגעס.
און מחמת מיר זעמיר געקרייציקט דורך צייט און שטח, צאַפּלט
לעבעדיק אונזער הארץ אינמיטן. מ׳דאַרף נישט חלומען וועגן
עפּעס אַ מין אַבסורדאַלער התפשטות־הגשמיות; מ׳דאַרף היטן
דעם שקר, וואָס בינדט אונז צום בלוט און צו דער ערד צו.
„אַזוי ווי מיר זעמיר!״ געדענק אָן דעם! מיר זעמיר אַן אויס־
טערליש געמיש, ווער ווייס, וואָס מיר זעמיר!..״

אויפן פּרויאישן פּנים, וואָס דער פּחד פאַרן טויט האָט

עס שטאַר צונויפגעקראַמפּט, האָט אויפגעשיינט אַ פרישער שמייכל. זי האָט אַ פרעג געטון מיט קינדישער פשטות:

— פאַרוואָס־זשע האָסטו עס מיר נישט געזאָגט באַלד מתחילת, בעת כ׳האָב דיך וועגן דעם געפרעגט?

— דעמאָלט וואָלסטו מיך נישט געקאָנט פאַרשטיין. דיינע צער־פולע טרוימערייען האָבן געבלאָנזשעט אויף בליגדע וועגן. מ׳האָט געדאַרפט געבן דעם אמת אַן אַנדערע ווענדונג, כדי אים דיר פאָרצושטעלן אין אַ נייַ ליכט.

*

* *

עפּעס אַזוינס דערהויבט זיך איבער זיי, וואָס פילט זיי אָן מיט געהיימען זיסן שוידער. זיי פילן די שיינקייט און גוטסקייט פון געדאַנקען־אויסטויש. דאָס האָט זיי איינגעהילט ווי מיט אַן אָרעאָל אין משך פון די עטלעכע רגעס, ווען זיי האָבן זיך נאָכגעיאָגט געהאַט אומגעקערט פון לאַנד פון חלומות.

— ווי גוט דאָס איז — האָט אָפּגעזיפצט די פרוי — וואָס דאָ זענען געפאַלן די אַלע ווערטער, וועלכע באַצייכענען קלאָר אונזער גורל.

— זיך אויסדריקן, אויפוועקן דאָס, וואָס ס׳איז לעבעדיק! — האָט געזאָגט דער דיכטער — דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס גיט באמת אַ שיין פון גערעכטיקייט!

נאָך דידאָזיקע גרויסע ווערטער זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. אַ ווײַלע, אַנג האָבן זיי זיך געפילט אַזוי נאָענט צואַנאַנדער, ווי מ׳קאָן עס נאָר זיין דאָ אויף דער ערד — אַ דאַנק דער דערהויבענער הכרה פון הויכן, אָבער האַרבן אמת. (מחמת ס׳איז שווער משיג צו זיין, אַז דאָס גליק זאָל זיין גלייכצייטיק גליקלעך און אומגליקלעך).

אָבער זי האָט דערין געגלויבט, זי, די בונטאַרין און אומגלויביקע, וועמען ער האָט אַריינגעגעבן אַ וואָרהאַפטיק, פילבאַר האַרץ.

IX

דאָס פּענצטער איז געשטאַנען ברייט אויפגעמאַכט; ס'האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט. אין די צעשטויבטע שטראַלן פון דער שקיעה האָב איך געזען דריי פּערזאָן. אויפן פּאָטעל, לעבן פּענצטער, איז געזעסן אַן אַלטער מאַן, מיט אַ פאַרצאָגט און פאַרומערט פּנים, וואָס איז געווען דורכגעאַקערט פון קנייטשן. לעבן אים אַ וווקסיקע יונגע פרוי מיט גאָר בלאָנדע האָר און מיט אַ מאַדאָנע-פּנים. עטוואָס אין אַ זייט איז געזעסן אַ שוואַנגערע פרוי, וואָס האָט מיט איר שטאַרן בליק אויסגעוויזן פאַרקוקט צו זיין אין דעם אומבאַקאַנטן עתיד.

די שוואַנגערע פרוי האָט זיך לחלוטין נישט אַריינגעמישט אין דעם שמועס; צי ווייל זי איז געווען פון נידריקערן שטאַנד, אָדער ווייל איר גאַנצע מחשבה איז פאַרשלונגען געווען פון איר איצטיקן צושטאַנד. מ'האָט געזען אין איר בין-השמשות-דיקן ווינקל איר פאַרגרעסערטע און לייכט מאָנסטרועלע געשטאַלט.

די אַנדערע האָבן געשמועסט צווישן זיך. דער מאַן האָט גערעדט מיט אַ מאַטער און געבראָכענער שטים. פון צייט צו צייט פלעגט אויפטרייסלען זיינע אַקסלען אַ פיבערדיקער שוידער און בשעת-מעשה פלעגט אויך דאָס פּנים נישט ווילנדיק אויפצוקן; די אויגן זענען געווען צונויפגעצויגן; זיינע ווערטער האָבן געקלונגען מיט עפּעס אַ פרעמדן אַקצענט. זי, אַ רויקע און מילדע, האָט געהאַט אין זיך די לויטערקייט און מתיקות פון צפונדיקע פרויען, און געווען איז זי אַזוי העל און אַזוי גאָלדיק, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אויף איר בלאַס-זילבערדיקן פּנים און אויף דעם זוניקן אָרעאָל פון אירע האָר

פאַרגייט דער טאָג־שימער פאַמעלעכער, איידער אַן אַנדערש מאָל.

צי איז דאָס אַ פאָטער מיט אַ מוטער, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער? מ'האָט געפילט בחוש, אַז ער האָט זי ליב געהאַט, אָבער אַז זי איז נישט געווען זיין פרוי.

ער האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרלאָשענע אויגן און געזאָגט:

— עמיצער וועט באַלד געבוירן ווערן, און עמיצער וועט אינגיכן שטאַרבן.

די שוואַנגערע פרוי האָט לייכט אַ ציטער־געטון. די אַנדערע פרוי, אָנבויגנדיק זיך האַסטיק איבער אים, האָט אויסגערופן:

— וואָס רעדסטו, פיליפ!..

ער האָט אויסגעזען צו זיין גלייכגילטיק לגבי דעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן אַרויסגערופן, גלייך ווי דער דאָזיקער פראָטעסט וואָלט געווען אַ נישט אויפריכטיקער, אָדער גאָר אַ פוסטער.

ער איז אפשר נאָכנישט געווען אַזוי אַלט; זיינע האָר האָבן קוים אָנגעהויבן גראָ צו ווערן. אָבער ער האָט משמעות געליטן אויף עפּעס אַ געהיימנישפולער קראַנקייט, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיינע כסדרדיקע, מיט גרויס שוועריקייט פאַרטראָגענע איפּשוידערונגען. ער האָט שוין נישט געהאַט לאַנג צו לעבן. דאָס איז קענטיק געווען אָן אים אַליין און אָן זיין אומגעבונג. ס'האָט געהערשט אַ שרעקלעכער און דיסקרעטער רחמנות אין די בליקן, אַ נידערגעשלאָגנקייט און כמעט שוין אַן אומפאַרטראָגלעכער טרויער.

* * *

כדי איבערצוריסן די שטילקייט, האָט דער מאַנסביל אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג. זיינע ווערטער צעשטרייען זיך טיילווייז אין חלל, פליען אַרויס דורכן פענצטער.

ער רעדט פון נסיעות. ס'שיינט מיר, אַז ער האָט אויך

עפּעס דערמאָנט מכּוח זיין חתונה, כ'האָב אָבער נישט קלאָר דערהערט,

ביסלעכווייז לעבט ער אויף, זיין שטים ווערט העכער און זי הילכט אָפּ מיט אַ טיפן און אַנגעשטפּולן קלאַנג. ער שוידערט. עפּעס אַן איינגעהאַלטענע ליידנשאַפט באַלעבט זיינע תּנועות און בליקן, און גיט צו זיינע ווערטער וואַרימקייט און חשיבות. מ'זעט אין אים דעם גלענצנדיקן, אַקטיוון מענטש, וואָס ער האָט געמוזט זיין אַמאָל, איידער ס'האָט אים אַוועקגעלייגט די שרעקלעכע קראַנקייט.

ער האָט עטוואָס אויסגעדרייט דעם קאָפּ און איצט הער איך אים בעסער.

ער דערמאָנט און רעכנט אויס די דורכגעדרייזטע שטעט און לענדער. גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעריפן הייליקע נעמען, גלייך ווי ער וואָלט מתפּלל געווען צו די ווייטע און פאַרשידנ־אַרטיקע הימלען: איטאַליע, עגיפּטן, אינדיע. — ער איז דאָ אַהערגעקומען, כּדי זיך אויסצורוען צווישן צוויי רייזע־עטאַפּן. אָבער זיין רו איז פאַרשטערט, ווי בײַ אַ פאַרברעכער, וואָס באַהאַלט זיך אויס. ער מוז דאָך פאָרט אָפּפאָרן, און זיינע אויגן גלאַנצן־אויף. ער רעכנט אויס אַלץ, וואָס ער וואָלט נאָך וועלן זען. אָבער דער בין־השמשות ווערט וואָס אַמאָל טונקעלער; די וואַרימע מילדקייט פון דער לופט ווייעט איבער זיי ווי אַ גוטער חלום; און ער טראַכט רק וועגן דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געזען:

— וואָס מיר האָבן אַלץ געזען, סאַראַ אומגעהויערן שטח מיר האָבן אין זיך איינגעזאַפּט!

דידאָזיקע מענטשן אין דעם צימער זעען אויס ווי רייזנ־דער, וועלכע קאָנען קיינמאָל נישט רוען, ווי אייביקע נע־ונד־ניקעס, וואָס אויף זייער אומגעזעטיקן וועג האָבן זיי זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אין דאָזיקן ווינקל, וועלכעס ווייזט זיך אויס אַזוי קליין און ענג פאַר זייערטוועגן.

* * *

— פּאַלערמאָ... סיציליע...

ער פרוווט זיך צו פאַרשיכורן מיט וווּנדערבאַרע זכרונות, מחמת ער וואָגט נישט אַריינצובליקן אין דעם עתיד. איך זע די אָנשטרענגונג, וואָס ער מאַכט, כּדי זיך צו דערנענטערן צו עפּעס אַ ליכטיקן פּונקט פון די פאַרגאַנגענע טעג.

— קאַרפּעיאַ, קאַרפּעיאַ! — זאָגט ער. געדענקסטו, אַננע, דעמדאָזיקן פאַרכּישופטן פרימאָרגן? דער פורמאַן מיט זיין פאַמיליע זענען געזעסן בּאַם טיש, אויף דער פרייער לופט. סאַראַ ליכטיקייט אין דער נאַטור אַרום!.. דער טיש קיילעכיק און בּלאַס ווי אַ שטערן. דער טייך האָט געגלאַנצט, און אויף זיין בּרעג האָבּן געבּליט טאַמאַרינען און אָלעאַנדרעס, די זון האָט באַגילדט אַלע בּלעטער. דאָס גראָז האָט געפינקלט, גלייך ווי ס'האָלט פול געווען מיט טוי. די קוסטעס האָבן אויסגעזען ווי באַהאָנגען מיט איידלשטיינער. דאָס ווייען פון ווינטל איז געווען זאַנפט און לייכט ווי אַ שמייכל...

די פרוי האָט זיך צוגעהערט, איינזאַפּנדיק זיינע ווערטער, שטיל, טיף און לויטער ווי אַ שפּיגל.

— די פאַמיליע פונם פורמאַן — האָט ער ממשיך געווען — זענען נישט געווען אין קאָמפּלעט. דאָס קליינע טעכטערל האָט זיך דערווייטערט אין אַ זייט, כּדי נישט צו הערן דאָס געפּילדער פון די רייד, און אוועקזעצנדיק זיך אויף אַ בּאַנק, האָט זי געשפּונען דעם פאָדים פון אירע קינדישע חלומות. איך זע נאָך דעם ליבּלעכן, גרינעם שאָטן פון גרויסן בּוים איבּער איר קעפּל. זי איז געזעסן אויפן ראַנד פון דער פּיאַלעטער וואַלד־מיסטעריע און געטראָגן איר אָרים קליידל.

„און כ'הער דאָס געזשומערײ פון די פליגן איבּערן טייך, וועלכער האָט זיך געשלענגלט לענגאויס די ביימער און געשימערט מיט זיינע רעגנבּויגנדיקע קאָלירן.

„... ווער וועט דערציילן, ווער וועט אויסדריקן אין אַ קונסטווערק דאָס געזשומערײ פון אַ פליג? דאָס איז אוממעגלעך! אפשר דערפאַר, מחמת דאָסדאָזיקע געזשומערײ איז קיינמאָל נישט אָפּגעזונדערט, און ווייל תמיד, ווען מיר הערן עס, איז עס צונויפגעגאָסן מיט דער אַלגעמיינער מעלאָדיע פון דער רגע.

* * *

ער האָט זיך אָפּגעקערט צו אַן אַנדערער דעדינערונג און ווייטער דערציילט: „אין לאָנדאָן איז עס געווען, ווו איך האָב צום שטאַרקסטן איבערגעלעבט דעם איינדרוק פון דער דרומדיקער זון. דאָס איז געווען אין אַ מוזיי: פּאַר אַ געמעל, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ מיט זון פאַרגאָסענעם רוימישן פליין, איז געשטאַנען אַ קליין איטאַליעניש יונגל, ס'שיינט מיר אַ מאָדעל, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז. ער האָט אינגאַנצן געשטראַלט, צווישן דער גראָקייט און פייכטקייט, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, צווישן די אָנגעכמורעטע שומרים פון מוזיי; ער איז געווען שטום און טויב אויף אַלעם, פול מיט דער געהיימער זון, און זיינע הענט זענען געווען צונויפגעלייגט, ער האָט מתפלל געווען צו דעם געטלעכן בילד".

„אַ צווייט מאָל האָט אונז דער צופאַל געברענגט קיין קאַרפּעיאַ אין נאָוועמבער. ס'איז געווען שרעקלעך קאַלט, מיר האָבן זיך געטוליעט אין די פוטערס; דער טייך איז געשטאַנען אַ פאַרפרוירענער.

„און אַזוי איז מען געגאַנגען איבערן וואַסער. דאָס איז געווען אויסטערליש און טרייסטלאָז צוגלייך. די אַלע מענטשן, וואָס לעבן פון וואַסער: דער פורמאַן, די שיפסלייט, די וועשערינס און זייערע מענער — זיי אַלע זענען געגאַנגען איבערן וואַסער".

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע, דערנאָך ה... ער אַ פרעג געטון:

— אַלמאי לאָזן זיך געוויסע זכרונות כלל נישט אָפּמעקן, בלייבן אומפאַרגענגלעך?

ער האָט באַגראָבן זיין פנים אין די טרויעריקע און נערוועזע הענט און געשעפּטשעט:

— אלמאי, אלמאי!

*

* *

— אונזער אָאַזיס — האָט זיך אָפּגערופן די פרוי, גלייך ווי זי וואָלט אים געוואָלט באַגלייטן אין זיין וועג פון זכרונות, אָדער אפשר האָט זי אַליין דערשפּירט דאָס קאָפּשווינדלערישע

שיפּרות פון איבערלעבן דאָס פאַרגאַנגענע — איז געווען אין דיין פּאַלאַץ אין קיעוו, דאָרט אין שטילן ווינקל פון אַקאַציעס און לינדנביימער.

„דאָרט איז זומערצייט דאָס גאַנצע גראָזפעלד מיט בלוי־מען באַזייט, און אין ווינטער — מיט פאַרטרוקנטע בלעטער".

— אָטאָ־דאָרט — האָט געזאָגט דער מאַנספּיל — זע איך נאָך מיין פאָטער. ער האָט געהאַט אַ ליבלעך פּנים. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ דיקן פּליושענעם מאַנטל, און געטראָגן אַ פוטערן היטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויערן. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע, ווייסע באָרד, און זיינע אויגן האָבן געטרערט אַביסל, צוליב דער פראָסט.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין געדאַנק:

— אַלמאי האָב איך דווקא דידאָזיקע דערינערונג פון מיין פאָטער מערער אויפגעהיטן, איידער אַלע אַנדערע? כ'ווייס נישט, אָבער אָט־דאָס בילד דווקא שטייט מיר פאַר די אויגן, אַזוי לעבט עס פאַר מיר.

דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער כמעט:

— כ'האָב ליב באַקו. איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען מער דאָסדאָזיקע לאַנד. און די נאַפט־קוואַלן, דידאָזיקע ריזיקע, גראָע לאַנדשאַפט, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף. די בלאָטע, די אומצייליקע אייל־זומפּן, וואָס שימערן מיט די פאַרבן פון רעגנ־בויגן. אַ ברייטער הימל, באַרויבט פון הימל־בלאָקייט. די אומ־ענדלעכע וועגן, אויף וועלכע די אויסגעפּאָרענע סטעזשקעס בלאַנקען ווי אייזנבאַן־שינעס, די בנינים שוואַרץ און גלאַנציק, פּונקט ווי די מענטשן. דער ריח פון נאַפט; אומעטום, אפילו אויף בלומען, דער אייביקער ריח פון דעם אונטערערדישן ים.

„איך וועל שוין נישט זען מער דאָסדאָזיקע לאַנד. אי־בעריקנס, קען איך שוין דאָרט נישט קיינעם. אפילו דער אַל־טער קמצן באָרין, וואָס פלעגט תמיד זיין באַשעפטיקט מיט זאַמלען און ציילן זיין געלט, איז פאַראַיאָרן אַוועקגעשטאָרבן.

— בעת ער האָט דערשפּירט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער טויט — האָט זיך אָפּגערופן די יונגע פרוי — האָט ער גע־זאָגט: „אָך, כ'וועל ווערן רויִנירט".

דער טאָג האָט געזונקען. די פרוי האָט אין ליכט פון בין-השמשות אויסגעזען וואָס אַמאָל שענער.

— איבער זיין פּנים איז אויך געלעגן אויסגעגאָסן אַ גוטסקייט. אלמאי זאָלן דען די קמצנים, וואָס ליבן עפּעס אַ זאַך מיט ליידנשאַפטלעכער ליבע, נישט האָבן קיין גוטע מינע אויפן פּנים?

אַ לייכטער שוידער האָט דורכגעטרייסלט די פּלייצעס פון דעם חולה.

— כ׳בעט דיך, אַננע, פאַרמאַך דאָס פענצטער. ס׳איז מיר קאַלט.

בעת די פרוי האָט דערפילט זיין בקשה, האָט אַ ווײַלע געהערשט אַ טיפע שטילקייט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— כ׳האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון קאַטאַרינאַ בערג.

— תמיד די אייגענע?

— יאָ; זי שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ אין איר טרויער. די וואַנדלט אומזיסט פון איין לאַנד אין צווייטן — זי איז געווען פאַריקע וואָך אויף די באַלעאַרן-אינזלען — זי שלעפּט מיט זיך מיט אומעטום איר אומטרייסטבאַרע אלמנהשאַפט. סאַראַ כוח באַדאַרף מען האָבן, כדי צו זיין אַזוי אומהיילבאַר טרויעריק! זי באַקעמפט איר יוגנט און איר שיינקייט. זי רייזט נישט, כדי צו לינדערן איר טרויער, נאָר כדי אים נאָך צו פאַרגרעסערן און אים פונאַנדערצוזייען אומעטום איבער דער וועלט. אינדעראמתן, וויל זי כלל נישט קיין שום צעשטרייונג. דאָס מאַכט זי נאָך מער פאַרצווייפלט, ווען זי גיט אַ ווײַלע נאָך דער איבערמאַכט פון לעבן און פאַרגעסט אָן איר ווייטיק. איינמאָל האָב איך זי געזען ווײַנען, בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט פריער געהאַט געלאַכט. און פונדעסטוועגן איז איר ווייטיק און איר יאוש שטיל און רויק, ווי רויק ס׳איז דער חן אויף איר פּנים.

אויפן פּאָן פון די בלאַסע פאָרהאַנגען, האָט זיך אָפּגעצייכנט דאָס געשטאַלט פון דעם מאַנסביל — ער איז געזעסן מיט איינגעהויקערטע פּלייצעס, מיט אַ וואַקלדיקן קאָפּ און מאָגערן האַלז. ער האָט אויפגעהויבן די הענט.

— דער אמתדיקער ווייטיק בלייבט אין אונז גופא; מ׳קאָן

אים כמעט נישט זען, נישט הערן. אָבער דערדאָזיקער ווייטיק האמעוועט אַלץ, אפילו דאָס לעבן אַליין. דער אמתדיקער ווייטיק נעמט אָן די ריזיקע פאָרמען פון לאַנגווייליקייט.

מיט כמעט אומגעשיקטע באַוועגונגען האָט ער ארויסגעצויגן אַ ציגאַרן-טעשל פון זיין קעשענע.

ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. באַם שוואַכן אויפבליצנדיקן פייערל, וואָס האָט באַלויכטן אַ רגע זיין פנים, האָב איך דערזען זיינע חרובדיקע שטריכן; דערנאָך האָט ער געררויכערט אין האלב-שאָטן און מ'האָט בלויז געזען דעם ברענענדיקן פּאַפּיראָס, באַוועגט דורך אַ נעפלדיקער האַנט, וועלכע איז געווען פּונקט אַזוי לייכט און לויז ווי דער אויפשטייגנדיקער פּאַפּיראָסן-רויך.

...אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ ריח נישט פון קיין טאַבאַק, נאָר עפּעס אַן איבלדיקער, נודנער אַפּטייק-געריך.

ער האָט מילד אויסגעצויגן די האַנט אין דער זייט פון פאַרמאַכטן פענצטער, מיטן קורצן, ביז צו דער העלפט אונטערגעהויבענעם פאָרהאַנג.

— טו אַ קוק... אָט איז בענאַרעס און האַליהאַבאַד... אַן אומקלאָרע פאַליע פון רויטן גאָלד צווישן נעפל, דאָס אויפפינקלען פון זעלטזאַמע מענטשלעכע נפשות, דאָס זענען סטאַטוען פון געטער, אונטערן פיאָלעטן אָוונט-הימל. זיי באַוועגן זיך... יאָ. דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע פייערלעכקייט, אין וועלכער עס בלישטשען די טיאַרעס, הייליקע אינסיגניעס און פרויען-צירונג... פונפאָרנט דער כהן-גדול מיט זיין זאָרגעוודיק אויפגעשטאַפּלטער פריזור און מיט די איבער דער ברוסט פאַרלייגטע הענט, — עפּעס אַ נעפלדיקע פּאַגאָדע, אַן ארכיטעקטור, אַן עפּאָכע, אַ גאַנצע ראַסע. ווי אַנדערש מיר זעמיר פון דידאָזיקע באַשעפענישן... ווער האָט רעכט?

דער אַלטער שפרייט איצט פונאַנדער דעם קרייז פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער טוט דאָס מיט אַ שווערער מעכטיקער אָנשטרענגונג, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט אויסשפרייטן אַ בילד פון גיהנום און ענויים.

— די נסיעות: די אַלע ערטער, וואָס מ'פאַרלאָזט! דאָס אַלץ איז אומנוציק. די נסיעות מאַכן דעם מענטש נישט גרע-

פער; אלמאי זאָל דער מענטש גרעסער הערן מ'ש די טריט וואָס ער מאַכט? איבעריקנס, צי האָט מען דען גענוג צייט, כדי אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די משא פון דער נשמה און צו זען אינדערראַמתן דאָס, לעבן וועלכן מ'גייט פאַרביי? און ווען אפילו... די וואַנדערערס זענען נאָר בכוח צו זען בלויז איין פונקט פון דער אויבערפלאַך פון דער געגעבענער רגע; מ'וואַנדערט נישט אין די פאַרגאַנגענהייט צוריק. אַלץ איז געווען, הײַנטיקער נאַכט, בעת ס'האָבן מיך פאַרפאָלגט די זכרונות פון די סטעפּעס, פון די אומענדלעכע דיונעס און די גאַלישע וועלדער, זענען מיר געקומען אויפן זינען די ריטערס פון דעם רונדן טיש, קיניג אַרטור און זײַנע חברים... ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ'געפין זיך גאַנץ נאָענט פון זיי. כ'האָב געזען בלויז אײַנעם אין עפּעס אַן אויסטערלישער קאַסקע; זײַן שמאַראַגדן-אויג האָט מיך אָנגעקוקט און מיר פאַרשטאַרט דאָס לײַב. די איבעריקע זענען געווען ווי מטושטשע געשפּענסטער. דער רונדער שטיינערנער טיש שטייט אינמיטן פון דער האַרבסטיקער העלקייט. דאָס גראָקייט פון נעפּל גיסט זיך צונויף מיטן רויטלעכן שלייער פון וואַלד. דער טיש איז געווען קײַלעכיק, כדי קיינער זאָל נישט האָבן קיין אויבן-אָן, בעת זיי וועלן זיך אַוועקזעצן אַרום אים. דער טיש האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער מילשטיין, ער איז געווען זייער ווייס. די קאַנטן שאַרף פאַרשניטן. ער איז ערשט נישט לאַנג אויסגעהאַקט געוואָרן, און איז געווען נײַ.

„...טויזנט יאָר!.. צוויי טויזנט, דרײַ טויזנט יאָר!.. און די טראָיאַנישע ברעגעס...

„געדענקסטו, אַננע, די גאָלדענע ליניע, לענגויס פון וועלכער מיר האָבן געוואַנדערט?

„דער גריכישער העלד שפּאַנט איבערן זאַמד, וואָס איז לייכט פאַדרויטיקט פון די פרימאָרגן-שטראַלן. כ'זע די ברייטע, רעגלמעסיקע שפּורן פון זײַנע פיס. נאָך יעדן טריט זײַנעם שיט זיך אַוועק אַ הויפן גאָלדיק זאַמד, אים בײַ זײַט ציט זיך אומבאַוועגלעך דער ים אויס. כ'זע דעם שפּור פון דער לייכטער שוים, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן דורך דער לעצטער כוואַליע אויפן פייכטן זאַמד. אַ שטיינדל האָט אַ סקריפּ

געטון אונטער די מיט בראָנז באַשלאָגענע שיך און זיך אַראָפּגעקייקלט. כ׳הער דאָס גערויש פון זײַנע טריט. גיב נאָר אַ טראַכט, אַנגע: דאָס גערויש פון דעם העלדס טריט, וואָס איז פאַרטויבט און פאַרטיליקט געוואָרן זינט טויזנטער יאָרן! גיב נאָר אַ טראַכט וועגן דעם פליגל־שווונג וואָס מען ברויך, כּדי זיך צו דערנענטערן צו דעם אַלעם; דידאָזיקע טריט פון וועלכע ס׳פאַרבלייבט נישט אויפצומאָרגנס דער מינדסטער שפּור, און וועלכע זענען דאָך פאַראַן. ווו זענען זיי, ווו זענען זיי? זיי זענען אין אונז, מחמת מיר זעען זיי. די צייט איז נישט קיין צייט; דער שטח איז נישט קיין שטח".

אַ שטילשווייגן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער וווּנדערבאַרער פּראָזע. איבער דערדאָזיקער סודותפולער העל־זעעוודיקייט. די פרוי האָט נישט געהאַט דעם מוט איבערצורייסן די שטילקייט, אין וועלכער ס׳האָט אַרומגעשוועבט דער אמת, וועלכער איז פאַר איר, בלי־ספק, געווען אומדערגרייכבאַר.

— זיין שווערד האָט אַ קלאַפּ געטון אָן אַ פעלז, און מ׳הערט דעם וויבריריַנדיקן אָפּהילך פון דער שאַרף אין דער שייד. כּדי אַרויפצושטייגן אויף דעם משופּעדיקן אָפּהאַנג, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט אָן דעם שטאַם פון אַ יונגער סאָסנע, וועלכע האָט אַ שאָט געטון מיט טרוקענע נאָדלען אויף די שפּורן פון זײַנע טריט. וואָס לויפט עס דאָרט לעבן דעם העלד אין סאָסנע־וועלדל? אַ חיה, אַ הונט; דער הונט פון דאָזיקן מאַן. ער טראָגט אין פּיסק עפּעס אַ חפץ: אַ לעדערנעם גאַרטל, אַ פאַרהאַרטעוועטן און פאַרדאַרטן דורך זון און ווינט, אַ טראָיאַנישער גאַרטל, שוין האַלב פאַרניכטעטע אין די בלוטיקע שלאַכטן, וועלכע ס׳וועט אין הונדערטער יאָרן אַרום האָמער באַזינגען.

„דער קריגסמאַן איז צוגעקומען צום ברעג. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווענדנדיק זײַנע בליקן צום ים. איך באַטראַכט זיין פּנים: די נאָז גלייך און דין, די ליניע פון שטערן טרעט בולט אַרויס פון הינטער דער אייזערנער קאַסקע; דער בויגן פון די ברעמען איז זעלטזאַם געצייכנט, די וויַעס פאַלן אַראָפּ איבער די בלישטשענדיקע אויגן; די האַנט האַלב צונויפגעדריקט, די דלאָניעס און די פינגער אָפּגעברוינט, פאַר-

דראָטיקס, גלייך ווי אויסגעהאַקט פון ציגל; די נעגל קורץ און געוועלבט.

ער קוקט זיך אַרום אויפן ברעג. די מאַטראָסן זענען באַשעפטיקט מיט לייגן אויפן וואַסער די אומצאָליקע שיפלעך; זיי שלעפן זיי און שטויסן זיי אַרויס צום אָפענעם ים, כדי אויסצומיידן די ברעג-זאַמדן. דער גריכישער פּלאַט וועט אַרויס-רירן היינט אינגאַנצן, מחמת מ'קען נישט אויסזעגלען נאָר באַם ליכט פון די שטערן, און ער מאַכט אַלע הכנות, בעת דער באַגינען שטראַלט אויף דער בלאָקייט פון ים."

נאָך דערדאָזיקער זין-וויזיע האָט דער מאַן אָראָפּגעבויגן אַ ווײַלע דעם קאָפּ, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'זע אַן אומגעהויערן שטח פון וואַסער, כ'זע פון דער נאָענט דידאָזיקע זילבערגראָע כוואַליעס, וואָס פּליושקען און שטראָמען אין אַבסאָליוטער שטילקייט אונטער אַן אויס-טערליש ליכט. אַלמאַי דידאָזיקע אומגעדולדעכע שטילקייט? זיי געפינען זיך אויף עפּעס אַן אַנדערן פּלאַנעט, דערווייטערט אויף הונדערטער דורות.

*

* *

איך קוק אויף דעם, וואָס ער האָט געשילדערט, און קוק אויף אים גופא. דאָס בילד, וועלכעס איז נישט פאַראַן, און דער מענטש, וואָס אין שאָטן עקזיסטירט ער שוין כמעט אויך נישט... דער אַרויסרופער, דאָס אַרויסגערופענע... איך טראַכט וועגן דאָזיקן אומגעהויערן אונטערשיד צווישן דעם דענקער און זיינע געדאַנקען. זיין פּנים איז קוים אַ דראָבנער, אומקלאָרער פלעק אויפן ראַנד פון די פונאַנדערגעוויקלטע לענדער און תקופות.

און אַנדערע זכרונות ווערן אויפגעשטאַפּלט, וואָס אַמאָל נייע, גאַנצע מחנות... גלייך ווי אַ באַלאַגערונג פון גאָר דער וועלט. דער זקן קעמפט מיט דער שפע פון זכרונות: די, וואָס ער האָט שוין אַרויסגעשטאַמלט, און די, וואָס כדי זיי אויסצו-דערציילן איז אים שוין נישט פאַרבליבן קיין צייט אָדער כוח. ער קאָן זיך נישט באַפרייען פון דערדאָזיקער שטראַלנ-דיקער גרויסקייט, וואָס איז דאָ אין אים.

ער האָט אַהינטערגעבויגן דעם קאָפּ אויף צוריק. האַר־שײנלעך האָט ער די אויגן פאַרמאַכט... און זײנע זכרונות, איך צײל און מעסט די טויזנטער זכרונות מיט דעם אויסדרוק פון לײדן אויף זײן פּנים.

אָקאָרשט איז ער געווען פול מיט באַגײסטערונג, איצט באַקלאָגט ער זיך:

— איך דערמאָן זיך... איך דערמאָן זיך... מײן האַרץ האָט קײן רחמנות נישט אויף מיר.

„אַך! — האָט ער אַ זיפץ-געטון מיט אַ תנועה פון רע־זיגנאַציע — ווי שווער דאָס איז זיך אָפּצוגעזעגענען מיט אַלעם!"

זי איז לעבן אים, און קאָן פאַר אים גאָרנישט טון, הגם זי איז אַזוי פאַרהערלעכט און פאַרגעטערט. זי איז אָנמעכטיק לגבי דעמדאָזיקן האַרצרײסנדיקן אָפּשיד, וואָס פילט אָן די לעצטע בליקן פון דעם מאַן. זי איז דאָ פאַר אים בלויז מיט גאָר איר שײנקײט, מיט גאָר איר שמײכל... און זײן איבער־מענטשלעכע ווידיע קלינגט אומזיסט מיט חרטה, תּרעומות און באַגער. ער וויל נישט, אַז דאָס זאָל שוין זײן דער סוף פון אַלעם. דאָס וואָס ער דערמאָנט, טוט ער אַרויסרופן, ער וואָלט עס געוואָלט צוריקבאַקומען. ער ליבט זײן פאַרגאַנגענהײט.

אָבער די אכזריותדיקע, טויטע פאַרגאַנגענהײט האָט אין זיך עפּעס פון אַ גאָטהײט — ווײל אי פאַר די גלויביקע, אי פאַר די כּופרים איז גאָט דער, וואָס לאָזט צו זיך מתפּלל זײן און אויסבעטלען זײן חסד.

* *

די שוואַנגערע פרוי איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. כ'האָב געזען, ווי זי האָט זיך דורכגעשלײכט שטיל און פאַמעלעך צו דער טיר צו, מיט דער מוטערלעכער פאָרזיכט לגבי זיך גופא.

זײ זענען געבליבן אַלײן אין צווײען... דער אָוונט האָט אָנגענומען עפּעס אַ ממשותדיק געשטאַלט: ער האָט אויסגעוויזן לעבעדיק און אײנגעוואָרצלט אויף זײן אָרט. נאָך קײנמאָל איז דאָס צימער אַזוי נישט אָנגעפילט געווען מיט אָוונט-שטימונג.

דער אַלטער מאַן האָט געזאָגט: „און ווידער ענדיקט זיך נאָך אײן טאָג."

און גלייך ווי ער וואָלט ממשיך געווען זיין געדאַנק:

— מ׳דאַרף — האָט ער מוסיף געווען — פאַרברייטן אַלץ צו דער חתונה.

— אָבער מישעל! — האָט די יונגע פרוי אינסטינקטיוו אויסגערופן, גלייך ווי זי וואָלט נישט געקאָנט פאַרהאַלטן אויף די ליפּן דעמדאָזיקן נאָמען.

— מישעל וועט אויף אונז קיין פּאַריבל נישט האָבן — האָט געענטפערט דער אַלטער. ער ווייסט, אַז דו ליבסט אים, אַננע. עס וועט אים נישט איבערשרעקן דידאָזיקע ריינע און פּשוטע פאָרמאַליטעט — ער האָט באַטאָנט דידאָזיקע ווערטער, שמייכלענדיק ווי צו אייגענער נחמה — אָט־די חתונה „in extremis"*)

דער שאָטן האָט זיי ביידן איינגעטוליעט צוזאַמען: מילד און ערנסט האָבן זיי זיך באַטראַכט.

ער איז געווען דאַר, טרוקן, צעגליט; זיינע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן ווי אויס דער טיפעניש פון זיין לעבן; זי, ווייס און ברייט צעוואַקסן, זי האָט געבליט שפּעדיק און ליכטיק.

צוגעשמידט מיט זיין בליק צו איר פּנים, האָט ער געמאַכט אַ באַשיימפּערלעכע אָנשטרענגונג, גלייך ווי ער וואָלט נישט געוואָגט זי פּוגע צו זיין מיט עפּעס אַ וואָרט. דערנאָך האָט ער זיך גובר געווען:

— כ׳האָב דיך אַזוי ליב, — האָט ער געזאָגט מיט פּשטות.

— אַך! — האָט געשעפּטשעט די פרוי, — דו וועסט דאָך נישט שטאַרבן!

— ווי גוט דו ביסט געווען, וואָס דו האָסט באַוויליקט אַזוי לאַנג מיר אַ שוועסטער צו זיין!

— אָ, דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט פאַר מיר געטון, דו! — האָט זי אָפּגעענטפערט, צוגויפלייגנדיק די הענט און אָנבויגנדיק זיך צאַרט איבער אים.

זייערע ווערטער זענען געפלאָסן פון אָפענע הערצער, פּשוט און אויפריכטיק. סאַראַ וווּנדערבאַרע זאַך צו רעדן אַזוי

*) באַם סוף, אין די לעצטע רגעס. (איב.)

אָפּגעהאַרצ׳יק, אָן בזיונדיקע, זינדפולע פאַרשווייגענישן, מיט פולן באַוווסטזיין פון דעם, וואָס מ׳רעדט, גיין אַזוי פשוט און ערלעך איינס צום אַנדערן! דאָס איז כמעט אַ נס פון שטראַלונג, שלווה און הויה.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. עד האָט געשלאָסן די אויגן, הגם ער האָט נישט אויפגעהערט זי צו זען. דערנאָך האָט ער זיי ברייט אויפגעמאַכט און געזאָגט:

— דו ביסט מיין מלאך, וואָס האָט מיך נישט ליב.

זיין פּנים האָט זיך פאַרכמורעט באַ דידאָזיקע ווערטער. דאָסדאָזיקע פשוטע און אַזוי אומענדלעך ווייטיקדיקע בילד האָט מיך דערדריקט מיט זיין עצבות.

כ׳האָב געזען סאַראַ גרויסע ליבע ער האָט געפילט צו דערדאָזיקער פרוי. זי האָט געוווסט דערפון; אין זיינע ווערטער און אין זיין גאַנצער האַלטונג איז געלעגן אַן אומגעהויערע צאַרטקייט, וואָס האָט פאַרראַטן אַלצדינג. זי האָט אים נישט דערמוטיקט; זי האָט פאַר אים נישט משקר געווען. אָבער איט־לעכס מאָל, ווען זי האָט נאָר געקאָנט, פלעגט זי פּרווון מיט אַ וואָרט, מיט אַ זשעסט, אָדער מיט אַ שיינעם שטילשווייגן אים אַביסל צו טרייסטן. זי האָט אים געוואָלט טרייכטן אין דעם ווייטיק, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפן מיט איר אָנ־וועזנהייט, מיט איר אָפּוועזנהייט.

דער שאָטן פון אָוונט האָט אים דערנענטערט צו דער־דאָזיקער פרוי; באַטראַכטנדיק זי נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם, טיף, האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט די טרויעריקע פאַרטרויטע פון מיין ליבע צו דיר.

ער האָט ווידער גענומען רעדן וועגן דער חתונה. ווי באַלד אַלע מיטלען זענען שוין אָנגענומען געוואָרן, אַלמאַי־זשע זאָל מען זי נישט דורכפירן תיכף?

— מיין פאַרמעגן, אַנגע, מיין נאָמען. אַלמאַי זאָל דאָס נישט בלייבן פאַר דיר. בעת איך... בעת איך וועל שוין זיין אָפּגעשיידט.

ער האָט געוואָלט באַצייכענען מיט דער האַנט די גינ־ציקע, דויערהאַפטע טובה, וואָס דרינגט פאַר איר אַרויס דער־

פון אויפן אומבאַקאַנטן עתיד. אין דער איצטיקער רגע אָבער האָט ער געהאַט בלויז איין באַגער: ער האָט געטרוימט וועגן דעם שוואַכן, פיקטיוון שקר, וואָס טראָגט דעם נאָמען: חתונה.

— צוואָס רעדן וועגן דעם?..

זי האָט נישט געענטפערט גלייך אויף זיין בקשה, וואָס האָט געוועקט אין איר אַ כמעט אומגוברלעכן עקל. וואָרשיינלעך האָט זי געטראָגן אין האַרצן איר באַזונדערע אייגענע ליבע, און דאָ האָט איצט איר באַקאַנטער גערעדט וועגן זיין ליבע צו איר, הגם זי האָט אויף זיין פּלאַן אין פּרינציפּ מסכּים געווען און זיך אים נישט אַנטקעגנגעשטעלט — מחמת אַלע פאָרמאַליטעטן זענען שוין געווען דורכגעפירט — האָט זי דאָך קיינמאָל נישט געענטפערט קלאָר און דייטלעך אויף דערדאָזיקער בקשה, וועלכע פלעגט יעדעס מאָל, ווען זיי זענען נאָר געווען אַליין, אַהינוואַנדלען פון אים צו איר, ווי אַ בליק.

אָבער שוין־זשע איז זי נישט געשטאַנען היינטיקן אָוונט אויף דער שוועל פון הסכּמה, פאַר דער ענדגילטיקער החלטה, וואָס איז שון אפשר אָנגענומען געוואָרן אין איר ווייסער נשמה, אים זיך אונטערצוגעבן און דערלאָזן דידאָזיקע אָרימע, נעבעכדיקע התקרבות?

— זאָג! — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

כ׳האָב געקוקט אויף אירע ליפּן... זיי האָבן שוין כמעט אַ שמייכל געטון, לייכט, זיס, דידאָזיקע ליפּן, צו וועלכע ס׳האָט געוואַנדלט זיין בקשה ווי צו אַ הייליקן אַלטאַר, ווי צו געטלעכער שכינה, די טייערע, קאָסטבאַרע ליפּן, אויף וועלכע ס׳האָט צוזאַמען מיט דער שיינקייט פון אָוונט אַזויפיל האָפענונגען געהאַנגען...

דער גוסס האָט געשפּירט, אַז די רגע פון הסכּמה איז געקומען, און ער האָט געמורמלט:

— כ׳האָב ליב דאָס לעבן...

ער האָט אַ טרייסל־געטון מיטן קאָפּ:

— מיר בלייבט שוין אַזוי ווייניק צייט, אַזוי ווייניק פאַר מיר, אַז ס׳איז מיר שוין פּשוט אַ שאָד אַ נאַכט איבערצושלאָפן.

דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט.

זי האָט אַ זאָג-געטון: יאָ, און האָט מיט איר האַנט קוים לייכט באַרירט די האַנט פון דעם זקן.

און מיין אומברחמנותדיקע אויפמערקזאַמקייט האָט באַמערקט, אַז דערדאָזיקער זשעסט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טעאַטראַלישער פייערלעכקייט, פול מיט פּאַר איר באַוווסטזיניקער גרויסאַרטיקייט. מעג דער קרבן זיין ווי גערעכט און ריין און אָן הינטער-כּוונות, טראָגט ער פאָרט אַ באַרימערישן שטאָלץ אין זיך — כ׳זע דאָס, איך, וואָס זע אַלצדינג.

• • •

אין גאַנצן האָטעל האַלט מען אין איין רעדן וועגן די אויסלענדער. זיי פאַרנעמען דריי צימערן און האָבן אַ מענגע געפּעק. עס ווייזט אויס, אַז דער אַלטער מאַן איז אַ גרויסער עושר, הגם ער האָט גאַנץ באַשיידענע בייגונגען. זיי וועלן בלייבן אין פּאַריז ביז איבער דער קימפּעט פון דער יונגער פרוי, וועלכע דאַרף ווערן מוטער אין אַ חודש אַרום. אָבער דער אַלטער, אַזוי זאָגט מען, איז זייער קראַנק. די פרוי לעמערסיע איז צוליב דעם זייער פאַרזאָרגט. זי האָט מורא, טאָמער וועט ער שטאַרבן באַ איר אין הויז. עס אַרט זי דאָס שוין פּאָרויס. די צימערן זענען שריפטלעך געדונגען געוואָרן, אַנדערש וואָלט זי דידאָזיקע לייט נישט געווען אָנגענומען, נישט קוקנדיק אויף דער רעקלאַמע, וואָס עס מאַכט איר זייער עשירות. זי טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט ער האָבן גענוג כּוח, כּדי צו קאָנען אָוועקפאָרן; אָבער זי גייט כּסדר אַרום מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע.

...בעת איך קוק אויפן דאָזיקן מענטש, ווייזט זיך מיר אויס, אַז ער וועט אינדעראמתן שטאַרבן גאָר אינגיכן. ער איז געוואַלטיק דערשעפּט; די עלנבויגנס האַלט ער אָנגעשפּאַרט אויף די אָנלענס פון פאָטעל, אָנמעכטיק הענגען זיינע הענט אַראָפּ. מיט שווערקייט שוועבט זיין בליק אין חלל אַרום. בעת ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, באַלייכט די שיין פון פענסטער נישט זיינע אויגאַפּלען, נאָר דעם ראַנד פון זיינע אונטערשטע וויעס, און עס זעט אויס, ווי זיין פּנים וואָלט געווען אָפּגע-

שיילט. אַ פּלוצלינגע דערינערונג פון די ווערטער, וועלכע
ס,האָט אַרויסגעזאָגט דער פּאָעט, האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט
אַ שוידער לגבי דעמדאָזיקן מענטש, וועמעס לעבן ס'איז אייגנ-
טלעך שוין פאַריבער. מחמת ער באַהערשט זיין קיום מיט אַ
מין מורא־דיקער דערהויבנקייט; זיין גאַנץ וועזן איז אָנגעפילט
מיט אַ שיינקייט, לגבי וועלכער גאָט אַליין איז אָנמעכטיק.

א

ער האָט גערעדט וועגן מוזיק.

— פאַרוואָס — האָט ער געזאָגט — ווערט מען פאַרכאַפּט דורך דעם ריטם? אינמיטן דעם אומסדר פון דער נאַטור, פֿראָגט אַריין די מענטשלעכע שאַפונג, איבעראַל ווי זי אַנטפּלעקט זיך, איר מעכטיקן יסוד פון רעגלמעסיקייט און אייניקייט. איטלעכס קונסטווערק, וואָס וויל זיך פונאַנדערוואַקסן און פאַרפעסטיקן זיין באָדן, מוז זיך אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן האַרטן געזעץ. דערדאָזיקער האַרבער כּלל אונטערשיידט די גאַס פון דעם טאָל, בויט אויף אַ לייטער מיט גלייכמעסיקע טרעפּ ביז אַרויף צו די שפּיצן פון אומצוטריטלעכע בערג. מחמת דער אומסדר האָט נישט קיין נשמה, און די רעגלמעסיקייט איז דענקעריש.

ער האָט גערעדט ווייטער וועגן דער פּראָפּאָרץ, וועגן דער האַרמאָניע פון איינהייט. כ׳האָב נאָר געהערט אָפּגעריסענע זאַצן, גלייך ווי דער ווינט וואָלט מיר פון צייט צו צייט אָנגעטראָגן דעם ריח פון דאָרף און פון רחבותדיקן ים.

מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

ס׳איז געווען די שעה פון דעם דאָקטאָר. דער אַלטער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואַקלדיקער—פאַרוועלקט און באַזיגט לגבי דעמדאָזיקן תקיף.

— ווי גייט עס זיגט נעכטן?

— שלעכט — האָט געענטפערט דער חולה;

— נו, נו, נאָר נישט אַראָפּפאַלן בא זיך! — האָט רויק געזאָגט דער דאָקטאָר.

מ'האָט זיי ביידן געלאָזט אַליין. דער קראַנקער האָט זיך צוגייק אַנידערגעזעצט מיט עפּעס אַ לעכערלעכער פאַמעלעכקייט און אומגעשיקטקייט. דער דאָקטאָר שטייט צווישן אים און מיר. ער פרעגט:

— אַלזאָ, ווי איז מיטן האַרץ?

געפירט פון עפּעס אַ געהיימען אינסטינקט, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן מאָדנע טראַגיש, האָבן זיי ביידע אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן; און מיט אַ נידריקער שטים גיט דער קראַנקער איצט אָפּ דעם דאָקטאָר דעם טעגלעכן באַריכט וועגן פאַרלויף פון דער קראַנקייט.

דער מאַן פון דער וויסנשאַפט הערט צו, ער רייסט איבער, שאָקלט צושטימענדיק מיטן קאָפּ. ער שליסט דעמדאָזיקן ווידוי, איבערחזרנדיק מיט אַ זיכערער און הויכער שטים יענע באַנאַלע און טרייסטנדיקע פראַזע, וועלכע איז שוין אַזוי פיל מאָל מיטן זעלבן ברייטן זשעסט אַרויסגעזאָגט געוואָרן:

— נו, נו! נאָר נישט אַראָפּגעפאַלן באַ זיך! כ'זע, אַז ס'איז נישט געשען קיין שום נייעס!..

ער האָט זיך עטוואָס אָפּגערוקט אָן אַ זייט; כ'האָב דערזען דייטלעכער דאָס פּנים פון דעם פּאַציענט: די שטריכן פאַרצערט, זיין בליק פאַרנעפּלט, ער איז אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, בעת ער רעדט וועגן דער טונקעלער מיסטעריע פון זיין חולאת.

ער האָט זיך עטוואָס באַרויקט און שמועסט מיטן דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך מיט אַ גוטמוטיקער מינע אויף אַ שטול אוועקגעזעצט, ער באַרירט עטלעכע באַנאַלע טעמעס, דערנאָך, נישטווילנדיק קערט ער זיך אום, ווי אַ פאַרשאָלטענער צו זיין פאַרברעך, צו דערדאָזיקער פינצטערער זאַך, וואָס ער טראָגט אין זיך — צו זיין קראַנקייט.

— סאַראַ חרפּה! — שעפּטשעט ער.

— עט! — מאַכט דער פאַרנודעטער דאָקטאָר.

דערנאָך שטייט ער אויף:

— נו, ביז אויף מאָרגן.

— יאָ, אויף דער קאָנסולטאַציע.

— יאָ, יאָ! צום ווידערזען אַלזאָ!

דער דאָקטאָר גייט אַוועק מיט אַ לייכטן טריט, מיט זיינע בלוטנדיקע זכרונות, מיט דערדאָזיקער גאַנצער לאַסט פון עלנט, װעמעס משא ער פילט שוין נישט.

• •

די קאָנסולטאַציע איז שוין משמעות געווען צו ענדע. די שיר האָט זיך אויפגעמאַכט. צוויי דאָקטוירים זענען אַריינגעקומען; זיי האָבן זיך מיר אויסגעוויזן עפּעס ווי געקוועלט אין זייערע באַוועגונגען. זיי זענען געבליבן שטיין. איינער איז געווען אַ יונגערמאַן, דער צווייטער אַ זקן.

זיי האָבן זיך אָגגעקוקט. כ'האָב זיך באַמיט אַריינצודריבגען אין דעם שטילשווייגן פון זייערע אויגן; דורכצוריייסן דעם נעפּל, וואָס האָט געהערשט אין דידאָזיקע קעפּ. דער עלטערער האָט געגלעט זיין באָרד, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם קאַמין און געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט ער געלאָזט פאַלן דידאָזיקע ווערטער:

— Causus lethalis... און כ'וואָלט נאָך צוגעגעבן; properatus.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די שטים אויס מורא, טאָמער וועט דער פּאַציענט פאַרשטיין, און אויך צוליב דער פייערלעכקייט פון דעם טויט-אורטייל, וואָס האָט געשטעקט אין זיינע ווערטער.

דער אַנדערער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, — אַלס צייכן פון הסכמה — ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ביידע עפּעס אַ פאַרשווערונג געמאַכט. זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. ווי צוויי קינדער, וואָס פילן זייער שולד. און ווידער האָבן זיך זייערע בליקן צונויפגעטראָפן.

— ווי אַלט איז ער?

— דריי און פופציק יאָר.

דער יונגער דאָקטאָר האָט באַמערקט:

— ער האָט נאָך אַזוי אויך גליק, וואָס ער האָט דערלעבט ביזן דאָזיקן עלטער.

אויף וואָס דער אַלטער האָט פילאָזאָפיש אָפּגעענטפערט-

— ער האָט עס געהאַט ביז אַהער. מחמת איצט איז עס שוין שווער אָנצורופן גליק.

* *

א טיפע שטילקייט. דער מענטש מיט דער גראָער באָרד האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— כ׳האָב באַם באַטראַכטן אים דערפילט דעם ראַק היניטער דער האַלז־אַרטעריע.

ער האָט צוגעפירט דעם פינגער צו זיין האַלז.

— אָטאָ־דאָ זיצט ער, האָב איך געזען.

דער יונגער דאָקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — זינט ער איז אַריינגעקומען, האָט ער כסדר געטרייסלט מיטן קאָפּ — און ער האָט געמורמלט!

— אוודאי... וועגן אַן אָפּעראַציע קאָן צומאָל קיין רייד נישט זיין.

— נאַטירלעך — האָט באַמערקט דער אַלטער געלערטער — און אין זיינע אויגן האָט אויפגעבליצט אַ פונק פון בייזוויליקער איראָניע; בלויז איין זאַך וואָלט אים געקאָנט דערפון באַפרייען — די גיליאָטין. איבעריקנס גייט דער ענין האַסטיק פאָרויס. עס זענען שוין פאַראַן צענטרען פון די דריזן אונטער דעם קין, אונטער דעם שליסל־ביין און מסתם אויך אונטערן אָרעם. דער פּראָצעס גייט בליצשנעל פאָרויס. אַלע דריי וועגן: דער אָטעם, בלוטלויף־ און פאַרדייוּנגס־סיסטעם וועלן אינגיכן פאַרשטאָפּט ווערן; די דערשטיקונג וועט זיין אַ פּלוצימדיקע.

ער האָט אָפּגעזיפצט און איז געבליבן זיצן מיטן אומפאַררויכערטן ציגאַר אין מויל, מיט אַ שטייפער מינע און פאַרלייגטע הענט. דער יונגערמאַן האָט זיך אָנידערגעזעצט און זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ווענטל פון דער שטול, פּויקנדיק מיט זיינע אומנוציקע צינגער אויפן מאַרמאָר פונם קאַמין. איינער פון זיי ביידן האָט געזאָגט:

— בעת מ׳האָט צו טון מיט אַזעלכע פאַלן, דאַכט זיך טיילמאָל אויס, אַז דער בייזוויליקער ראַק האָט זיך אַליין אויסגעזוכט זיין ריכטיקן פּלאַץ.

* * *

— פּראָפעסאָר, וואָס זאָל מען ענטפערן דערדאָזיקער יונגער פרוי?

— זאָגן, אַז די זאַך איז ערנסט, זייער ערנסט... מאַכן א פאַרצווייפלטע מינע; פאַררופן זיך אויף דער אומענדלעכער הילף פון דער נאַטור.

— די פּראָזע איז באַקאַנט...

— אַלץ בעסער, האָט אָפּגעענטפערט דער אַלטער.

— טאָמער וועט זי צושטיין און וועלן וויסן דעם גאַנצן אמת?

— דאַרף מען אַוועקדרייען דעם קאָפּ און שווייגן...

— זאָלן מיר איר נישט געבן כאָטש אַ קאָפּעטשקע האָ־פענונג? — זי איז אַזוי יונג!

— טאָקע דערפאַר וואָלט זי זיך נאָך לייכטער אָנגעכאַפּט אָן דערדאָזיקער האָפענונג. מיין קינד, מ׳דאַרף קיינמאָל נישט זאָגן דאָס, וואָס איז שוין געוואָרן אַזוי איבעריק און אומנוציק. דאָס וואָלט נאָר געהאַט די איינציקע פּעולה, אַז מ׳וואָלט אונז פיינט געקריגן און אונז געהאַלטן פאַר עמי־ארצים.

— און ער אַליין, צי ווייסט ער?..

— שווער צו זאָגן. בעת כ׳האָב אים באַטראַכט — האָט געהערט מסתּם — האָב איך זיך באַמיט אַרויסצוקריגן פון אים עפּעס אַן ענטפער. איינמאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכטן, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, אַ צווייט מאָל ווידער האָט ער אויס־געוויזן זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון זיין צושטאַנד צוגלייך מיט מיר.

* * *

און ווידער זענען זיי געזעסן אַ ווײַלע שטילשווייגנדיק, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דיביידע געלערנטע וואָלטן דאָ אַהערגעקומען, גיכער כדי צו שווייגן, איידער צו רעדן. נישט רירנדיק זיך כמעט פון אָרט, האָבן זיי זיך קוים איבערגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער, פּאַרזיכטיק, מיט אָנשטרענגונג.

דערנאָך, אָנקוקנדיק נאָכאַמאָל פון דער נאָענט די עקל־

האַפּטע וווּנד, האָבן זיי זיך דערהויבן צו מער אַלגעמיינע און גרעסערע מחשבֿות. איך האָב פאַרגעפילט דידאָזיקע גאַנצע אַרבעט, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זייערע מוחות.

ענדלעך האָט אָפּגעקלונגען אַ זאַץ:

— דאָס פורעמט זיך אויס פּונקט ווי אַ קינד.

*

* *

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אָן אָפּשטעל:

— פּונקט ווי אַ קינד. דער זאָמען ווירקט אויפן קעמערל, לויט לאַנסעראָס מיינונג, אויפן זעלבן שטייגער ווי די זרע. דאָס איז אַ מיקראָב, וואָס דרינגט אַריין אין די אַנאַטאָמישע עלעמענטן, קלייבט זיך אָפּ אַ טייל פון זיי, זאַפּט זיי דורך, ניסט אין זיי אַריין אַ וויברירנדיקע קראַפט און גיט זיי אַן אַ נ ד ע ר ל ע ב ן. אָבער דער אויפרייצנדיקער פאַקטאָר פון דערדאָזיקער צווישן-קעמערלדיקע אַקטיוויטעט, אַנשטאָט צו זיין דער נאָרמאַלער זאָמען פון לעבן, איז אַ פּאַראַזיט.

„ווי ס'זאָל נישט זיין די נאַטור פון דעם „primum movens“**, צי דאָס זאָל זיין *micracocus neoformans אָדער די נאָך אומזעבאַרע ספּאָרע פון אַ קאָך-באַציל, אָדער גאָר עפּעס אַנדערש, — יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז דאָס פּאַראַזיטישע ראַק-געוועב אַנטוויקלט זיך מתחילת ווי דאָס געוועב פון אַן עמבריאָן.

„אָבער דער עמבריאָן ווערט צייטיק. פאַראַן אַ מאָמענט, ווען די עמבריאָנאַלע מאַסע, וועלכע איז פאַרמאַכט אין דער געבערמוטער ווערט, אַזוי צו זאָגן, זעלבשטענדיק, זי שאַפט אַרום זיך אירע אויבערפלעכלעכע הייטלעך, וועלכע קלאָד בערנאַר האָט אָנגערופן, אין זיין טיפער טערמינאָלאָגיע, גרעניץ-אָרגאַנען. דער עמבריאָן איז פאַרענדיקט; ער האַלט בײַ געבוירן ווערן.

אָבער דאָס ראַק-געוועב ענדיקט זיך קיינמאָל נישט; עס וואַקסט כסדר, און דערגרייכט קיינמאָל זיין גרעניץ נישט. דער ראַק בלייבט תמיד אין עמבריאָנאַלן צושטאַנד. (איך רעד דאָ

**) ערשטער שטויס *) אזא מין באציל. (איב.)

נישט, פאַרשטייט זיך, וועגן די פעדים-און פלייש-געשווירן און וועגן געווייַנלעכע קאַנקראַידן, וועלכע זענען אומגעפערלעך; דאָס ראַק-געוועב קאָן קיינמאָל נישט דערגרייכן קיין האַרמאָנישע און שלמותדיקע פאָרם. אויסגעשניטן, הויבט עס זיך אָן פונאַנדער-צוּוואַקסן אויפסניי, אַלנפאַלס אין דער פּראָפּאָרץ פון פינף און נייַנציק אויף הונדערט. וואָס קאָן אויפטון אונזער גאַנצער גוף לגבי דערדאָזיקער פלייש-מאַסע, וועלכע אָרגאַניזירט זיך נישט און גייט נישט אַרויס? וואָס קאָן אויפטון דאָס גלייכגעוויכט פון אונזער געוועב, וועלכעס איז אַזוי סובטעל און אַזוי ברע-כעוודיק אויפגעבויט, לגבי דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער צע-וואַקסונג, וועלכע דרינגט אַריין מיט דער אומצעלאָזבאַרער און אומבאַגרעניצטער מאַסע אין אונזער בלוט, אין אונזערע אָרגאַ-נען, אין אונזער ביינער-געשטעל און אין אונזער נערוון-נעץ ?! יאָ, דער ראַק אין אונזער אָרגאַניזם איז, אין ענגען באַגריף פון וואָרט, די אומענדלעכקייט"...

דער יונגער דאָקטאָר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ טיפקייט, וועלכע ער האָט פון ערגיץ אַרויס-געבראַכט, באַ דער באַרירונג מיט דעם געדאַנק פון דער אומ-ענדלעכקייט:

— דאָס איז פונקט ווי אַ פאַרפוילט האַרץ.

* * *

זיי זענען איצט געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן. זיי האָבן צוגערוקט די שטולן.

— ס'איז נאָך ערגער, ווי דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט — האָט זיך אָפּגערופן דער יונגערער פון די צוויי דאָקטוירים, מיט אַן אומדרייסטער, איינגעהאַלטענער שטים.

— יאָ, יאָ — האָט דער אַנדערער אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מיר שטייען דאָ נישט פאַר קיין לאָקאַלער, געהיימ-נישפולער פאַרשלעפּטער קראַנקייט; עס האַנדלט זיך דאָ נישט, ווי דער עולם מיינט, וועגן אַ פאַטאַלן אינערלעכן צופאַל. דער ראַק איז צומאָל נישט אָנשטעקנדיק. מיר שטייען דאָ פאַר אַ

שאַרפֿן און פֿלוצלינגן פּאַטאָלאָגישן קריזיס פֿון אַ גאַנצער קאַטעגאָריע חלושים. דער ראַק איז איינס פֿון די עלעמענטאַרע פֿאָרמען פֿון די מענטשלעכע קראַנקייטן.

„דאָס איז אַן אַלגעמיינער צושטאַנד, וואָס איז גורם און באַצייכנט די קראַנקייט; דאָס איז דער חולה גופא, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, וועלכער רופֿט צו זיך די פֿאַרוויסטונג פֿון דעם פּאַראַזיט. דאָס איז זיין אָרגאַניזם, וואָס פֿאָדערט אַרויס דעם פּאַראַזיט!

„דער פּאַראַזיט! ס'איז אפשר פֿאַראַן בלויז איין איינציקער, וועלכער דיפֿערענצירט זיך לויט די סביבות, און פֿלאַנצט איין אין די איינצלנע שטעלן פֿון די אָרגאַנען פֿאַרשידענע קראַנקייטן. די באַקטעריאָלאָגיע סילאַביזירט נאָך; ווען זי וועט נעמען רעדן קלאָרע דיבורים, וועט זי אונז בלי ספק מודיע זיין דידאָזיקע נייעס, וועלכע וועט צוגעבן דער מעדיצין נאָך אַ מער טראַגישן כאַראַקטער, איידער איר ביזאיצטיקע גרויסקייט.

„וואָס שייך מיר, גלויב איך אין דער איינהייטלעכקייט פֿון די פּאַראַזיטן".

— דידאָזיקע טעאָריע איז איצט אין דער מאָדע — האָט געזאָגט דער אַלטער געלערנטער — אַלנפֿאַלס איז זי גאַנץ פֿאַרפֿירעריש און מ'מוז אָנערקענען, אַז וואָס מער די מעדיצין, כעמיע און פֿיזיק פֿאַרטיפֿן זיך, אַלץ מער שטרעבן זיי פֿון אַלע זייטן צו דער איינהייטלעכקייט פֿון אַלע גרונטשטאָפֿן, דערשיינונגען און כּוחות. און אין איצטיקן מאָמענט — הגם ס'איז נישט פֿאַראַן דערויף קיין אומאָפּוועדבאַרע ראיות, וואָס קאָן דען זיין וואָרשיינלעכער ווי דערדאָזיקער שרעקלעכער דראַנג צו איינהייטלעכקייט, וועגן וועלכן איר רעדט!

— יאָ — האָט געזאָגט דער צווייטער מיט אַ שטילער שטים, גלייך ווי ער וואָלט איבערגעקלערט — אַלע קראַנקייטן האָבן זייער שורש אין די זעלבע עלעמענטן. דאָס איז דאָסזעלבע אומבאַמערקבאַרע לעבן, וואָס פֿירט אונז אַלע צום ענדגילטיקן טויט.

— דאָס וואָלט געשאַפֿן פֿאַר אונז — האָט געשעפּטשעט דער אַנדערער, אויך אַראָפּלאָזנדיק זיין שטים — דיזעלבע ברודערשאַפֿט אין ליידן, ווי אין נישטזיין.

— דער איינציקער זאָמען פון טויט, דער אומענדלעך קליינער, וועלכע פאַרזייעט אין פלייש זיין שרעקלעכע זריעה, איז דער מיקראָב, וועמעס ראָל ס'האָט זיך ביזאַהער אויסגעוויזן גאַנץ גלייכגילטיק, און פאַר וועלכן מ'איז פאַרבייגעגאַנגען, כמעט אים נישט באַמערקנדיק, דאָס איז אַלזאָ דער „Bacterium termo".

„עס ווימלט מיט אים אין דער דיקער קישקע; ער געפינט זיך מיליאַרדנווייז אין געזונטן יחיד.

„ער איז דאָס, וואָס וואַלט אויף פאָספאָר-דורכגעזאַפּטן באָדן געבילדעט דעם גאָלדיקן סטאַפּילאָקאָק, דער גורם פון טשיריקעס און אַנטראַקסן, וועלכע טויטן אָפּ די ווינקלען פון פלייש-געוועב.

„ער איז דאָס, וואָס וואָלט אין דער דינער קישקע מגולגל געוואָרן אין דעם עבערט-באַציל, דעם גורם פון טיפוס-געשוויר"...

וואָס שאַרפער ס'איז באַצייכנט געוואָרן דער נאָמען פון שונא, וועלכן מ'האָט ביזאַהער נאָכגעישט גובר געווען, אַלץ פייערלעכער און קאָנצענטרירטער איז געוואָרן דאָס פנים פון דעם געלערנטן:

— ער איז עס ענדלעך דער, וואָס וואָלט אויף אַ פּאָס-פּאָרלאָזן באָדן, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָך-באַציל".

„דער קאָך-באַציל, דאָס איז נישט בלויז דער טובערקולאָז אין זיינע פאָרמען פון לונגען-, קעל-, געדערים- און ביינער-שווינדזוכט. לאַנדוזי האָט אים געפונען אין די פּלעוורא-פּליסיקייטן און קוס אין קאָלטע מכות.

„איבעריקנס — האָט איבערגעריסן דער אַלטער געלערנטער, וועמעס אויגן זענען געוואָרן אויפמערקזאַם און ערנסט — צי האָט מען דען געניי פונאַנדערגעטיילט די גאַנצע ריזיקע פאַרשידנקייט פון די אַלע קראַנקהייטס-פאָרמען, וועלכע האָבן אַ טובערקולעזן אָפּשטאַם.

— לאָמיר נעמען די לונגען-שווינדזוכט — וויבאַלד מיר ווייסן, אַז ביי אַ דערוואַקסענעם חולה איז די לונג תמיד פאַרנומען.

דאָס דערשיינען פון אַ באַציל איז גורם צו דער אָנט-

שטייאונג פון טובערקעלעך, קליינע געשווילעכצלעך, וועלכע שטאַרבן אָפּ צוליב דער אָפּוועזנהייט פון בלוט-געפעסן. ווערן זיי אָבער צעווייכט און אויסגעהוסט, דאַן פירן זיי צו דער אַטראָפיע פון אָרגאַן און צו דעם דערשטיקונגס-טויט. דער טובערקול איז אין תוך אַ ניי-געוועב. דער קאָך-באַציל איז אַ נעאָפּאָרמאַנס: דער שעפער פון נייע פאָרמאַציעס. איבעריקנס יעדער באַציל איז, אין אָרגאַניזם, אַ נעאָפּאָרמאַנס. דאָס איז נישט קיין ספּעציעל ווּיסנשאַפטלעכע באַצייכענונג, עס איז גיכער אַ האָמערישע מליצה, כּדי אונטערצושטרייכן זיין שעפערישע קראַפט. דער טובערקול פאַרמערט זיך — ער בלייבט אָבער קליין. דערפאַר טאַקע האָט ווירכאָוו געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אָרים ניי-געוועב.

* * *

„אָבער באַם אַרטעריעטיקער מיט נערוועזער נידערגעשלאָגנקייט און נידעריקער טעמפּעראַטור קאָן דער באַציל נישט אַרויסרופן קיין שווינדזוכט.

„ער גייט אַריין אין בלוט צוזאַמען מיט די פּעפּטאָנען דורך די לימף-געפעסן. דאָס בלוט איז איבערגעלאָדן מיט גליקאָגענען, מיט דעם מענטשלעכן צוקער, וועלכער ווערט דאָ נישט פאַרצערט דורך דער הויכער טעמפּעראַטור. — די בלוט-סטאַגנאַציע אין די אָדערן זעצט אָפּ דעמדאָזיקן איבערפלוס פון צוקער אין די אַנאַטאָמישע עלעמענטן פון פאַסיוון דריזן-געוועב. דעמאָלט אַנטוויקלט זיך אויף קאַלטן באָדן דאָס, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט אָנרופן אַ רייכע „נעאָפּלאַזיע”, אַ ניי-געוועב. אָנשטאָט אַ סך טובערקולן איז פאַראַן בלויז איינער, וועלכער וואַקסט זיך פונאַנדער אין דער אומענדלעכקייט. דאָס איז דער ראַק אין אַלע זיינע געשטאַלטן, מיט אַלע זיינע נעמען: סאַרקאָם, קאַרצינאָם, הויטקרעבס, סצירוס, לימפאַדענאָם.

„דער ראַק איז בכן דער פועל-יוצא פון דער גליקאָגענען-אָנזאַמלונג באַ אַ דערוואַקסענעם און אָפּגעשוואַכטן אַרטעריקער, וועלכער האָט נישט קיין היץ”.

דער אַלטער געלערנטער האָט זיך אָפּגערופן: „יאָ, יאָ,

דאָס איז מעגלעך. אָבער װוּ זענען די באַװײַזן? דאָס איז זייער אַ שיינע טעאָריע, אָבער װוּ איז די פּראַקטישע באַשטעטיקונג? עס איז דאָך פֿאָרט פֿאַראַן אַ מאָרפֿאָלאָגישער אונטערשיד צװישן דעם גוז און דעם טובערקול".

ער האָט אָנגענומען אַן איראָנישן און פֿײַנטלעכן טאָן, גרייט צו שטעלן אַ װידערשטאַנד און שעפּן זײַנע באַװײַזן פֿון זײַן װיסנשאַפֿט און דערפֿאַרונג.

אָבער דער אַנדערער האָט געענטפֿערט: „װיבאַלד מיר װעלן באַטראַכטן אַ גאַנצע ריי גוזן, װעלן מיר פֿעסטשטעלן, אַז זייער צאָל געפֿינט זיך אין אַ גלײַכן פֿאַרהעלטעניש, זייער פֿאַרנעם אָבער אין פֿאַרקערטן פֿאַרהעלטעניש צו דער קערפּערװאַרימקייט פֿון דעם אָביעקט, װעלכער שאַפֿט אים.

ער האָט אויסגעפֿונען אין קאָפּ פֿאַקטן, ציפֿערן. ער האָט מיט זיי געשליידערט װי מיט געװער. ער איז געװען באַלעבט דורך דעם ברען צו געבן אַ פֿולשטענדיקע און אומבּרחמנותדיקע דערקלערונג, כּדי צו פֿאַרטיידיקן זײַן ברייטע אידעע פֿון פֿאַרײַנפֿאַכונג, װעלכע האָט פֿאַרדראַמאַטיזירט די גאַנצע מענטשהייט.

— בײַ אַ טעמפּעראַטור פֿון 45°—44° אַנטװיקלט זיך די אַלגעמיינע שװינדזוכט אין דער פֿאָרם פֿון קליינע, כּמעט מיקראָסקאָפּישע און אומצייליקע געשװילעכצלעך; פֿון 41°—40° אַנטװיקלט זיך די אַזױגערופֿענע הירזש-אַרטיקע שװינדזוכט, מחמת אירע פּראָדוקטן האָבן די גרייס פֿון הירזש-קערנער; פֿון 40°—39° איז עס די געװיינלעכע קערנדלדיקע שװינדזוכט; פֿון 39°—38° די שװינדזוכט, װעלכע אַנטװיקלט זיך לאַנגזאַם מיט אירע גרויסע און אויבערפֿלעכלעכע צעגטרען; בײַ 37° זענען עס די דריזנדיקע געשװילעכצן פֿון זייער אַ גרויסן פֿאַרנעם, װעלכע גייען איבער אין קאַלטע געשװירן (צו דערדאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן: די אַנטצינדונג פֿון דעם היפּטגעלענק, די װייסע געשװילעכצן און די פּאָט-קראַנקהייט. בײַ 36°6 זענען עס די גרויסע געשװילעכצער פֿון דער רינדערשװינדזוכט; — בײַ 28° אַנטדעקן מיר די טונקעלע און האַרבאַטע געשװילעכצן, װעלכע דעפֿאָרמירן דעם קערפּער פֿון די פֿיש, לויט װי ד י ו ב אַ ר האָט אויפֿגעװיזן.

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע, נאָך דערדאָזיקער אָנ־הויפּונג פון בײַשפּילן, דערנאָך האָט ער ממשיך געווען:

— מען קען אַרויסרופן עקספּערימענטאַל דעם איבער־גאַנג פון איין קראַנקייטס־פאָרם אין דער צווייטער: מען נעמט אַ קיניגל, וועלכן מ׳אימפּט איין די טובערקולאָז; וויבאַלד די חיה ווײַזט אַרויס בולטע סימנים פון דער אָנשטעקונג, דאַן פאַרוואַנדלט מען דאָס קיניגל אין אַ קאַלטבלוטיקע חיה, מיט דער הילף פון אַ האַסטיקן שניט אינדערהייך צווישן דעם לעצטן האַלז־וואַרבל און דעם ערשטן רוקן־וואַרבל. אויב די חיה שטאַרבט נישט פון אַ פּאַראַליז, דערזען מיר אינגיכן, ווי אין איר בויך אָדער אין די געלענקען אַנטשטייט אַ גרויסער גוז, וועלכער האָט דאָס אויסזען און די אייגנשאַפט פון אַ ראַק.

ער האָט געקוקט זײַן חבר גלײַך אין פּנים אַרײַן. איך דערמאָן זיך אין דעם, וואָס עס זאָגט ד ע ־ ב אַ ק ע ר: „מיר האָבן אָבסערווירט די גלײַכצײַטיקע אַנטוויקלונג פון דעם ראַק און פון טובערקולאָז, און מיר האָבן געזען, אַז דער ראַק הערט אויף זיך פונאַנדערצוּוואַקסן און טריקנט־איין, מיט דעם מאָמענט ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די טובערקולן און זיך אַנט־וויקלט אין אַ טעמפּעראַטור איבער 38.0. אין אַלגעמיין, האָט ער צוגעגעבן, האָט דאָמינירט די טובערקולאָז.

„אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער אַנטשטייונג און אינער־לעכער פאַרטיילונג פון צוקער. דידאָזיקע פאַרטיילונג ווערט רעגולירט דורך דער אָרגאַנישער וואַרעמקייט, וועלכע פאַרצערט כסדר דעם צוקער פון דעם שווינדזיכטיקן. בײַ דעם ראַק־קראַנקן פעלט די געהעכערטע טעמפּעראַטור, און דער צוקער־שטאָף זאַמלט זיך אָן. דער ראַק איז פול מיט צוקער. דר. באַקער האָט אַוועקגעשטעלט די זאַך אין געהעריקן ליכט, מאַכנדיק פון דער ראַק־קראַנקייט אַ מין לאָקאַלע צוקער־קראַנ־קייט.

„מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין דעם ראַק איז פאַראַן צוקער, דערמיט וואָס מ׳האָט פון דער ראַק־פליסיקייט אויסגעאַ־אַרבעט קאָניאַק. איך אַליין האָב איבערגעחזרט דעמדאָזיקן עקספּערימענט. כ׳האָב מיר פאַרשאַפן צען קילאָגראַם פון דער

ראַק-מאַסע, וועלכע האָט געשטאַמט פון אָפּעראַציעס, דורכגע-
פירטע אין משך פון צוויי פּאַרמיטאָגן אין פּאַריזער שפּיטאָלן.
דידאַזיקע מאַסע איז אויסגעטרוקנט און דערנאָך צעמאָלט גע-
וואָרן. זי האָט געגעבן צוויי ליטער מוטנע און שטינקנדיקע
פליסיקייט, וועלכע האָט אַנטהאַלטן מערער צוקער, איידער די
אורין פון אַ שווערן צוקער-קראַנקן מענטש. נאָכן צוגעבן אַ
געוויסן יויר-שטאָף איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע און אַראָמאַטישע
יויר-מאַסע. דער אַלקאָהאָל-מעטער האָט געוויזן 6° נאָכן דיסטי-
לירן האָב איך דערהאַלטן אַן אַלקאָהאָל פון 60°, פון וועלכן
איך האָב געצויגן דעם לאַבאָראַטאָריע-קאָניאַק.

„די מענטשן ווערן אַלזאָ אָנגעגריפן און איבערגעוועל-
טיקט דורך איין און דעמזעלביקן קראַנקייטס-באַציל; זיי אַנט-
וויקלען אים לויט זייער טעמפּעראַמענט. די היץ-קראַנקע, וועל-
כע גיבן מערער אַרויס קרעפטן, איידער זיי נעמען צו, באַקו-
מען די שווינדזוכט — די קליינע טובערקולן — די קאַלט-
בלוטיקע אַרטרעטיקער, וועלכע נעמען צו מערער קרעפטן, ווי
זיי גיבן אַרויס, זיי באַקומען דעם ראַק—דאָס ריזן-געשווילעכץ.

„דיביידע קראַנקייטן בייטן טיילמאָל אום זייערע חולאים.
ס׳רוב ראַק-קראַנקע זענען געהיילטע און אָפּגעקילטע שווינד-
זיכטיקע. דיובאַר האָט עס צום ערשטן מאָל פעסטגעשטעלט.
דאָס וואָס ס׳איז אַ ישועה פאַר איינע, (דער איבערפלוס פון
צוקער אָדער אַנדערע נער-שטאָפן) איז אַ סכנה פאַר אַנדערע.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.
דערנאָך האָט ער זיך ווייטער פלייסיק איינגעהערט אין די רייד
פון זיין מיטשמועסער.

דער יונגערמאַן האָט אָפּגעהאַקט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט
ער ממשיך געווען:

— מ׳מוז קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין
(אויף דערויף עקזיסטירן מיר דאָך!) און נישט מורא האָבן צו
עפענען פאַר דער היילונג פון שווינדזוכט דעמדאָזיקן געהיים-
נישפולן און שרעקלעכן וועג.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

„ווי עס זאָל נישט זיין, דידאָזיקע ענלעכקייט און דאָס
פאַרקערטע פאַרהעלטעניש צווישן די ביידע קראַנקייטן, וואָס

איר זאָלט האָבן באַמערקט, איז שוין באַוויזן געוואָרן אין אַ געוויסער מאָס דורך דער סטאַטיסטיק. ס׳איז קלאָר, אַז זייער אומפאַנג און פאַרהעלטעניש וואַקסן סיסטעמאַטיש. אין פאַריז מאַכט אויס איין ראַק-קראַנקער אויף פיר שווינדזיכטיקע. אויב עס שטאַרבן אין איין וואָך צווייהונדערט און זעכציק שווינדזיכטיקע, דעמאָלט שטאַרבן פינף און זעכציק ראַק-קראַנקע. אויף הונדערט אכציק טויזנט טויט-פאַלן, וועלכע ווערן אין פראַנקרייך אין משך פון אַ יאָר פאַראורזאַכט דורך שווינדזוכט — פאַלט אויס זעקס און דרייסיק טויזנט אויף ראַק-קרבנות: איינער אויף פינף, פונף הונדערט פראַנצויזן שטאַרבן יעדן טאָג אויף שווינדזוכט, הונדערט שטאַרבן יעדן טאָג אויף דער ראַק-קראַנקייט.

— און וויפיל פון זיי וועלן שטאַרבן מאָרגן! האָט געזאָגט דער יינגער מענטש, אויפהויבנדיק זיינע קאַלטע און קלאָרע אויגן, ווי אין זיי וואָלט געלעגן עפעס אַ באַוווסטזיניקע און בחנמדיקע בקשה.

—מיר האָבן נאָר אויפגעהויבן אַ ווינקל פון דעם שלייער און אַרויסגעזאָגט בלויז אַ טייל פונם אמת.

— יאָ, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — דער אמת איז נאָך מעכטיקער, ווי ס׳ווייזט זיך אין פלוג אויס.

„די פאַרוויסטונגען דורך דעם ראַק מערן זיך פון טאָג צו טאָג. דאָס איז מסתם צוליב דעם, וואָס דאָס מאָדערנע לעבן פאַרגרעסערט די אויפנאַמס-פעיקייט פון אונזער אָרגאַניזם פאַר דער דאָזיקער קראַנקייט.

„דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון דעם חולה רופט אַרויס במילא די קראַנקייט. איך חזר איבער! די קראַנקייט איז אומהיי, באַר צוליב דעם קראַנקן גופא. צו וואָס דאַרף מען זי היילן לאָקאַל דורך באַזייטיקן די שעדלעכע מאַסע, ווי באַלד דער קראַנקער, וועלכער איז איבערגעענטפערט צו זיך גופא — באַלעבט ווידער די קראַנקייט? מיר קאָנען מערנישט ווי זיך צוקוקן דערצו!

„אַ שווינדזיכטיקער, בא וועלכן מ׳וואָלט באַזייטיקט זיינע טובערקעלעך, און נישט מער, וואָלט געווען פונקט אַזוי ווי דער אָפּערירטער פאַרמשפט אויפן אומקער פון דער קראַנקייט.

ונקט אַזוי איז דאָס מעסער נישט קיין גענוגנדיק פאַרטיידיקונגס-מיטל קעגן בייזוויליקע גוזן. איבריקנס, האָבן מיר פאַקטן, אויף הונדערט פאַלן פון אָפּערירטע ביין-ראַקן האָבן מיר צוויי און ביינציק רעצידיוון; באַ ברוסט-ראַקן — דאָס זעלבע: צוויי און ביינציק. באַ דעם געבערמוטער-ראַק — זעקס און ביינציק. באַ צונג-ראַק (ער האָט אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף דער טיר) ביין און ביינציק".

בשעת ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם לעצטן זאַץ, האָט ער גענומען פון קאַמין אַ בייגעלע בריוו-פּאַפּיר און אַ שערל און האָט מעכאַניש צעשניטן דאָס פּאַפּיר. פּלוצים האָט ער פאַרשטאַן, דעם אומקלאָרן אינסטינקט פון זיין באַוועגונג. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דיביידע זאַכן, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— דער ראַק הויבט אָן צו פאַרכאַפּן די יוגנט. איך זע אין מיין געדאַנק דאָס אומברחמנותדיקע בילד פון אַ קליין מלאכל מיט קלאָרע אויגן, וועלכעס האָט אויף דער ברוסט אַן אומגעהויערן בלוין.און-בלאָען גוז — ווי אַ רויט הייפּטל קרויט. דער ראַק פאַרשפּרייט זיך אין דער מענטשהייט, פּונקט ווי עפּעס אַ לעבעדיק באַשעפעניש. וויבאַלד מ'וועט אים נישט פאַרהאַלטן — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טריבער איראָניע, וועלכע כ'האָב שוין נישט צום ערשטן מאָל געהערט אין זיין שטים — וועט מען נישט דאַרפן זיך שטעלן די פראַגע, צי די וועלט וועט אומקומען דורך דעם פאַרלעשן זיך פון דער זון!

צו דערדאָזיקער פאַנאַטישער קרובהשאַפט פון די צוויי גרעסטע, לעבעדיקע פּלאָגן פון דער מענטשהייט — האָט געזאָגט דער יונגער געלערטער, צולייגנדיק די האַנט צום שטערן — סאַראַ אַנדערע קרובהשאַפטן וועלן זיך נאָך אָנשליסן? דער סיפיליס. וועגן וועלכן כ'האָב נישט גערעדט? סאַראַ נאָך אַנדערע? וואוהין וועלן מיך פאַרפירן די אונטערזוכונגען, וועלכע איך וועל ממשיך זיין, אַרויסגייענדיק פונדאַנען? איך ווייס נישט... אפשר צו דעם, כדי צו קאָנען אַרומנעמען מיט איין בליק דאָס גאַנצע פוילעניש פון דעם מענטשלעכן קערפּער, דעם גאַנצן יאושדיקן עלנט, דעמדאָזיקן גאַנצן חורבן, און וועלכן ס'ווערט ב שיימפערלעך אַריינגעשליידערט דער מענטשלעכער

מין, און דערדאָזיקער חורבן איז אַזוי אומגעהויער, אַז ס'איז ממש אַ ווונדער, ווי אַזוי מען וואַגט צו רעדן וועגן אַנדערע טראַגעדיעס!

„און פונדעסטוועגן, פונדעסטוועגן" — ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, וועלכע האָבן געציטערט ווי די הענט פון אַ קראַנקען, דורך עפּעס אַ מין איבערמענטשלעכער באַרירונג:

— אפשר — ניין, בלי-ספק — וועט מען קאָנען אויסהיילן די מענטשלעכע קראַנקייטן. אַלץ קאָן זיך ענדערן. מ'וועט אויסגעפינען דעם געהעריקן לעבנס-שטייגער, אַדאַנק וועלכן ס'וועט אויסגעמיטן ווערן דאָס, וואָס ס'לאָזט זיך נישט אויסראָטן. דעמאָלט ערשט וועט די וויסנשאַפט וואַגן זיך מודה צו זיין אין דער שרעקלעכער שחיטה פון די קראַנקייטן, וועלכע האַלטן אין איין וואַקסן און זענען אומהיילבאַר. ס'קאָן זיין, אַז מ'וועט אפילו אויסהיילן געוויסע קראַנקייטן, וועלכע האָבן ביזאהער געגאָלטן אַלס אומהיילבאַרע; מ'האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט, כדי פולקאָם אויסצופּרווון די היילמיטלען.

„מ'וועט אויסהיילן אַנדערע — דאָס איז זיכער — אָבער ז'וועט נישט אויסהיילן אים".

אינסטינקטיוו זענען זיינע אָרעמס אַראָפּגעזונקען, זיין שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן אין אַ טרויערפולער שטילקייט.

דאָס געשטאַלט פון דעם קראַנקען איז אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן צו עפּעס אַ הייליקער גרויסקייט. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן דאָ גערעדט, האָט דער חולה, קעגן זייער ווילן, געוועלטיקט איבער זייערע ווערטער. און אויב זיי האָבן די פראַגע פאַראַלגעמיינערט, איז עס אפשר געווען דערפאַר, כדי זיך צו קאָנען באַפרייען פון דאָזיקן באַזונדערן פאַל...

*

* *

— צי איז דאָס אַ רוס, אַ גריך?

— כ'ווייס נישט. איך קוק תמיד אין דער אינערלעכקייט פון דעם מענטשן. דערפאַר קומען זיי מיר אַלע אַזוי ענלעך פאָר.

— זיי זענען ענלעך דערעיקרשט — האָט געמורמלט דער אַנדערער – מיט זייער מיאוסער, אָנגעבלאָזענער פרעטענזיע

און פאַלשער מיינונג, אַז זיי זענען אַלע אַנדערש, און אַז זיי זענען זיך שונאים.

דער, וואָס האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, האָט ליכט אויפגעשוידערט, גלייך ווי דערדאָזיקער געדאַנק וואָלט אויפגעוועקט אין אים עפּעס אַ מין געהיימע ליידנשאַפט. ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרענדערטער, פול מיט צאָרן.

— אָך! — האָט ער אויסגערופן — סאַראַ שענדלעך שווישפּיל עס שטעלט מיט זיך פאַר די מענטשהייט!

„די מענטשהייט העצט קעגן זיך גופא, נישט געקוקט אויף די מוראדיקע ווונדן, וואָס זי טראָגט מיט זיך אַרום! מיר, וואָס זעמיר כסדר אַריבערגעבויגן איבער דידאָזיקע ווונדן, מיר ווערן מער, איידער אַלע אַנדערע, געטראָפן דורך די אַלע צרות, וואָס די מענטשן טוען זיך פרייוויליק אייַנאַנדער אָן. איך בין נישט קיין פּאָליטיקער און קיין קריגסמאַן. ס׳איז נישט מיין באַרוף, צו פאַרנעמען זיך מיט אידעען: כ׳האָב אַנדערשווו געגנוג אַר־בעט; אָבער עס באַפאַלן מיך אַמטמאָל מיטליידס-געפילן, גרויסע ווי חלומות. כ׳וואָלט טיילמאָל געוואָלט שטראָפן די מענטשן, און טיילמאָל ווידער וואָלט איך זיי געוואָלט בעטן מיט תחנונים, אַז זיי זאָלן ענדערן זייער לעבן!“

דער אַלטער דאָקטאָר האָט מעלאַנכאָליש אַ שמייכל געטון; דערנאָך האָט זיך זיין שמייכל פאַרווישט לגבי דעמדאָזיקן אַזוי אָפענעם און אומגעהויערן בזיון.

— דאָס איז אמת, ליידער! אַזוי עלנט און נישטיק זענען מיר, און מיר צערייסן זיך נאָך מיט די אייגענע הענט: דער קלאַסן-קאַמף, דער פעלקער-קאַמף... פאַר דעם יעניקן, וואָס קוקט אויף אונדז פונדערווייטנס, און פאַר דעם יעניקן, וואָס קוקט אויף אונדז פונדערהייך, זענען מיר אַ האָרדע באַרבאַרן און משוגעים.

— און פאַרוואָס, פאַרוואָס?! — האָט געזאָגט דער יונגער דאָקטאָר מיט שטייגנדיקער אומרויקייט — פאַרוואָס-זשע פאַר־בלייבן מיר משוגעים, וויבאַלד מיר זעען אונדזער משוגעת?

דער אַלטער דאָקטאָר האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען — דעמזעלבן זשעסט האָב איך באַמערקט פריער, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אומהיילבאַרער קראַנקייט.

— דער כּוח פון דער טראַדיציע, וואָס ווערט כּסדר אונ־טערגעהאַלטן דורך די פּאַראינטערעסירטע... מיר זעמיר נישט קיין פרייע מענטשן, מיר זעמיר צוגעבונדן צו דעם עבר. מיר הערן דאָס, וואָס ס׳האָט זיך געטון תּמיד, און מיר מאַכן עס נאָך; און דאָס איז — די מלחמה און די אומגערעכטיקייט! אפשר וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, אין וועלכן די מענטשהייט וועט זיך באַפרייען פון דער איינגעלעבטקייט מיט דעם, וואָס ס׳איז געווען אַמאָל. לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן סוף־כּל־סוף אַרויסגיין פון דער עפּאָכע פון מאָרד און עלנט. וואָס קאָנען מיר דען טון מער, ווי האָפן?"

דער אַלטער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. דער יונגער האָט געזאָגט:

— מיר קאָנען וועלן!

דער אַלטער האָט געמאַכט עפּעס אַ באַוועגונג מיט דער האַנט.

דער יונגערמאַן האָט אויסגערופן:

— פאַראַן אַ גרויסע, אַלגעמיינע סיבה פון דעם אייטערנ־דיקן געשוויר פון דער וועלט. איר האָט עס אָקאָרשט אָנגערופן. דאָס איז די משועבדיקייט צום עבר, די דורותדיקע פאָרורטיילן, וועלכע שטערן, אַז מ׳זאָל אַלץ זעבשטענדיק איבערבויען, לויט די פּרינציפּן פון שׂכל און יושר. דער גייסט פון דער טראַדי־ציע האָט אָנגעשטעקט די מענטשהייט; און די צוויי שרעקלעכע דערשיינונגען פון דערדאָזיקער אָנשטעקונג, דאָס איז...

דער אַלטער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף זיין שטול, אָנצייכענענדיק אינדערלופטן אַ תּנועה פון פּראָטעסט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט אויסרופן: „רעד דאָס נישט אַרויס!"

אָבער דער יונגערמאַן האָט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן זיינע ווערטער:

— דאָס איז ירושה און פּאַטערלאַנד.

* * *

— שאַ! — דאָס אויסגערופן דער אַלטער געלערנטער. אין דעם פּונקט בין איך מיט אייך נישט מסכּים. איך אָנערקען

דאָס שלעכטס פון דער קעגנוואַרט. מיטן גאַנצן כּוח רוף איך נאָך די נייע תּקופה. איך טו נאָכמער, איך גלויב אין איר. אָבער רעדט נישט אַזויערנאָך וועגן די ביידע הייליקע סודות!

— אַך, פּראָפעסאָר! — האָט אָפּגעענטפערט מיט ביטער־קייט דער יונגערמאַן — איר רעדט פּונקט אַזוי, ווי אַלע אַנ־דערע... און דאָך דאַרף מען אַריינדרינגען ביז אין מקור פון שלעכטס, איר ווייסט עס גאַנץ גוט, בעסער פון אַנדערע. אַלמאַי מאַכט איר אייך, ווי איר וואָלט דאָס נישט געוווּסט?!.. וויל מען אויסהיילן די מענטשהייט פון דער קנעכטשאַפט און פון דער מלחמה, האָט מען דאָס רעכט אָנצוגרייפן מיט אַלע בוצלעכע מיטלען — מיט אַלע! — צו באַקעמפן דעם פּרינ־ציפּ פון ירושה און דעם קולט פון פאָטערלאַנד.

— ניין! מ׳האָט נישט קיין רעכט! — האָט געזאָגט דער אַלטער, אויפהויבנדיק זיך אין גרויס אויפרעגונג און צוואַרפּנ־דיק זיין חבר אַ האַרטן, כּמעט ווילדן בליק...

— און דאָך האָט מען רעכט! — האָט געשריגן דער אַנדערער.

פּלוצלינג איז דער גראָער קאָפּ אַראָפּגעזונקען, און דער אַלטער האָט אַרויסגעשעפּטשעט אינדערשטיל:

— יאָ, ס׳איז אמת, ביסט גערעכט...

„איך דערמאָן זיך... איינמאָל, בעת דער מלחמה, זענען מי״ר געווען פאַרזאַמלט אַרום אַ גוסס. קיינער האָט אים נישט געקענט. מ׳האָט אים געפונען צווישן די חורבות פון אַ באָמ־באַרדירטן אַמבולאַנס. זיין פּנים איז געווען געגצלעך צעקאַלע־טשעט. מ׳האָט נישט געוווּסט ווער ער איז; ער האָט געהערט צו איינער פון די קעמפנדיקע אַרמעען, דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מ׳האָט געקאָנט וועגן אים זאָגן. ער האָט געקרעכצט, גע־ווינט, געהיילט, האָט אַרויסגעלאָזט מוראדיקע קולות. מ׳האָט געפּרוווט אין די מאָמענטן פון גסיסה אַרויסצוקריגן עפּעס אַן אויסדרוק, אַ טאָן, וואָס זאָל ווייזיקסטנס אָנווייזן אויף זיין נאַצ־יאָנאַליטעט. אָבער ס׳איז נישט געלונגען. קיין שום דייטלעך וואָרט האָט זיך נישט אַרויסגעריסן אויס די ליפּן פון דאָזיקן צעמאַרשטן מענטשל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן לאַ־

זאַרעט=בעטל. מיר האָבן אים נאָכגעשפּירט מיט די אויגן און זיך איינגעהערט, ביז ער איז נישט אינגאַנצן אַנטשוּמט גע-וואָרן. בעת ער איז אויסגעגאַנגען — דאַן האָבן זיך מיר אין איין רגע די אויגן אויפגעמאַכט און כ׳האָב פאַרשטאַנען. כ׳האָב פאַרשטאַנען אין מיין טיפער אינערלעכקייט, אַז איין מענטש איז גיכער צוגעבונדן צום אַנדערן, איידער צו זיינע לאַנדס-לייט. כ׳האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַז אַלע ווערטער פון שנאה און פּרידה קעגן דער אָרמער, אַז אַלע זלזולים קעגן דער פּאָן, און אַז אַלע אַנטיפּאַטריאָטישע אויפרופן הילכן אַרויס פון דעם אידעאַל און פון דער שיינקייט.

„יאָ, יאָ, מ׳האָט רעכט, מ׳האָט רעכט! און דינט יענעם טאָג האָב איך נישט איינמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם אמת. אָבער וואָס ווילסטו... איך, איך בין אַלט, און האָב נישט די קראַפט זיך איינצוזעקשנען אויף דעם!"

— פּראָפעסאָר! — האָט אַרויסגעמורמלט דער יונגערמאַן מיט אַ טאָן פון יראת=הכבוד.

אויפגערירט פון דער אייגענער אויפריכטיקייט, פאַר-שיכּורנדיק זיך מיטן אמת, האָט דער געלערנטער ממשיך געווען.

— יאָ, איך ווייס, איך ווייס, זאָג איך דיר! כ׳ווייס, אַז נישט געקוקט אויף דער קאָמפּליצירטער נעץ פון אַרגומענטן און דעם גאַנצן לאַבירינט פון באַזונדערע געשעענישן, אין וועלכע ס׳פאַרלירט זיך דער מענטש, וועט קיינזאַך נישט דער-שיטערן די לחלוטינדיקע פשטות פון דעם געדאַנק, אַז די העכסטע אומגערעכטיקייט איז דאָס געזעץ, וואָס לאָזט איינעם געבוירן ווערן רייך, און די אַנדערע פאַרמשפּט עס אויף אָרעמ-קייט; דאָס האַלט אונטער אין דער געזעלשאַפט אַ כראָנישע אומגלייכקייט. און די דאָזיקע אומגערעכטיקייט איז נישט ווייניקער אומבאַגרינדעט איידער די יעניקע, וואָס האָט אַמאָל באַשאַפן די שקלאַ-פישע ראַסן. כ׳ווייס, אַז דער פּאַטריאָטיזם איז געוואָרן אַן זגג, אָנ-גרייפנדיק געפיל. כּל-זמן ס׳וועט גילטן דער פּאַטריאָטיזם, וועט ער אין אַלע צייטן אַרויסרופן די שרעקלעכע, אכזריותדיקע מלחמה און די דערשעפונג פון דער וועלט. כ׳ווייס, אַז נישט די אַר-

בעט, נישט דער מאַטעריעלער און גייסטיקער ווילשטאַנד, נישט די איידעלע קנינים פונם פּאָרשריט, נישט די ווונדער פון ד'ער קונסט, האָבן נישט קיין בויטיקייט אין שנאהדיקער קאָנקורענץ — להיפּך, דאָס געווער פאַרטיליקט און פאַרניכטעט דידאָזיקע אַלע זאַכן.

„כ'ווייס, אַז די קאַרטע פון לאַנד איז געמאַכט פון קאָנווענציאָנעלע ליניעס און פון פאַרגענגלעכע נעמען, אַז די איינגעבוירענע אייגנליבע דערנענטערט אונז צו דעם מענטשן בכלל, איידער צו די, וועלכע גייען אַריין אין צוזאַמענשטעל פון דער זעלבער געאָגראַפישער גרופּע; אַז מיר זענען מער ברידער מיט די יעניקע, וועלכע פאַרשטייען אונז און ליבן, און וואָס לעבען אויף דעם זעלבן גייסטיקן ניוואָ, אָדער וואָס ליידן דעמזעלבן ווייטיק וואָס מיר, איידער מיט די איבעריקע, וועלכע מיר באַגעגענען אויף דער גאַס... די ליבע, וואָס דער מענטש פילט צו זיין לאַנד, וואָלט געווען גאַנץ גוט און פיין, ווען זי וואָלט זיך נישט פאַרוואַנדלט, ווי מיר זעען דאָס איבעראַל, אין פוסטקייט, אין תאווה צו געוועלטיקן איבער אַנדערע, אין פאַרכאַפּערישקייט, אין קנאה, שנאה, נאַציאָנאַליזם און מיליטאַריזם, אין אַ זינקען צום תהום אַראָפּ. צוליב דער שטייגנדיקער, מאָנסטרועלער דעגענעראַציע הרגעט זיך אויס די מענטשהייט, שטאַרבט די מענטשהייט, און די היינטצייטיקע עפּאָכע איז איין שרעקלעכע גסיסה.

זיי האָבן געהאַט דיזעלבע וויזיע און האָבן געזאָגט גלייכצייטיק:

— דאָס איז אַ ראַק, אַ שרעקלעכער ראַק.

דער פּראָפעסאָר האָט גענומען רעדן לעבהאַפטיקער:

— כ'ווייס גאַנץ גוט, צוגלייך מיט דיר, אַז די קומענדיקע דורות וועלן שטרענג פאַרמשפּטן די יעניקע, וועלכע האָבן קולטיווירט און פאַרשפּרייט דעם פעטישיזם פון דער אידעע פון געוואַלט און אונטערדריקונג. כ'ווייס, אַז די פּאַרטיליקונג פון אַ מיסבריך. קאָן זיך אָנהויבן בלויז מיטן אויסראָטן דעם קולט, וואָס האָט דידאָזיקע אומגערעכטיקייט, דידאָזיקע עוולה פאַרהייליקט... און איך, וואָס האָב אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געקוקט אויף אַזויפיל גרויסע אַנטדע

קינגען און דערפינדונגען, וועלכע האָבן לחלוטין אומגעביטן דעם פּנים פון דער וועלט, איך ווייס, אַז בעת מ׳הויבט אָן עפּעס נייעס, האָט מען קעגן זיך די שנאה פון דעם אַלעם, וואָס עקזיסטירט שוין!

„איך ווייס, אַז ס׳איז אַ פאַרברעך צו פאַרברענגען יאָרן און יאָרהונדערטער און זאָגן וועגן דעם פּראָגרעס: „איך גאַר נאָך אים, אָבער מיר פעלט די ווילנס־קראַפט״, — כ׳ווייס, אַז כּדי צו פאַרווירקלעכן געוויסע רעפאָרמען איז נויטיק דער אַל־געמיינער הסכּם. איך ווייס, אַז די מענטשהייט ווערט אפילו באַפּרוכ־פּערט דורכן דאָזיקן הסכּם! איך ווייס! איך ווייס!

„יאָ... אָבער איך! צופיל דאגות האָב איך אויפן קאָפּ, צופיל אַרבעט וואַרט אויף מיר; און אַחוץ דעם, כ׳האָב עס דיר שוין געזאָגט, כ׳בין צו אַלט. און דידאָזיקע אידעען זענען פאַר מיר צופיל ניי. די אינטעליגענץ פון אַ מענטש איז מסוגל אויפצונעמען בלויז אַ באַשטימטן קוואַנטום פון שאַפונג און נייעס. און איז דערדאָזיקער טייל אויסגעשעפּט, דאַן קאָן מען שוין מער נישט זען און מיטגיין מיטן פּראָגרעס, ווי שטאַרק ער זאָל אפילו נישט ברויכן אונזער מיטהילף... כ׳בין נישט בכּוח אַריינצושליידערן אין דיספּוט קיין גלאַנציקע, פרוכטבאַרע גוזמא. כ׳האָב נישט די דרייסטקייט זיך אונטערצוואַרפן דער לאָגיק. איך בין עס דיר מודה, מיין קינד, כ׳האָב שוין נישט די קראַפט, כּדי צו זיין גערעכט!״

*

* *

— טייערער פּראָפעסאָר — האָט מיט אַ פאָרוורפספולן טאָן געזאָגט דער יונגער דאָקטאָר — זענט איר דאָך עפנטלעך אַרויסגעטרעטן אַקעגן די, וועלכע האָבן באַקעמפט קלאָר און אָפן די אידעע פון פּאַטריאָטיזם! האָט איר דאָך דערלויבט, אַז מ׳זאָל זיך באַנוצן קעגן זיי מיט דער חשיבות פון אייער נאָמען!

דער אַלטער האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט. זיין פּנים האָט זיך פאַרפאַרבט.

— כ׳וועל נישט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל איינשטעלן דאָס לאַנד אין סכּנה!

כ׳האָב אים שוין נישט דערקענט אין דער רגע. ער איז אראָפּגעפאַלן פון זיין הויכן געדאַנק, ער איז שוין נישט געווען „ער". ס׳האָט מיך אַרומגענומען עפּעס אַ ווידערגעפיל.

— אָבער — האָט געמורמלט דער אַנדערער — דאָס אַלץ, וואָס איר האָט אָקאָרשט געזאָגט...

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. די לייט, וועגן וועלכע איר רעדט, האָבן אונז געוואָרפן אין פּנים זייער אַרויספאָדערונג. זיי האָבן באַלד אָנגענומען אַ פייַנטלעכע שטעלונג און באַרעכטיקט פונפאָרויס די אַלע באַליידיקונגען.

— די יעניקע, וועלכע באַליידיקן זיי, באַגייען אַ פאַרברעך פון אומוויסנהייט — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן מיט אַ ציטעריקער שטים, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן פאַרכאַפּט דורך עפּעס אַ וויזיע — זיי קענען נישט די העכערע לאָגיק פון די זאַכן, וועלכע ווערן געשאַפן.

ער האָט זיך אָנגעבויגן גאַנץ נידריק איבער זיין חבר און געפרעגט אַן אומבויגזאַמער:

— ווי אַזוי זאָל דאָס, וואָס הויבט זיך ערשט אָן, נישט זיין רעוואָלוציאָנער? די, וואָס האָבן די ערשטע געשריגן, זיי שטייען אַליין, זיי זענען בכן אָדער אומבאַקאַנט, אָדער פאַרהאַסט. איר האָט עס דאָך אַ׳יין פריער געזאָגט! אָבער די קומענדיקע דורות וועלן בויגן די קעפּ פאַרן דאָזיקן אַוואַנגאַרד פון קדושים, זיי וועלן באַגריסן די, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ ספק אין פאַרדעכטיקן וואָרט: פאָטערלאַנד, און וועלן זיי פאַררעכענען צו די פאָרויסשטורמענדיקע אַפּאָסטאָלן, וועמען מיר אַליין האָבן אָקאָרשט גערעכטיקייט אָפּגעגעבן.

— קיינמאָל נישט! — האָט אויסגערופן דער אַלטער מאַן.

ער האָט באַגלייט זיינע לעצטע ווערטער מיט אַ שטאַרן בליק. אַ קנייטש פון עקשנות און אומגעדולד האָט דורכגעשניטן זיין שטערן, און זיינע הענט האָבן זיך צונויפגעקראַמפּט אין שטומער שנאה.

*

* *

אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער זיך ווידער באַהערשט. ניין, דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש; ממילא זענען די אַלע

וויכּוחים אומנוציק און מ׳וואָלט גלייכער געדאַרפט, אין דער־האַרטונג, אַז די גאַנצע וועלט וועט טון איר חוב, מיר זאָלן אויך גיין און דערפילן אונזערן, און זאָגן דערדאָזיקער אָרימער פרוי דעם גאַנצן אמת.

— און ווער וועט אים אונז זאָגן, אונז ?!

דידאָזיקע ווערטער זענען געפאַלן אומדערוואַרט ; אויפן צעשראָקענעם פּנים פון דעם יונגעמאַן האָט זיך אָפּגעשלאָגן עפּעס אַ צווייפל, דערנאָך איז פון זיין מויל אַרויסגעשטיגן דערדאָזיקער גרויסער, פול מיט טיפן באַטייט אַרויסרוף:

— צו וואָס נוצט דען, אַז מ׳זאָל אונז זאָגן דעם אמת, ווי באַלד מיר זעמיר איבערצייגט, אַז מיר ווייסן אים שוין !

— אַך ! — האָט אויסגערופן דער יונגער דאָקטאָר. אויפ־געריררט פלוצלינג פון עפּעס אַ געהיימען פּחד, וועלכער איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, און וועלכער האָט אויסגע־וויזן אים אַרויסצופירן מיטאַמאָל פון גלייכגעוויכט — כ׳וואָלט געוואָלט וויסן פון וואָס איך וועל שטאַרבן !

און ער האָט מוסיף געווען מיט אַ באַשיימפערלעכן צאַפּל :

— כ׳וואָלט עס געוואָלט גענוי וויסן...

זיין געאַכפּערטער חבר האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט.

— צי דען האָט איר אַזעלכע סימפּטאָמען, וואָס באַאומ־רויקן אייך ?

— כ׳בין נישט זיכער : עס דאַכט זיך מיר... איך גלויב דערין נישט פונדעסטוועגן...

— צי דען... דאָס, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט ?

— אַך, ניין ! דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש — האָט געענטפערט דער יונגערמאַן, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

מיט אַ ווייַלע פריער האָב איך געזען, ווי די היץ פון התלהבות האָט אים אינגאַנצן דורכגעדרונגען, און איצט האָבן די סימנים פון חולשות ווידער פון אים געמאַכט אַן אַנדערן מענטש.

— פּראָפעסאָר, איר זענט געווען מיין רבי. איר זענט געווען אַן עדות פון מיין אומוויסנקייט, איצט זענט איר אַן עדות פון מיין שוואַכקייט.

ער האָט אומגעשיקט זיך געריבן די הענט און זיך פאַר־רויטלט ווי אַ קינד.

— נו, נו, יונגערמאַן! — האָט געזאָגט דער אַלטער געּ־לערטער, שוין נישט פרעגנדיק ווייטער. — כ׳ווייס דאָס אַלץ, כ׳ווייס גאַנץ גוט. איך אַליין האָב שוין אַמאָל מורא געהאַט פאַר אַ ראַק, דערנאָך האָט מיך פאַרפאָלגט אַן אַנדער פּחד, דער פּחד פאַר משוגעת.

— פאַר משוגעת? איר פּראָפעסאָר, איר?!

— דאָס אַלץ איז ביסלעכווייז, יאָר נאָך יאָר, פאַריבער־געגאַנגען... — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר מיט אַן עטוואָס געענדערטער שטים — איצט האָב איך שוין פאַר גאָרנישט קיין מורא, אַחוץ פאַר דער זקנה.

— דאָס איז זיכער — האָט געזאָגט דער תּלמיד, שוין עטוואָס באַרויקט, — אַז דידאָזיקע קראַנקייט איז די איינציקע, פאַר וועלכער איר קאָנט מורא האָבן!

— באמת? — האָט אויסגערופן דער אַלטער מיט אַ באַ־שיימפּערלעכער לעבהאַפטיקייט.

און ווי אַליין פאַרשעמט פון דער נאַיווקייט פון זיין אויס־געשריי, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן אינדערשטיל:

— אָך! ווען איר וואָלט געוווּסט! ווען איר וואָלט גע־וווּסט, וואָס עס איז אַזוינס דידאָזיקע אַזוי פּשוטע און געוויינלעכע קראַנקייט, דידאָזיקע אויסצערונג און דידאָזיקע אומפאַרמיידלעכע לאַנגזאַמע מגפה! אָך, צי איידער מיר וועלן שטאַרבן, וועט קומען עמיצער, וואָס וועט אונדז אויסהיילן דערפון?!

דער יונגערמאַן, וועלכער איז אַליין מיט אַ ווײַלע פריער פול געווען מיט אומרויקייט, האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן איצט דעם אַלטן, וועלכער האָט מיטאַמאָל פאַרלוירן די שליטה איבער זיך. פון זיין מויל זענען געפאַלן די ערש־טע זילבן פון עפעס אַ וואָרט, דערנאָך האָט ער אַ קוק גע־טון אויפן אַלטן געלערנטן, און דאָסדאָזיקע בילד האָט אים מבלבל געווען, און גלייכצייטיק עטוואָס באַרויקט זיין אייגענע פיין. כ׳האָב פאַרפאָלגט מיט די אויגן דעמדאָזיקן פלוצימדיקן אייסטויש פון אַנגסט און מורא, און כ׳האָב זיך נישט אָפּגע־געבן קיין חשבון, צי דאָס געפיל, וואָס האָט געמילדערט דעם יונגנמאַנס יאוש לגבי די יסורים פון דעם אַלטן, איז געווען אַ נידריק, אָדער דערהויבן געפיל...

— פאַראַן מענטשן — האָט ער לסוף געוואַגט אַרויס-צורעדן — וועלכע האַלטן, אַז אַלץ, וואָס ס'טוט די נאַטור, טוט זי גוט!

— די נאַטור!

ס'האָט מיך פאַרגליווערט אין דער מינוט דער ביטערער געלעכטער פון דעם זקן.

— די נאַטור! די נאַטור איז פאַרשאָלטן! די נאַטור איז ביזוויליק! די קראַנקייט — דאָס איז אויך נאַטור! ווי-באַלד דאָס אַנאָרמאַלע איז אויך אומפאַרמיידלעך, טאָ צי איז עס בכן נישט צוגלייך נאָרמאַל?

אָבער ער האָט פונדעסטוועגן צוגעגעבן, געריַרט פון דער אייגענער שוואַכקייט:

— „די נאַטור טוט גוט דאָס וואָס זי טוט!" אַך! אָט זענען די ווערטער פון די עלנטע און אומגליקלעכע; מ'קאָן אויף זיי דערפאַר קיין פאַראיבל נישט האָבן. זיי האָפן צו פאַרבלענדן זיך און שרייסטן מיטן געפיל פון אונטערגעבן זיך די האַרטע געזעצן פון גורל. אָבער זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט אמת.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי אינאָנהויב פון שמועס. איי-נער פון זיי האָט געזאָגט:

— מיר זעמיר צוויי אָרימע מענטשן.

— בלי-ספק — האָט דער צווייטער זיך מילד אָפגערופן.

זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער טיר.

— לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען. זי וואַרט אויף אונז. לאָ-מיר איר ברענגען דעם אומאָפּלייגבאַרן טויט-אורטייל! נישט נאָר טויט, נאָר תּיכּפדיקער טויט. דאָס איז אַ מין טאָפּעלער טויט-אורטייל.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט אַרויסגעשיפּעט פון צווישן די ציין:

— „פאַראורטיילט דורך דער וויסנשאַפט", סאַראַ אידיאָ-טישער אויסדרוק!

— די יעניקע, וואָס גלויבן אין גאָט, דאַרפן אינדער-היין זוכן די אחריות פאַר דעם, וואָס דאָ טוט זיך.

דערמאָנענדיק דאָס וואָרט „גאָט", האָבן זיי זיך פאַר-

האַלטן אַ ווײַלע אויף דער שוועל. ווידער איז זייער שטים געוואָרן שטילער, זי איז געווען קוים פאַרנעמבאַר, ציטעריק און פאַרביטערט.

— אָטאָ־דער דאָרט אויבן — האָט אויסגערופן גאַנץ שטיל דער אַלטער — ער איז משוגע, ער איז משוגע!

— אַך! ס׳איז גלײַכער פאַר אים, אַז ער זאָל לגמרי נישט עקזיסטירן — האָט אַרויסגעמורמלט דער אַנדערער מיט אַ שנאהדיקן סאַרקאַזם.

כ׳האָב דערזען, ווי דער אַלטער געלערנטער האָט זיך געווענדט פון גראָען הינטערגרונט פון צימער צו דעם ווײַסלעכן פענצטער צו און אויסגעשטרעקט אַ צונויפגעקראַמפטע פויסט אין דער זײַט פון הימל.

* * *

...דער קראַנקער האָט פאַרבאָרגן זײַן פנים הינטער דער קראַטע פון זײַנע לאַנגע פינגער. אַ הערלעכער, ליכטיקער טרוים האָט געשוועבט אויף זײַנע פאַרקרומטע ליפּן, וועלכע האָבן געגערט די העסלעכע קראַנקייט. און די אַלע ריינע מחשבות האָבן פאַרפלייצט די פרוי, ווען די דאָקטוירים האָבן שוין וואָרשײַנלעך געהאַט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת.

— די אַרכיטעקטור!.. וואָס ווייס איך! אָט למשל... אַ ריזיקער פלאַץ, אַ גלײַכער פליין, פול מיט אומגעהויערע שטיינערנע בלאָקן, וועלכע ציען זיך איבער די הויכקייטן פון די פאָרשטאָטישע קוואַרטאַלן. דערנאָך הויבט זיך אָן אַ פאָרטיקוס. עס ווייזן זיך פילאַרן, זיי מערן און זאַמלען זיך קאָפּשווינדלעריש, אַזעלכע הויכע, אַז זייערע שלאַנקע, אַרויפלויפנדיקע ליניעס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך צעפּעדימט באַ די שפּיצן, און דער פון זײַלן־געטראָגענער דאַך זעט אויס ווי דער שאָטן פון אָוונט אָדער פון דער נאַכט. אַזוי איז אויסגעפילט אַ פערט־חלק פון דעם פלאַץ. דאָס זעט אויס ווי אַ קאָלאָסאַלער, ברייט אויפגעפּראַלטער פּאַלאַץ, אײַנגעהילט אין עפּעס אַ מין איבערערדישער כמעט חשיבות, ראוי אויפצונעמען אַלט געסט די אויפגייענדיקע זון, די אונטערגייענדיקע זון. די

נאַכט, דער אומגעהויערער, בלאַסער זיילן־וואַלד, וואַרפט אויף דעם שטיינערנעם באָדן פון פּאַלאַץ אַ געהיימנישפול, צעשטרייט ליכט. דאָס זעט אויס ווי אַ צפון־ליכט, וועלכעס שטראַלט אויס פון אַ צעשטערנטן פירמאַנענט.

„אָטאָ־דאָרט אינעווייניק קאָנצענטרירט זיך אַ היפּשער טייל פון דעם עפנטלעכן לעבן: האַנדל, בערזע, קונסט, אויס־שטעלונגען, פייערלעכקייטן. עס שווימלט דאָרט פון דער מאַסע, זי פּאַליעוועט און שטראָמט אַהין און אַהער. זי קנוילט און שלענגלט זיך לאַנגזאַם איבער די סטעזשקעס. און דאָס אויג פאַרלירט זיך אין דעם חלום פון די אויפשטייגנדיקע ליניעס.

„פון דער זייט, זינקט די גאַנצע קאָלומנאַדע אַרונטער אין דעם אַנדערן קוואַרטאַל פון דער שטאָט, פּונקט ווי אַ שטייפער פעלז, וואָס פאַלט שיף אַראָפּ צום ברעג פון ים. דאָס אַלץ האָט נישט קיין סטיל, האָט שוין נישט קיין סטיל; די אומגעהויערע אַרכיטעקטור ווייזט זיך אין דער פּשטות. אָבער די פּראָפּאָרצן זענען אַזוי ריזיק, אַז זיי צעשטרייען דעם בליק און דערדריקן דאָס האַרץ".

כ'האָב נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דאָזיקן מאַן, וועלכער איז פון שעה צו שעה געוואָרן אַלץ ענלעכער צו אַ סקעלעט, און מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט זיין האַלז, ער איז געווען אומגעווייגלעך ברייט און אויפגעבלאָזן דורך אַ פּאַראַזיט, וואָס האָט זיך דאָרט גענערט מיט זיינע זאַפטן, וועלכער איז געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט דאָרט אין דער טיפע־ניש... בעת ער האָט אַזוי גערעדט, האָט מען עס כמעט גע־קאָנט באַמערקן אין דעם חלל פון זיין מויל.

— פונוויטנס — האָט דער קראַנקער ווידער אָנגעהויבן — בעת מ'קומט אָן מיט דער באַן, זעט מען, אַז די קאָלומנאַדע שטייט אויף אַ באַרג, און אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פון די איינגאַנגס־טויערן לאָזן זיך אַראָפּ די טרעפּ צו דעם פליין פון די גערטנער. אָ, דידאָזיקע טרעפּ! זיי זענען אַזוי אַנדערש פון דעם אַלעם, וואָס עקזיסטירט היינט, זיי זענען אפשר ענלעך צו די חורבות פון די עגיפּטישע פּיראַמידן. זיי זענען אַזעלכע ברייטע, אַז מ'דאַרף גאַנצע שעהן, כדי דורכ־צולויפן די ברייט פון איין שטיג. עס שניידן זיי דורך צאָל־

רייכע ווינדעס, וועלכע שטייגן אַרויף און פאַלן אַרונטער ווי קליינע קייטעלעך; איבער זיי טראָגן זיך אָן אויפהער באַוועגלעכע פלאַטפאָרמעס, משא־הויבערס און צוגן. דידאָזיקע טרעפ זענען אַזוי ריזיק, פונקט ווי די בערג אַרום; דאָס איז נאַטור, וועלכע איז אכזריותדיק געבענדיקט אויף אַ שטח פון גאַנצע קוואַדראַט־קילאָמעטער, איבערגעשטאַלטיקט מיטן כח פון ליניירטער צייכענונג. און אַוועקגעשטעלט אין האַרמאָנישן בילד — פון אויבן, אָדער פון אונטן קאָן מען אַרומנעמען די אַלע טרעפ מיט איין בליק. מעכטיק זענען אויך די צאָלרייכע סקולפטורן: גאַנצע בלאָקן, גאַנצע בערגלעך, וועלכע לאַסטן אויף זיי און באַהערשן זיי, זעען אויס צו לעבן עפעס אַן אויסטערליש לעבן: דאָס זענען סטאַטועס, אָט־אָ־די גלאַטיקע בלאַנקע און הויכע וועלבונג, וועלכע בויגט זיך אויס ווי אַ פעסטע בויגן־ליניע, און וועלכע מ'קאָן נישט תּיכּף באַנעמען — דאָס איז אַן אָרעם...

די טיפע שטים פון דעם חולה האָט באמת אויפגעכישופט די גאַנצע שיינקייט פון זיינע געהיימנישפולע טרוימערייען. ער האָט ווייטער גערעדט וועגן פּרעכטיקע, ריזיקע זאַכן, אינדערצייט ווען אים האָבן נאָר אָפּגעטיילט פון קבר בלויז עטלעכע טעג. און איך, וואָס האָב אַ מבולבלדיקער צוגעהערט דעמדאָזיקן מענטש, אָפּפילנדיק די גאַנצע תּהומישע סתּירה צווישן די כחות פון זיין גייסט און גוף, האָב געוואָלט טרעפן, צי ער האָט געוווסט...

— אַ סקולפּטאָר איז אַ קינד: אומגעפורימטע, ווייסע אידעען, אין פּשוטע, רויע ליניעס, אַלע פון איין שטיק. דאָס איז אַ שווערער אידעאַל, וועלכן דער סקולפּטאָר פאַרפאָלגט. מיט זיין קדמוניתדיקן אַרבעטס־ווערקצייג שטייט ער כמעט אומבאַהאָלפן לגבי דער באַנאַלקייט פון דעם שטאָף. די סקולפּטאָרן זענען קינדער, אָבער ווינציקע פון זיי זענען וווּנדער־קינדער.

ער האָט געזוכט אין זיין טרוים באַשטימטע סטאַטועס.

— דאָס אויסגעהאַקטע קונסטווערק מוז זיין דראַמאַטיש, טעאַטראַליש, אפילו ווען עס שטעלט מיט זיך פאָר בלויז אַן איינציק געשטאַלט. איך פאַרשטיי נישט דעם „ביוסט“, וועלכער האָט נישט קיין נשמה, פונקט ווי קיין אברים, און וועלכער איז

דער פאַרשטיינערטער גלגול פון אַ געמעל, וואָס האָט אגב מערער לעבנס־וואָרהאַפטיקייט — מחמת דאָס געמעל באַזיצט, צוגלייך מיטן לעבעדיקן מאָדעל, דעם שאָטן.

ער האָט אויסגעזוצן צו זיין פאַרקוקט אויף עפּעס, און שילדערן דאָס, וואָס ער האָט געזען:

— די מאַרמאָר־סטאַטוע: דער זינד־פאַל.

„אַ גרויסאַרטיקע סקולפּטאָרישע טעמע: דאָס געליבטע־פאַרגעטערטע וועזן, וועלכעס מ׳האָט פאַרלוירן אויף אייביק, הייבט אונטער דעם קבר־שטיין און ווייזט דיר זיין פּנים. דאָס־דאָזיקע מענטשלעכע פּנים איז צוגלייך אומענדלעך צוציעוודיק און מאוימדיק — מיט זיך אַליין און מיט זיין טויט. עס הויכט אויס פון דער טיפעניש פון דער ערד זיין טויט־אָטעם, און דאָך דערגרייכט עס צום הימל, מחמת עס געפינט זיך דאָ, עס איז געזעען, און עס זעט דיך אויך. הינטער די שאָטנס פון קאָפּ, האַלט דער שאָטן פון דער האַנט דעם שטיין אונטער.

„כ׳ווייס נישט, צי דאָס איז אַ געשטאָרבענער, אָדער אַ געשטאָרבענע; אַלנפאַלס איז עס עמיצנס געליבטער קאָפּ, וועמעס שטריכן ס׳נעמען אָן פאַרן ליבנדיקן האַרצן עפּעס אַ מין ווייטיקלעך לעבן, וועמעס בילד ס׳פאַרווירקלעכט דעם נס פון גוטסקייט. אָבער דער קאָפּ איז שטאַר און קויטיק ווי די ערד. און הגם ער קוקט אויף דיר, הערט ער גאָרנישט און שווייגט. דאָס מויל שמייכלט און דאָס איז אַן אומאויסדריקבאַרער גע־מיש פון ליבע און אימה — מחמת ס׳איז דער שמייכל פון דאָזיקן טייערן וועזן, בער דאָס איז גלייכצייטיק דער קראַמף פון דער לעצטער גסיסה־רגע... די אויגן זעען אויס ווי זיי וואָלטן געוויינט... דער קערפּער איז אַליין אין דער נאַכט. ער פאַרשווינדט געהיימנישפול אין די באַהעלטעניש פון דער ערד, און בלויז דער קאָפּ איז דאָ, אַ ווייסער, אַ ריינער, ווי דער אייביק בלאָנזשנדיקער בר־מינן פון אַ צעשמעטערטער שיף; ער בויגט זיך אויס צו דיר און קוקט דיך אָן און באַשענקט דיך מיט זיין שמייכל און מיט זיין העוויה... דאָס זיסע און אימהדיקע געשפּענסט, וואָס הייבט אונטער די דעק פון קבר,

וועלכעס שטייגט פון דאָרט אַרויס אַ פריינטלעכס, און בלייבט דאָך אונטן אַלס דיין פיינט!"

* *
*

דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן מאַלעריי. אַז די מאָ־לעריי באַזיצט בולטקייט און בליאַסק, וואָס די סקולפטור האָט עס נישט. ער האָט דערמאָנט וועגן דער וווּנדערבאַרער אומ־באַוועגלעכקייט פון שיינע פּאָרטרעטן און וועגן דעם איבער־זיכטיקן באַפעל פון דעם געמאָלטן פּנים, וואָס ציט צו מיט געוואַלט דעם בליק.

ער האָט אַ זיפץ געטון: „די קינסטלער זענען אומ־גליקלעכע ברואים, זיי מוזן אַלץ אויפסניי אויפבויען. אַלץ איז פון זיי אָפּהענגיק. צי קאָן מען דען וויסן, וואָס עס אַנטהאַלט אין זיך דאָס ביסעלע ווירקלעכקייט, וואָס ווייזט זיך פאַר אונ־זערע אויגן? מען ברויך צופיל העלזעעוודיקייט דערצו. יאָ, צופיל, אַ העלזעעוודיקייט, וואָס גייט איבער כמעט אין האַלו־צינאַציע. די גרויסע קינסטלער שטייען מחוץ דער נאַטור. רעמבראַנדט האָט וויזיעס, און בעטהאָווען הערט קלאַנגען".

דערדאָזיקער נאָמען האָט אים אַרויסגעבראַכט אויף דער מוזיק.

ער האָט דערקלערט, אַז די מוזיק האָט דערגרייכט צו אַזאַ שלמות, וואָס האָט נישט אירס גלייכן, פון זינט דער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרמעסטן אויף די אומצייי־ליקע קונסטווערק — שוין אפילו דורך בעטהאָווענען אַליין. פאַראַן אָבער צווישן די איינצלנע קונסטגעביטן אַ געוויסע היעראַרכיע, לויט דער גייסטרייכקייט, וואָס ס'אַנטהאַלט אין זיך יעטוועדע קונסט. און מהאי טעמא שטייט די ליטעראַטור העכער פון אַלע אַנדערע קונסטן: ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין דער סכום פון די ביזאַהער רעאַליזירטע מייסטערווערק, די האַרמאָניע פון דער מוזיק גלייכט זיך נישט צו דער שטילער שטים פון אַ בוך.

* *
*

— אַנגע — האָט ער געפרעגט — װער איז מער דיכטער, צי דער, װאָס אין װױלקלאַנג פון שײנע פראַזן פאַרטײטשט ער די שײנע בילדער, װעלכע אַנטפּלעקן זיך פאַר אונזערע אױגן קיניגלעך און טריאומפאַל, װי די פאַרבנרײכקײט פון טאָג? אָדער איז עס דער דיכטער פון צפון, װאָס אױפן פאָן פון די נאַקעטע, טרױעריקע און גראָע װינקלען, אונטער די בידריקע, פאַרגעלטע פון רױך פענצטער, װײזט ער אין קאַרגע װערטער, װי די בילדער געשטאַלטן זיך אום אין בין־השמשות־דיקן שאָטן, און אַז די אײנציקע אומענדלעכקײט, װאָס איז פאַראַן אױף דער װעלט, לעבט אינם שאָטן, װאָס טײלט פונאַנדער צװײ מיטאײנאַנדער רעדנדיקע מענטשן?

— זײ האָבן, בלי־ספק, בײדע רעכט.

— איך, װאָס פון קינדװײז־אױף האָט מיך תמיד געצױגן צו די, װאָס כּישופן מיט שפּעדיקײט און זון, װיל איצט בעסער די אַנדערע, און בלױז אין זײ גלױב איך. די פאַרב איז פוסט און אױבערפלעכלעך. אַנגע, אַנגע, די נשמה איז אַ נאַכט־פױגל. אַלץ איז שײן; אָבער די פינצטערע שײנקײט איז קדמוניתדיק און מוטערלעך. אין ליכט — דער אױסערלעכער שײן; אין שאָטן — מיר. דער שאָטן איז אַ מין װוּנדער, װאָס דערקלערט דאָס אומגעזעענע, נישט ממשותדיקע.

ער האָט אױסגעדרײט דעם קאָפּ, און דידאָזיקע באַװעגונג האָט מיר באַװיזן קלאָר און דײטלעך דאָס פונאַנדערגעװאַקסענע געשװױלעכץ פון זײן האַלז.

— יאָ, יאָ... — האָט ער ממשיך געװען אין אַ באַשײדענעם טאָן, װאָס האָט געקלונגען מיט עפּעס אַ מין הימלישער חשיבות, מיט אַן אָרימען נביאישן זשעסט — און דער ליטעראַטור שעפּט מען די העכסטע און פולסטע הסכּמה פון דעם, װאָס ס'איז פאַראַן... די ליטעראַטור פאַרזיכערט אונז אױפן שלמותדיקסטן אופן — כּמעט די שלמות אַלײן — די באַלױנונג פון קאָנען זיך אױסדריקן... יאָ... הגם שעקספּיר האָט אונז געגעבן דעם הױך פון דער אינערלעכער װעלט און װיקטאָר הוגאָ האָט געשאַפן אַזאַ שפּראַכלעכע פּרעכטיקײט, אַז פון זינט אים װײזט זיך די גאַנצע װעלט אױס װי איבערבעצאַנדערשט — פונדעסטװעגן האָט די שרײבערישע קונסט נאָך

נישט געפונען איר בעטהאָוועך. מחמת דער אויפשטייג צום העכסטן שפּיץ איז דאָ נאָך אויסטערליש שווער און פאַר־באָטן. אין דער דיכטערישער קונסט איז די פאָרם מערנישט ווי פאָרם. דאָ האַנדלט זיך וועגן גאַנצן, נאַקעטן אמת. מען האָט נאָך קיינמאָל אין אַ גרויס ווערק (קיין צווייטראַנגיקע ווערק עקזיסטירן נישט) נישט איבערגעלייגט דעם אומבאַדינגטן, ריינעם אמת, וועלכער איז געבליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג, צוליב דער אומוויסנקייט אָדער שרעקעוודיקייט פון די גרויסע שריפטשטעלער, אָן עניין פאַר מעטאַפיזישע חקירות, אָדער אָן עניין פאַר תפילה־טון. ער בלייבט איינגעשלאָסן און פאַרהילט אין די טראַקטאַטן פון וויסנשאַפטלעכן געביט אָדער אין די אָרימע הייליקע ספרים. די אָבער וואָלטן נישט געהאַט קיין לייענערס, ווען נישט געוויסע מענטשן, וואָס צוליב אומנאַטירלעכע טעמים פילן זיי זיך פאַרפליכטעט זיי דאָך צו לייענען. אין דעם טעאַטער, פלייסן זיך די שריפטשטעלער אויסצוזוגעפינען פאַר־מולן פון צעשטרייונג. אין די ביכער, זענען די שרייבערס בלויז עפּעס קאַריקאַטוריסטן.

„מ׳האָט קיינמאָל ביז איצט נישט משתף געווען די דראַ־מע פון מענטשלעכע נפשות מיט דער דראַמע פון דעם וועלטאַל. ווען וועט זיך שוין ענדלעך פאַרייניקן דער טיפער אמת מיט דער העכסטער שיינקייט? זיי מוזן זיך פאַרייניקן! ווייל שוין פאַרייניקט יעדעס פון זיי די מענטשן צווישן זיך. צוליב דער שליטה פון אומקלאָרער השתוממות, גייען פאַרלוירן די שיינע מאָמענטן, אין וועלכע ס׳איז נישט פאַראַן מער קיין גרעניצן, און קיין פאַטערלאַנד. מחמת דער אמת איז איינציק, זעען די בלינדע, די אָרעמע זענען זיך ברידער און אַלע מענטשן וועלן אַמאָל זיין גערעכט. דאָס בוך פון דער דיכטונג און פון דעם אמת, דאָס איז די פּערעכטיקסטע, דערהויבנסטע אנטדעקונג, וועלכע מוז נאָך געמאַכט ווערן".

XI

די ביידע פרויען זענען געזעסן אַליין לעבן דעם ברייט אויפגעמאַכטן פענצטער, דורך וועלכן ס'האָט זיך געזען דער ברייטער העלער רוים. באַם פולן ליכט פון דער האַרבסטיקער זון האָב איך געזען, ווי דאָס פּנים פון דער שוואַנגערער פרוי איז געווען פאַרוועלקט.

פלוצלינג האָט זיך דאָסדאָזיקע פּנים איבערגעצויגן מיט אַן אויסדרוק פון שרעקלעכער אַנגסט; די פרוי רוקט זיך צוריק ביז צו דער מויער צו, ווייל זיך אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט און פאַלט אום מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי.

די אַנדערע טוט זי אַ כאַפּ אין אירע אָרעמס; זי שלעפּט זי מיט גרויס מי ביז צום גלעקל צו, זי קלינגט און קלינגט... דערנאָך בלייבט זי שטיין אומבאַוועגלעך, נישע וואַגנדיק אַ טריט צו מאַכן, האַלטנדיק אין אירע אָרעמס די שווערע און פאַרשמאַכטע פרוי, איר פּנים איז נאָענט צום פּנים פון דער אַנדערער פרוי, וועמעס אויגן ס'זענען פאַרגלייזט, און וועמעס געשריי, וואָס איז מתחילת געווען טויב און פאַרשטיקט, רייסט זיך איצט אַרויס ווי אַ מוראדיקע יללה.

די טיר פראַלט זיך אויף. עמיצער קומט פאַרסאַפּעט צולויפן. עס באַווייזן זיך נייע פּנימער. פון הינטער דער טיר קוקן אַריין די האָטעל־משרתים. כ'האָב בעמערקט די באַלעבאָסטע, וואָס האָט שלעכט פאַרבאָרגען איר קאָמישע אַנטוישונג.

מ'האָט די פרוי אַוועקגעלייגט אויפן בעט; מ'רוקט אַהין און אַהער פאַרשידענע כּלים, מ'וויקלט אויף האַנטוכער, ליילעכער, מ'גיט אַרויס אַיליקע פאַראָרדענונגען.

דער אָנפאַל לאָזט נאָך, שטילט זיך איין. די פרוי איז אַזוי גליקלעך, וואָס זי ליידט שוין נישט, אַז זי שמייכלט אַזש. אַן עטוואָס געצוווּנגענער אָפּשיין פון איר שמייכל צע־לייגט זיך אויף די אָנגעבויגענע איבער איר פּנימער. מען טוט זי אויס מיט גרויס פּאָרזיכט. זי לאָזט מיט זיך אַלץ טון, פּונקט ווי אַ קינד... מ׳מאַכט גלייך דאָס בעט. אירע פיס זענען אויס מאָדנע איידל, און איר פאַרשטאַרט פּנימל איז שטאַרק אָפּגעצערט. אינמיטן בעט זעט מען בלויז איר אומגעהויערן לייב. אירע צעשויבערטע האָר זענען פונאַנדערגעוואָרפן אַרום איר פּנים; צוויי פרויען־הענט פלעכטען איר שנעל אַ צאָפּ פון זיי.

דער שמייכל אויפן פּנים פון דער קראַנקער ברעכט זיך אָפּ, לעשט זיך אויס.

— עס הויבט זיך ווידער אָן...

וואָס אַמאָל אַ העכערער קרעכץ, אַ פרישע יללה...

די יונגע פרוי — דאָס יונגע מיידל — די איינציקע פריינדין, איז געבליבן און וואַכט לעבן איר. זי קוקט אויף איר און הערט זיך געדאַנקענפול צו; זי טראַכט, אַז אויך זי גופא פאַרבאָרגט אין זיך אַזעלכע שמערצן, אַזעלכע געשרייען.

...אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג; פון אינדערפרי ביזן אָוונט האָב איך כּסדר געהערט דאָס האַרצרייסנדיקע יאָ־מערן פון דאָזיקן עלנטן און צווייענדיקן נפש. כ׳האָב געזען, ווי ס׳האָט זיך געבראָכן און געקאָרטשעט אין ווייען דערדאָזי־קער צאַרטער קערפּער.

אין געוויסע מאָמענטן זינק איך צוריק אַראָפּ אַ דער־שעפּטער, אַ פאַרמאַטערטער, איך קאָן נישט מער קוקן, נישט הערן; כ׳בין מותּר אויף אַזויפיל אמת. דערנאָך קלאַמער איך זיך ווידער מיט אַ נייער אָנשטרענגונג אָן דער מויער אָן, און מיינע בליקען בויערן זי דורך.

אירע ביידע פיס זענען שאַרלאַך־רויט. מ׳האַלט זיי איר אינדערהויך און פונאַנדערגענומען. מ׳וואַלט געקאָנט מיינען, אַז צוויי טייכן בלוט שטראָמען פון איר לייב אַרויס — דאָס בלוט פון פרויען, וואָס ווערט אַזוי אָפט פאַרגאָסן!.. איר בושה, איר רעליגיעזע מיסטעריע, איז געוואָרפן אויפן ווינט. איר גאַנץ לייב

הייזט זיך דאָ, אויפגעפּראַלט און רויט, פונאַנדערגעלייגט ווי אויף אַ יאַטקע-טיש, נאַקעט ביז צו די געדערים.

דאָס יונגע מיידל, דרייסט דערנענטערנדיק זיך האַרט צום ריזיקן געשריי, טוט איר אַ צאַרטן קוש אין שטערן.

טיילמאָל נעמט דערדאָזיקער געשריי אָן אַ באַשטימטע פאָרם פון ווערטער: „ניין! ניין! איך וויל נישט!״

עס שלייכן זיך אַהין און צוריק פאַרשידענע פּנימער, וועלכע זענען אויס ווי זיי וואָלטן פאַרעלטערט געוואָרן אין דידאָזיקע עטלעכע שעה פון פאַרמאַטערטקייט, דערשעפונג און ערנסטקייט.

כ'האָב געהערט ווי עמיצער האָט זיך אָפּגערופן:

— מען ברויך איר נישט צו העלפן, מ'דאַרף אַלץ איבערלאָזן דער נאַטור; אַלץ וואָס די נאַטור טוט, טוט זי גוט.

דידאָזיקע פראַזע האָט אין מיר אויפגעוועקט עפּעס אַן עכאָ. די נאַטור! כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי דער געלערנטער האָט זי אַנומלטן פאַרשאָלטן.

און מיינע ליפּן חזרן איבערראַשטע איבער דעם אָקאָרשט אַרויסגעזאָגטן שקר, אינדערצייט ווען מיינע אויגן באַטראַכטן די אומשולדיקע און שוואַכע פרוי, דעם קרבן פון דער מעכטיקער נאַטור, וועלכע צעמאָרשט זי, באָדט זי אין אייגענעם בלוט, פּייניקט זי מיט די מוראדיקסטע ליידן.

די הויבאַם האָט פאַרקאַשערט אירע אַרבל און אָנגעטון גומענע הענטשקעס. זיי באַוועגן זיך אומרויִק ווי די מייערקעפלעך, דידאָזיקע גרויסע רויט-שוואַרצע און גלאַנציקע הענט.

דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ קאָשמאַר; כ'פיל אַ שווערקייט אין קאָפּ, עס שטיקט מיך אין האַלז אַ שאַרפער בלוטגערוך און אַ זויערער ריח פון קאַרבאָל, וואָס ווערט אויסגעגאָסן גאַנצע פלעשלעך.

שיסלען מיט רויטן, ראָזיקן און געלבלעכן וואַסער. אַ הויפן ברודיקע וועש אין אַ ווינקל, אַרום ליגן פונאַנדערגעלייגט ווי ווייסע פליגל, פרישע האַנטוכער, סערוועטן, און פאַרשפּרייטן זייער פרישן ריח.

אַ פאַרמאַטערטער, האָב איך זיך אַ ווײַלע אָפּגערוקט פון דער וואַנט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געשריי פון

דעם נפש, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער יולדת. דאָס איז געווען אַ געשריי, וואָס איז קוים ענלעך געווען צו אַ גערויש פון עפּעס אַ זאַך, צו אַ לייכטן סקריפּ. דאָס איז געווען דער נייגעבוירענער, וועלכער האָט זיך אָפּגעקייטלט פון דער מוטער. דאָס איז בלויז געווען אַ שטיקל פלייש, גענומען פון פלייש פון דער מוטער — דאָס איז געווען דאָס האַרץ פון דעם נייגעבוירענעם, וואָס מ'האָט אַרויסגעריסן פון דער מוטער.

דערדאָזיקער געשריי האָט מיך אינגאַנצן אויפגעטרייסלט. איך, וואָס בין אַן עדות פון דעם אַלעם, וואָס מענטשן לעבן דורך, האָב דערשפּירט באַ דעמדאָזיקן ערשטן מענטשלעכן סיג-נאַל, ווי עס האָט אין מיר אַ צאַפּל געטון עפּעס אַן אומבאַ-קאַנטער פּאַטערלעכער און ברודערלעכער פיבער.

די קימפּעטאָרין שמייכלט, זי זאָגט: „ווי שנעל דאָס איז אַריבער!”

* * *

דער טאָג פאַרגייט. אַרום איר הערשט אַ שטילקייט. עס ברענט אַ קליין נאַכט-לעמפּל; צייטנווייז טוט זיך אַ וואַקל דאָס שוואַכע פלעמל. דער טיקטאַק פונם זייגער, דידאָזיקע אָרימע, אָרימע נשמה. אַרום בעט איז כמעט פּוסט, ווי אין אַן אמתן טעמפּל.

זי ליגט אויסגעצויגן, אומבאַוועגלעך, די אָפענע אויגן זענען געווענדט אין דער זייט פון פענצטער. זי זעט ווי דער אָוונט פאַלט ביסלעכווייז צו איבערן שענסטן פון אירע טעג.

איבער דערדאָזיקער רויניקטער מאַסע, איבערן דאָזיקן צעווייטיקטן פּנים, שטראַלט דער אָרעאָל פון יצירה, עפּעס אַ מין עקסטאַז, וואָס באַלוינט די יסורים. עס הויבט זיך אויף אין איר עפּעס אַ נייע וועלט פון געדאַנקען.

זי טראַכט וועגן איר קינד, וואָס וועט ווערן גרעסער; זי שמייכלט צו דער פרייד און לייד, וואָס עס וועט איר פאַר-שאַפן. זי שמייכלט אויך צו דעם ברודער אָדער שוועסטער, וואָס וועלן ערשט נאָכקומען.

און צוגלייך מיט איר, טראַכט איך אויך וועגן דעם — און איך זע קלאָר איר מאַרטירעריי.

דערדאָזיקער חורבן, דידאָזיקע טראַגעדיע פון לייב, דאָס איז אַזוי געוויינלעך און אַזוי געמיינזאַם, אַז איטלעכע פרוי טראָגט אין זיך די דערינערונג און דעם חורבן דערפון. און דאָך, האָט קיינער נישט דערפון קיין גענויע השגה. דער מע-דיקער, וועלכער גייט פאַרביי פאַר אַזויפיל ענלעכע יסורים, ער קאָן זיך שוין דערמיט נישט איבערנעמען; די פרוי, וועל-כע פאַרמאָגט אַזויפיל פילבאַרקייט, קאָן זיך שוין שפּעטער אין דעם ווייטיק נישט דערמאָנען. דאָס טיפע געפילפולקייט פון איינע, די פראָפעסיאָנעלע גלייכגילטיקייט פון די אַנדערע זענען גורם, אַז דאָס בילד פון דאָזיקן ווייטיק זאָל פאַרבלאַסט און פאַרלאָשן ווערן. איך אָבער, וואָס קוק, כּדי צו זען, האָב זיי דערקענט אין זייער גאַנצער מאווימדיקייט, דידאָזיקע שרעקלעכע חבלי-לידה, וועלכע, ווי ס'האָט געזאָגט אין זיין פּאָעמע דער דיכטער-פילאָזאָף, הערן שוין קיינמאָל נישט אויף אין דעם אינגעווייד פון דער מוטער; און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דידאָזיקע שרעקלעכע קריעה פון לעבן.

דאָס נאַכט-לעמפּל איז אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס בעטל איז אינגאַנצן פאַרזונקען אין שאָטן. איך באַ-מערק שוין נישט די מוטער, כ'זע נישט, ווו זי ליגט, אָבער כ'פיל זי שטאַרק אָפּ.

* *

*

היינט האָט מען איבערגעטראָגן די קימפּעטאָרין מיט באַ-זונדערער פאָרזיכטיקייט אין שכנותדיקן צימער אריין, וועלכעס זי האָט פריער געהאַט פאַרנומען. — דאָרט איז געווען גרוי-מער און קאָמפאָרטלעכער.

מ'האָט דאָס צימער גרינטלעך אויפגערוימט, מ'האָט עס אויסגערייניקט פון דער באַדלאָנע ביזן סופיט.

דאָס איז נישט לייכט אָנגעקומען. כ'האָב געזען, ווי מ'האָט אראָפּגעצויגן די רויטע פון בלוט ליילעכער, מ'האָט ארויסגעטראָגן דאָס קויטיקע בעטציג, מ'האָט געוואַשן דאָס

געהילך פון בעט, דעם פּאַרנט פון קאַמין; און דאָס דינסט־מיידל האָט נישט אָן מי באַזייטיקט פון צימער די אָנגעזאַמלטע היפּשע שטויסן וועש, שמאַטעס, וואַטעס און פלעשלעך. אפילו די פאַרהעגגלעך איבערן בעט האָבן געטראָגן די שפּורן פון פאַרבלוטיקטע פינגער, און דער טעפּיך אויף דער פאָדלאָגע איז שווער געווען פון בלוט ווי אַן אויסגעפּאַשעטע חיה.

* * *

דאָסמאָל האָט אַננע גערעדט:

— הער זיך איין, פיליפּ, דו פאַרשטייסט נישט די קריסטלעכע רעליגיע. דו ווייסט אייגנטלעך נישט גענוי, וואָס זי איז. דו רעדסט וועגן איר — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל — פּונקט ווי פרויען, בעת זיי רעדן וועגן מאַנסבילן, אָדער ווי מאַנסבילן, בעת זיי ווילן אורטיילן וועגן פרויען. איר גרונט־יסוד איז די ליבע. זי איז אַ מין ליבעס־מקלט צווישן די מענטשן, וועלכע פאַראַכטן זיך אינסטינקטיוו. זי שאַפט דאָס אין אונזער האַרץ דאָסדאָזיקע רייכטום פון ליבע, וואָס איז מתחילת געווענדט צו איר גופא, בעת מיר זענען קליין. און עס באַהעפט זיך דערנאָך צום דאָזיקן רייכטום איטלעכס צאַרט געפיל, ווי אוצר צו קאָסטבאַרן אוצר. זי איז דאָס געזעץ פון השתפכות־הנפש, וועלכן מיר וואַרפן זיך אונטער, און פון וועלכן זי ווערט אויך גענערט. די קריסטלעכע רעליגיע איז דאָס לעבן אַליין, זי איז כמעט אַ קונסטווערק, כמעט אַ זעלבשטענדיק לעבעדיק באַשעפעניש.

— אָבער, מיין שיינע, גוטע אַננע, דאָס איז נישט די קריסטלעכע רעליגיע, דאָס ביסט דו גופא...

* * *

אינמיטן דער נאַכט האָב איך דערהערט פון איבער יענער זייט וואַנט ווי עמיצער רעדט שטילערהייט. כ'האָב גובר געווען מיין מידיקייט און זיך איינגעקוקט.

דער מאַנסביל איז אַליין. ער ליגט אין בעט. אין צי־מער האָט מען איבערגעלאָזט אַ האַלב אַראָפּגעדרייט לעמפּל. ער באַוועגט זיך לייכט. ער רעדט עפּעס... ער חלומט.

ער האָט אַ שמייכל געטון. מיט שטייגנדיקער התלהבות האָט ער דריימאָל אַרויסגעזאָגט: „ניין!". און דער שמייכל, וועלכער איז געווען געווענדט צו דער חסדפולער וויזיע, האָט זיך אָפּגעטון ווי אַ נעפּל. זיין פּנים איז אַ ווײַלע געבליבן שטייף און שטאַר, גלייך ווי אין דערוואַרטונג פון עפּעס. דערנאָך האָבן זיך זיי־נע ליפּן לייכט אויסגעקרומט. פּלוצלונג האָט אַן אימה צעריסן זיין שטאַר פּנים, דאָס מויל האָט זיך אויפגעמאַכט: „אַנעי! אַך, אַך! — אַה, אַה!" האָט עס געשריגן, פאַרפאָלגט פון אַ שרעקלעכן חלום. דאַן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גענומען בלאָנדזשען מיט די אויגן. פון זיין ברוסט האָט זיך אַרויס־געריסן אַ זיפץ — און ער האָט זיך באַרויקט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, אינגאַנצן נאָך גע־פּלעפט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט דורכגעלעבט; ער האָט מיטן בליק אַרומגענומען דאָס צימער, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון דעם קאָשמאַר, וואָס האָט אים געדריקט. דער היימישער אָנבליק פון צימער, וועלכעס איז באַלויכטן געווען מיט אַ גאַנץ קליין לעמפּל, קערט אים ביסלעכווייז אום זיין גלייכגעוויכט און מנוחה, היילט דעמדאָ־זיקן מאַן, וועלכער האָט אַ ווײַלע פריער געזען דאָס, וואָס ס'איז נישט פאַראַן, וועלכער האָט געשמייכלט צו געשפּענס־טער, האָט מורא געהאַט פאַר זיי, און איז געווען משוגע.

* *

*

כ'בין אויפגעשטאַנען היינט אינדערפרי אַ צעבראָכענער פון מידיקייט. כ'בין מאָדנע אומרויק; כ'פּיל אַ טעמפּן ווייטיק אין פּנים. און מיינע אויגן, בעת כ'האָב זיך איינגעקוקט אין שפּיגל, האָבן זיך מיר אויסגעוויזן פאַררויטיקט, גלייך ווי כ'וואָלט געקוקט דורך בלוט. איך באַוועג זיך און גיי מיט שווערקייט, האַלב פּאַראַליזירט. מיין גוף באַשטראָפט מיך פאַר די לאַנגע, שלאָפלאָזע שעהן, וועלכע כ'האָב פאַרבראַכט באַ

דער מויער, מיטן פּנים צו דער שפּארע. און דערדאָזיקער ווייטיק אין קערפּער ווערט וואָס אַמאָל גרעסער.

און דאַן נעמען מיך אַרום פאַרשידנאַרטיקע דאגות, בעת איך בלייב אַליין, באַפרייט פון די וויזיעס און בילדער, וועמען כ'בין איצט מקדיש מיין לעבן. עס באַפאַלן מיך דאגות מכּוח מיין פאָסטן, וועלכן איך פּטר פון טאָג צו טאָג, מכּוח די שריט, וועלכע איך דאַרף אונטערנעמען, און וועלכע איך פאַר-נאַכלעסיק כּסדר, באַמיענדיק זיך, להיפך, מדחה צו זיין פון מיר די אַלע וויכטיקע התחייבותן, אָפּצולייגן אַלצדינג אויף שפּעטער, אָפּצושטויסן מיטן גאַנצן כּוח מיין גורל פון אַ באַ-אַמטן, וועלכער איז פאַרמשפּט אויף מיטגעריסן צו ווערן פון די אומברחמנותדיקע רעדער פון דער ביוראָ-מאַשין.

עס קומען אויך צו פרישע, קליינע דאגות, וועלכע ווירקן אַזוי פאַרמאַטערנדיק, ווייל זיי וואַרפן זיך כּסדר אָן איינע נאָך דער אַנדערער: נישט אָנמאַכן קיין גערויש, נישט אָנצינדן קיין ליכט, בעת אין שכנותדיקן צימער איז פינצטער, מיך באַהאַלטן, תּמיד באַהאַלטן. נעכטן בײַנאַכט, בעת כ'האָב געקוקט אויף זיי און אונטערגעהערט זייער שמועס, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ קראַמף אין האַלז, אַרויסרופנדיק אַ געוואַלטיקן הוסט. כ'האָב געמוזט איינגראָבן דעם קאָפּ אין אַ קישן, און פאַרשטיקט מיין אָטעם.

עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז אַלץ האָט זיך קעגן מיר פאַרשווירן, כּדי אויסצופירן אויף מיר עפּעס אַ שרעקלעכן נקמה-אַקט, און אַז איך וועל שוין אַזוי לאַנג נישט אויס-האַלטן. און דאָך, כּל-זמן ס'וועט מיר קלעקן געזונט און מוט, וועל איך נישט אויפהערן צו קוקן — דאָס איז שרעקלעך, אָבער דאָס איז מיין וויכטיקסטער חוב.

* * *

דער אַלטער האָט געצאַנקט. דער טויט איז באַשיימפּער-לעך געוועזן אין דעם הויז.

ס'איז שוין געוועזן שפּעט אינאָוונט. זיי זענען ווידער געזעסן קעגן איינאַנד בײַם טיש.

כ׳האָב געוווסט, אַז נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען זייער חתונה. זיי האָבען דורכגעפירט דידאָזיקע פאַרבינדונג, כדי צו מאַכן נאָך פייערלעכער די גאָר נאָענטע רגע פון אָפּשיד. עס־לעכע ווייסע בלומען־קרוינען, ליליען און אַזאַליען, זענען גע־ווען פונאַנדערגעשפּרייט אויפן טיש, אויפן קאַמין און אויף אַ שטול. און אין אים איז אָפּגעשטאָרבן דאָס לעבן פּונקט ווי אין דידאָזיקע אָפּגעשניטענע בלומען.

— מיר זעמיר פערהייראַט, האָט ער געזאָגט, דו ביסט מיין פרוי, אַננע, מיין פרוי!

אויף דערדאָזיקער פרייד האָט ער געוואַרט אַזוי לאַנג, אויף דער מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן דידאָזיקע זיסע ווערטער. ווייטער גאָרנישט... אָבער ער האָט זיך געפילט אַזוי אָרים מיט זיינע זעלטענע, געציילטע טעג, אַז דאָס איז נצווען זיין גאַנץ גליק.

ער האָט זי אָנגעקוקט, און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים, — ער, וואָס וואָט אַזוי פאַרגעטערט איר שוועסטערלעכע צערטלעכקייט; זי, וואָס האָט זיך צוגעבונדען צו זיין פערגעטערונג. סאַראַ אומענדלעכע רירונג אין דער שווייגזאַמקייט פון די צוויי מענטשלעכע נפשות, וועלכע האָבן זיך אַרומגענומען אין דמיון — זיי, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט באַרירט, אפילו מיט די שפּיצן פינגער.

דאָס יונגע מיידל האָט זיך אויסגע לייכט און געזאָגט מיט אַן אומזיכערער שטים:

— עס איז שפּעט. כ׳וועל שוין גיין שלאָפן.

זי איז אויפגעשטאַנען. דאָס לעמפּל, וואָס זי האָט אַוועק־געשטעלט אויפ׳ן קאַמין, האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע צימער.

עפּעס אַ שוידער האָט זי אַרומגעכאַפּט. זי האָט זיך גע־פילט ווי אין חלום, נישט וויסנדיק ווי אַזוי צו פאָלגן דעמ־דאָזיקן חלום.

שטייענדיקערהייט האָט זי אויפגעהויבן די הענט און אַרויסגעצויגן די קעמלעך פון די האָר, וועלכע זענען אַראָפּ־געפלאָסן פון אַלע זייטן. אין דעם שאָטן פון אָוונט האָבן זיי אויסגעזען ווי באַלויכטן פון אַ זונאונטערגאַנג.

עד האָט געמאַכט אַ פּלוצלינגע באַוועגונג. ער האָט זי אָנגעקוקט אַן איבערראַשטער, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן.

זי האָט אָפּגעשפּיליעט די גאָלדענע בראָשקע. וואָס האָט פֿאַרשלאָסען דעם קאָלנער פֿון דער בליוזע, און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שטיקל פֿון איר בוזעם.

— וואָס טוסטו, אַננע, וואָס טוסטו?

— נו... איך טו זיך אויס...

זי האָט דאָס געוואָלט זאָגן מיט אַ נאַטירלעכן טאָן; זי האָט עס נישט געקאָנט. ער האָט געענטפֿערט דערויף מיט אַן אומקלאָרן קלאַנג, מיט אַ געשריי פֿון זיין האַרצן, וועלכעס האָט טיף אויפגעצאַפּלט... ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט און דערדריקט עפּעס אַ מין געפּלעפּטקייט, אַ פֿאַרצווייפֿלטער צער און צוגלייך עפּעס אַ בלענדעניש פֿון אַן אומפֿאַרשטענדלעכער האָפֿענונג...

— דו ביסט מיין מאַן...

— אַך! — האָט ער אָפּגעענטפֿערט — דו ווייסט, אַז איך בין גאָרנישט.

ער האָט געשטאַמלט מיט אַ שוואַכער און טראַגישער שטים עפּעס אָפּגעריסענע זאַצן, ווערטער אָן אַ קשר:

—...פֿאַרהייראַט לויט דער פֿאָרם... כ׳האָב דאָס געוווּסט, כ׳האָב געוווּסט... פֿאָרמאַליטעט... אונזערע מנהגים, תּקנות...

זי האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע, איר האַנט האָט האַלב־שוועבנדיק גערוט אויפֿן האַלז, ווי אַ בלום אויף אַ קלייד. זי האָט געזאָגט:

— דו ביסט מיין מאַן. דו האָסט דאָס רעכט מיך צו זען.

ער האָט געמאַכט עפּעס אַ תּנועה... אָבער זי האָט זיך שנעל צוריקגעכאַפּט.

— ניין... ניין, נישט צוליב דיין רעכט, איך אַליין וויל דאָס.

איך האָב ערשט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, ביז וואָסאַ מדרגה זי האָט געפּרוּווט צו זיין גוטהאַרציק. דעמדאָזיקן עלנטן מענטשן, וועלכער האָט געצאַנקט באַ אירע פֿיס, האָט זי געוואָלט געבן אַ באַלוינונג, וואָס זאָל איר ווירדיק זיין. זי האָט אים געוואָלט טון דעם חסד, אים צו שענקען דעם אָנבליק פֿון זיך גופֿא.

אָבער זי האָט געהאַט נאָך אַ שווערערע אויפגאַבע. ס'איז געגאַנגען דערין, אַז דאָס זאָל נישט אויסזען ווי די באַצאָלונג פון עפּעס אַ חוב. ער וואָלט דערויף נישט מסכּים געווען, נישט געקוקט אויף דעם יום-טוב, וועלכער איז אויפגעשטיגן אין זיינע אויגן. מ'האָט געדאַרפט, אַז ער זאָל פּשוט גלייבן אין אַ פרייוויליק אויס־עפירטן חתונה-אַקט פון אַ ליבהאַרציקער פרוי, אין אַן אומגעצוווּנגענער צערטלעכקייט, וואָס באַשטראַלט דעם אָפּהאַנג פון זיין לעבן. זי האָט געמוזט פאַרבאָרגן פאַר אים, ווי אַ פאַרברעך, איר ווידערווילן און איר ליידן. און פאַר-פילנדיק וויפל געניאַלע צאַרטקייט און אינערלעכן כּח זי וועט מוזן פאַרשווענדן, כּדי צו דערהאַלטן איר קרבן אין דאָזיקן שיין, האָט זי מורא געקריגן פאַר זיך גופא.

ער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט;

— ניין... אַננע... טייערע אַננע... טו נאָר אַ טראַכט...

ער האָט געוואָלט זאָגן: „טו נאָר אַ טראַכט וועגן מי-שעלן". אָבער ער איז נישט אומשטאַנד געווען אויסצודריקן אין דערדאָזיקער רגע דעם סאַמע אַנטשיידענעם אַרגומענט, ער האָט דערויף קיין כּוח נישט געהאַט, און ער האָט בלויז גע-מורמלט:

— דו!.. דו!..

זי האָט איבערגעחזרט:

— איך וויל עס —

— איך וויל נישט, ניין, ניין...

ער האָט דאָס געזאָגט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַ-כער, באַהערשט דורך דער ליבע און דורכ'ן משוגענעם באַגער, אַז דאָס זאָל פּאַרט געשען... געפירט דורך אַן אינסטינקטיווער נשמה-איידלקייט, האָט ער פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן, אָבער זיין האַנט איז פּאַמעלעכוויז אַראָפּגעפאַלן, אַראָפּגעפאַלן אַ באַזיגטע.

זי האָט זיך ווייטער גענומען אויסטון. אירע איבערגע-שראָקענע באַוועגונגען האָבן מינוטנווייז נישט געוווּסט וואָס צו טון, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן, און ווידער פאָרגעזעצט זייער אַרבעט. זי איז געווען דערין פּרעכטיק, געטלעך איינזאַם, עס האָט איר נאָר צוגעהאָלפן אַ געוויסע שטאָלצקייט.

זי האָט אַראָפּגעצויגן איר שוואַרצע בליוזע, און איר בוזים האָט אויפגעטויכט ווי דער העלער מאָרגנשטערן. זי האָט אַ ציטער געטון אונטער דער באַרירונג פון דעם ליכט, און די ריינע, בלאַנקע אָרעמס האָט זי צונויפגעקרייצט אויף דער ברוסט. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט איר מיט פּורפּור-פאַר־גאָסענעם פּנים. אירע ליפּן זענען געווען דבקותדיק צונויפגע־פּרעסט, גלייך ווי פאַרשלונגען בלויז פון דעם, וואָס זי האָט געטון. זי האָט צוריק פונאַנדערגענומען די אָרעמס און אָפּ־געשפּיליעט דעם גאַרטל פון איר קלייד, וועלכעס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צו אירע פיס. זי האָט זיך באַפרייט פון איר קלייד מיט אַ זאַנפטן געשאָרך, וואָס איז געגליכן געווען צום פלאַטערן פון אַ ווינטל צווישן די ביימער פון אַ טיפן גאָרטן.

זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס שוואַרצע אונטערקליידל, וועל־כעס האָט מיט טרויער און וואַרעמקייט אַרומגעטוליעט איר געשטאַלט. זי האָט אָפּגעשפּיליעט איר גאָרסעט און די דינע אונטערהויזן, וועלכע האָבן מיט זייער פאָרם און זייערע פאַלדן זייך נאָכגעמאַכט איר נאַקעטקייט.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קאַמין. אירע באַוועגונגען זענען געווען שיינע, ברייטע, מאַיעסטעטישע, אָבער איטלעכער זשעסט איז געווען באַחנט און ווייבלעך. אַראָפּוויקלענדיק פאַ־מעלעך דעם זאָק, האָט זי אַרויסגעצויגן פון דעם נעפּלדיקן טונקעלן שלייער אַ גלאַטיקן און פולן פוס, גלייך ווי פון אַ סטאַטוע פון מיקעל אַנדזשעלאָ.

דאַן האָט זי אַ ציטער געטון, און איז גלייך צוריק פאַרשטאַרט געוואָרן פון אַ פלוצלונגדיקן עקל. זי האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט, און אַ זאָג געטון, כדי צו דערקלערן דאָס פלוצלינגע ציטערן:

— ס'איז מיר קאַלט אַביסל...

דערנאָך, גובר זייענדיק איר אומגעהויערע שעמעוודיקייט, האָט זי אויפגעהויבן די האַנט צו דעם שלייפל פון איר העמד.

דער מאַנסביל האָט אַ געשריי געטון גאַנץ שטיל, כדי זי נישט איבערצושרעקן מיט זיין קול:

— הייליקע יונגפרוי!...

ער איז דאָרט געזעסן פאַר איר, צונויפגעקאָרטשעט און איינגעשרומפּן. זיין גאַנץ ביסל חיות האָט געצאַפּלט אין זיינע אויגן, ער האָט געגליט אין דעם שאָטן, האָט געברענט מיט דער היץ פון זיין ליבע, וועלכע איז געווען אויך אַזוי שיין ווי די פרוי גופא.

ער האָט געכאָרכלט: „נאָך... נאָך...״

די גרויסע רגע, דער פייערלעכער שמועס פון דער שטומקייט, טוגנט און היץ! די שוואַכע און אָרעמע אויגן פון דעם גוסס האָבן זי באַטאַפּט און פאַרשלונגען אינגאַנצן — און זי האָט געמוזט קעמפן קעגן דער קראַפט פון דערדאָזיקער בקשה.

פונדעסטוועגן האָט זי מיט צאַרטער, פשוטער און דערהויבענער קאָקעטעריע געלאָזט אַראָפּגליטשן זיך די בענדלעך פון איר העמד אויפן הייסן מאַרמאָר פון אירע פּלייצעס, — און זי איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטע פאַר אים.

*

* *

כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שטראַלנדיק שיינע פרוי. וועגן אַן ענלעכער שיינקייט האָב איך קיינמאָל נישט געחלומט צומאָל. איר פּנים האָט מיך באַלד פון ערשטן טאָג אָן פאַרכאַפּט מיט רעגלמעסיקייט און גלאַנץ; זי איז געווען זייער גרויס, פיל גרעסער פון מיר, קאָלאָסאַל און פיין צוגלייך. דאָך האָב איך קיינמאָל גישט געגלויבט אין אַזאַ שלמות און פּראַכט פון אירע ליניעס.

מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז זי איז עפּעס אַ מין חוה פון יענע גרויסע רעליגיעזע פרעסקען. אין אירע איבערמענטשלעכע פּראָפּאָרצן, ריזיק, בויגעוודיק און שלאַנק, האָט זי געהאַט אַ פולן קערפּער, אַ פשטותדיקע, ליכטיקע באַחנטקייט, אַ געמאָסטענעם און דערהויבענעם זשעסט, ברייטע פּלייצעס, גראָדע, יאָדערדיקע ברוסטן, קליינינקע קנעכל, לאַנגע, פולע פיס, די לידקעס רונדיק ווי צוויי ברוסטן.

זי האָט אינסטינקטיוו אָנגענומען די פּאָזע פון דער ווענוס פון מעדיצי: איין אָרעם איז געווען פאַרבויגן אויף איר

ברוסט, דער אַנדערער איז צעראָפּגעהאָנגען לענגאויס דעם קערפּער, און די אָפענע האַנט האָט גערוט אויף איר שויס. דערנאָך האָט זי אין אָפּערווילִיקער התלהבות אויפגעהויבן ביידע הענט צו די האָר אַרויף.

אַלץ, וואָס איר קלייד האָט פריער פאַרבאָרגן, האָט זי איצט אַקעגנגעבראַכט פאַר זיינע אויגן. די גאַנצע אומשולדיקע, רייַנע ווייסקייט, וועלכע זי אַליין האָט בלויז ביזאַהער געזען, האָט זי אַוועקגעשענקט אַלס קרבן-עולה פאַר די בליקן פון דעם מאַנסביל, וועלכער איז געגאַנגען שטאַרבן, וועלכער האָט אָבער נאָך געלעבט.

אַלץ: איר גלאַטיקע, מיידלישע שויס, איר פיינע און זיידענע הויט, פון אַזאַ ריינער און קלאָרער פאַרב, אַז ערטערווייז האָט זי געלויכטן מיט אַן אָפּשיין פון זילבער, און אויף די ברוסטן האָט זי דורכגעשימערט מיט אַ סובטעלער בלאָלעכקייט פון איידעלע אָדערן. זי האָט אים אַנטהילט אַלץ: איר לעגגלעכן, וווּנדערבאַרן האַלז און די בלומען פון אירע אָרעמס, אירע היפטן, וועלכע זענען געווען ברייט ווי די וועלט. ענדלעך איר קלאָרן בליק, וועלכער איז איצט געווען עטוואָס פאַרנעפּלט צוליבן געפיל פון איר נאַקעטקייט...

...און זי האָט געזאָגט מיט אַ פאַרחלומטער שטים, איבערשטייגנדיק זיך גופא אין איר דערהויבענעם קרבן:

— קיינער — און זי האָט באַטאָנט דאָסדאָזיקע וואָרט, גלייך ווי זי וואָלט אָנגערופן עמיצנס נאָמען — קיינער, הער זיך גוט איין, וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן, וואָס איך האָב געטון היינטיקן אָוונט, וואָס ס'זאָל אפילו נישט געשען!

פאַרטרויענדיק אויף אייביק דעם גאַנצן סוד צו איר פאַרערער, וועלכער האָט זיך דאָרט געקאָרטשעט ווי אַן אוועקגעשליידערטער קרבן, האָט זי אַנידערגעקניט פאַר אים. אירע קלאָרע, גלאַנציקע קניען האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם פּראָסטן האָטעל-דיוואַן; און צוגערוקט אַזוי צום דאָזיקן זקן, אינדעראמתן נאַקעט צום ערשטן מאָל אין לעבן, פאַררויטלט ביז צו די פּלייצעס, באַבליט און באַצירט מיט איר ריינקייט, האָט זי געשטאַמלט מטושטשע ווערטער פון דאַנקבאַרקייט. גלייך ווי זי וואָלט געפילט בחוש, אַז דאָס, וואָס זי האָט

געטון, איז געוועזן העכער און שענער פון איר חוב, גלייך זי וואָלט אַליין דערפון פאַרבלענדט געוועזן.

* *
*

און בעת זי האָט זיך צוריק אָנגעטון און זיך ווידער פאַרטונקלט אויף אייביק, בעת זיי האָבן זיך ביידע פאַרלאָזן, נישט וואַגנדיק אַ וואָרט זיך צו זאָגן, בין איך געשליידערט געוואָרן אַהין און אַהער פון אַ גרויסן ספק: צי האָט זי גע-האַט רעכט? צו איז זי געווען אומגערעכט? כ'האָב געזען, ווי דער אַלטער האָט געוויינט, און כ'האָב געהערט זיין האַרצ-רייסנדיק מורמלען:

— איצט וועל איך שוין נישט קאָנען שטאַרבן!

XII

דער קראַנקער ליגט אין בעט. פאַרזיכטיק גייט מען אַרום אים. ער מאַכט ווינציקע באַוועגונגען. ער פאַרלאַנגט צו טרינקען, ער שמייכלט, ער שווייגט אונטער דער שפּע פון געדאַנקען.

היינט אינדערפרי האָט ער לויטן אוראַלטן מנהג צונויפגעלייגט די הענט.

מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. מ'האָט זיך אין אים אויפמערקזאַם איינגעקוקט.

— פאַרלאַנגט איר אפשר אַ גייסטלעכן ?

— יאָ... ניין... — האָט ער געזאָגט.

מען האָט פאַרלאָזט דאָס צימער, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, גלייך ווי ער וואָלט געוואַרט הינטער דער טיר, האָט זיך לעבן קראַנקן באַוויזן אַ מאַן אין שוואַרצע בגדים. זיי זענען געווען אַליין.

דער גוסס האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם אַריינגעקומענעם.

— איך גיי שטאַרבן — האָט ער געזאָגט.

— פון וואָסער רעליגיע זענט איר ? — האָט געפרעגט דער גייסטלעכער.

* * *

— פון דער רעליגיע פון מיין לאַנד, די גריכיש-קאַטוילישע.

— דאָס איז הערעזיע, פון וועלכער מ׳מוז זיך קודם-כּל אָפּזאָגן. פאַראַן בלויז איין אמתדיקע רעליגיע: די רוימיש-קאַטוילישע.

דער גלח האָט פאַרגעזעגנט:

— זייט זיך מתוודה... איך וועל אייך געבן מחילה און טויפן.

דער אַנדערער האָט נישט געענטפערט. דער גלח האָט איבערגעחזרט זיין אויפפאָדערונג:

— זייט זיך מתוודה! זאָגט מיר, וועלכע זינד איר זענט באַגאַנגען, און אויך וועלכע טעותים איר האָט געמאַכט. איר וועט דערויף חרטה האָבן, און אַלץ וועט אייך זיין פאַרגעבן.

— זינד?

— דערמאָנט אייך... צי זאָל איך אייך צוהעלפן?

ער האָט אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויף דער טיר אַהין.

— דידאָזיקע פערזאָן, וועלכע געפינט זיך דאָרטן?

— דאָס איז מיין פרוי — האָט אַרויסגעזאָגט דער קראַנ-קער מיט אַ געוויסער וואַקלעניש.

דאָסדאָזיקע וואַקלען זיך האָט באַמערקט דער גלח, וועל-כער איז געווען אָנגעבויגן איבערן בעט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ער האָט, זעט אויס, עפּעס דערשנאַפּט:

— פון זינט ווען?

— זינט צוויי טעג.

— אך! זינט צוויי טעג! האָבן מיר שוין דעם אמת. און פריער? צי האָט איר געזינדיקט מיט איר?

— ניין — האָט געענטפערט דער גלח.

דער גלח איז געווען עטוואָס מבולבל.

— מילא... איך גלייב, אַז איר זענט נישט משקר. און אַלמאי האָט איר נישט געזינדיקט? דאָס איז דאָך שלא כּדרך-הטבע. מחמת סוף-כּל-סוף — איז ער צוגעשטאַנען — זענט איר דאָך אַ מאַנסביל...

און אויף דער דערשטוינטער, אויפגעבראַכטער תּנועה פון דעם קראַנקן:

— איר דאַרפט זיך נישט וווּנדערן, מיין זון, וואָס מיי-נע פראַגעס זענען אַזעלכע קלאָרע און דייטלעכע, אַז זיי רופן

אזש אַרויס אַ פּראָטעסט־געשריי פון אייער זייט. איך פרעג אייך מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, אין דער דערהויבענער פּשטות פון מייז אמת. ענטפערט מיר אויפן זעלבן פּשוטן אופן, און איר וועט געפינען חן בא גאָט — האָט ער צוגע־געבן גוטמוטיק.

— דאָס איז אַ יונג מיידל — האָט געזאָגט דער אַל־טער — זי איז פאַרקנסט. איך האָב זי גענומען צו זיך, בעת זי איז נאָך געווען אַ קינד. זי האָט געטיילט מיט מיר די טירחות פון מיין וואַנדערגדיקן לעבן, זי האָט מיך געפלעגט. כ׳האָב מיט איר חתונה געהאַט פאַרן טויט, מחמת איך בין רייך און זי איז אָרעם.

— צוליב דעם בלויז? שוין־זשע איז נישט געווען קיין שום אַנדערע סיבה? ניין?

מיט אַ הארבן, פאָרשנדיקן בליק האָט ער זיך עקשנות־דיק איינגעקוקט אין דעם פּנים פון דעם מענטש, איבער וועלכן ס׳האָט געשוועבט דער טויט... דערנאָך האָט ער א זאָג געטון „הע?” שמייכלענדיק מיט זיין נאַקעטן מויל און פאַרמרוזשענ־דיק די אויגן מיט אַ דערמונטערנדיקער מינע, כמעט ווי אַ מיטפאַרשווערער.

— איך האָב זי ליב — האָט געזאָגט דער אַלטער.

— ענדלעך, זענט איר זיך מודה! — האָט אויסגערופן דער גלח.

* *
*

ער האָט פאַרפאָלגט מיט זיינע אויגן דעם בליק פון דעם גוסס, שטויסנדיק אים מיטן אָטעם פון זיינע ווערטער:

— האָט איר בכן באַגערט דידאָזיקע פרוי, דעם גוף פון דערידאָזיקער פרוי, אין משך פון אַ לאַנגער צייט, הע? אין משך פון אַ לאַנגער צייט האָט איר געזינדיקט במחשבה?..

„זאָגט מיר נאָר, בעת אייערע צוזאַמענדיקע נסיעות, ווי אַזוי פלעגט איר זיך איינאָרדענען אין די האָטעלן, צי פלעגט איר שלאָפן באַזונדער?

„איר האָט געזאָגט, אַז זי האָט אײך געפּלעגט, אמת? און וואָס איז באַשטאַנען איר אויפגאַבע?"

דידאָזיקע עטלעכע פראַגן, דורך וועלכע דער הייליקער מאַן האָט געפּרווט אַרייַנצודרינגען אין דעם עלנט פון דעם מענטש, וועלכער איז דאָ געלעגן אויפן טויטן־בעט, האָבן געקלונגען ווי זלזולים. זייערע פּנימער האָבן זיך איצט באַטראַכט, ווי לאָקערנדיק איינער אויפן אַנדערן; כ'האָב געזען דאָס שטייגנדיקע מיספאַרשטענדעניש, אין וועלכן זיי זענען בײדע פאַרזונקען.

דער גוסס האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיך. הערט אין אומגלויביק איז ער געוואָרן לגבי דעמדאָזיקן פרעמדן מאַן מיטן געווײנלעכן פּנים, וואָס אין זיין מויל האָבן די ווערטער „גאָט" און „אמת" באַקומען דעם אויסזען פון אומגעהויערן קאָמיזם, און וועלכער האָט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל פאַר אים עפענען די געהיימנישן פון האַרצן.

דער אַלטער האָט פונדעסטוועגן געמאַכט אַן אָנשטרענגונג:

— אויב כ'האָב געזינדיקט במחשבה – אויסדריקנדיק זיך מיט אייערע ווערטער — באַווייזט דאָס, אַז כ'בין אין דער ווירקלעכקייט קיין זינד נישט באַגאַנגען, און אַלמאַי־זשע זאָל איך באַדויערן דאָס, וואָס ס'איז פשוט געווען ריינע ליידן?

— אַך! אָן טעאָריעס. נישט דערצו זענמיר דאָ איצט צוזאַמען. איך זאָג אייך, איך, הערט זיך גוט איין, אַז די זינד, וואָס ווערט באַגאַנגען במחשבה, ווערט אויך באַגאַנגען אין רצון. און מהאי טעמא איז זי טאַקע אַ ווירקלעכע זינד, אויף וועלכער מ'דאַרף זיך מתוודה זיין און תשובה טון. דערציילט מיר, אין וואָסערע באַדינגונגען האָט אייך דער באַגער געשטויסן צו זינדיקע מחשבות און זאָגט מיר ווי אָפט דאָס איז געשען! גיט מיר פּרטים.

— אָבער איך האָב זיך גובר געווען — האָט געזיפצט דער אומגליקלעכער – דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן!

— דאָס איז נישט גענוגנדיק. דער חטא — איר זענט

איצט, מיין איך, איבערגעצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דאָזיקן אויסדרוק — דער חטא קען נאָר ווערן אָפּגעוואַשן דורכן אמת.

— מילא, זאָל זיין אַזוי,—האָט דער גוסס געזאָגט אַ באַזיגטער. — כ׳בין מודה, אַז כ׳בין באַגאַנגען דידאָזיקע זינד און כ׳האָב אויף איר חרטה.

— דאָס איז נאָך נישט קיין ווידוי און דאָס דערלייזט נישט דעם ענין, — האָט געענטפערט דער גלח אַן אוממצופרידענער. — אין וואָסערע אומשטענדן, גענוי, האָט איר באַכגעגעבן דעם יצר-הרע, אין שייכות מיט דערדאָזיקער פרוי?

דער אַלטער איז געוואָרן אויפגעטרייסלט דורך אַן אָנפאַל פון מרידה. ער האָט זיך האַלב אויפגעזעצט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס, און אַ קוק טוענדיק שאַרף דעם גייסטלעכן אין די אויגן.

— און אַלמאַי האָב איך אין זיך דעם יצר-הרע?

* * *

— איר זענט נישט דער איינציקער. אַלע מענטשן האָבן אים אין זיך.

— האָט אים בכן גאָט געגעבן די מענטשן, מחמת גאָט האָט זיי באַשאַפן.

— אַך! איר זענט אַ דיסקוטאַנט! מילא, אויב איר ווילט, וועל איך אייך ענטפערן. אין דעם מענטש שטעקט גלייכצייטיק דער יצר-טוב און דער יצר-הרע. דאָס הייסט, די ברירה צו טון גוטס אָדער שלעכטס. וויבאַלד ער פאַלט אַרונטער דעם יצר-הרע, איז ער פאַרשאַלטן; און אויב ער איז אים גובר, דאַן ווערט ער באַלוינט. כדי צו זיין דערלייזט, מוז דער מענטש זיך דערויף פאַרדינען, קעמפנדיק מיט אַלע זיינע כוחות.

— מיט וואָסערע כוחות?

— מיט דער טוגנט, מיט דער אמונה.

— און וויבאַלד ער האָט נישט גענוג אמונה און טוגנט, צי איז דאָס זיין שולד?

— יאָ, מחמת דאָס באַווייזט, אַז ער האָט צופיל זינדי־קייט און פאַרבלענדעניש אין דער נשמה.

דער אַלטער האָט איבערגעחזרט:

— ווער האָט אים אַריינגעגעבן אין דער נשמה זיין חלק טוגנט און זיין חלק זינדיקייט?

— גאָט האָט אים געגעבן די טוגנט, איבערלאָזנדיק אויך די מעגלעכקייט פון טון שלעכטס; אָבער גלייכצייטיק האָט ער אים געגעבן דעם פרייען ווילן, און אים דערלויבט אויסצו־קלויבן צווישן גוטס און שלעכטס.

— אָבער וויבאַלד אין אים וועגן די שלעכטע מידות די גוטע איבער, וויבאַלד יענע זענען שטאַרקער, ווי אַזוי איז עס מעג־לעך, אַז דער מענטש זאָל זיך נייגן צו דער זייט פון גוטס?

— מיטן כוח פון פרייען ווילן — האָט געענטפערט דער גלח.

— דער פרייער ווילן איז נישט מער, ווי אַ גוטער אינ־סטינקט, און וויבאַלד...

— דער מענטש וואָלט געווען גוט, וויבאַלד ער וואָלט געוואָלט — דאָס איז אַלץ. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן, דיסקוטירנדיק איבער דידאָזיקע ענינים. אָבער איינס מוז איך צוגעבן, אַז די אַלע זאַכן וואָלטן אויסגעזען אַנדערש, ווען לוציפער וואָלט נישט פאַרשאָלטן געוואָרן, און ווען דער ערשטער מענטש וואָלט נישט געווען געזינדיקט.

דער אַלטער איז עטוואָס באַלעבט געוואָרן דורכן דאָזיקן קאַמף:

— דאָס איז אַן אומגערעכטיקייט, אַז מיר זאָלן טראָגן דעם עונש פאַר לוציפערן און פאַר אדמען. אָבער קודם־כל איז עס משונהדיק, וואָס דווקא זיי זענען געוואָרן פאַרשאָלטן און באַשטראָפט. אויב זיי זענען געפאַלן, איז עס דערפאַר, וואָס גאָט, וועלכער האָט זיי באַשאַפן אַלס „יש־מאין”, דאָס הייסט, וועלכער האָט זיי געגעבן אַלץ, וואָס ס'איז אין זיי גע־ווען, האָט זיי איינגעגעבן מער זינדיקייט ווי טוגנט! און דערנאָך האָט ער זיי געשטראָפט דערפאַר, וואָס זיי זענען געפאַלן דאָרטן, ווו ער האָט זיי אַנידערגעשליידערט!

דער אַלטער איז נאָך אַלץ געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף די

עלנבויגנס, אונטערהאַלטנדיק מיט די הענט דעם קין, אויסגע־מאָגערט, שוואַרץ, האָט ער מיט ברייט אויפגעמאַכטע אויגן גע־קוקט אויף זיין בעל־דבר, און איז אויסגעהערט ווי אַ ספינקס.

דער גלח האָט איבערגעחזרט, גלייך ווי ער וואָלט לגמרי עפּעס אַנדערש נישט פאַרשטאַנען:

— ווייבאַלד זיי וואָלטן געוואָלט, וואָלטן זיי געקאָנט בלייבן ריין; דערין באַשטייט טאַקע דער פרייער ווילן.

זיין שטים האָט געקלונגען כמעט זאַנפט. ער האָט אויס־געזען לחלוטין נישט געטראָפן דורך די מענגע לעסטערונגען פון דאָזיקן מאַן, צו וועמען ער איז געקומען מיט גייסטלעכער הילף. ס'האָט אים כלל נישט אינטערעסירט דערדאָזיקער טעאָ־לאָגישער וויכוח, אין וועלכן ער האָט נאָר אַריינגעוואָרפן די נויטיקסטע ווערטער, אויס בלויזער רגילות. און אפשר האָט ער געוואַרט, ביז דער אַלטער וועט מיד ווערן רעדנדיק.

און אינדערצייט ווען דער גוסס האָט לאַנגזאַם און דער־שעפּט געאָטעמט, האָט דער גייסטלעכער אַרויסגעזאָגט דעמדאָ־זיקן קלאָרן און קאַלטן זאַץ, ווי דער אויסגעקריצטער אויפ־שריפט אויף אַ שטיין:

— די שלעכטע זענען אומגליקלעך; די גוטע אָדער די בעלי־תשובות זענען גליקלעך, אין הימל.

— און אויף דער ערד?

— אויף דער ערד זענען די גוטע אומגליקלעך, פּונקט ווי די אַנדערע, נאָכמער ווי די אַנדערע, מחמת וואָס מער מ'ליידט דאָ אונטן, אַלץ מער ווערט מען באַלוינט דאָרט אויבן!

דער אַלטער האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן, באַהערשט פון אַ פרישן צאָרן, וואָס האָט געגליט ווי אַ פיבער אין זיינע אויגן.

— אַך! — האָט ער געזיפצט — נאָך מער עקלהאַפט ווי דער ערשטער חטא, ווי די פאַרבאַשטימונג, זענען די ליידן פון די גוטע מענטשן דאָ אויף דער ערד. קיינזאַך באַרעכטיקט זיי נישט, קיינזאַך איז זיי נישט מכפּר...

דער גלח האָט אָנגעקוקט דעם ווידערשפּעניקן מאַן מיט אַ גלייכגילטיקן בליק. „יאָ, איך האָב עס גוט געזען, ער האָט

געוואָרט.) דערנאָך האָט ער געפרעגט מיט גרויס מילדקייט:
— ווי דען אַנדערש קאָן מען אויספּרוּוון די נשמות?
— קיינמאָל בּאַרעכטיקט נישט דידאַזיקע ליידן! אפילו נישט דערדאָזיקער קינדישער טעם, אַז פאַר גאָט אַליין איז נישט קלאָר די אמתע אייגנשאַפטן פון דער נשמה. ווײַבּאַלד ס׳וואָלט עקזיסטירט גערעכטיקייט, וואָלטן די גוטע קיינמאָל נישט געדאַרפט ליידן אפילו קיין איין רגע אין דער אייביקייט. „כּדי צו זיין גליקלעך, מוז מען ליידן". ווי שיקט זיך עס, וואָס ס׳איז קיינמאָל קיינער נישט אויפגעשטאַנען, כּדי הויך אַ געשריי צו טון אַקעגן דאָזיקן ווילדן געזעץ?
ער האָט זיך דערשעפּט... זיין קול איז געוואָרן הייזעריק. זיין אָפּגעשוואַכטער קערפּער האָט געסאָפּעט. זיינע זאַצן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער.
— און ס׳וואָלט נישט געווען קיין שום ענטפער אויף דערדאָזיקער באַשולדיקנדיקער שטים. וואָס איר זאָלט נישט נישט זאָגן וועגן דער געטלעכער גוטסקייט, ווי איר זאָלט זי נישט קערן און דרייען אין אַלע זייטן, וועט קיינמאָל פון איר נישט אָפּווישן דעם פלעק, וועלכעס ס׳איז דאָס אומפאַרדינטע ליידן.
— אָבער דאָס גליק, וואָס ווערט דערגרייכט מיטן כּוח פון ליידן, דאָס איז דאָך דער אַלגעמיינער גורל, דאָס געמיינזאַמע געזעץ.
— טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס איז דאָס געמיינזאַמע געזעץ, לאָזט עס ספקן אין גאָט.
— אומדערפאַרשלעך און אומדורכדרינגלעך זענען די מעשים פון גאָט!
דער גוסס האָט אויסגעשטרעקט פאַר זיך זיינע אויסגעמאָגערטע אָרעמס; זיינע אויגן האָבּן זיך טיף איינגעגראָבּן. ער האָט אויסגעשריגן:
— איר זענט אַ ליגנער!

* *
*

— געזונג דערמיט! — האָט זיך אָפּגערופן דער גלח —

כ׳האָב אויסגעהערט ביזאַהער גערולדיק אייערע פּלוידערייען, פאַר וועלכע כ׳האָב בלויז מיטלייד. אָבער דאָ האַנדלט זיך בכלל נישט אין די אַלע פּלפּולים. איר דאַרפט זיך צוגרייטן, כדי איר זאָלט זיך קאָנען באַווייזן פאַר גאָט, ווייס פון וועלכן איר האָט, שיינט מיר, געלעבט. אויב איר האָט געליטן, וועט איר זיין געטרייסט אין זיין שויס. זאָל אייך דאָס גענוגן.

דער קראַנקער איז צוריקגעפאַלן אָפּמעכטיק אויפן געלע־גער. ער איז געבליבן אַ צייט לאַנג אומבאַוועגלעך אונטער די פאַלדן פון ווייסן ליילעך, ווי אַ מירמלשטיינערנע סטאַטוע, מיט אַ פּנים פון בראָנז, וואָס שלאָפט אויף אַ מצבה.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיין שטים ווידער באַקומען לעבן:

— גאָט קאָן מיך נישט טרייסטן.

— מיין זון, מיין זון, וואָס רעדסטו?

— גאָט קאָן מיך נישט טרייסטן, ווייל ער קאָן מיר נישט געבן דאָס, וואָס איך באַגער.

— אַך! מיין אָרים קינד, ווי פאַרזונקן דו ביסט אין דער בלינדקייט! — און די אומענדלעכע אַלמאַכט פון גאָט! שוין־זשע צווייפלסטו אין איר?

— ליידער...

— ס׳טייטש! דער מענטש מאַטערט זיך אָפּ זיין לעבן לאַנג מיט כל המיני פּורעניות, און ס׳זאָל פאַר אים קיין שום נחמה נישט פאַראַן זיין? וואָס קאָנסטו דערויף ענטפערן!

— ליידער, דאָס איז נישט קיין קשיא — האָט אָפּגע־ענטפערט דער קראַנקער.

— אלמאי־זשע האָסטו מיך געלאָזט רופן?

— איך האָב געהאָפט, איך האָב געהאָפט!

— אויף וואָס? אויף וואָס האָסטו געהאָפט?

— איך ווייס נישט. מ׳האָפט תמיד אויף דעם, וואָס מ׳ווייסט נישט.

זיינע הענט האָבן אַרומגעבלאָנזשעט אין חלל, דערנאָך זענען זיי צוריקגעפאַלן.

די ביידע מענער זענען געבליבן שטום און נישט נאָכגי־ביק. כ׳האָב גוט געשפּירט, אַז אין זייערע מוחות איז געגאַנ־

גען וועגן דער מציאות פון גאָט גופא. צי איז נישט פאַראַן קיין גאָט, צי זענען פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט טויט?.. נישט קוקנדיק אויף אַלעם, האָב איך אָפּגעפילט אין משך פון איין אויגנבליק עפּעס אַ געוויסע דערנענטערונג צווישן דידאָזיקע צוויי מענטשן, וועלכע זענען געווען פאַרנומען מיט איין און דעם זעלביקן געדאַנק, צווישן דידאָזיקע צוויי בעטנדיקע, צווישן דידאָזיקע צוויי אַזוי פאַרשידענע ברידער...

— די צייט אַנטלויפט — האָט געזאָגט דער גלח.

און אויפנעמענדיק דעם דיאַלאָג אין דעם פּונקט, ווו ער האָט פריער איבערגעריסן, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען געשען, האָט ער געזאָגט?

— דערציילט מיר די אַלע אומשטענדן, אונטער וועלכע איר זענט באַגאַנגען אייער זינד. זאָגט מיר... ווען זענט איר געווען אַליין מיט דערדאָזיקער פרוי, גאַנץ נאָענט צוזאַמען, וואָס האָט איר דאַן גערעדט צווישן זיך, אָדער האָט איר געשוויגן?

— כ׳גלויב נישט אין דיר — האָט געשעפּטשעט דער קראַנקער.

דער גייסטלעכער האָט שטרענג אָנגעכמורעט די ברעמען,

— טוט תשובה, און זאָגט, אַז איר גלויבט אין דער קאַטוילישער רעליגיע, וועלכע וועט אייך דערלייזן.

אָבער דער אַנדערער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ, באַהערשט פון אַן אומגעהויערער אַנגסט, און האָט אָפּגעשטויסן זיין גאַנץ גליק.

— די רעליגיע... — האָט ער אָנגעהויבן.

דער גלח האָט אים ברוטאַל אָפּגעשניטן דאָס וואָרט.

— איר ווילט דאָך מסתם נישט אָנהויבן אויפסניי? שווייגט־שע. אַלע אייערע פּלפּולים, איך שאַר זיי אַוועק מיט איין מאַך פון דער האַנט. הויב־אָן גלויבן אין דער רעליגיע און דערנאָך וועסטו זען, וואָס זי איז. נישט דערפאַר דאַרפסטו גלויבן אין איר, ווייל זי געפעלט דיר... אַלע אייערע ווערטער זענען נישט אין דער צייט, און איך בין דאָ אַהערגעקומען, כּדי אייך צו צווינגען צום גלויבן.

דאָס איז געווען אַ פאַרביטערטער דועל ביז צום לעצטן.

דידאַזיקע צוויי מענטשן האָבן געקוקט אויף זיך, ווי צוויי אייביקע שונאים.

— איר מוזט גלויבן.

— איך גלויב נישט.

— איר מוזט!

— צי ווילט איר מיט דראָונגען אומבייטן דעם אמת?

— יאָ.

ער האָט באַטאָנט די פרימיטיווע קלאָרקייט פון זיין באַפעל.

— איבערגעצייגט אָדער נישט — איר מוזט גלויבן! דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דער דערקענטעניש, דאָ גייט וועגן דער אמונה. קודם־כל מוז מען גלויבן, מחמת אין קעגנטייל דראָט די סכנה, נישט צו גלויבן שוין קיינמאָל. גאָט באַווייזט נישט אַליין איבערצוצייגן די אומגלויביקע. שוין פאַרביי די צייט פון נסים. דער איינציקער נס, דאָס זענען מיר, און דאָס איז די אמונה. גלויב און דער הימל וועט דיר שענקען אמונה".

— גלויב! — האָט ער אים נאָכאַנאַנד געשליידערט דאָס־דאָזיקע וואָרט, ווי שטיינער.

— מיין זון — האָט ער צוריק אָנגעהויבן, מיט אַ מער פייערלעכן טאָן, שטייענדיק מיט זיין אויפגעהויבענער, פעטער, קיילעכיקער האַנט — איך פאַרלאַנג פון דיר אַן אַקט פון אמונה.

— גייט אַוועק פונדאַנען — האָט אָפּגעענטפערט דער אַלטער מיט אומבאַהאַלטענער שנאה.

אָבער דער גלח האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

ער איז געוואָרן געמוטיגט דורך דער דרינגלעכקייט פון דער סיטואַציע, דורך דער נויטווענדיקייט מציל צו זיין אַ נשמה קעגן איר אייגענעם ווילן. און ער האָט אויסגערופן:

— דו גייסט באַלד שטאַרבן. האָסט שוין גאַנץ ווינציקע מינוטן צום לעבן. גיב זיך אונטער.

— ניין — האָט שטאָלץ אָפּגעענטפערט דער אַלטער.

דער מאַן אין שוואַרצן בגד האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט.

— גיב זיך אונטער. זוך שוין נישט צו פירן קיין אומ־

בוציקע חיכוחים, חי די, אויף וועלכע מיר האָבן פאַרלוירן אַזויפיל טייערע צייט... דאָס אַלץ האָט נישט קיין באַדייטונג — גלייך ווי ס׳וואָלט מיטן ווינט אוועקגעפלויגן... מיר זעמיר אַליין, דו און איך, מיט אונזער גאָט.

ער האָט געטרייסלט דעם קאָפּ מיט דעם קליינעם, געוועלבטן שטערן, און מיט דער קיילעכיקער, אַרויסשטאַרנדיקער נאָז, וועמעס נאָזלעכער ס׳זענען געווען פייכט און שוואַרץ פון טאַבאַק. פון אונטער די שמאָלע, בלאַסע ליפּן זענען אַרויסגעשפּרונגען, ווי אויף שנירלעך געהאַלטן, צוויי גרויסע און איינזאַמע ציין אויפן פּאָן פון שוואַרצן מויל־לאָך. זיין פּנים איז געווען דורכגעצויגן פון רונצלען, וועלכע האָבן זיך געשלענגלט לענגאויס זיין שטערן, צווישן די ברעמען, אַרום די ליפּן. און איז געווען באַדעקט אויפן קין און באַקן מיט עפּעס אַ גראָער שיכט.

— איך בין דער פאַרשטייער פון גאָט — האָט ער געזאָגט — דו שטייסט פאַר מיר, גלייך ווי פאַר גאָט. זאָגט פּשוט: „כ׳גלויב״ און דער ענין וועט זיין דערליידיקט. „כ׳גלויב״: דערין איז דאָ אַלץ. דאָס איבעריקע איז מיר גלייכגילטיק.

ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער אָנגעבויגן איבער דעם שטאַרבנדיקן, צוקלעבנדיק כמעט זיין פּנים צו יענעמס פּנים, זוכנדיק פאַר יעדן פּרייז דורכצופירן זיין אַבסאָלוציע.

— זאָג בלויז נאָך מיט מיר: „פּאָטער אונזער, וואָס ביסט אין הימל״. איך פאַרלאַנג נישט פון דיר עפּעס אַנדערש.

דאָס פּנים פון קראַנקן איז געווען צונויפגעקראַמפּט פון חידערווילן. ער האָט געמאַכט אַ זשעסט פון אָפּנייגונג: „ניין, ניין!...

מיטאַמאָל האָט זיך דער גלח אויפגעהויבן מיט אַ טריאומפירנדיקער מינע.

— ענדלעך! איר האָט עס געזאָגט.

— ניין.

— אָך! — האָט געציטשעט דער גלח צווישן די ציין.

ער האָט גענומען רייבן די הענט פון דעם גוסס. מ׳האָט געשפּירט, אַז ער וואָלט אים גענומען אין זיינע אָרעמס, כדי

אים אַרומצוהאַלזן, כּדי אים צו דערשטיקן, אַז ער וואָלט אים אַפילו דערהרגעט, ווען ער זאָל וויסן, אַז דער לעצטער הויך פון זיין קרבן זאָל זיין אַ גלויביקע ווידוי, — אַזוי איז ער געווען געפּייניקט פון דעם באַגער אים איבערצורעדן, אַרויס־צורייסן פון אים דאָס וואָרט, וועלכעס ער איז געקומען זוכן אויף זיינע ליפּן.

ער האָט אָפּגעשטויסן די אָרימע, פאַרוועלקטע האַנט פון דעם חולה. אײז דורכגעלאָפן דאָס צימער אַהין און צוריק ווי אַ ווילדע חיה, לסוף האָט ער זיך ווידער אַוועקגעשטעלט פאַרן בעט. ער האָט געשטאַמלט:

— געדענק, אַז דו גייסט שטאַרבן, פאַרפוילט ווערן... אינגיכן וועסטו ליגן אין דער ערד. זאָג: „פּאָטער אונזער״, בלויז דידאָזיקע צוויי ווערטער, מער גאָרנישט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, צונויפגעקורטשעט און פינצטער ווי אַ דעמאָן, וואָס טשאַטעוועט אויף זײער נשמה. ווי די קירכע איבער דער גאַנצער שטאַרבנדיקער מענטשהייט, האָט ער נאָכגעשפּירט דאָס מויל פון דעם גוסס.

— זאָג עס... זאָג עס... זאָג...

דער אַנדערער האָט זיך געפּרוווט צו באַפרייען. ער האָט געכאָרכלט מיט עפּעס אַ מוראדיק סאַפּען, און האָט מיט דער גאַנצער רעשט פון זיין שטים אַרויסגעלאָזט בלויז אַ שטילן: ניין.

— נבלה! — האָט אויף אים אַ געשריי געטון דער גלח. און ער האָט אים אַ פּאַטש געטון אין פּנים.

* * *

— דו וועסט שטאַרבן ווייניקסטנס מיט אַ קרוציפיקס אין די לאַפּעס — האָט ער געדונערט.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ קרוציפיקס פון זיין קעשענע, און האָט עס אים שווער אַוועקגעלייגט אויף דער ברוסט.

דער אַנדערער האָט זיך באַוועגט מיט עפּעס אַ טויבער שרעק, גלייך ווי די רעליגיע וואָלט געווען אָנשטעקנדיק, און ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס הייליקע חפץ אויף דר׳ערד.

דער גלח האָט זיך אַראָפּגעבויגן, מורמלענדיק פּלערליי זלזולים: „די אויסוואָרף, נבלה, ווילסט פּגרן ווי אַ הונט, אָבער איך בין דאָ!" ער האָט אויפגעהויבן דעם צלם, און אים גע-האַלטן אַ ווײַלע אין האַנט. זיין אויג האָט געפינקלט, ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט צעמאַרשטן זיין קעגנער, און ער האָט אָפּגעוואַרט צום לעצטן מאָל.

באַם גוסס זענען פולשטענדיק אויסגעגאַנגען די כּוחות און ער האָט געסאַפּעט מיט שוועריקייט. דער גלח האָט גע-זען, אַז איצט געפינט ער זיך אונטער זיין ממשלה. ער האָט אים אויפסניי אַוועקגעלייגט דעם קרוציפיקס אויף דער ברוסט. דאָסמאָל האָט אים דער גוסס פאַרהאַלטן, נישט האָבנדיק קיין כּוח מער צו קעמפן, קוקנדיק בלויז אויפן דאָזיקן חפץ מיט אַ פאַרהאַסטן בליק; אָבער זיינע בליקן האָבן נישט געקאָנט אַראָפּשליידערן דעם צלם אויף דר׳ערד.

בעת דער שוואַרצער מאַן איז אַוועקגעגאַנגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און זיין קעגנער האָט זיך ביס-לעכווייז אויפגעוועקט און זיך באַפרייט פון אים, האָב איך געטראַכט, אַז דערדאָזיקער גלח איז אין זיין געוואַלטיקייט און אין זיין גראָבקייט שרעקלעך געוועכט געווען. אַ שלעכטער גלח? ניין, אַ גוטער גלח, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן לויט זיין געוויסן און זיין אמונה, באַמיענדיק זיך אָנצווענדן גאַנץ פשוט זיין רעליגיע, אַזוי ווי זי איז, אָן שום צמעיקע הנחות. אומוויסנדיק, אומגעשיקט, אַלטפּעטעריש — אָבער ערלעך און לאָגיש, אַפילו אין זיין מוראדיקן געוואַלט-טאַט. אין משך פון אַ האַלבער שעה, בעת איך האָב אים גע-הערט, האָט ער געפּרוווט מיט אַלע מיטלען, וועלכע ס׳באַנוצט און רעקאָמענדירט די רעליגיע, אויסצופילן זיין אויפגאַבע, וועלכע איז באַשטאַנען אין שאַפן גלויביקע און אין געבן מחילה. ער האָט געזאָגט אַלצדינג, וואָס אַ גייסטלעכער טאָר נישט פאַרשווייגן. דורך דער ברוטאַלער געוואַלטיקייט פון גאָטס די-נער און שקלאַף, האָט זיך אַנטפּלעקט קלאָר און בולט די גאַנצע דאָגמע. אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט ער אַרויסגעזיפצט מיט אַן אמתדיקן ווייטיק: „וואָס ווילסטו דען, אַז איך זאָל טון?" אויב דער אַלטער איז געווען, האָט דער גלח

אויך געהאַט רעכט. ער איז געווען דער גוטער גלח, די אַר-בעטס-חיה פון דער רעליגיע.

* * *

... אָך! דידאָזיקע מאָדנע זאַך, וועלכע האָט זיך נישט גערירט און געשטאַנען גלייך פאַר דעם בעט... דידאָזיקע גרוי-סע הויכע זאַך, וועלכע איז דאָ פריער נישט געווען — וואָס פאַרשטעלט דאָס טאַנצנדיקע פלעמל פון דעם ליכט, וועלכעס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאָענט פון קראַנקן...

בעת כ׳האָב מיך אומגערן אָנגעלענט שטאַרקער אָן דער וואַנט, האָט זיך דערהערט אַ לייכטער גערויש — יענע זאַך האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט צו מיר דאָס פנים מיט אַזאַ פחד, וואָס האָט מיך אַליין איבערגעשראָקן.

כ׳האָב געקענט דעמדאָזיקן אומזיכערן, טריבן קאָפּ... שוין-זשע איז דאָס געווען דער בעל-הבית אַליין, אַ מענטש מיט משונהדיקע מאַנירן, ווען מ׳פלעגט גאַנץ זעלטן זען?..

ער האָט אַרומגעשפּאַנט אויף און אָפּ איבערן קאָרידאָר, אָפּוואַרטנדיק די רגע, ווען דער קראַנקער וועט בלייבן אַליין. און איצט שטייט ער לעבן דעם אַלטן, וועלכער איז איינגע-שלאָפן, אָדער איז געווען שוואַך פון שוואַכקייט.

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו דעם וועג-בייטל, וועלכער איז געלעגן לעבן בעט. באַ דערדאָזיקער באַוועגונג, האָט ער פאַרזיכטיק אָנגעקוקט דעם גוסס, און זיין האַנט האָט צווייִמאָל פאַרפעלט דעם ציל.

ס׳האָט זיך דערהערט עפּעס אַ סקריפּ אויפן אויבערשטן שטאָק — מיר האָבן ביידע אַ ציטער געטון. עפּעס אַ טיר איז צוגעמאַכט געוואָרן. דערדאָזיקער פאַרשוין האָט ווי פאַר-שטיקט אין זיך אַ געשריי פון פחד.

... פּאַמעלעך האָט ער געעפנט דעם בייטל. און איך, איך האָב מיך שוין אַליין נישט דערקענט. כ׳האָב מורא גע-האַט, טאָמער וועט ער נישט באַווייזן...

ער האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פּאַקעט, וועלכער האָט מילד אויפגעשאָרכט. און בעת ער האָט באַטראַכט דעם

שטויס באַנקנאָטן אין זיין האַנט, האָב איך געזען דעם אוי-
סערגעוויינלעכן בליאַסק, וואָס האָט אויפגעשטראַלט אויף זיין
פּנים. אַלע ליבעס-געפילן האָבן זיך דאָרט צונויפגעמישט:
פאַרגעטערונג, מיסטיציזם, און אויך ברוטאַלע ליבע... — אַ
מין איבערנאַטירלעכע התלהבות, אויסגעמישט מיט גראָבער
הנאה, וואָס האָט שוין ארומגעכאַפּט במחשבה די פאָרשטייענ-
דיקע תענוגים... יאָ, אַלע ליבעס-מדרגות האָבן זיך אויסגע-
קריצט אין ווילע אויפן דאָזיקן טיפן מענטשלעכן רויבער-
פּנים.

... עמיצער האָט געטשאַטעוועט הינטער דער אויפגעלענ-
טער טיר... כ׳האָב דערזען דאָס ווינקען פון עפּעס אַן אָרעם.

ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיצפינגער שטילער-
הייט, אייליק.

כ׳בין אַן ערלעכער מענטש, און דאָך האָב איך גלייכ-
צייטיק מיט אים איינגעהאַלטן דעם אָטעם; איך האָב אים
פאַרשטאַנען... און מעג איך מיך אַפילו ווערן קעגן דעם:
מיט שרעק און פרייד, וועלכע זענען געווען פאַרקרובישט מיט
זיין שרעק און זיין פרייד — האָב איך געגנבעט צוזאַמען מיט
אים.

... אַלע גנבות ווערן באַגאַנגען אויס ליידנשאַפט, אפילו
די, וועלכע זענען פחדניש און פּראָסט (אָך! אָט-דער אומפאַר-
לעשלעכער ליבעס-בליק לגבי דעם פלוצלינג געפונענעם אוצר!)
אַלע פאַרברעכנס, אַלע חטאים, דאָס זענען געוואַלטאַטן, וואָס
ווערן באַגאַנגען אונטערן איינפלוס פון ריזיקן גנבה-באַגער,
וועלכער איז אונזער מהות גופא און דאָס געשטאַלט פון אונ-
זער נאַקעטער נשמה.

אָבער וויבאַלד אַזוי, וואָלט מען דאָך געדאַרפט באַפריי-
ען די פאַרברעכער? און די שטראָף וואָלט געווען אַן אומ-
גערעכטיקייט?.. ניין, מ׳מוז זיך ווערן קעגן זיי. מען מוז
אומבאַדינגט — מחמת די געזעלשאַפט שטיצט זיך אויף דער
ערלעכקייט — מ׳דאַרף בכן אין זיי טרעפן, כדי זיי צו מאַכן
אָנמעכטיק, און קודם-כל, כדי אַנדערע אָפּצושרעקן און אָפּ-
קוהאַלטן זיי אויף דער שוועל פון אַ שלעכטן טאַט. אָבער
צוים איז די שולד איינמאָל פעסטגעשטעלט געוואָרן, דאַרף

מען נישט זוכן פאַר איר קיין ערנסטע טעמים, קיין מילדערנ־
דיקע אומשטענדן, מחמת אַזעלכע וועט מען תּמיד קאָנען געפינען.
מ׳דאַרף זיי פאַראורטיילן פון פאָרויס, אין נאָמען פון קאַלטן
פרינציפּ. די גערעכטיקייט מוז זיין קאַלט און האַרט ווי דאָס
כּלי־זין.

די גערעכטיקייט איז נישט — ווי איר נאָמען קאָן זיך
אויסווייזן — קיין טוגנט; דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע, וועמעס
טוגנט ס׳ליגט אין דער אומפּילבאַרקייט. די גערעכטיקייט באַ־
שטייט נישט אין חוזר־בתשובה זיין, און מוחל זיין די זינד—
זי קוקט זיך כּלל נישט אום אויף קיין תּשובה. איר ראָלע
באַשטייט דערין, זי זאָל אויפשטעלן ביישפּילן און פאַרוואַנ־
דלען דעם שולדיקן אין עפּעס אַ מין שרעקבילד פאַר אַנדע־
רע, צו וואַרפן אין דער מחשבה פון דעם מענטש, וועלכער
נייגט זיך צום פאַרברעכן, דעם אַרגומענט פון איר גרויזאַמ־
קייט. קיינער און קיינזאַך האָט נישט דאָס רעכט צו הייסן
דעם פאַרברעכער חוזר־בתשובה זיין, איבעריקנס, קאָן עס קיי־
נער נישט טון. די נקמה איז צו ווייט אָפּגעטיילט פון דער
טאַט, און זי דערגרייכט דערנאָך שוין אַ לאַנג פאַרענדערטן
מענטשן. די תּשובה איז בכן אַ וואָרט, וואָס האָט נישט קיין
שום אָנווענדונג אין דער וועלט.

אָפּגעשוואַכט, שרעקלעך דערשעפּט, האָט ער זיך געבנצלעך נישט געריירט. ער איז געלעגן שטום, אויסגעצויגן אַ פאַרחלשטער אויפן געלעגער. דער טויט האָט אים שוין אָפּגענומען זיינע געוויינלעכע באַוועגונגען, זיינע באַמערקבאַרע צאַפּלענישן.

די וווּנדערבאַרע חברטע פון דעם אַלטן מאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט צופיסנס פון בעט, פאַרגאַפּט אין זיין האַלב טויטן פּנים, אין זיין פאַרשטאַרטן בליק. אירע אָרעמס זענען געווען האָריזאָנטאַל אויסגעשטרעקט צום ראַנד פון בעט, אויף וועלכן ס׳האָבן גערוט שוועבנדיק אירע שיינע הענט. איר קאָפּ איז געווען לייכט אָנגעבויגן, איר קאָפּ, וועלכער איז געווען אַזוי פיין און צאַרט געפורימט, ווי אַ ליכטיקער אָפּשיין פון דער אייביקער מתיקות, וואָס שוועבט אַדורך אין דער אָוונטמילדקייט. אונטער דעם צאָרטן בויגן פון די ברעמען האָט געצאַפּלט דאָס גרויסע, לויטערע, ריינע אויג: אַ קינדערשער הימל. בלייך האָט געשימערט די דינע, פיינע הויט אויף אירע באַקן און שלייפן. אירע שפּעדיקע האָר, דידאָזיקע פּרעכטיקע האָר, וועלכע כ׳האָב אַנומלטן געזען פונאַנדערגעלאָזטע, האָבן באַהערשט מיט באַחנטן געפלעכט איר צאַרטן שטערן, חו דער געדאַנק איז געווען פאַרהוילן, ווי גאָט אַליין.

זי איז געווען אַליין מיטן דאָזיקן מאַן, וועלכער איז דאָרט געלעגן אַנידערגעשליידערט, גלייך ווי אין דער טיפעניש פון קבר —
ײ, וואָס האָט זיך געוואָלט צושמידן צו אים מיט אַ שוידער, און בלייבן

נאָך אים די שעמעוודיקע אלמנה. ער אַרן איך, מ׳זי האָבן נישט מער געזען אויף דער וועלט, ווי בלויז איר פּנים; און אינדערמתן, האָט מער ווי אַמאָ־דאָס נישט עקזיסטירט אין די פּאַרטיפּטע שאָטנס פונם אָוונט: בלויז איר העל, דערהויבן פּנים און אירע פּרעכטיקע, שטאָלצע און צאַרטע הענט.

... עפּעס אַ שטים האָט זיך דערטראָגן פון בעט אַרויס. כ׳האָב זי קוים דערקענט.

— כ׳האָב נאָכנישט געענדיקט צו רעדן — האָט גע־זאָגט די שטים.

אַנגע האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן בעט, ווי איבערן ראַנד פון אַ טרומנע, כּדי אויפצוכאַפּן די ווערטער, וועלכע זענען בלי־ספק אויסגעהויכט געוואָרן צום לעצטן מאָל פון דאָזיקן גוף אָן באַוועגונג און כּמעט שוין אָן געשטאַלט.

— צי וועט מיר קלעקן צייט... צי וועל איך באַווייזן...

מ׳האָט קוים געהערט עפּעס אַ טויב געמורמל, וועלכעס איז אָפּגעשטאָרבן כּמעט אויף די ליפּן פון דעם גוסס. דער־נאָך איז די שטים געוואָרן דייטלעכער:

— כ׳וואָלט זיך געוואָלט פאַר דיר מתוודה זיין אויף עפּעס אַ זאַך, אַנגע.

— כ׳וויל נישט, אַז דידאָזיקע זאַך זאָל אָפּשטאַרבן צו־זאַמען מיט מיר — האָט אָנגעהויבן די שטים, וועלכע איז ווידער באַלעבט געוואָרן — ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף דער־דאָזיקער דעריגנערונג... ס׳איז מיר אַ שאָד... אַך! זאָל זי נישט אָפּשטאַרבן!

„כ׳האָב אַמאָל געליבט אַן אַנדערע פרוי.

„יאָ... כ׳האָב געליבט. טרויעריק און זיס בילד!..

כ׳וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן פון טויט דעמדאָזיקן רויב; כ׳גיב אים דיר איבער, מחמת דו ביסט איצט לעבן מיר.

ער האָט צונויפגענומען זיינע רעיונות, כּדי צו דערזען די פרוי, וועגן וועלכער ער האָט געזאָלט דערציילן.

— זי איז געווען בלאָנד און העל — האָט ער געזאָגט.

— דו דאַרפסט נישט זיין אויף איר איפערזיכטיק, אַנגע, (מען איז טיילמאָל אייפערזיכטיק, אפילו ווען מ׳ליבט נישט) דו ביסט דאַן עטלעכע יאָר קוים אַלט געווען. ביסט נאָך געווען

אַ פּיצל קינד, אויף וועלכן ס'האָבן זיך אין גאַס מאַמעס בלויז אומגעקוקט.

„מיר האָבן זיך פאַרקנסט אין אַלטן, פּרעכטיקן פּאַרק פון אירע עלטערן. זי האָט געהאַט בלאָנדע לאָקן, וועלכע זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט באַנד. איך האָב זיך גע-העצקעט אויפן פערד פאַר איר און זי האָט צו מיר געשמייכלט.

„כ'בין דעמאָלט געווען יונג, שטאַרק און פול מיט האָ-פענונג. איך האָב געגלויבט, אַז כ'גיי איינגעמען די גאַנצע וועלט, אַז כ'מעג אַפילו אויסקלייבן דערצו די מיטלען... ליידער! כ'האָב נאָר באַוויזן שנעל דורכצושוועבן איבער זיין אויבער-פלאַך! זי איז געווען נאָך יונגער פון מיר: אַ קוים פריש אַנטוויקלטער קנאָספּ — איך געדענק, ווי איינמאָל האָב איך דערזען אויף דער גאָרטן-באַנק, אויף וועלכער מיר זענען געזעסן, אויך די ליאַלקע אירע נישט ווייט פון אונז. מיר האָבן צו זיך געזאָגט; „בעת מיר וועלן שוין זיין אַלטע לייט, וועלן מיר ווידער אַריינגיין צוזאַמען אין דאָזיקן פּאַרק אַריין, ס'וואָרז" מיר האָבן זיך געליבט... דו פאַרשטייסט מיך, אַננע... כ'האָב נישט קיין צייט לאַנג צו רעדן, אָבער דו פאַרשטייסט, אַננע, אַז דידאָזיקע עטלעכע רעליקוויעס פון זכרונות, וועלכע כ'גיב דיר צופעליק איבער, זענען שיין, שענער, ווי מ'קאָן זיך משער זיין!

„זי איז געשטאָרבן פרילינג-צייט, אין זעלבן מאָמענט — כ'האָב פאַרגעדענקט דעמדאָזיקן פּרט — ווען צוליב דער שוין אָפיציעל פעסטגעשטעלטע דאַטע פון אונזער חתונה, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו דוצן. מיר זעמיר ביידע געפאַלן אַ קרבן פון אַ שרעקלעכער מגפה, וועלכע האָט חרוב געמאַכט אונזער לאַנד. איך האָב גובר געווען דידאָזיקע קרענק. זי האָט נישט געהאַט קיין קראַפט זיך אַרויסצורייסן פון דאָזיקן שרעקלעכן מחבל. דאָס איז געווען מיט פינף און צוואָנציק יאָר צוריק. פינף און צוואָנציק יאָר, אַננע, טיילט אָפּ איר טויט פון מיינעם.

„און אָט איז דאָס טייערסטע געהיימניש: איר נאָמען...

ער האָט אים אַרויסגעשעפּטשעט שטילערהייט. כ'האָב נישט דערהערט.

— אַננע, חזר מיר איבער דעם נאָמען.

זי האָט איבערגעחזרט אומבאַשטימטע זילבן, וועלכע האָבן מטושטשדיק דערגרייכט צו מיינע אויערן; כ׳האָב זיי נישט געקאָנט פאַרבינדן אין אַ וואָרט, מחמת מ׳האָט געדאַרפט הערן זייער דייטלעך, כדי צו קאָנען אויפכאַפּן אַן אומבאַקאַנטן נאָמען; אנדערע טיילן פון זאַץ דערגאַנצן זיך, רופן זיך אַליין אַרויס, אָבער דער נאָמען איז אינגאַנצן אָפּגעזונדערט.

די שטים פון זיינע זכרונות האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, און איז פאַרזונקען ווי דער טאָג:

— איך פאַרטרוי דיר דעמדאָזיקן סוד, מחמת דו ביסט דאָ, ווען דו זאָלסט דאָ נישט געווען זיין. וואָלט איך אים אָנפאַרטרויט עמיצן אַנדערש, ווען ס׳זאָל נישט זיין, אַבי אים מציל צו זיין פון טויט.

* * *

דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געמאָסטענער און קלאַנגלאָזער שטים, כדי זי זאָל אים קאָנען דינען ביז צום סוף:

— כ׳האָב זיך נאָך אויף אַן אַנדער זאַך מתוודה צו זיין, אויף אַ זינד און אַן אומגליק...

— צי האָסטו זיך נישט מתוודה געווען פאַרן גלח? — האָט געפרעגט די פרוי דערשטוינט.

— כ׳האָב אים כמעט גאָרנישט געזאָגט — האָט געענטפערט אויסמיידנדיק דער אַלטער.

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן מיט אַ שטילער, רויקער שטים:

— בעת אונזער תנאים-צייט האָב איך אָנגעשריבן פיל לידער, פּאָעמעס וועגן אונז גופא. דער כתב-יד האָט געטראָגן דעמזעלבן נאָמען וואָס זי, מיר פלעגן צוזאַמען לייענען דידאָזיקע לידער און מיר פלעגן זיי ליב האָבן און זיי באַוואונדערן צוזאַמען. „דאָס איז שיין, דאָס איז שיין!" פלעגט זי זאָגן, פאַטשנדיק אין די הענט, בעת כ׳פלעג איר פאָרלייענען עפּעס אַ ניי געדיכט. און בעת מיר פלעגן זיין צוזאַמען, האָבן מיר תמיד געהאַט אונטער דער האַנט דעמדאָזיקן מאַנוסקריפּט —

לויט אונזער מיינונג איז עס געווען דאָס שענסטע בוך, וואָס איז ווען ס'איז אָנגעשריבן געוואָרן. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דידאָזיקע שירים זאָלן ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט און אַרויסגיין פֿון אונזער רשות. איינמאָל האָט זי מיר אין גאָרטן אַרויסגעזאָגט איר ווילן: „קיינמאָל! קיינמאָל!” האָט זי אויסגערופֿן. און זי האָט איבערגעחזרט ווי אַ קליין פֿאַרעקשנט מיידעלע דאָסדאָזיקע וואָרט, וועלכעס האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין צו גרויס פֿאַר איר, טרייסלענדיק מיט איר חנעוודיק קעפּל, אויף וועלכן ס'האָבן געטאַנצט די העלע לאָקן.

די שטים פֿון דעם מאַן איז געוואָרן גלייכצייטיק שטאַרקער און ציטעריקער, דערגאַנצנדיק און באַלעבנדיק די ווינציקע שטריכן פֿון דער אַלטער געשיכטע.

— אַן אַנדערש מאָל, בעת פֿון באַגינען אָן איז געגאַנגען אַ רעגן, אַ לאַנגער, איינטאָניקער רעגן; זענען מיר געזעסן אין דער אָראַנזשעריע; זי האָט געזאָגט: „פֿיליפּ”, אַזוי ווי דו זאָגסט עס צו מיר.

ער האָט איבערגעריסן אַ ווײַלע, דערשטוינט פֿון דער צו איינפֿאַכער פּשטות פֿון דעם אַרויסגעזאָגטן זאַץ.

— זי האָט מיך געפֿרעגט: „צי קענסטו די געשיכטע פֿון ענגלישן מאָלער ראָסעטי?” און זי האָט מיר דערציילט דעמדאָזיקן עפּיזאָד, וועלכער האָט געמאַכט אויף איר אַזאַ לעבהאַפֿטן איינדרוק. ראָסעטי האָט געהאַט צוגעזאָגט דער דאַמע פֿון זיין האַרץ, איבערצולאָזן בײַ איר אויף תּמיד דעם כּתב־יד פֿון דעם בוך, וועלכעס ער האָט פֿאַר אירעטוועגן אָנגעשריבן, און ווײַבאַלד זי וועט שטאַרבן, דאַן וועט ער דאָס בוך צוזאַמען מיט איר גוף אין אָרון פֿאַרמאַכן. זי איז געשטאָרבן, און ער האָט טאַקע אַזוי געטון און באַגראָבן דעם כּתב־יד צוזאַמען מיט איר. שפּעטער אָבער, געפּייניקט פֿון דער תּאווה נאָך רום, האָט ער געבראָכן זיין שבועה און אויפֿגעריסן דעם קבר. „אויב כ'וועל שטאַרבן פֿריער פֿאַר דיר, פֿיליפּ, וועסטו מיר מיטגעבן דיין בוך אין קבר אַריין און וועסט עס נישט דערנאָך צוריקנעמען, אמת? — האָט זי לאַכנדיק געפֿרעגט, און איך האָב לאַכנדיק צוגעזאָגט.

„ביסלעכווייז האָב איך זיך אומגעקערט צום געזונט.

ווען כ׳בין שוין געהאַט אַביסל געקומען צו מיינע כוחות, האָט מען מיר צוויסן געטון, אַז זי איז געשטאָרבן. בעת כ׳האָב שוין געקאָנט אַרויסגיין אין גאַס, האָט מען מיך אַהינ־געפירט צו איר קבר: די גרויסע פאַמיליען־מצבה האָט פאַ־האַלטן ערגיץ אין דער טיפעניש דעם פרישן, קליינעם אָרון.

צוואָס דערציילן דעם עלנט פון מיין טרויער?.. אַליין דערמאָנט מיך אָן איר. כ׳בין געווען פול מיט איר, און זי איז שוין נישט געווען! מחמת מיין זכרון איז געווען אָפּגע־שוואַכט, האָט מיך יעדער ממשותדיקער פרט אַרויפגעבראַכט אויף עפעס אַ נייער דערינערונג; מיין טרויער איז געווען אַ שרעקלעכער תחית־המתים פון מיין ליבע. דער אָנבליק פון דעם כתב־יד האָט מיך דערמאָנט אָן מיין צוזאָג. כ׳האָב איך איינגעשלאָסן אין אַ שאַכטל, נישט איבערלייענענדיק צומאָל די פאַפּירן. די לאַנגזאַמע רעקאָנוואַלעסצענץ האָט אינגאַנצן זי אָפּגעשווענקט מיין מוח — כ׳האָב דעם כתב־יד נישט גע־וואָלט מער קענען. כ׳האָב אויסגעפועלט מ׳זאָל עפענען דעם קבר, כדי אַריינצורוקן אין אָרון דאָס בוך, לויטן ווונטש פון דער געשטאָרבענער. דער דינער, וועלכער האָט דאָס בייגע־ווינט, האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳האָט עס איר אַריינגעלייגט אין די הענט אַריין.

„איך האָב געלעבט. כ׳האָב געאַרבעט. כ׳האָב געפּרוּווט צו שאַפן אַ ווערק. כ׳האָב געשריבן דראַמען און פּאָעמעס: אָבער קיינזאַך האָט מיך נישט באַפרידיקט, און ביסלעכווייז האָב איך דערשפירט אַ באַדערפעניש גאָר אונזער בוך.

* *
*

כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס בוך איז געווען אויסריכטיק און שיין. און האָט אינגאַנצן געצאַפּלט מיט צוויי הערצער. וועלכע האָבן זיך עס איינאַנדער געשאָנקען. און דאַן, מיט דריי יאָר שפּעטער, האָב איך בגוואַלד געפּרוּווט אָנשרייבן אויפ־סניי דידאָזיקע פּאָעמעס — כדי זיי צו באַווייזן פאַר מענטשן. אַנבע, מ׳דאַרף האָבן מיטלייד מיט אונז אַלעמען! — כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז דאָס איז נישט געווען בלויז, ווי באַ

דעם ענגלישן מאָלער, די תאווה נאָך רום און כּבוד, וועלכער האָט מיך געהייסן פאַרמאַכן די אויערן פאַר די צאַרטע, אַזוי אָנמעכטיק מאָנענדיקע שטים, וועלכע האָט צו מיר גערופן פון דער פאַרגאַנגענהייט: „דו וועסט עס מיר נישט צוריקגע־מען, פיליפ"...

„דאָס איז נישט געווען בלויז, כּדי צו גרייסן זיך אין די אויגן פון מענטשן מיט אַ ווערק, וועלכעס האָט געשעפּט ווין רייצנדיקע שיינקייט אין דעם אַמאָליקן. כ'האָב זיך אויך געוואָלט דאָס אַלץ בעסער דערמאָנען, מחמת אונזער גאַנצע ליבע איז געווען פאַרבאָרגן און דאָזיקן בוך.

ס'איז מיר נישט געלונגען צוריק אויפצושטעלן דעם המשך פון די פּאָעמעס. די אָפּגעשוואַכטקייט פון מיינע גייס־טיקע קרעפטן, צוליב מיין קראַנקווערן, קורץ נאָכן אָנשרייבן זיי. די דריי אָפּגעלאָפענע יאָרן, אין משך פון וועלכע כ'פלעג זיך באַמיען נישט אויפצולעבן אין געדאַנק דידאָזיקע שירים, וועלכע האָבן שוין נישט געהאַט קיין לעבן פאַר זיך, דאָס אַלץ האָט גורם געווען דערצו, אַז דאָסדאָזיקע ווערק זאָל בּאַ מיר פאַרווישט ווערן אין זכּרון. טיילמאָל פלעג איך מיט גרויס מי, על־פּי צופאַל, קוים קאָנען אָפּגעפינען אין געדאַנק די טיטלען פון פּאָעמעס, אָדער עטלעכע שורות. און טיילמאָל עפּעס אַן אומקלאָרן קלאַנג פון ווערטער, עפּעס אַ צויבער־פולן אָפּהילך... כּדי צו באַשאַפן דאָס גאַנצע ווערק, וואָלט איך געמוזט האָבן דעם כּתב־יד, וועלכער איז געלעגן אין קבר...

„... און איינמאָל, באַנאַכט, האָב איך דערשפּירט, אַז איך גיי אַהין צום קבר...

„כ'בין געגאַנגען נאָך אינערלעכע קאַמפן און קווענקלע־נישן, וועגן וועלכע ס'איז אומנוצלעך צו דערציילן, מחמת דידאָזיקע ראַנגלענישן אַליין זענען געווען אומנוצלעך... און בעת איך האָב זיך געשלייכט לענגאויס דער בית־עלמין־מויער, בעת דער קאַלטער ווינט האָט מיר פאַרפרירט די פיס, האָב איך געטראַכט וועגן יענעם, דעם ענגלענדער, וועגן מיין ברו־דער, וועלכער איז ענלעך געווען צו מיר אין עלנטקייט און פאַרברעכערישקייט. און כ'האָב אין זיך כּסדר איבערגעחזרט: „דאָס איז נישט דיזעלבע זאַך", און דאָסדאָזיקע משוגענע וואָרט איז

בענוג געווען, אז איך זאָל ווייטער פאָרזעצן מיין וועג.

כ'האָב זיך אַ ווײַלע געישובט, צי כ'זאָל מיטנעמען אַ לאָמטערל: מיט ליכט וואָלט עס געגאַנגען שנעלער; כ'וואָלט באַלד אָפּגעפינען דעם אָרון און בלויז דאָס שאַכטל אָנגערירט — אָבער כ'וועל אויך דאָס איבעריקע זען! — ניין, ניין, כ'וויל שוין גלייכער אָנטאַפּן אין דער פינצטער... כ'האָב צוגעלייגט צו מיין פנים אַ טיכל, וועלכעס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט פּאַרפום — כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם שקר פון דאָזיקן ריח. די ערשטע זאַך, וועלכע כ'האָב אויף איר אָנגעטירט, האָב איך מתחילת נישט דערקענט, צוליב דעם גרויליקן פחד, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט... איר האַלזבאַנד, דער ציזעליזירטער האַלזבאַנד... פונקט ווי לעבעדיק... דאָס שאַכטל... דער בר-מינן האָט עס מיר אָפּגעגעבן מיט עפּעס אַ מין פייכטן שאָרך... עפּעס אַזוינס האָט מיך באַרירט, גאַנץ לייכט...

„כ'האָב דיר נאָר געוואָלט אָנוואַרפן, אַננע, עטלעכע ווערטער. כ'האָב געטראַכט, אז ס'וועט מיר שוין נישט קלעקן קיין צייט, כדי דיר צו דערציילן. ווי אַזוי דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען. אָבער ס'איז גלייכער פאַר מיר, אַז דו ווייסט עס געוויס. דאָס לעבן, וועלכעס איז געווען פאַר מיר אַזוי גרויזאַם, איז מיר זיס אין דערדאָזיקער רגע, בעת דו הערשט מיך אויס, דו, פאַר וועמען דאָס לעבן שטייט ווײַמער אָפֿן; און דער בגער אויסצודריקן דאָס, וואָס איך האָב אָפּגעפילט, דאָס אויפלעבן די פאַרגאַנגענהייט, וועלכעס איז געוואָרן מיין קללה אין משך פון די טעג, וועלכע כ'האָב דיר אָקאָרשט געשילדערט, האָט זיך אין היינטיקן אָוונט פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה, וועלכע פליסט פון מיר צו דיר און פון דיר צו מיר".

און די יונגע פרוי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים אין איר טיפער אויפמערקזאַמקייט; זי איז געבליבן שווייגנדיק און אומבאַוועגלעך. וואָס האָט זי געקאָנט זאָגן, וואָס האָט זי געקאָנט אים געבן עפּעס בעסערס, עפּעס זיסערס, איידער איר דאָזיקע ערנסטע אויפמערקזאַמקייט.

•

•

„אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט האָב איך געלייענט דעם
אַרויסגעגעבענעם מאַנוסקריפּט. שוין־זשע איז דאָס נישט געווען
דער איינציקער אויסוועג, כּדי צו פאַרגעסן אָן איר טויט, און
צו טראַכטן וועגן איר לעבן ?..

„כ׳האָב אָבער גאַנץ גיך באַמערקט, אַז דידאָזיקע שירים
זענען נישט געווען דאָס, וואָס איך האָב דערוואַרט.

„די פּאָעמעס האָבן זיך מיר אויסגעוויזן אומגעהויער
מליצהדיק, אומקלאָר און צעצויגן. דאָס בוך, וועלכעס כ׳האָב
אַזוי לאַנג היילִיק און טייער געהאַלטן, האָט נישט געהאַט קיין
גרעסערן ווערט ווי דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב דערנאָכדעם אָנגע-
שריבן. כ׳האָב זיך דערמאָנט, טריט נאָך טריט, אָן דער גאַנ-
צער אומגעבונג, פאַקטן, זשעסטן, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך
געשטיצט דידאָזיקע שירים, און נישט קוקנדיק אויפן דאָזיקן
תחית־המתים, האָב איך איינגעפונען, אַז זיי זענען דורכויס
באַנאַל, אָדער צופיל אָנגעבלאָזן.

„ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכער יאוש, בעת
כ׳האָב אַזוי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פאַר דידאָזיקע רעשטלעך
פון אַמאָליקן געזאַנג. דער אויפהאַלט אין קבר האָט אויסגעוויזן
צו האָבן פאַרקריפּלט מיינע געדיכטן און אָפּגענומען ביי זיי
די נשמה. זיי זענען געווען פונקט אַזוי נעבעכדיק, ווי די
אויסגעטרוקנטע האַנט, פון וועלכער כ׳האָב זיי אַרויסגעריסן.
און זיי זענען דאָך געווען אַזוי האַרציק ! „ס׳איז שיין, ס׳איז
שיין !“ פלעגט אויסרופן אַזויפיל מאָל דאָס קליינע גליקלעכע
שטימעלע, און אירע הענט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן מיט
פאַרגעטערונג.

„אָבער דעמאָלט איז די שטים און די געדיכטן נאָך
לעבעדיק געווען. די היץ און דאָס שיכּרות פון דער ליבע
האָבן באַצירט מיינע גראַמען מיט אַלע זייערע גאָבן. דאָס
אַלץ האָט געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אין דער ווירק-
לעכקייט האָט שוין מיין ליבע נישט געלעבט מער.

„בעת כ׳האָב געלייענט מיין בוך, האָב איך בלויז אי-
בערגעלייענט דאָס פאַרגעסענע... יאָ, ס׳איז געווען אַ מין אָנ-
שפּעקונג פון דעם טויט. יאָ, מיינע שירים זענען געבליבן
צו לאַנג אין דער שטילקייט און אין שאָטן. אָך, צו לאַנג

איז אויך זי דאָרט אונטן געלעגן, זי, וועלכע איז געשלאָפן אונטער דר׳ערד מיט איר שרעקלכער מנוחה, אין איר קבר, אין וועלכן כ׳וואָלט נישט געוואַגט אַרייַנצודרינגען, ווען זי וואָלט אַפילו געקאָנט לעבעדיק ווערן דורך מיין ליבע. זי איז שוין געווען אַיינ- דעראמתן טויט.

„און איך האָב געטראַכט, אַז מיין טאַט איז געווען אַן אומנוצלעכע שענדונג — און אַז אַלע צוזאָגענישן און שבועות דאָ אויף דר׳ערד זענען אַ בחנמדיקע, אומנוצלעכע שענדונג.

„זי איז שוין באמת געווען טויט. אַך! ווי איך האָב זי באַוויינט אין יענער נאַכט! דאָס איז געווען מיין אמתע טרוי- ער-נאַכט... האָט מען פאַרלוירן אַ געליבט וועזן, דאַן קומט נאָכן ערשטן ברוטאַלן, גרויזאַמען קלאַפּ איין אָרימע רגע, אין וועלכער דער מענטש הייבט ערשט אָן רעכט צו באַגרייפן, אַז אַלץ איז צו ענדע; און דעמאָלט אַנטהילט זיך דער גאַנצער יאוש, נעסטעט זיך איין אומעטום און נעמט אָן ריזיקע פאָר- מען. אַזעלכעס איז געשען אין דערדאָזיקער נאַכט. כ׳בין באַ- הערשט געוואָרן דורכן פחד פון מיין פאַרברעכן און דורך דער אַנטוישונג אין די פּאָעמעס. אָבער אָט די אַנטוישונג איז גרעסער געווען ווי מיין פאַרברעכן, גרעסער געווען ווי אַל דאָס איבעריקע!

„כ׳האָב זי ווידער געזען אין געדאַנק. ווי שיין זי איז געווען מיט אירע לעבהאַפטע און ליכטיקע באַוועגונגען, מיט איר חנעוודיקייט און באַהאַרצטקייט, מיטן שמייכל, וואָס האָט אומאויפהערלעך פון איר אַרויסגעשטראַלט, מיט דער אומענד- לעכער צאָל פראַגן, מיט וועלכע זי פלעגט תמיד פאַרוואַרפן... איך האָב ווידער געזען אויף אַ העל-גרינעם, זון-באַשטראַלטן רויזן-פלאַץ דאָס סאַמעטענע, שימערירנדיקע פאַלבן-שפּיל פון איר קלייד (פון אַלטן, העל-ראָזיקן זייד). איינמאָל בעת זי האָט זיך איינגעבויגן און צונויפגעצויגן מיט ביידע הענט דאָסדאָ- זיקע קלייד, האָט זי גענומען באַטראַכטן אירע קליינע פיס- לעך (און פונוייטנס האָט געשיינט דער ווייסער פיעדעסטאַל פון אַ סטאַטוע).

„איינמאָל האָב איך זיך אַמוזירט, באַטראַכטנדיק פון גאַנץ נאָענט איר הויט, כדי צו געפינען אויף איר עפּעס אַ

פעלער: און כ'האָב נישט אַנטדעקט דעם מינדסטן פגם נישט אויפן דאָזיקן מילדן שטערן, נישט אויף די באַקן, נישט אויפן קין און נישט אויפן צאַרטן, בלאַנקן פנים, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע אין זיין אייביקער לעבהאַפטיקייט, כדי זיך אונטערצוגעבן מיינע באַטראַכטונגען. און זייענדיק גערירט ביז טרערן, האָב איך געשטאַמלט אַליין נישט ווּסנדיק וואָס כ'זאָג: „דאָס איז צופיל... דאָס איז צופיל...״

„זי איז געווען די פרינצעסין פאַר אַלע, וואָס האָבן זי באַגעגנט. אין די גאַסן פון שטאָט, האָבן זיך די קרעמערס געשעצט גליקליך, ווען זי פלעגט פאַרבייגייענדיק זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע לעבן זייער שוועל; און אַלע, אַפילו די אַלטע לייט פלעגן זיך צו איר דערנענטערן מיט רעספעקט. שוין זשע האָט זי נישט אויסגעזען ווי אַ קיניגין, בעת זי האָט גערוט אויף דער גרויסער, שטיינערנער באַנק אין פּאַרק, האַלב ליגנדיק, צוגעטוליעט צו דעם ברייטן ווענטל — די דאָזיקע גרויסע, שטיינערנע באַנק, וועלכע איז איצט געווען אַ מין פוסטער קבר...

„כ'האָב אויפבאַהאַלטן עטלעכע פרטים פון איר: אַ ווייסער פעכער, — וועלכער איז שוין איצט אַזוי טויט, — איר קליינע הענטשקע, איינגאַנצן איצט אַ קאַלטע; די דורך איר געשריבענע בריוו, וועלכע זענען איצט געלעגן אַזוי אומפאַרשעמט אויפגעמאַכט...

„אַך! אין אָט-דער איינער, אין תהום פון צייט פאַרפליגענער רגע, האָב איך דערפילט, ווי שטאַרק כ'האָב זי געליבט, זי, וועלכע איז געווען לעבעדיק, און איז געשטאָרבן, זי, וועלכע איז געווען זון און לעבנס-געשריי, און איצט ליגט זי אונטער דער ערד ווי אַ פינצטערער קוואַל.

„און כ'האָב אויך געוויינט איבער דעם מענטשלעכן האַרץ. אין יענער נאַכט האָב איך גריילעך פאַרשטאַנען מיין געפיל. דערנאָך איז געקומען דאָס פאַרגעסן, ס'זענען געקומען די רגעס, אין וועלכע ס'האָט מיר שוין נישט מצער געווען די דערינערונג וועגן דעם, אַז כ'האָב אַמאָל געוויינט.

* * *

„אָט איז די ווידוי, וואָס כ'האָב דיר געוואָלט אָנפּאַר־טרויען, אַננע... כ'האָב געוואָלט, אַז דידאָזיקע ליבעס־געשיכטע, וועלכע איז שוין אַלט אַ פערטל יאָרהונדערט, זאָל נאָכנישט זיין צו ענדע. דאָס איז געווען אַזוי צאַפּלדיק און אַזוי רע־אַל, דאָס איז געווען אַזאַ גרויסע זאַך, אַז איך דערצייל עס מיט דער גאַנצער פּשוטקייט דיר, וואָס וועסט לעבן ווייטער...

„פון דעמאָלט אָן האָב איך דיך ליב באַקומען, און איך ליב דיך! דיר, אַלס די העכסטע פאַר מיר און די איינציקע, גיב איך איבער דאָס בילדל פון דאָזיקן קליינעם נפשל, וועל־כעס וועט תמיד האָבן זיבצען יאָר..."

ער האָט אַ זיפץ געטון, און האָט געלאָזט פאַלן דעם־דאָזיקן זאַץ, וועלכער האָט מיר נאָך אַמאָל באַוויזן די אָרימ־קייט פון דער רעליגיע אין מענטשלעכן הארץ:

— איך פאַרהערלעך און פאַרגעטער דיך אַליין, איך, וואָס האָב זי פאַרגעטערט. אַך! ווי איז דאָס מעגלעך, אַז ס'זאָל פאַראַן זיין אַ גן־עדן, אין וועלכן מ'געפינט אָפּ דאָס גליק!..

זיין שטים דערהויבט זיך, זיינע אָנמעכטיקע אָרעמס ציטערן. עס פאַרלאָזט אים אויף אַ ווײַלע זיין ביזאַהעריקע אומבאַוועגלעכקייט.

— אַך! דאָס ביסט דו, דאָס ביסט דו! דו אַליין!

און עס רייסט זיך אַרויס פון אים אַ גרויסער, גרעני־צ־לאָזער אויסגעשריי.

— אַך, אַננע, אַננע, ווען איך וואָלט אינדעראמתן גע־ווען חתונה געהאַט מיט דיר, ווען מיר וואָלטן געווען געלעבט ווי מאַן און ווייב, ווען מיר וואָלטן געוועזן געהאַט קינדער, ווען דו וואָלסט געווען לעבן מיר, ווי היינטיקן אָוונט, אָבער אינ־דעראמתן לעבן מיר!

ער איז צוריקגעזונקען. ער האָט דאָס אויסגעשריגן אַזוי־הויך, אַז ווען ס'וואָלט אַפילו נישט געווען דערדאָזיקער שפּאַלט אין דער מויער, וואָלט איך אים אַזוי אויך געהערט אין מיין צימער. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין גאַנצן אומדערגרייכבאַרן חלום, ער האָט אים פוגאַנדערגעשפּרייט אַרום זיך משוגענער־הייט. דידאָזיקע גלייכגילטיקע צו אַלץ אויפריכטיקייט האָט גע־

האָט אין זיך עפּעס אָן אומגעהויערע טיפעניש, וועלכע האָט מיר דערדריקט דאָס האַרץ.

— זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל... דאָס איז כמעט אַ לעסטערונג... כ'האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן...

זיינע ווערטער זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן: זיין פּנים האָט זיך באַרויקט אונטערן דרוק פון ווילן, זיין מויל איז אַנטשוויגן געוואָרן אויפן באַפעל פון דער נשמה; אָבער זיינע אויגן האָבן אויסגעזעזן צו זיפצן.

ער האָט איבערגעחזרט שטילער שוין, גלייך ווי פאַר זיך גופא: „דו... דו..."

ער איז איינגעשלאָפן מיטן דאָזיקן וואָרט „דו" אויף די ליפּן...

• •
•

ער איז געשטאָרבן אין דערדאָזיקער נאַכט. כ'האָב אים געזען שטאַרבן. דורך עפּעס אַ מאָדנעם צופאַל איז ער אין מאָמענט פון זיין פּטירה געווען אַליין.

ס'איז נישט געווען קיין כאָרכלען, קיין גסיסה, אין איינגבטלעכן זין פון וואָרט. ער האָט זיך נישט איינגעקראַמפּט מיט די פינגער אָן דער קאָלדרע, ער האָט נישט גערעדט, נישט געשריגן. ס'איז נישט געווען קיין לעצטער זיפץ, נישט קיין אויפשיינען פון פּנים. ס'איז קיינזאַך נישט געווען.

ער האָט געבעטן אַננען, זי זאָל אים געבן עפּעס צו טרינקען. און אַזוי ווי אין שטוב איז שוין נישט געווען קיין וואַסער, און די וועכטערין איז גראָד געהאַט אַרויסגעגאַנגען, איז אַננע שנעל אַרויסגעלאָפן, כדי אים צו ברענגען וואַסער. זי האָט צומאָל די טיר נישט פאַרמאַכט.

דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט אָנגעפילט דאָס צימער.

כ'האָב אַ קוק געטון אויפן פּנים פון דעם אַלטן און כ'האָב דערשפּירט, דורך עפּעס אַ געהיימנישפולן סימן, אַז ער איז אין דערדאָזיקער רגע פאַרזונקען געוואָרן אין דעם גרויסן שטילשווייגן.

און דאַן האָב איך צו אים אינסטינקטיוו אויסגעשריגן,

כ'האָב זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון דאָזיקן אויסגעשריי כדי ער זאָל זיך נישט פילן אַליין אין דערדאָזיקער רגע:

— איך זע דיך!

מיין אויסטערלישע שטים, אָפּגעוווינט פון רעדן, איז אַריינגעדרונגען אין זיין צימער.

אָבער ער איז אויסגעגאַנגען אין דערזעלבער רגע, ווען איך האָב אים געגעבן דידאָזיקע נדבה פון אַ משוגענעם. זיין קאָפּ האָט זיך לייכט פאַרשטייפט אַהינטער, און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרגלייזט.

אַננע איז צוריקגעקומען. זי האָט מיך געמוזט דערהערן פונווייטנס, מחמת זי איז שנעל אַריינגעלאָפן.

זי האָט דערזען דעם טויטן. מיט איר גאַנצן כוח, מיט דער גאַנצער קראַפט פון איר קערפּער האָט זי אַרויסגעלאָזט אַן אימהדיק געשריי. דאָס איז געווען אַ לויטער און אמתדיק אַלמנה-געשריי. זי האָט אַנידערגעקניט פאַר דעם בעט.

די וועכטערין איז איר גלייך נאָכגעקומען און האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל. ס'האָט געהערשט שטילקייט, דער אויפבליק פון אומגלויבלעכן עלנט — אַ שטילשווייגן, אין וועלכן איטלעכער, ווער ער זאָל נישט זיין און ווו ער זאָל נישט זיין, פאַרזינקט לגמרי פאַרן בעט פון אַ בר-מינן. ביידע פרויען האָבן געקוקט אויף דעם, וועלכער איז דאָרט געלעגן אויסגעצויגן שטייף און אומבאַוועגלעך, גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט; אויך זיי ביידע זענען כמעט געווען טויט.

דערנאָך האָט זיך אַננע צעוויינט ווי אַ קינד. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דר'ערד; די וועכטערין איז געגאַנגען רופן מענטשן. אַננע, וועלכע האָט געטראָגן אַ העלע בלוזע, האָט אינסטינקטיוו גענומען דעם שוואַרצן שאַל, וועלכן די אַלטע פרוי האָט איבערגעלאָזט אויף אַ שטול, און זי האָט זיך איינגעהילט אין אים.

* *
*

דאָס צימער, וועלכעס איז די לעצטע צייטן געווען איינ־
זאם און פאַראומערט, האָט זיך אָנגעפילט מיט לעבן.
מ׳האָט אָנגעצונדן ליכט אומעטום. די שטערן, וועלכע
מ׳פלעגט זען ביזאהער דורכן פענצטער, זענען פאַרשוווּנדן.
... מ׳האָט געקניט, מ׳האָט געוויינט, מ׳האָט צו אים
מתפלל געווען. ער האָט באַפוילן; מ׳האָט כּסדר געזאָגט: ער.
ס׳האָבן זיך באַוויזן קעפּ פון דינער, וועלכע כ׳האָב ביזאָהער
נישט באַמערקט, אָבער וועלכע האָבן אים גוט געקענט, אים.
ס׳האָט אויסגעזען, ווי די אַלע לייט וואָלטן געבעטלט אַרום
אים, אַז זיי האָבן געליטן, געשטאָרבן — און אַז ער איז
געווען לעבעדיק.

— ער האָט געמוזט שטאַרק ליידן אין די לעצטע רגעס—
האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן אינדערשטיל צו דער
וועכטערין.

— אָבער ער איז דאָך שוין געווען אַזוי שוואַך, דער
אָרימער, נעבעך!

— דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי אויס, אַז אַן אָפּגעשוואַכ־
טער מענטש קאָן שוין נישט ליידן — האָט אָפּגעענטפערט דער
דאָקטאָר.

* * *

דער בלאַסער שיין פון פרימאָרגן האָט איינגעהילט די־
דאָזיקע פאַרמאַטערטע פנימער און אָנגעצונדענע ליכט.
דער אויפוואַכנדיקער טאָג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן
קאַלט און סובטעל, האָט אָנגעפילט מיט עפּעס אַן איבלקייט
די לופט פון צימער און זי געמאַכט שווערער און מוטנער.
עפּעס אַ טויבע, פאַרשעמטע שטים האָט מיטאַמאָל אי־
בערגעריסן די שטילקייט, וועלכע האָט שוין אַזוי געדויערט
שעהנלאַנג:

— מ׳דאַרף נישט אויפמאַכן דאָס פענצטער; דער קער־
פּער וועט שנעלער פאַרדאָרבן ווערן.

— ס׳איז דאָ קאַלט — האָט עמיצער געמורמלט.
עמיצער האָט אויף זיך גענומען אַ פוטער... אַן אַנדע־

רער איז אויפגעשטאַנען און זיך צוריק אַנידערגעזעצט... עמי־צער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ... מיהאָט געהערט עפּעס אַ זיפצן.

ס'האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט זיך באַנוצט מיט די קנאָפּע, אָקאָרשט אַרויסגערעדטע ווערטער, כּדי אַרויסצוקריגן זיך אויף אַ ווײַלע פון דאָזיקן פרירנדיקן שטילשווייגן. דערנאָך האָבן זיך ווידער די בליקן געווענדט צו דעם טויטן, וועלכער איז דאָרט געלעגן אין זיין באַליכטענער קאַפּליצע, שטאַר, אומבהמנותדיק שטאַר, ווי דאָס געקרייציקטע, הייליקע בילד, וועלכעס רוט אין די טעמפּלען.

ס'שיינט מיר, אַז כ'בין אָקאָרשט איינגעשלאָפן אויף מיין בעט... אָבער עס מוז נאָך זיין גאָר פרי... מיטאַמאָל האָט זיך פון גראָען הימל געלאָזט הערן אַ קירכן־געקלאַנג.

נאָך דערדאָזיקער ווייטיקלעכער נאַכט, הייבן די נערוון אָן זיך אויפצושפּאַנען און וועקן פון דער בר־מינגדיקער אומבאַ־וועגלעכקייט; צוזאַמען מיט דידאָזיקע קלאָקן־קלאַנגען נעמט מיך אַרום עפּעס אַ מאָדנע מתיקות און ציט מיך מיט געוואַלט צו די זכרונות פון דער קינדהייט... איך טראַכט וועגן דעם מיר אַזוי נאָענטן דאָרף, וועלכן די גלאָקן־טענער הילן אַרום מיט אַ צאַרטן, בלאָען הימל. איך טראַכט וועגן אַ היימלאַנד פון מנוחה, ווו אַלצדינג איז גוט, ווי דער שניי באַטייט ווייַ־נאַכט־יום־טוב, ווו די זון איז אַ וואַרימע שילד, צו וועלכער מ'קאָן און מ'מוז אַרויפקוקן... און אינמיטן פון דעם אַלעם, תּמיד אינמיטן פון אַלעם — די קירכע.

ס'האָט זיך געענדיקט דאָס קלינגען. דער העלער אָפּ־הילך שטילט זיך מילד איין, און דער עכאָ פון זיין עכאָ... אָט איז אָן אַנדער געקלאַנג: די שעה. אַכט אַ זייגער, אַכט קלינגענדיקע אָפּגעריסענע קלעפּ, וועלכע פאָלגן איינער נאָכן אַנדערן מיט אַזאַ שרעקלעכער רעגלמעסיקייט, מיט אומבאַזיג־באַרער רויקייט און פּשטות. מען ציילט זיי, און בעת זיי האָבן אויפגעהערט צו שלאָגן אין דער לופט, מוז מען זיי אויפסניי איבערציילן. די צייט, וועלכע גייט פאַרביי... די אָנ־פאָרמיקע צייט, און דעם מענטשנס טירחא גיט איר צו אָרדע־

נונג און רעגלמעסיקייט; זי שאַפט פון דער צייט אַ מייסטער-ווערק פון גורל.

און איך טראַכט וועגן דער גרויסער סימפאָניע פון די ביידע הימלישע מאָטיוון.

די העלע טענער זייען מיט ליכט... זיי ווערן וואָס אַמאָל געדיכטער, און דער אויסגעשטערנטער הימל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאָרגנשטערן. די קירך שטראַלט פון דעם רחבות-יקן און דעליקאַטן ליכט-ציטער, וואָס דרינגט אַפילו די מויערן דורך. דער היימישער פאָן פון די שטובן ווייזט זיך אונז אויס מילדער און פאַרטרוילעכער. די נאַטור קומט אונז פאָר שענער; אויף די בלעטער פערלט זיך דער רעגן; דער הימל איז איינגעהילט אין עפּעס אַ מין דינינקען מוסלין; דער טוי-פראָסט פאַרציט די שויבן מיט אַ סובטעלן האַפט, וואָס זעט אויס ווי אויסגעאַרבעט דורך פרויען-הענט. דער גלאָקן-געקלאַנג מילדערט און פאַרלייכטערט די שעהן און די טעג. אויף יעדן טאָג קלעקט זיין אַרבעט. בעת עס באַנייען זיך די תּקופות פון יאָר, לאָזט דער גלאָק אונז טראַכטן וועגן דעם, ווי איטלעכע פון זיי איז אַנדערש גוט; ער צייכנט אָן דעם צוקונפטיקן גורל פון די חלומות און טרוימערייען. איטלעכער מענטש איז צופרידן פון זיין לעבן און אַלע זענען פון פאָרויס געטרייסט.

צו ערשט אַ פאַרביקע, פאַרשידנאַרטיקע מחנה פון קלאַנגען, דער לייכטער, עטערישער טאַנץ פון די גלאָקן, דערנאָך איינאיינציק הארץ, פון וועלכן עס שאַלט אַרויס דאָס געשריי. דערדאָזיקער טאָן האָט אין זיך אַן אומגעהויערע פשטות. אָבער מ׳פילט, אַז ער וועט נישט האָבן קיין סוף און קיין גרעניץ, און אַז ער האָט אין זיך עפּעס פון דער הימלבלאָקייט. ער שמעלצט צונויף זיין פלי מיטן שאַל פון דער רעליגיעזער שטים, שטייגט מיט אים גלייכצייטיק אינדערהייך אויף, אָדער קריכט זיך פונאַנדער אין דעם ציטערן פון די אומצאָליקע קלעפּ, בעת יענער צעשפּרייט זיך אין טויזנטער קליינינקע גלעקעלעך...

פאַראַן אָבער עפּעס אַזוינס, וועגן וועלכן מ׳האָט פאַרגעסן, עפּעס אַזוינס, וועלכעס איז מעכטיקער ווי די פרייד,

און וועלכעס באַצייכנט מיט טויבע קלעפּ זיין פעסט איינגע־וואָרצלטע עקזיסטענץ. מ׳האָט דאָס געאַנט, און איצט הערט מען עס און מ׳פילט עס. דער אומרו וועט צעהעמערן די חלומות, וועט זיך אַריינרייסן צווישן די טרוימערישע דמיונות, אומפילבאַר לגבי דער צאַרטער לאַשטשעניש פון דער רגע, און איטלעכער שלאָג זיינער דרינגט דורך ווי עפּעס אַ שאַרפער טשוואָק.

ווי גרויס ס׳זאָל נישט זיין די פּראַכט פון דעם אַנגע־לוס־געזאַנג, די הויכע שטים פון די שעהן הילט עס איין מיט איר מנוחה. זי וואַקסט זיך פונאנדער אין טעג, אין יאָרן, אין דורות. דידאַזיקע שטים באַהערשט די וועלט. פּונקט ווי דער קירכן־גלאָק באַהערשט דאָס דאָרף. דער געשריי פון האַרצן שטעלט זיך ליידנשאַפטלעך אַנטקעגן. ער איז אָבער איינזאַם: דאָס פרומע געזאַנג ווערט נישט געשטיצט פון הימל, אָבער דאָס געזאַנג פון דער צייט ווערט פון שאָטן געשטיצט. דאָס שעהן־געקלאַנג איז אַ מעכטיקער, איינטאָניקער ריטם, און איטלעכע קלינגענדיקע התראה אירע שניידט אָפּ די אומדער־מידלעכע האָפענונג, וועלכע שטייגט אפילו אויף אין אומאויפ־הערלעכער, אייביקער באַוועגונג, אָבער זי צעשטערט נישט דעם אומשטערבלעכן מאָטיוו, דעם ענדגילטיקן אַדאַדזשיאָ, וועלכער פליסט אַראָפּ פונעם ציפערבלאַט... און די צעשמעטער־טע מעלאָדיע קאָן בלויז איר עצבות אין שיינקייט פאַר־וואַנדלען.

XIV

איך בין אַליין אין דערדאָזיקער נאַכט. איך זיץ באַם טיש און וואַך. מיין לאָמפּ זשומעט ווי דער זומער איבער די פעלדער. איך הייב אויף די אויגן. איבער מיר טראָגן די שטערן ווייט אויבן דאָס הימל־געוועלב, צו מיינע פיס ליגט די שטאָט אויסגעשפּרייט. דער האָריזאָנט אַנטלויפט אייביקלעך ערגעץ אין דער ווייטקייט. שאָטנס און ליכט שאַפן עפּעס אַן אומענדלעכן ראָד־אַרום, און איך געפין זיך אינמיטן...

כ׳בין היינט עפּעס מאָדנע אומרויק; ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט עפּעס אַן אומגעהויערע אַנגסט. כ׳האָב זיך נישט אַוועקגעזעצט, נאָר בין אַנידערגעפאַלן אַן אָנמעכטיקער אויף דער שטול. פּונקט ווי אין ערשטן טאָג, ווענד איך מיין בליק צום שפּיגל; כ׳ווער צוגעצויגן פון מיין אייגן פּנים. איך קוק זיך איין אין מיין בילד, און פּונקט ווי אין ערשטן טאָג, רייסט זיך פון מיר אַרויס איין אויסגעשריי: „איך!”

כ׳וואָלט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון לעבן. כ׳האָב געזען מענטשן, גרופּעס, זשעסטן, פּנימער. פאַר מיר האָבן אין בין־השמשות געצאַפּלט די תהומיש־טיפע אויגן פון מענטשלעכע נפשות. כ׳האָב געזען דאָס מויל, וואָס האָט, אין געפיל פון אייגענעם שטאָלץ, געזאָגט: „איך בין מער פילבאַר, איידער די איבעריקע מענטשן, איך!” כ׳האָב געזען דאָס ראַנגלעניש פון ליבע און דעם דראַנג נאָך געמיינזאַמער פאַרשטענדעניש: דעם קעגנזייטיקן אָפּזאָג פון צוויי מענטשן און דעם קאַמף פון צוויי געליבטע — די געליבטע מיטן אָנשטעקנדיקן שמייכל. וועלכע זענען געליבטע בלויז לויטן נאָמען, וועלכע פאַרוווּנדן

זיך איינאַנדער מיט די קושן, וועלכע האַלזן אַרום זייערע ווינדן, כדי זיך צו היילן, וועלכע האָבן נישט צווישן זיך קיין שום פאַרבינדונג. נישט געקוקט אויף זייער שטראַלנדיקן עקסטאַז, וועלכער טויכט אויף פונם שאָטן, זענען זיי זיך פונקט אַזוי פרעמד ווי זון און לבנה. כ׳האָב געהערט די מענטשן, וואָס בלויז אין דער ווידוי פון זייער בזיונדיקן עלנט געפינען זיי אַ קאַפּעטשקע מנוחה. כ׳האָב געזען די פּנימער, וועלכע האָבן געוויינט, בלאַסע, מיט אויגן ווי די רויזן.

כ׳וואָלט געוואָלט אַרומנעמען דאָס אַלץ פאַראַמאָל. אַלע אמתן בילדן בלויז איין איינציקן אמת. (כ׳האָב געדאַרפט דערלעבן אַזש ביז צום הייַנטיקן טאָג, כדי צו באַגרייפן די דאָזיקע, אַזוי פשוטע זאַך); אָט אָ-דעם אמת פון די אמתן ברויך איך טאַקע צו האָבן.

נישט אויס ליבע צו די מענטשן. ס׳איז נישט אמת, אַז מ׳האָט ליב די מענטשן. קיינער האָט נישט ליב געהאַט, ליבט נישט און וועט נישט ליב האָבן די מענטשן. דאָס איז פונמייבעטוועגן, — בלויז פונמיינעטוועגן אַליין גאַר איך צו דערגרייכן און אָפּגעפינען דעמדאָזיקן פולן אמת, וועלכער איז העכער פון יעטוועדער עמאָציע, העכער פון דער שלווה, וויכטיקער נאָך פון דעם לעבן גופא. כ׳וויל אין אים זוכן אַ וועגווייזער, שעפן אמונה. כ׳וויל דאַרפן געפינען מיין דערליידזונג.

איך קוק אויף די אָנגעזאַמלטע זכרונות פון זינט דער רגע, ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין דאָזיקן צימער; זיי זענען אַזוי צאָלרייך, אַז כ׳בין פאַר מיר גופא געוואָרן אַ פרעמדער, און אַז כ׳האָב שוין כמעט קיין אייגענעם נאָמען נישט; איך הער זיי. איך רוף אַרויס מיך גופא, אַריבערגעבויגן איבערן שוישפּיל פון מענטשן-געווימל, פונקט ווי גאָט בין איך, און כ׳פיל מיך אָן מיט דידאָזיקע בילדער. אַך! און אין אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פון מיין. מחשבה פרוּוו איך צו זען און צו הערן, וואָס איך אַליין בין. דאָס וואָלט געווען אַזוי שיין: צו וויסן, ווער איך בין!

איך טראַכט וועגן די אַלע, וועלכע האָבן ביז מיר געזוכט, — חכמים, פּאָעטן, קינסטלער — וועגן די אַלע, וועלכע האָבן זיך געמאַטערט, געוויינט, געשמייכלט אַקעגן דער ווירק-

לעכקייט, נאָענט פון די מירמלנע טעמפּלען, אָדער אונטער די בויגנאַרטיקע אַרקאַדן, אָדער אין די נאַכטישע גערטנער, וואָס אָטעמען מיט צאַרטן ריח פון ערד. איך טראַכט וועגן דעם לאַטײַנישן פּאָעט, וועלכער האָט געוואָלט באַרויקן און טרייסטן די מענטשן, ווייזנדיק זיי דעם אומפאַרגעפלטן אמת, די נאַקעטע, ווי אַ סטאַטוע, וואָרהייט. אַ געוויסע שטעל פון זיין פּרעלודיע קומט מיר ווידער אויפן זינען. אַמאָל האָב איך עס געלערנט, דערנאָך אַוועקגעוואָרפן און פאַרלוירן, ווי כמעט אַלץ, וואָס כ'האָב מיר געגעבן די מי זיך אויסצולערנען ביזאַהער. ער זאָגט אין זיין ווייטלעכער שפּראַך, וועלכע קלינגט באַרבאַריש אינמיטן פון מיין אַלטעגלעך לעבן, אַז ער וואַכט אין די לויטערע נעכט, כדי צו זוכן יענע ווערטער און יענע פּאָעמע, אין וועלכע ער זאָל ברענגען דער מענטשהייט די אויסלייזנדיקע געדאַנקען. זינט צוויי טויזנט יאָר זענען די מענטשן כסדר באַשעפּטיקט דערמיט, בטחון און נחמה צו זוכן. זינט צוויי טויזנט יאָר וואַרט איך אַלץ אויף דער ישועה. קיינזאַך האָט נישט געענדערט דאָס פּנים פון דער וועלט. די תורה פון קריסטוסן וואָלט עס נישט געענדערט, אַפילו ווען די מענטשן וואָלטן זי נישט געווען פאַרקריפּלט אין אַזאַ מדרגה, אַז ס'איז שוין ממש שווער זיך מיט איר ערלעך צו באַנוצן. שוין-זשע וועט ער קומען, דער גרויסער פּאָעט, וועלכער וועט באַשטימען און פאַראייביקן די אמונה, דער פּאָעט, וועלכער וועט זיין נישט קיין משוגענער, נישט קיין באַריידעוודיקער עם-הארץ, נאָר אַ חכם, אַגרויסער, אומברחמנותדיקער פּאָעט? — איך ווייס נישט, הגם די הויכע ווערטער פון דעם מענטשן, וועלכער איז דאָ נפטר געוואָרן, האָבן מיר געגעבן די אומקלאָרע האָפענונג פון זיין אָנקום און דאָס רעכט אים שוין פונפאָרויס צו פאַר-געטערן.

אָבער איך, איך! איך, וואָס בין מערנישט ווי אַ בליק פון גורל, ווי איך אַליין פלעג אים אָפטמאָל אויפכאַפּן! איך זיך דאָ פאַרזונקען אין זכרונות. און דאָך בין איך ענלעך צו אַ פּאָעט אויף דער שוועל פון אַ ווערק. אַ פאַרפלוכטער און אומפּרוכטבאַרער פּאָעט, וועלכער וועט נישט איבערלאָזן נאָך זיך קיין רום. אָבער דער צופאַל האָט מיר אַנטפּליעט דעם אמת,

װעלכן דער זשעני װאָלט מיר געװען געגעבן. אַ קרישלדיק װערק, שטערבלעך און אומצוגענגלעך פאַר אַנדערע מענטשן װי איך גופא. װעט עס פאַרגײן צוזאַמען מיט מיר! אָבער פאָרט אַ דערהויבן װערק, װעלכעס װאָלט אָנגעװיזן די יסודותדיקע ליניעס פון לעבן, און דערציילט די טראַגעדיע פון אַלע טראַגעדיעס!

* *

*

װער-זשע בין איך? איך בין דער באַגער, נישט צו שטאַרבן. און נישט בלויז היינטיקן אָװנט שטויסט מיך און טרייבט דאָס באַדערפעניש צו שאַפן דעם שטאַרקן און מעכטיקן חלום, װעלכן כ׳װעל שוין נישט פאַרלאָזן, נאָר תמיד, תמיד. מיר אַלע זענען תמיד דער באַגער נישט צו שטאַרבן. פאַרשידנאַרטיק און פלעריײאיק איז דערדאָזיקער באַגער; פונקט װי די קאָמפּליצירטקייט פון לעבן, אָבער אין תוך איז עס נאָר דאָס: װייטער לעבן, װייטער, מער זיין און מער, פונאַנדערבליען און דויערן. די גאַנצע קראַפט, ענערגיע און אינערלעכער באַװוסטזיין איגם מענטשן דינען בלויז צום עקזאַלטירן זיך אויף אַ װעלכן ס׳איז נישט אופן. דער מענטש עקזאַלטירט זיך מיט נייע איינדריקן, מיט נייע רעגונגען, מיט נייע געדאַנקען. ער שטרעבט זיך אָן צו נעמען דאָס, װאָס ער האָט נישט, כדי מוסיף צו זיין צו דעם, װאָס ער באַזיצט. די מענטשהייט — דאָס איז די תשוקה נאָך בייהייט, װאָס זאָל גובר זיין דעם פחד פאַרן טויט. אָטאָ-דאָס איז עס: כ׳האָב עס אַליין געזען, איך. די אינסטינקטיװע באַװעגונגען און די פרייע, אומגעצװוּנגענע אויסגעשרייען, זענען געװען װי סיגנאַלן, װעלכע זענען תמיד געװענדט אין דער זעלביקער ריכטונג, און אין תוך גענומען זענען אפילו די פאַרשידנסטע תערטער געװען גאַנץ ענלעך צו זיך.

* *

*

אָבער װייטער?.. װו זענען די װערטער, װעלכע באַ-

לייכטן דעם וועג פון לעבן? וויבאַלד אַזוי, וואָס־זשע איז די־ מענטשהייט אויף אָט־דער ברייטער וועלט, און וואָס איז די וועלט גופא?

איך דערמאָן זיך, איך דערמאָן זיך, פונקט ווי עמיץ, וואָס רופט נאָך הילף... אַ ווינקל־שטיין, אַ גרעניץ, אויף וועלכן ס'קאָן זיך פאַראַנקערן די הייליקע אומרויקייט: די חשיבות פון אַ מענטשלעך נפש אין קרייז פון די אַלע זאַכן, דידאָזיקע חשיבות, וואָס כ'האָב מיין גאַנץ לעבן מקדיש געווען, כדי זי צו פאַרשטיין...

די אומגעהויערקייט פון איטלעכן פון אונז: ערשטער גרויסער צייכן אין דער פינצטערניש!.. ס'איז אמת, אַז אַפילו אין די אויגן פון דעם סאַמע עניוותדיקסטן באַאָבאַכטער, פיי־ערט דאָס מענטשלעכע האַרץ זיין טרויער אָדער זיין יום־טוב צוזאַמען מיט דער גאַנצער נאַטור; ס'איז אמת, אַז אויפן פראַוואַנסאַלישן הימל זענען ב׳ייך געוואָרן די שטערן, בעת מירעל איז דערשינען לעבן איר קליינעם פענצטערל.

איך בין אינמיטן פון דעם וועלטאַל. די שטערן באַקריי־נען מיין קאָפּ. די ערד טראָגט מיך און הייבט מיך אויף. איך האַלט זיך אויפן שפיץ פון יאָרהונדערטער. אַלץ נויג איך צו מיר, די ריזיקע און די קליינע זאַכן פון גייסט און האַרץ. פאַרשטעלנדיק מיט די הענט די אויגן, מאַך איך פון טאָג נאַכט, און באַנאַכט, שליסנדיק די וויעס, פאַרהויל איך פון מיין בליק די שאָטנס פון דער פינצטערניש. פון מיר גופא הייבן זיך אָן און לאָזן זיך אויס אַלע גרויסע זאַכן.

* * *

כ'האָב אָנגעשפאַרט מיין קאָפּ אויף דער האַנט.

דאַן האָבן מיינע פינגער דערפילט די ביינער פון מיין שאַרבן: די אויגנהייל, די שלייפן, דעם קינבאַק...

אַ שאַרבן! אָבער איך קען דאָך דידאָזיקע זאַך! מיין שאַרבן איז ענלעך צו אַנדערע.

אָך! דידאָזיקע ענלעכקייט צווישן מיר און די איבעריקע מענטשן, וועגן דעם האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט. איצט

זע איך זי. איך זע, ווי דורך אַ שאָטן, מיינע ביינער. איך דערקען אין מיר גופא מיין אייביק שטויב-געשפּענסט, מיין אייגענעם סקעלעט, פּונקט ווי מען דערקענט עמיצן אַנדערש. איך באַריר און באַטאַפּ דעם טריבן און בלייכן אומגעהויער, וואָס כ'בין אין תּוך...

מיינע גרויסקייטס-חלומות זענען זיך צערונען, מחמת מיין שאַרבן איז ענלעך צו אַנדערע, צו די אַלע, וועלכע זענען געווען פאַר מיר.

וויפל-זשע זענען עס געווען אַזעלכע? וויבאַלד די מענטשהייט דאַטירט זינט הונדערט טויזנט יאָר, וואָס איז בלי-ספק גאַנץ ווייט פון אמת, און אויף דער ערד לעבן אַנדערטהאַלבן מיליאַרד איינוווינער, וועלכע באַנייען זיך אַלע דרייסיק יאָר, מאַכט דאָס אויס פיר טויזנט פינף הונדערט מיליאַרד שאַרבנס, וועלכע זענען זיך צעפאַלן אין שטויב פון זינט די מענטשהייט עקזיסטירט.

* *
*

כ'וועל גיין אין דער ערד אַריין. צוליב עפּעס אַ מחלה, אָדער אַ וווּנד, וועט אַ טייל פון מיין קערפּער נעמען שנעלער פוילן. בלי ספק וועל איך שטאַרבן פון עפּעס אַ קראַנקייט, פון אַן אַטראָפּירטן, צעבראָכענעם און געליימטן אבר — אָדער גאָר פון משוגעת, וועלכעס צעברעכט אַלדאָס איבעריקע. איך וועל שטאַרבן פון עפּעס אַ קראַנקייט, און גאָר מיין בלוט אין מיר... (כ'וואָלט ליבערשט געוואָלט פונדאַנען אַוועקגיין אין פּורפּור-גלאַנץ פון אַ וווּנד...)

און כאָטש דאָס קאָן זיך אויסווייזן מאָדנע, וועט מען מיך דאָך באַגראָבן אין דער ערד, פּונקט ווי אַלע אַנדערע. שוין ווי עפּעס אַן אָנזאָג פון דערדאָזיקער בלאָטע, באַפאַלט מיך איטלעכן טאָג דער שטויב, וועלכן כ'מוז פון מיר אָפּוואַשן, קעגן וועלכן איך ווער זיך און פון וועמען איך רייס מיך אַרויס: דאָס איז דער שוואַרצער גייסט פון דער ערד. אָ, די דערדריקנדיקע ווערטער פונם דיכטער קומען ווידער אויפן זינען!

אין דעם שוואַכן, ברעכעווודיקן אָרון, וועט מיין לייב ווערן דער רויב פון ווערים, פון דעם אומפאַרמיידלעכן געווימל פון זייערע לאַרוון, שרעקלעכער, אומגעהויערער, באַלאַגערנדי־קער איבערפאַל! לינעי האָט געמעגט באַהויפּטן, אַז דריי פליגן פאַרלענדן אַ מת פונקט אַזוי שנעל, ווי ס׳טוט עס אַ לייב.

איך עפן אַ בוך, וועלכעס כ׳האָב גראָד אונטער דער האַנט, איך פאַרטיף מיך אין די פּרטים. און דערוויס זיך, וואָס מיך דערוואַרט! כ׳לערן זיך מיין צוקונפטיקע געשיכטע.

די חיות פון בית־עלמין האָבן זייערע פעריאָדן, וועלכע פאָלגן איינער נאָכן אַנדערן; איטלעכע קומט אין זיין צייט, אַזוי־ערנאָך קאָן מען דערקענען דעם עלטער פונם מת. לויט דער מחנה, וועלכע דערנערט זיך מיט אים. און אַזוי קומען פאָר אויף די פאַרלאָזענע קערפּערס אַכט נאָכאַנאַנדעריקע עמי־גראַציעס, וועלכע אַגטשפּרעכן די אַכט פאַזן פון דער פוילנדי־קער פערמענטאַציע, דורך וועלכע דאָס אינערלעכע פון קערפּער באַקומט זיך ביסלעכווייז אין דרויסן אַרויס.

כ׳וויל זיי קענען, כ׳וויל זען פאָרויס דאָס. וואָס כ׳וועל שוין דערנאָך נישט זען — און צאַפּלען פאַר דעם, וועלכעס כ׳וועל שוין נישט אָפּפילן.

קליינע פליגן, די קורצפליגלער, באַזוכן דעם גוף עטלע־כע מינוט פאַרן טויט... כ׳וועל זיי בכן הערן. געוויסע סימנים ווייזן זיי אָן אויף דער נאָענטקייט פון אַ געשעעניש, וועלכעס וועט זיי פאַרשאַפן אין אַ שפּעדיקער מאָס שפּייז פאַר זייערע לאַרוון; זיי באַזעצן זיך בכן אין די נאָזלעכער, און אין די ווינקלען פון די אויגן, כדי דאָרט צו לייגן זייערע אייער.

קוים האָט נאָר דאָס לעבן אויפגעהערט, קומען אָנצופליען אַנדערע פליגן; און ווען ס׳לאָזט זיך שוין הערן דער אָרימער הויך פון פאַרדאַרבונג, באַווייזן זיך ווידער אַנדערע: די בלאָע פליג, די גרינע פליג וועמעס וויסנשאַפטלעכער נאָמען איז „Lucilla Coesar" און די גרויסע פליג, מיטן שוואַרץ־ווייס געשטרייפטן ברוסט־קאַסטן, וועלכע מ׳רופט „Grand Sarcophagien" בלויז דער ערש־טער דור אַליין פון דידאָזיקע פליגן, וועלכע זענען אָנגעלאָפן אויפן שרעקלעכן סיגנאַל, קאָן שאַפן אינם בר־בין זיבן בין

אַכט דורות, וועלכע אַנטוויקלען און פֿאַרמערן זיך אין משך פֿון דריי ביז זעקס חדשים. מעניין זאָגט: „די לאַרוועס פֿון דער בלאָער פֿליג פֿאַרגרעסערן איטלעכן טאָג זייער משא מיט צוויי הונדערט מאָל אַזויפֿיל...״ די הויט פֿון דעם מת איז דאַן פֿון אַ געלן קאָליר, וועלכער פֿאַלט לייכט אַריין אין ראָזע. דער בויך איז העל־גרין און דער רוקן טונקל־גרין. אַזעלכע וואָלטן ווייניקסטנס געווען די פֿאַרבן, ווען דאָס אַלץ זאָל נישט פֿאָרקומען אין דער פֿינצטערניש.

דערנאָך נעמט די צעלייגונג אָן אַן אַנדערן כאַראַקטער. עס הייבט זיך אָן די פֿוטעריקע פֿערמענטאַציע, זי בילדעט דעם פֿעטן זויער, וועלכער ווערט געוויינלעך אָנגערופֿן „מתים־פֿעטס״. דאָס איז דער פּעריאָד פֿון די הויט־שרצים, — די פֿליישפֿרעסערישע ווערים, פֿון וועלכע עס אַנטשטייען די לאַנגהאָריקע לאַרוועס און די אָנצונגיקע פֿלאַטערלעך. די לאַרוועס פֿון די הויט־שרצים און די רויפּעס פֿון די אָנצונגיקע פֿלאַטערלעך האָבן די איינגעשאַפֿט, וואָס זיי קאָנען לעבן אין די פֿעטע שיכטן „וועלכע ליגן זיך ווי חלב אויפֿן באָדן פֿון דעם אָרון״; עטלעכע פֿון דידאָזיקע פֿעטס־שיכטן וועלן זיך שפּעטער קריסטאַליזירן און לייכטן ווי גאָלד־קערנדלעך אין דעם ענדגילטיק צעפֿאַלענעם מענטשן־שטויב.

און אָט קומט דער פֿערטער שוואַדראָן. ער באַגלייט דער קעזיקער פֿערמענטאַציע. דידאָזיקע מחנה באַשטייט פֿון שטינקפֿליגן, וועלכע ליפֿערן זייערע ווערימלעך דעם קעז — (דידאָזיקע פֿליגן זענען קענטיק לויט זייער כאַראַקטעריסטישן אונטערשפּרונגען) — און פֿון האָרנפֿליגן.

די אַמאָניאַקאַלע פֿערמענטאַציע, די שוואַרצע אויפֿלייזונג פֿונם פֿלייש, רופֿט אַרויס די פֿינפֿטע אינוואַזיע. עס קומען אָן פֿלערליי פֿליגן, וועלכע נעסטן אַזוי צאָלרייך אויף די אין דאָזיקן פּעריאָד אויסגעגראָבענע מתים, אַז די שוואַרצע שפּורן פֿון זייערע רויפּעס זעען אויס, לויט דעם אויסדרוק פֿון אַ דאָקטאָר אַ מומחה, „ווי שימל אויף חזיר־פֿלייש״.

גאַנצע כמאַרעס פֿליגן שווימלען אַרויס פֿון דעם אָרון, ווײַבאַלד מ׳נעמט אים אַרויס און מען מאַכט אים אויף אין משך פֿון דערדאָזיקער פּאַזע. בעת דער גוף צעלייגט זיך אויף

אַ שוואַרצער, פליסיקער מאַסע, דאַן זאַמלען זיך אויף איִם גערן צונויף אויך האָרנפליגן: סילפידן און ניין מינים פון פאַרשידענע קברנים *).

איצט האָט די פוילונג שוין מער-ווייניקער דורכגעפירט איר ווערק. דער פעריאָד, וועלכער הייבט זיך איצט אָן, איז די צייט פון דער אויסטריקענונג און מומיפיצירונג פון דעם בר-מינן, אונטער די תכריכים און הלבשה, וועלכע זענען דורכגעזאַפּט מיט די גאַלערטאַרטיקע זאַפטן פון די פריער-דיקע תקופות. אַלץ, וואָס ס'בלייבט פון דער ווייכער מאַטעריע, פון דעם אָרגאַנישן, מעליקן און קרישלדיקן טייג און פון די אַמאָניאַקאַלישע זייפן, ווערט אויפגעפרעסן דורך אַן אַנדער מין חיות: רונדע און איינגעקרומטע מילבן, וואָס מיטן בלויזן אויג קאָן מען זיי קוים דערזען. אַלע פערצן טעג פאַרצענפאַכיקט זיך זייער צאָל: מתחילת איז נאָר געווען צוואָנציק, נאָך דריטהאַלבן חדשים דערגרייכן זיי שוין דעם סכום פון צוויי מיליאָן.

נאָך די מילבן קומט אָן אַ זיבעטע אימיגראַציע. דאָס זענען אַזעלכע מינים מאָדן, אָנצונגיקע פלאַטערלעך, וועלכע האָבן זיך באַוויזן פריער בעת דער בילדונג פון די פעטס-זויערן און זענען דערנאָך פאַרשוווּנדן. דידאָזיקע שרצים צע-נאָגן, צעזעגן און צעברעקלען די פערגאַמענטאַרטיקע געוועבן, די בענדער און געלענקען, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַרטער, פעכיקער מאַסע, פונקט ווי די האָר און אָנטו-עכץ. דער קערפּער האָט דעמאָלט אַ גאָלד-בראָנזענע פאַרב, און פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שאַרפן וואַקס-גערוך.

לסוף, נאָך דריי יאָר, קומט אָן די לעצטע אַרבעטער-מחנה. וואָס פאַרצערט זי? אַלץ וואָס ס'איז איבערגעבליבן, אַלץ, ביז די רעשטלעך פון די ווערים, וועלכע האָבן אין רויפּן-צושטאַנד געלעבט נאָכאַנאַנד אויפן מת. דער לעצטער פאַרטיליקער איז די קליינע, שוואַרצע האָרנפליג, ועמעס וויסנ-שאַפטלעכער נאָמען איז "Tenebrio obscurus".

דערנאָך בלייבט שוין גאָרנישט איבער, נאָר בלויז די שיריים פון די רעשטלעך אַרום די ווייסלעכע קנאָכן און אַ

*) פליגן אַזעלכע (איב)

קליין ביסל געדיכטע מאַסע אין דער טיפעניש פון קאָפּ-שיידל. מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָסדאָזיקע ביסל ברוינע און קרישלדיקע מאַסע איז דאָס לעצטע איבערבלייבעכץ פון מענטשלעכן גוף. אָבער ס׳איז אפילו דאָס אויך נישט. דאָס איז אַ הויפן שאָלעכץ, רויפּעס, עקסקרעמענטן פון די לעצטע פרעסערישע ווערים-דורות.

דריי יאָר זענען אַריבער. אַלץ איז צו ענדע. דאָס באַשעפעניש, וואָס איז געווען געליבט און האָט אַליין געליבט, האָט זיך אין משך פון דריי יאָר פולשטענדיק צוריקגעקערט צו דער וועלט פון מינעראַלן. ס׳איז פאַרשוווּנדן דער שטינקנדיקער אַוויר; דאָס איז געווען דער לעצטער סימן פון לעבן. אַך, ער פאַרווייט אין דעם נישטזיין, און ס׳ווערט צו-מאָל נישט געטרויערט נאָך אים!

אַלע באַוווינער פון דער ערד וועלן אַמאָל דורכגיין דאָס זעלביקע. אין משך פון דעם פערטל שעה, וואָס איך טראַכט אַזוי וועגן דערדאָזיקער פראַגע, זענען טויזנטער מענטשלעכע נפשות אַפּגעשטאָרבן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

זייערע גופים, וועלכע זענען געווען אַ געזעמל פון קע-מערלעך, זייערע קעמערלעך, וועלכע זענען געווען אַ געזעמל פון אַטאָמען (אומטיילבאַרע שטיקלעך פון דער מאַטעריע), — זענען אַריין אין אַנדערע קאָמבינאַציעס. דאָס קעמערל! דידאָ-זיקע אָרגאַנישע איינהייט מיט אַ דורכמאָס, וואָס וואַקלט זיך צווישן איין טויזנטסטל און איין צענטויזנטסטל מילימעטער! דער אַטאָם! דאָס איז אַן אומבאַקאַנטער און קוים השערה-דיקער עלעמענט. וויבאַלד מ׳שרייבט אים צו אַ געוויסע אויס-מעסטונג, וועלכע זאָל מער-ווייניקער אַנטשפּרעכן דער וואָרשיינ-לעכקייט, שטיצנדיק זיך אויף דער קליינקייט פון אַנאַטאָמישע עלעמענטן, קומט מען צום באַשלוס, אַז אין דער ספערע פון מאַטעריע מיטן דיאַמעטער פון אַ שפּילקע-קעפּל וואָלט זיך באַקומען אַזויפיל אַטאָמען, אַז זייער צאָל וואָלט אויסגעמאַכט אַכט, באַגלייט מיט נאָך איין און צוואַנציק נולן. און וואָלט מען געוואָלט איבערציילן די אַלע גרונט-אַטאָמען פון איין שפּילקע-קעפּל, רעכנענדיק צו איינעם אויף אַ מענטש און אויף אַ סעקונדע, דאַן וואָלט די גאַנצע מענטשהייט געמוזט אָן אי-

בערייס פאַרווענדן אויף דערדאָזיקער ארבעט צוויי הונדערט טויזנט יאָר.

אָט פון דעמדאָזיקן שטויב איז געמאַכט די ערדקויל.

און די ערדקויל גופא איז אַ גאָרנישט אין דעם וועלטאַל.

איך עפן אַ בוך אויף אַן אָנגעצייכנטער זייט. נישט איינמאָל האָט מיך שוין פאַרכאַפּט דידאָזיקע שטעל.

... אויף אַ בייגעלע בריוו־פּאַפּיר שטייט אַ דינער, קוים אָנזעעוודיקער פונקט; אַרום צייכנט מען אָן אַ קרייז, אויף דער גאַנצער ברייט פון בלעטל; דער קוים באַמערקבאַרער פונקט— דאָס איז די ערד; דער קרייז שטעלט מיט זיך פאָר די זון; אַזוי מער־ווייניקער זעט אויס דאָס פאַרהעלטעניש. נעמען מיר אַן אַנדער בייגעלע. אַ פונקט, אָנגעצייכנט מיטן שפּיץ פּעדער, שטעלט מיט זיך פאָר די זון, וועלכע איז געווען אַזוי ברייט אויף דעם אָקאָרשט אַוועקגעלייגטן בייגעלע; אַן אומגעהויערע ראָד, וועלכעס גרייכט פון איין ראַנד פּאַפּיר ביז צום צווייטן, שטעלט מיט זיך פאָר דעם שטערן קאַנאָפּוס. די זון איז אַזוי קליין אין פאַרהעלטעניש צום קאַנאָפּוס, ווי די ערד אין פאַרהעלטעניש צו דער זון. און איצט נעמען מיר אַ בלעטל פּאַפּיר, וועלכעס איז באַדעקט מיט אַ גראָער שיכט. צוקוקנדיק זיך פון דער נאָענט, זעען מיר, אַז דאָס איז נישט קיין גראָע שיכט, נאָר גיכער בלויז צונויפגעזעצטע קליינע פּינטעלעך. איטלעכס קליינע פּינטעלע איז אַ שטערן, פּונקט ווי די זון, אָדער ווי קאַנאָפּוס, אָדער אפשר נאָך גרעסער פון זיי. דאָס איז אַ פראַגמענט פון דער הימל־קאַרטע. דאָס איז אַן אומענדלעך קלייניקער פראַגמענט, מחמת די צאָל פון די שטערן, וועמעס בילד מיר זעמיר בכוח אויפצוכאַפּן, שאַצט מען אויף הונדערט מיליאָן. אויפן דאָזיקן בלעטל אָבער זענען פאַראַן בלויז דריי טויזנט פּינטעלעך. מ'נעמט אָן הונדערט מיליאָן, און נישט מער, בלויז דערפאַר, ווייל די אָפּטישע מכשירים קאָנען בלויז פאַרגרעסערן דאָס געזעענע פעלד ביז צו די שטערן פון דער איין־און־צוואָנציקסטער גרייס, און דערלויבן צו באַמערקן קוים זיבעצן טויזנט מאָל מער שטערן, איידער מיטן בלויזן אויג. אָבער ווער וואָלט זיך געוואַגט צו באַהויפּטן,

אז די לעצטע, ווייטסטע שטערן, וועלכע מיר זעען, זענען שוין די גרעניץ פון וועלטאל? און די גרויסקייט פון די שטערן, ווי אומגעהויער זיי זאָלן נישט זיין, זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די ליידיקע רוימען, וואָס טיילן זיי פונאַנ-דער. דער שטערן, וואס נאָך דער זון ליגט ער צו אונז אַמ-נאָענטסטן, דער אַלפא-שטערן פון דער צענטאַוורן-קאָנסטעלאַ-ציע איז דערווייטערט פון אונז אויף צענטויזנט מיליאַרד מייל. א שנעלצוג, לויפנדיק מיט אַ געשווינדקייט פון הונדערט און צוואָנציק קילאָמעטער אַ שעה, וואָלט דערגרייכט אַהין אין משך פון אַכט און דרייסיק מיליאָן יאָר. אַרקטור ליגט ווייט פון אונז מיט דריי הונדערט פיר און צוואָנציק מיליאַרד קילאָ-מעטער; אַרקטור באַוועגט זיך אין רוים, דורכלויפנדיק אַ מהלך פון צוויי טויזנט זעקסהונדערט און פערציק קילאָמעטער יערלעך, — און פון זיבן די דרייטויזנט יאָר, וואָס מען פאַרשט און באַצייכנט זיין פּלאַץ אויף די אַסטראָנאָמישע קאַרטעס, ווייזט ער אויס נישט צו האָבן געריררט זיך פון אָרט. דער שטערן „1830" פון דעם גרומברידזש-קאַטאַלאָג ליגט אַכטהונ-דערט טויזנט מיליאַרד קילאָמעטער ווייט פון אונז. אַזויערנאָך קענען מיר בלויז דעם מרחק פון עטלעכע שטערן. די איבע-ריקע זענען אזוי דערווייטערט, אַז ס'פעלן אונז לחלוטין די מכשירים, כדי אויסצומעסטן זייער מהלך.

דו קוקסט אויפן דאָזיקן שטערן, דו זונדערסט אים אָפּ אין רוים. אַלע איבעריקע שטערן זענען נאָר אויס זיין מיט-לייכטנדיקע חברותא צו זיין. וויבאַלד דו וואָלסט אַראָפּגעפאַלן פון דער ערד אויפן דאָזיקן שטערן, וואָלט דיין פון יאָרן און יאָרהונדערטער צעריבענער שטויב צעזייט און צע-שפרייט געוואָרן אין די קאַלטע וועלט-רוימען, איידער דו וואָלסט נאָך באַוויזן דורכצומאַכן איין ממשותדיקן טייל פון דיין פאַלן.

מ'קאָן אויך אויף אַן אַנדערן אופן באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם וועלטאַל. און דאָס איז דורכן ליכט. צוליב דער מוראדיקער געשווינדקייט, מיט וועלכן ס'לויפט דורך דאָס ליכט, ווערט די באַדייטונג פון די ציפערן משוגענערווייז פאַרקלענערט און זייער אומגעהויערקייט ווערט פאַר אונז נאָך בולטער... דאָ פ

ליכט לויפט דורך דעם עטער מיט אַ געשווינדקייט פון דריי־הונדערט און דרייסיק טויזנט קילאָמעטער אין אַ סעקונדע. דאָס ליכט פון דער זון דערגייט צו אונז מער־ווייניקער נאָך אַכט מינוט. אויף אַזאַ אופן אַנטשפּרעכט אונזער פאָרשטעלונג וועגן דער זון דעם בילד פון דעם שטערן, ווי ער האָט אויסגעזען מיט אַכט מינוט פריער, איידער מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אין אים איינצוקוקן.

דאָס ליכט דאַרף פיר יאָר מיט פיר חדשים, כדי צו דערגרייכן צו אונז פון דעם נאָענטסטן שטערן, און זעקס און דרייסיק יאָר, כדי צו דערגרייכן פון פּאָלאַר־שטערן... פון געוויסע שטערן דערגרייכט דאָס ליכט צו אונז ערשט נאָך עטלעכע יאָרהונדערטן, ממילא שטעלן זיי זיך אונז פאָר אַזוי ווי זיי זענען געווען מיט עטלעכע יאָרהונדערטן פריער. און אויב דידאָזיקע שטערן קוקן אויף אונז, זעען זיי אונז מיט דער זעלביקער קאָפּשווינדלערישער פאַרשפּעטיקונג... מיר ווייסן נישט, וואָס ס'איז אַזוינס די דאָזיקע קאָנסטעלאַציע, וועלכע דערהויבט זיך איבער דער לעבעדיקער און אָפּשטאַרבנדיקער שטאָט מיט איר טרויעריקן, צוליב זיין גרויסקייט, דיאַדעם. העכסטנס זענען מיר זיך משער, אַז איטלעכער פון דידאָזיקע לייכטנדיקע פונקטן האָט אַ געוויסע ענלעכקייט מיט דער זון, מיט דערדאָזיקער פייערדיקער קויל, וועמעס אָנגעגורטע פלאַמען זענען אַזוי גרויס ווי דער מהלך צווישן דער ערד און דער לבנה. אי־באַלד די אויגן פון וועלכן ס'איז פון דידאָזיקע שטערן זענען מער דורכדרינגלעך, אַנטשטייט אַ פראַגע; וואָס־זשע זעט אַזאַ שטערן אַראָפּקוקנדיק פון אויבן אויף דער ערד אין דער רגע, אין וועלכער איך רעד אַרויס דידאָזיקע ווערטער?.. צווישן די ערדישע געשטאַלטונגען, וועלכע ווערן נאָך דורכגעטרייסלט פון עפּעס אַ גרויסער געאָלאָגישער איבערקערעניש, דערזעט ער אויף אַ בערגל, ווי עפּעס אַן איינזאַם וועזן באַמיט זיך אַרויסצוהויבן פון דער ערד, וועלכע ציט צו זיך צו זיינע פיר אברים, און דאָסדאָזיקע וועזן וויל זיך אויפשטעלן גלייך און וואַקלט זיך נאָך... ער זעט ווי איין איינציק פּנים, אַ נאָך גאַנץ חיהשס און פון שאָטן איבערגעשראָקן פּנים, הייבט אויף פון דער פינצטערניש זיינע אויגן; און דער שטערן באַגרייפט, אַז מחוץ דער אַלוועלטלעכער חיהשקייט האָט עפּעס אַ באַוווסטזיין אויפ־

געוואַקסט, און אַז דאָסדאָזיקע הייל-באַשעפעניש, דאָרט אין דער-
טיפעניש פון באַרג, דענקט... און צווישן עפּעס אַן אַנדערן שטערן
און אונז, איז נאָך דער ליכט-אויסטויש כּלל נישט פאָרגעקו-
מען, און אויב ס'וועלן זיך אַ מאָל באַגעגענען דידאָזיקע צוויי
וועלטן, וועלן זיי שוין אפשר זיין צעשטערט זינט אייביקייטן...
און דידאָזיקע אייביקייטן לאָזן מיך טראַכטן וועגן דער
צייט. ווי לאַנג איז שוין, זינט די וועלט עקזיסטירט? וויפל
מיליאַרדן יאָרהונדערטער זענען אָפּגעלאָפן זינט די גאַזאַרטיקע
מאַסע האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם עקוואַטאָר פון דעם זון-
קרייז? מען ווייזט עס נישט. מען איז זיך נאָר משער, אַז
אויף דער צווייטער פאַזע פון דערדאָזיקער טראַנספאָרמאַציע
— די פיל קירצערע — דאָס הייסט אויף דעם איבערגאַנג פון
דעם פליסיקן צושטאַנד אין דעם פעסטן צושטאַנד, האָט מען
געדאַרפט האָבן דרייהונדערט און פופציק מיליאָן יאָרן.

כ'האָב אָקאָרשט גערעדט וועגן דעם אַטאָם, דעם סאַמע
קלענסטן עלעמענט פון דער מאַטעריע. און אָט האָבן מיר דעם
גרעסטן, אונז באַקאַנטן עלעמענט: די שטערן-וועלט. נישט דער
ווירקלעכער שטערן-אַנסאַמבל, אָדער דער געזעענער אויפן פיר-
מאַמענט, וועלכער לאָזט זיך נישט איבערציילן, נאָר דידאָזיקע
טייל זיינע, וועלכע איז געוואָרן אויסגעמאָסטן דורך דער
וויסנשאַפט. די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג באַגרעניצט זיך
אויף אַ געביט פון אַכט הונדערט טויזנט מיליאַרד קילאָ-
מעטער, אָנהייבנדיק פון דער ערד. מחוץ דעמדאָזיקן געביט,
וועלכעס נעמט בלויז אַרום די נאָענטסטע שטערן, האָבן מיר
נישט קיין מעגלעכקייט אָפּצושאַצן דעם מרחק פון אַנדערע
וועלטן און באַזיצן נישט קיין שום ידיעות וועגן די שטערן-
רוימען. דער וועלטאַל, וועלכער איז אויסגעפאָרשט געוואָרן
מיט דער הילף פון אויסרעכענונגען, שטעלט מיט זיך בכן
פאָר אַ ספערע, וואָס איר שטראַל זאָל האָבן אַכטהונדערט
טויזנט מיליאַרד קילאָמעטער. די צאָלן, וועלכע באַצייכענען
דידאָזיקע ספערע, זענען די ריזיקסטע פון די אַלע, וועלכע
מ'קאָן אָנווענדן בנוגע דער ווירקלעכקייט. זיי גיבן בכן אַן
אומפאַנג פון צוויי טויזנט הונדערט און פערציק סעקסדעציליאָ-
נען קוביק-מעטער. און היות ווי די צאָל אַטאָמען, וועלכע עס

אַנטהאַלט אַ קוביק־מעטער, גלייכט זיך איין דעציליאָן, — ווי־באַלד מיר וועלן זיך סומך זיין אויף דער השערהדיקער אויס־מעסטונג, וועלכע מיר האָבן צוגעשריבן דעם אַטאָם, — וואָלט זיך דאָס פאַרהעלטעניש צווישן דער גרעסטער זאַך און דער קלענסטער געלאָזט אויסדריקן נאָר מיט אַזאַ צאָל, וואָס די ווּיסנשאַפט האָט נאָך קיין טערמין נישט פאַר איר. מ׳האָט זיך נאָך קיינמאָל מיט איר ביזאַהער נישט באַנוצט: כ׳בין אפשר דער ערשטער מענטש, וואָס טוט דאָס, אַזוי פאַרפאָלגט מיך היינט עפּעס אַ געוואַלטיקער דראַנג נאָך אַן אומגעהויערער גע־נויקייט. לויט דער לאַטיינישער עטימאָלאָגיע פון ציפערן־נע־מען, וואָלט דידאָזיקע יונגפרוילעכע צאָל, וואָס זאָל פאָרמו־לירן דעם השערהדיקן סכום אַטאָמען, וועלכע זענען אַנטהאַלטן אין דעם וועלטאַל, זיך אויסגעדריקט אין צוויי אָקטאַוויגענטי־ליאָנען... זי באַשטייט פון אַ צוויי, הינטער וועלכער עס פאָלגן נאָך זיבן און אַכציק אַנדערע ציפערן. מ׳קאָן פשוט נישט משיג זיין דידאָזיקע אומגעהויערלעכקייט, וועלכע שטעלט פאָר די נאַטור פון אירע יסודות אָן ביז צו איר לעצטער, דער־גרייכבאַרער גרעניץ.

און דאָך מוז מען די צאָל נאָך כפלען אויף פופציק טריליאָן, מ׳מוז זי פאַרוואַנדלען אין הונדערט דואָטריגענטי־ליאָנען, דאָס הייסט אין אַ צאָל, וועלכע באַשטייט פון הונ־דערט און צוויי ציפערן, וויבאַלד מען אָנערקענט די ניוקאָמ־בישע טעאָריע, וואָס שטיצנדיק זיך אויף די באַוועגונגען און געשווינדקייטן פון די אַסטראַלע קערפּערס לויט דעם אומדער־שיטערלעכן גראַוויטאַציע־געזעץ באַגרעניצט זי אונזער גאַנצן שטערן־סיסטעם ביז צו אַ ספערע פון זעכציק קווינטיליאָן אין דיאַ־מעטער, און אין דאָזיקן שטח באַוועגן זיך האַרמאָניש הונדערט פינף און צוואָנציק מיליאָן שטערן.

און סאַראַ באַטייט האָט, לגבי דעם אַלעם, דער אָרימער, נעבעכדיקער מענטש?

און וואָס מ׳שטיינסגעזאָגט בין איך, וואָס זיץ אַ פאַר־בלענדטער פאַר מיינע פאַפּירן און בין באַלויכטן פון דעם טיש־לאָמפּ, וועלכער וואַרפט אַ לייכטן שאָטן אויף מיין טינ־טער, — פון דעם לאָמפּ, וועמעס שוואַכע ליכט באַווייזט מיר

קוים דעם סופית און דאָס שוואַרצע, גלאַנציקע פענצטער פון הינטער די לייכטע פאָרהאַנגען און לאָזט אפילו נישט אַרויס־שיילן זיך פון דער נאַכט די ווענט פון דעם צימער...

איך האָב זיך אויפגעהויבן. איך וואַנדל אַרום אין מיין צימער. וואָס־זשע בין איך, וואָס־זשע בין איך? אַך! איך מוז, איך מוז געפינען אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע, מחמת אַ צווייטע הענגט איבער איר, ווי עפעס אַ דראָונג: וואָס־זשע וועט ווערן פון מיר?!

איינקוקנדיק זיך אין דעם גרויסן שפּיגל, וועלכער שטייט אויפן קאַמין, פאָרש איך מיין אייגן בילד, כ׳זוך אין מיינע טיפענישן אַן ענטפער אויף דער פייניקנדיקער פראַגע. וויבאַלד כ׳וועל זיך נישט אַרויסקריגן פון דערדאָזיקער קלעם, בין איך פאַרלוירן... צי בין איך טאַקע דאָס ווינציקע, וואָס כ׳זע אויס צו זיין? בין איך פאַרשטאַרט און דערשטיקט אין דאָזיקן צימער, ווי אין אַן אָרון?

עפּעס אַ פּשוטע, באַרויקנדיקע אינטואיציע שליידערט אינסטינקטיוו אָפּ די מיך דערדריקנדיקע אימה; און איך זאָג צו זיך, אַז דאָס אַלץ איז נישט מעגלעך, אַז אין דעם אַלעם שטעקט עפעס אַן אומגעהויערער טעות.

* *

*

וואָס האָט מיר דיקטירט דידאָזיקע געדאַנקען וועגן מיין אומענדלעכער שוואַכקייט? איך שטעל מיר פאָר, אַז עס איז אַזוי, — אָבער וואָס האָט אָקאָרשט גערעדט אין מיר? אַ וואָסערער מאַכט האָב איך געפאָלגט?

אָט האָב איך געפאָלגט עפּעס אַן אינערלעכן גלויבן, וועלכן ס׳האָבן איינגעפלאַנצט אין מיר דער שכל־הישר, די רעליגיע, די וויסנשאַפט.

דער שכל־הישר! ער לאָזט וויסן מיט זיין גראָבער שטים, אַז די זאַכן זענען אַזעלכע, ווי מיר זעען זיי. אָבער אין דער טיפעניש פון מיין נשמה ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט אמת. מ׳דאַרף זיך קודם־כּל אָפּרייסן פון דערדאָזיקער גראָבער שאָל פון טאָגטעגלעכן לעבן.

די סתירות, וועלכע עס אַנטהאַלט אין זיך דידאָזיקע געבענטשטע רעאַליזאַציע פון דער שיינבאַרקייט, די אומצייליקע טעותים פון אונזערע אייגענע חושים, די פאַנטאַסטישע שאַפונגען פון חלומות און שגעונות, דערלויבן אונז נישט צו פאָלגן דערדאָזיקער נעבעכדיקער תורה. דער שכל־הישר איז אַן אָרנטלעכע, אָבער אַ בלינדע חיה, ער דערקענט נישט דעם אמת, וועלכער איז כלומרשט פאַרבאָרגן אויפן ערשטן אָנבליק. דער אמת ליגט, לויט די פרעכטיקע ווערטער פון אַן אַלטערטימלעכן חכם, „אין דער טיפעניש פון תהום".

די וויסנשאַפט... וואָס־זשע איז זי אַזוינס? די ריינע וויסנשאַפט איז אַן אָרגאַניזאַציע פון דעם שכל, וועלכער האָט זיך געשאַפן זיינע אייגענע געזעצן. די אָנגעווענדטע, פראַקטישע וויסנשאַפט איז אַן אָרגאַניזאַציע פון דער שיינבאַרקייט. דער וויסנשאַפטלעכער „אמת" איז כמעט אַ פולשטענדיקע נעגאַציע פון דעם שכל־הישר: כמעט אַלע פרטים פון דער שיינבאַרער דערקענטעניש געפינען זייער אַנטשפרעכנדיקע סתירה אין אַ וויסנשאַפטלעכער באַהויפטונג. די וויסנשאַפט זאָגט, אַז דער קלאַנג, דאָס ליכט, זענען וויבראַציעס; און אַז די מאַטעריע איז צונויפגעשטעלט פון אַ סך קרעפטן... זי לערנט אַן אַבסטראַקטן מאַטעריאַליזם. זי פאַרטרעט די גראָבע באַטראַכטונג מיט פאָרמעלן, אָדער זי אָנערקענט די פאָרמעלן אָן נאָכפרווו. זי הויבט אויף דיזעלבע סתירות, נאָר אין אַ מער קאָמפליצירטער און האַרבער אָרדענונג. אַפילו אויף איר עקספערימענטאַלן און לאָגישן געביט, איז זי געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט הוילע השערות און סברות. ווייל מען זי אָנווענדן לגבי דער גרויסקייט פון דעם וועלטאַל, אָדער לגבי דער ווינציקייט פון אַ שטויבעלע, — ווייזט זי זיך אַרויס אומגענוגנדיק. אונטן, בלייבט זי שטיין פאַר דער פראַגע פון דער טיילבאַרקייט פון שטח; אויבן, פאַרהאַלט זי זיך פאַר דער דילעמע פון אומזיניקייט: „דער רוים האָט נישט קיין גרעניצן", אָדער „דער רוים מוז ערגיצווו זיינע גרעניצן האָבן".

צוגלייך מיטן שכל־הישר, זעט נישט די וויסנשאַפט דעם אמת; איבעריקנס איז זי דערצו נישט באַשאַפן געוואָרן, מחמת איר ציל איז בלויז די אַבסטראַקטע אָדער פראַקטישע סיסטע-

מאַטיזאַציע פון די עלעמענטן, אויף וועמעס טיפערער ווירק־לעכקייט זי שטעלט זיך כּלל נישט אָפּ.

די רעליגיע... זי זאָגט מיט רעכט: „בנוגע דעם אמת, איז דער שכל־הישר תּמיד משקר, און די וויסנשאַפט איז זיך צו קיינזאַך נישט מתחייב; זי איז אויך מוסיף: מיר וואָלטן אין קיינזאַך נישט זיכער געווען, אָן דער ערבות פון גאָט. און אַזוי־ערנאַך האָט די רעליגיע פאַרהאַלטן פּ אַ ס ק אַ ל ן, אַוועקשטעלנדיק איר טאָפּעלן געזעץ צווישן אים און דעם אמת. גאָט איז מערנישט ווי אַ פּאַרטיקער אמת אויף דעם גע־היימעניש און דער האָפענונג, און ס'איז נישט פאַראַן קיין אַנדערער באַווייז אויף דער מציאות פון גאָט, ווי נאָר יענע בענקשאַפט, וועלכע מיר טראָגן אין זיך.

ובכן, דידאָזיקע גרעניצלאָזע וועלט, וועלכע דערהויבט זיך פאַר מיינע אויגן, שטיצט זיך נישט אויף גאָרנישט? וואָס־זשע איז בכן זיכער, וואָס איז פעסט?

* *
*

איך רוף נאָכאַמאָל אַרויס דאָס בילד פון די לעבעדיקע נפשות, וועלכע האָבן זיך דורכגעשלייכט דאָ פאַר מיר, מיט בליענדיקע פּנימער און אויגן, אויפריכטיקע, נישט געהאַמע־וועטע דורך קיינזאַך.

אויס דעם „ממעמקים" פון שטילן אָוונט טויכן־אויף פּנימער, ווי די העכסטע טריומף־געשטאַלטן. איינס האָט אין זיך אַנטהאַלטן די פאַרגאַנגענהייט; דאָס צווייטע האָט זיך ווי איינ־געהילט אין דער נאַכט־בלאָקייט, בעת זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט איז געווען צום פענסטער געווענדט. אַן אַנדערס, אַליין ווי די זון, צווישן דעם שוואַרצן, פייכטן נעפּל, האָט עס געטרוימט וועגן דער זון. נאָך אַן אַנדער געשטאַלט, אַ פאַר־טראַכטס, איז שוין פול געווען מיטן טויט, וועלכער האָט אים פאַרצערט; און זיי אַלע זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַן איינזאַמקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין דאָזיקן צימער, אָבער ס'האָט שוין צו איר מער קיין סוף נישט גענומען...

און איך, וואָס כ'בין אַזוי ווי זיי, איך, וואָס מיט דער

טיפעניש פון געדאַנק נעם איך אַרום דעם האַרבן עבר און דעם געטרוימטן עתיד, און די גרויסקייט פון אַנדערע; איך, וואָס בין פול מיט צער, איך, וואָס גאַר און דענק, מיט מיין אומהיילבאַרער און זוכנדיקער בענקשאַפט — איך, איך, זאָל דורך מיין אָקאָרשט אויסגעוועבטן שטערן-חלום פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב? שוין-זשע איז מעגלעך, אַז איך בין גאָר-נישט, אינדערצייט ווען אין געוויסע מאָמענטן דוכט זיך מיר אויס, אַז כ'בין אַלץ? בין איך גאָרנישט, בין איך אַלץ?

און איצט הויב איך אָן תופס צו זיין... איך האָב זיך ביזאַהער נישט גערעכנט מיט דעם געדאַנק. כ'האָב אים באַטראַכט פאַר אַזעלכן, וואָס איז איינגעשלאָסן אין דעם גוף, וואָס קאָן אים נישט גובר זיין, וואָס איז נישט מוסיף גאָר-נישט צו דעם וועלטאַל. אונזער נשמה וואָלט, בכן, געווען אין אונז בלויז אַ הויך, אַ לעבנס-אָטעם, אָן אבר; און מיר, לע-בעדיקע אָדער געשטאָרבענע, וואָלטן פאַרנומען דעמזעלבן פּלאַץ?

ניין! און דאָ טאָקע טאָפּ איך אָן מיט דער האַנט דעם גאַנצן טעות.

דער געדאַנק איז דער מקור פון אַלעם. פון אים מוז מען תמיד אָנהויבן... אויף אים שטיצט זיך דער אמת.

און איצט געפין איך אויס סימנים פון משוגעת אין מיי-נע אָקאָרשטיקע גריבלענישן. דאָסדאָזיקע גריבלעניש איז גע-ווען דאָסזעלביקע וואָס איך גופא; דאָס האָט באַוויזן די גרויס-קייט פון מיין געדאַנקען-קראַפט, און דאָך האָט עס באַהויפּט, אַז דאָס דענקנדיקע וועזן איז גאָרנישט. עס האָט מיך פאַר-טיליקט, מיך, וואָס כ'האָב עס באַשאַפן!

...אָבער שוין-זשע בין איך נישט קיין רויב פאַר עפּעס אָן איינבילדונג? און אָט אַנטשטייען ספקות: דאָס, וואָס ס'איז פאַראַן אין מיר, — דאָס איז אַ בילד, אַן אָפּשיין, די אידעע פון דעם וועלטאַל. די מחשבה איז בלויז דאָס געשפּענסט פון דער וועלט, וועלכעס איז אויסגעבאָרגט איטלעכן פון אונז. דער וועלטאַל האָט זיין מציאות מחוץ אונז, אומאָפּהענגיק פון מיר. אַזוי אומגעהויער איז דער וועלטאַל, אַז לגבי אים בין איך אַ גאָרנישט און שוין ווי געשטאָרבן. און צי איך וועל

נישט ווערן, אָדער פאַרמאַכן די אויגן, דער וועלטאַל וואָלט אונדעסטוועגן ווייטער עקזיסטירט.

אַ שרעקלעכע אַנגסט, אַ בלוטנדיקע ווונד פאַרקלעמט מיר די אינגעווייד... אָבער אָט שטייגט אויף אין מיר אַ געשריי, אַ באַוווסטזיניקער, מעכטיקער און אומפאַרגעסלעכער געשריי, גלייך ווי אַ דערהויבענער מוזיקאַלישער אַקאָרד: „ניין!"

ניין! ס'איז נישט אַזוי. איך ווייס נישט, צי דער וועלטאַל באַזיצט, מחוץ מיר, וועלכע ס'איזווירקלעכקייט. וואָס איך ווייס יאָ, איז בלויז דאָס, אַז די דאָזיקע ווירקלעכקייט האָט ער נאָר צו פאַרדאַנקען דער פאַרמיטלונג פון מיין מחשבה, און עקזיסטירט בלויז דורך דער פאָרשטעלונג, וואָס כ'האָב וועגן אים. איך בין דער, דורך וועמען ס'זענען אַנטשטאַנען די שטערן און די יאָרהונדערטער, און וועלכער האָט געלאָזט דעם פירמאַמענט אין זיין קאָפּ זיך באַוועגן. איך קאָן נישט פאַרלאָזן מיין אייגענע מחשבה. כ'האָב נישט דאָס רעכט עס צו טון; דאָס וואָלט געווען אַ שקר און אַ זינד. און איך קאָן דאָס נישט. אומזיסט פּרוּוו איך זיך צו באַפרייען, צו אַנטלויפן פון זיך גופא. איך קאָן נישט צושרייבן דער וועלט קיין אַנדער ווירקלעכקייט ווי די, וואָס זי האָט אין מיין פאָרשטעלונג. איך גלויב אין זיך — און בין אַליין, מחמת כ'קאָן נישט אַרויסקריכן פון מיר גופא. אַ משוגעת וואָלט עס געווען, צו דענקען אַנדערש. וואָס וואָלט מיר געקאָנט דערווייזן, אַז מחוץ מיין אומבאַזיגבאַרער מחשבה, באַזיצט די וועלט עפּעס אַ באַזונדער אייגן לעבן!

איך הער די מעטאַפיזיק (זי איז נישט קיין וויסנשאַפט: זי געפינט זיך מעבר דעם וויסנשאַפטלעכן פּראָגראַם; זי איז גיכער ענלעך צו דער קונסט. פּונקט ווי די קונסט זוכט זי דעם וואָרהאַפטיקן אמת: וואָרן איז אַ בילד מעכטיק, און אַ געדיכט שיין, האָבן זיי עס צו פאַרדאַנקען דעם אמת). איך בעלעטער דורך פאַרשידענע ביכער, איך פאָרש נאָך געלערנטע און דענקערס, איך דרינג דורך דעם גאַנצן אַרסענאַל פון געווויסהייטן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט אָנגעקליבן, איך הער זיך איין אין דער הויכער שטים פון דעם, וועלכער האָט דורכגעזופּט אַלע גלויבענישן און אַלע סיסטעמען דורך זיין

מוראדיקן פאַרשטאַנד, און איך לייען דעמזעלביקן אמת, וועלכער רייסט זיך נאָכאַנאַנד צו מיר: מען קאָן נישט אָפּליקענען דעם געדאַנק, וועלכן דער מענטש באַזיצט וועגן דעם וועלטאַל, אָבער מ׳קאָן פונדעסטוועגן נישט פאַרזיכערן, אַז דער וועלטאַל עקזיסטירט מחוץ דעם באַגריף, וועלכן ס׳האָט פאַר אים געשאַפן דער מענטשלעכער געדאַנק.

און איצט בעת איך האָב דידאָזיקע הנחה קלאָר און דייטלעך אין ווערטער געפאַסט, איצט בעת איך האַלט אין האַנט אָט-דעם דערהויבענעם אוצר, קאָן איך שוין נישט לאָזן פאַרלוירן גיין דעמדאָזיקן גרויסן נס פון פשטות, וועלכן ער פאַרבאָרגט אין זיך.

ניין, ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום בטיחות, אַז דער אמת, וועלכער הויבט זיך אָן אין אונז, זאָל האָבן זיין המשך ערגיצווו ווייטער. בעת דער פילאָזאָף האָט אָנגעשריבן דעם זאַץ: „איך דענק, ממילא בין איך“, וועלכן קיינער נאָך אים האָט נישט געוואַגט אָפּצולייקענען; און ווען ער האָט שפּעטער געפּרווט, סברה נאָך סברה, אַרויסדרינגען עפּעס ממשותדיקס מחוץ דעם דענקנדיקן וועזן, האָט ער ביסלעכווייז פאַרלוירן דאָסדאָזיקע זיכערקייט. פון גאָר דער אַמאָליקער פילאָזאָפיע בלייבט מערנישט ווי דערדאָזיקער באַשיימפערלעכער געבאָט, וואָס גיט איטלעכן פון אונז דעם יסוד פון אַלעם. פון די מענטשלעכע פאָרשונגען און זוכענישן בלייבט בלויז דידאָזיקע גרויסע דערקענטעניש וועגן דער איינזאַמקייט פון יחיד. די וועלט, אַזוי ווי זי דערשיינט פאַר אונזערע אויגן, דערווייזט בלויז די מציאות פון אונז גופא, וועלכע גלויבן זי אַזוי צו זען. די אויסערלעכע וועלט, דאָס הייסט די ערדקויל, מיט אירע עלף באַוועגונגען אין רוים, מיט איר האָריזאָנט, מיטן צופלייץ און אָפּפלייץ פון ים, מיט די טויזנטער מיליאַרדן קוביק-מעטער, מיט די הונדערט און צוואָנציק טויזנט מינים צמחים, מיט אירע דרייהונדערט טויזנט מינים-חיות, מיט אַ/ע זונען-וועלטן און שטערן-וועלטן, מיט זייערע טראַנספאָרמאַציעס, מיט זייער געשיכטע און זייערע מילך-וועגן — דאָס אַלץ איז מערנישט ווי אַ מיראַזש און א האַלוצינאַציע.

און נישט קוקנדיק אויף די שטימען, וואָס אפילו אויס

דער טיפעניש פון אונז גופא שרייען זיי אויף קעגן דעמדאָזיקן רעיון, פונקט ווי דער בלינדער המון שרייט־אויף קעגן דער שיינקייט, באַהויפּט איך, אַז אומענדלעכקייט און אייביקייט זענען צוויי פאַלשע געטער. אָטאָ־דאָס וואָג איך צו באַהויפּטן, נישט געקוקט אויף די רייד פון דעם געלערנטן, וועלכער האָט אפילו אָנערקענט, אַז די וועלט איז אַ האַלוצינאַציע, וועלכער האָט אָבער תּיכּף אָן שום ראיות צוגעגעבן, „אַז דאָס איז אַ וואָרהאַפטיקע האַלוצינאַציע”, האָב איך דאָס אַליין געשענקט דעם וועלטאַל דידאָזיקע אומגעהויערע כּחות, וועלכע איך האָב אין מיר. קיינזאַך קאָן זיך נישט פאַרמעסטן קעגן דער לחלוטינדיקייט פון דעם זאַץ, אַז איך עקזיסטיר, אַז איך קאָן נישט אַרויסקריכן פון זיך גופא, אַז אַלץ: שטח, צייט, מחשבה, זענען בלויז די אופנים, אויף וועלכע איך שטעל מיר פאָר די ווירקלעכקייט, דאָס זענען עפּעס אַזעלכע אומקלאָרע כּוחות, וועלכע איך פאַרמאָג אין מיר.

מיט עפּעס אַ מין שוידער האָב איך געפונען אין דעם שטרענגן ספר דעמדאָזיקן פּירוש אויף די געשרייען פון דער מענטשהייט, וועלכע האָבן אָהער דערגרייכט צו מיר. דורך די קאַלטע און אויסגערעכנטע שורות פון דעם דייטשישן ווערק האָט געבלוטיקט און געקראַמפּט זיך אַ מענטשלעך האַרץ. אפשר דאַרף מען האָבן אַ געוויסע ערנסטהאַפטיקייט, כּדי זיך צו קאָנען באַפרייען פון דער לפנימדיקער וועלט און משיג צו זיין די ריזיקע פאַרמעלן פון דעם אַזויערנאָך געלייטערטן אמת. אָעער איך האַלט, אַז דידאָזיקע ווערטער זענען די פּרעכטיקסטע פון די אַלע, וועלכע מ'האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט, און אַז זיי מאַכן דאָס בוך פון דעם קעניגסבורגער פילאָזאָף צו דעם ווערק, וואָס דערנענטערט זיך אַמיינסטן צו דער אמתדיקער ביבל. קריסטוסעס ווערטער, וואָס זענען נוגע דעם אָנפיר מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט לויט איידעלע געזעצן, זענען אויס, אין פאַרגלייך מיטן דאָזיקן בוך, אויבערפלעכלעך און אוטיליטאַר.

אָטאָ־דאָס איז אַ וויכטיקע, פייערלעכע, ריזיקע זאַך, אַרויסצורייסן פון דער שטילקייט די וואָרהאַפטיקע ווערטער, אוועקצושטעלן דעם שכל אויפן געהעריקן אָרט, באַלייכטן דעם

אמת. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן עפּעס אַ פּוסטן וויכּוח פון פאָרמעלן, נאָר וועגן דעם מוראדיקן פערזענלעכן פּראָבלעם, וועלכער פאַרשלינגט מיך אינגאַנצן, דאָס איז פאַר מיר אַ פראַגע פון לעבן און טויט. אַרויסגעטראָגן זאָל ווערן דער גרויסער אורטייל, נאָך וועלכן ס'איז שוין נישט פאַראַן קיין אָפּרוף. איך שטיי אינמיטן פון דעם אַלעם.

* * *

אַלץ איז אין מיר. נישט פאַראַן קיין ריכטער, נישט פאַראַן קיין מחיצות און נישט פאַראַן קיין גרעניצן פאַר מיר. דער „ממעמקים", דערדאָזיקער אויפברויז קעגן טויט, דידאָזיקע זינד פון גליסטונג מיט איר אויפשטייגנדיק געשריי, דאָס אַלץ איז אומאָפּהאַלטבאַר. אין אומגעהויערער פרייהייט אַנטוויקלט זיך דער אומאויפהערלעכער מעכאַניזם פון מענטשלעכן האַרץ (תמיד עפּעס נייעס, תמיד עפּעס אַ שינוי!) און פאַראַן אין דעם אַזאַ קראַפט, וואָס פאַרטונקלט אפילו דעם טויט גופא. מחמת ווי אַזוי קאָן איך מיר פאָרשטעלן מיין טויט, אויב נישט אַרויסטרעטנדיק פון זיך גופא און מיך באַטראַכטן אַזוי, גלייך ווי כ'וואָלט נישט געווען איך אליין, נאָר עפּעס אַן אַנדערער.

מען שטאַרבט נישט... איטלעכס באַשעפעניש איז אַליין אויף דער וועלט. אַזאַ פראַזע קאָן זיך אויסווייזן אומזיניק, סתירהדיק. און דאָך איז עס פאַרט אַזוי... אָבער ס'זענען דאָך פאַראַן אַנדערע באַשעפענישן, וועלכע זענען פונקט אַזוי באַשאַפן געוואָרן ווי איך... ניין, אַזוי קאָן מען נישט זאָגן. רעדנדיק אויף אַזאַ אופן, שטעלט זיך דער מענטש מחוץ פון דעם אמת, אין עפּעס אַ מין אַבסטראַקציע. מ'קאָן זאָגן מערנישט ווי איין זאַך: א י ך ב י ן א ל י י ן.

און דערפאַר טאַקע שטאַרבט מען נישט.

איך דערמאָן זיך ווי דער מענטש, וועלכער איז געווען איינגעבויגן אין דעם שאָטן פון אָוונט, האָט געשעפּטשעט: „נאָך מיין טויט וועט זיך דאָס לעבן ווייטער גיין זיין וועג. אַלע זאַכן אין וועלטאַל וועלן פרידלעך פאַרנעמען זייערע ער-

טער. ביסלעכווייז וועלן פאַרשווינדן אַלע שפּורן פון מיין דאָזיין אויף דער ערד; ס'וועט זיך אויספּילן דער בלייז, וועלכן ס'האָט גורם געווען מיין טויט".

ער האָט אַ טעות געהאַט. ער האָט אַ טעות געהאַט, רעדנדיק דיזאָזיקע ווערטער. ער האָט מיטגענומען מיט זיך דעם גאַנצן אמת. און דאָך האָבן מיר געקוקט אויף זיין טויט. ער איז געשטאָרבן פאַר אונז, נישט פאַר זיך. איך פיל סאַראַ שרעקלעך אומצוגענגלעכער אמת עס ליגט דאָ פאַר אונז, סאָראַ שרעקלעכע סתירה. אָבער איך האַלט די ביידע עקן אין דער האַנט, און טאַפּנדיק בלינדערהייט, זוך איך מסביר צו זיין דעמדאָזיקן רעיון, באָטש מיט עפּעס אַ מטושטשן געשטאַמל, אַ שטייגער ווי: „איטלעכס וועזן איז דער גאַנצער אמת..." איך קער זיך אום צו די אָקאָרשט אַרויסגעזאָגטע ווערטער: דער מענטש שטאַרבט נישט, מחמת ער איז אַליין; און דאָס שטאַרבן אַנדערע. און דערדאָזיקער זאַץ, וועלכער שוועבט אַ ציטעריקער אויף מיינע ליפּן, פינצטער און שטראַלנדיק צוגלייך, איז מבשר, אַז דער טויט איז אַ פאַלשער גאָט.

אָבער דאָס איבעריקע? לאָמיר אָננעמען, אַז אַדאַנק דערדאָזיקער מעכטיקער קלוגשאַפט, וועל איך זיך באַפרייען פון דעם געשפּענסט פון מיין אייגענעם טויט, — וועט דאָך אָבער פאָרט פאַרבלייבן דער טויט פון די איבעריקע מענטשן און דער טויט פון אַזויפיל געפילן און לעבנס-מתיקות. אונזער אָנשויונג וועגן דעם מהות פון אמת וועט אָבער נישט ענדערן דעם צער: מחמת צער, פּונקט ווי חדווה, האָט אין זיך עפּעס אַבסאָלוטס.

און פּונדעסטוועגן!.. די אומענדלעכע גרויסקייט פון אונזער עלנט גיסט זיך צונויף מיט דער הערלעכקייט און כּמעט מיט דעם גליק — מיט דעם דערהויבענעם און קאַלטן גליק. צי איז עס פאַר שטאָלץ אָדער פאַר פרייד, וואָס איך נעם שמייכלען בײַ דעם ערשטן בלאַסן אויפטויכן פון דער מאָרגן-דעמערונג, וועלכע הילט אַרום מיין לאָמפּ מיט אַ צאַרטער, שלייכנדיקער בלאָלעכקייט, בעת איך באַטראַכט אַזוי מיין וועלטן-איינזאַמקייט?

עג

צום ערשטן מאָל זע איך די יונגע פרוי אין טרויער. אין דערדאָזיקער טונקעלער הלבשה שטראַלט איר יוגנט נאָך שטאַרקער ווי תמיד.

דער אָפּפּאָר איז נאָענט. זי קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, צי זי האָט נישט עפּעס פֿאַרגעסן אין דאָזיקן צימער, וועלכער איז שוין געוואָרן צוגעגרייט פֿאַר אַנדערע געסט און איז איצט געשטאַנען ליידיק און פֿאַרלאָזן.

די טיר האָט זיך אויפֿגעמאַכט; די יונגע פרוי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ: אויף דער זון-באַגאָסענער שוועל האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ מאַנסביל.

— מישעל! מישעל! — האָט זי אויסגעשריגן.

זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, און קוקנדיק אויף אים מיט אַ שטאַרן בליק, איז זי עטלעכע מינוט געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי דאָס ליכט.

דערנאָך האָבן אָנגעהויבן ציטערן אירע מיידלשע פיס און זי איז שיר נישט אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים, נישט געקוקט אויף דעם אָרט, אין וועלכן זי האָט זיך געפֿונען, נישט געקוקט אויף דער צניעות פֿון איר האַרץ און אויף דער שעמעוודיקייט, וועלכע זי האָט געפּלעגט אין זיך איר לעבן לאַנג.

* *

*

ער האָט מיט אַ ברייטן, ראָמאַנטישן זשעסט [illegible] וואָרף געטון זיין הוט אויפֿן בעט. ער האָט אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע

צימער מיט זיין אָנוועזנהייט, מיט זיין חשיבות. אונטער זיינע טריט האָט געסקריפּעט דער דיל. אָט איז ער שוין לעבן איר, און האַלט זי אַרום. ווי הויכגעוווּקסיק זי איז נישט געווען, האָט ער זי אַריבערגעשטיגן מיט אַ גאַנצן קאָפּ כמעט. זיינע שטריכן זענען שאַרף, האַרט און שיין. זיין פּנים, אַרומגעזוימט מיט שוואַרצע, גלאַנציקע האָר, איז העל, יונג און אויסדרוקפול. די טיף־שוואַרצע וואָנסעס, וועלכע פאַלן עטוואָס אַרונטער, באַשאָטענען דאָס לעבהאַפטיק רויטע מויל, זיינע ליפּן זענען פּרעכטיק, ווי אַ שיינע, נאַטירלעכע ווונד. ער לייגט אַרויף די הענט אויף די אַקסלען פון דער יונגער פרוי. ער באַטראַכט זי אַ פאַרשמאַכטער. פאַרברייטנדיק זיין אויסגעהונגערטע אַרומהאַלזונג.

* *

*

וואַקלדיקע האַלזן זיי זיך אַרום... זיי האָבן צו גלייכער צייט אַרויסגעזאָגט דאָסזעלביקע וואָרט „ענדלעך!" דאָ איז אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט. אַ ווײַלע לאַנג האָבן זיי דאָס וואָרט שטיל איבערגעחזרט, זיי האָבן עס כמעט אויסגעזוּנגען. זייערע אויגן גיבן זיך איבער דעם זיסן געשריי, זייערע הערצער טיילן זיך אים מיט. זיי פאַרשיכּורן זיך מיטן דאָזיקן וואָרט, און שמידן זיך דערמיט צו אויף אייביק. ענדלעך! זייער לאַנגע שיידונג איז פאָריבער, זייער ליבע האָט געזיגט. ענדלעך זענען זיי דאָ ביידע צוזאַמען!.. און איך זע ווי די־דאָזיקע פרוי צאַפּלט פון דעם נאַקן ביז אַראָפּ צו די קנעכל. איך זע, ווי איר גאַנצער קערפּער וויל אים אויפנעמען, בעת אירע אויגן עפענען זיך איבער אים און פאַרשליסן זיך צוריק.

מיט שוועריקייט פרוּוון זיי צו רעדן, מחמת מ׳מוז דאָך עפּעס זאָגן... די ברעקלעך ווערטער, מיט וועלכע זיי טוישן זיך אויס, דערהאַלטן זיי אַ ווײַלע אויף די פיס.

— סאַראַ וואַרטן! סאַראַ האָפענונג! — האָט געשטאַמלט דער יונגערמאַן, ווי משוגע — כ׳האָב תמיד געטראַכט וועגן

דיר, כ'האָב דיך תמיד געזען! דיין שמייכל איז געווען או־מעטום.

ער האָט מוסיף געווען שטילער און וואַרימער:

— טײַלמאָל, אינמיטן עפּעס אַ באַנאַלן שמועס, האָט דער פּלוצלונג אַרויסגעזאָגטער נאָמען דײַנער דאָס האַרץ מיר דורכגעבויערט.

זײַן טויבע שטים סאָפּעט; אומדערוואַרטע הילכיקע טע־נער רײַסן זיך פון אים אַרויס, גלײַך ווי ער וואָלט נישט בכּוח געווען צו רעדן אינדערשטיל.

— ווי אָפט פלעג איך זיך אַוועקזעצן אויף דער טע־ראַסע, אָנגעלענט אָן דער שטײַנערנער באַלוסטראַדע און באַ־האַלטן דאָס פּנים אין די הענט; כ'האָב נישט געוווסט גאָר־נישט וועגן דיר, כ'האָב נישט געוווסט צומאָל, אין וועלכן ווינקל פון דער וועלט דו געפינסט זיך, און הגם כ'בין געווען אַזוי־דערווייטערט פון דיר, האָב איך דיך פונדעסטוועגן כּסדר פאַר די אויגן געהאַט!

און זי, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, האָט געענטפערט:

אָפטמאָל, אין די הייסע, זומערדיקע אָוונטן, בענקענדיק נאָך דיר, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין אויפגעפּראַלטן פענצטער... טײַלמאָל האָט עפּעס אַ זיסער, שטיקנדיקער אַראָמאַט זיך געטראָגן אינדערלופט, — ווי פאַר צוויי חדשים אין דער רויזן־ווילע... טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן.

— האָסט געוויינט?

— יאָ — האָט זי שטיל אָפּגעענטפערט — כ'האָב גע־וויינט פאַר פרייד.

* *

*

זייערע ליפּן האָבן זיך פאַרייניקט, די קליינע, פּורפּורנע ליפּן. די געשטאַלטן פון די פאַרליבטע האָט מען שוין כּמעט נישט אָנגעזען, זיי זענען געווען צונויפגעגאָסן אין דער שע־פערישער שטילקייט פון דעם קוש, וועלכער האָט זיי איבער־לעך באַהערשט, און געמאַכט פון זיי איין אײַנציקן און פינצ־טערן טייך פון גליקזעליקייט.

דערנאָך האָט ער זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון איר, כּדי זי בעסער צו זען. פאַרקוקט אין דעם שטראַלנדיקן פּנים, האָט ער מיט איין אָרעם אַרומגענומען די שלאַנקע טאַליע פון דער פרוי, און די פרייע האַנט האָט ער אַרויפגעלייגט אויף איר שויס. מ׳האָט געזען דאָס געשטאַלט פון איר לייב און אירע פיס. מ׳האָט זי געזען דורך און אונטער דער ברוטאַלער, אָבער פּרעכטיקער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט ווי אויסגעהאַקט די געליבטע פיגור.

עס פאַלן אויף איר זיינע שווערע, אויסגעהעמערטע ווערטער:

— דאָרט, צווישן די אומצאָליקע גערטענער פון דעם ים-ברעג, פאַרשיכּורט דורך די ריחות פון די זאַפטן און בלומען, פלעג איך טיילמאָל איינבויערן מיינע פינגער אין דער פינצטערער הייסער ערד. בלאָנקענדיק לעבן ים, פלעג איך פּרווון מיר פאָרצושטעלן דיין געשטאַלט, אַרויסכּישופן דעם ריח פון דיין גוף. און כ׳פלעג אויסשטרעקן די אָרעמס אין פּוסטן חלל, כּדי אָנצוּרירן דיך — די זון.

— כ׳האָב געוווּסט, אַז דו וואַרטסט אויף מיר, אַז דו האָסט מיך ליב — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיסער, קלינגנדיקער שטים. דו ביסט נישט געווען, און כ׳האָב געפילט דיין אָנוועזנהייט. און אָפט, בעת אַ שטראַל פון מאָרגנשטערן האָט אַריינגעדרונגען אין מיין צימער און דערגרייכט צו מיר, האָב איך געטראַכט, אַז כ׳בין אויפגעברענגט אַלס קרבן פאַר דיין ליבע, און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי כ׳וואָלט אויסגעשטרעקט מיין האַלז דער זון.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— אָוונטצייט, אין דער שטילקייט פון מיין צימער, טראַכטנדיק וועגן דיר... האָב איך באַוווּנדערט מיין אייגן געשטאַלט...

אויפציטערנדיק, האָט ער אַ שמייכל געטון.

ער האָט כּסדר געגעבן אויסדרוק דעמזעלביקן געפיל, נישט ענדערנדיק כּמעט די ווערטער: גלייך ווי ער וואָלט כּלל נישט געקאָנט זאָגן עפּעס אַנדערש. היינטער זיין שלמותדיק געפאָרמטן שטערן און די גרויסע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע

ס'האָט זיך דייטלעך אָפּגעשפּיגלט דאָס ווייסע פּנים פון דער פרוי, ענלעך צו אַ ווייסן, פלאַטערנדיקן שוואַן, האָט געלעבט אַ קינדישע נשמה און אַ באַגרענעצטער גייסט.

זי האָט אים פרום אויסגעהערט, מיט אַן אָפן מויל, דעם קאָפּ עטוואָס אַהינטערגעבויגן. ווען ער זאָל זי נישט געווען צוהאַלטן, וואָלט זי זיך געוועז אַראָפּגעגליטשט אויף די קני פאַרן דאָזיקן גאָט, וועלכער איז געווען פונקט אַזוי שיין ווי זי. שוין האָט זי געהאַט פאַרשלאָסענע אויגן, גלייך ווי גע-טראָפן פון זיין שטאַרקער אָנוועזנהייט.

— די דערמאָנונג אָן דיר האָט באַטריבט מיין פרייד; אָבער זי האָט געטרייסט מיין צער.

איך האָב נישט געוווסט, ווער פון זיי ס'האָט אַרויסגע-שעפּטשעט דידאָזיקע ווערטער... זיי האָבן זיך ליידנשאַפטלעך אַרומגענומען. ס'האָבן זיך אַ וואַקל-נעטון זייערע קערפּערס, ווי צוויי ריזיקע פלאַמען.

עס האָט אים געברענט דאָס פייער פון איר פּנים. ער האָט אויסגערופן:

— איך ליב דיך! איך וויל דיך!.. אַך! אין משך פון מיינע שלאָפלאָזע נעכט, שוידערנדיק פון באַגער, האָב איך אויסגעשטערקט די אָרעמס נאָך דיין בילד... ווי שרעקלעך גע-קרייציקט איז געווען מיין איינזאַמקייט!

— זיי מיינע, אַגבע!

זי האָט דאָס געוואָלט, זי האָט געוואָלט. זי איז געווען אינגאַנצן איין שטראַלנדיקע הסכמה. דאָך האָט איר פאַרהלש-טער בליק גענומען בלאָנזשען איבערן צימער.

— לאָמיר שוינען דאָסדאָזיקע צימער... — האָט גע-שעפּטשעט דער אָטעם פון איר שטים.

דערנאָך, גלייך ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר איר אייגענעם אָפּזאָג, האָט זי תיכף אַרויסגעשטאַמלט: זיי מיר מוחל!

אירע האָר און אירע קליידער, אַלץ איז געווען פונאַנ-דערגענומען און פונאַנדערגעשפּיליעט, און זיי זענען אַראָפּגע-פלאָסן און זיך אַראָפּגעגליטשט אַרום איר.

דער מאַנבביל, אָפּגעשטעלט איז דעם עקסטאַז פון זיין

באַגער, האָט געגומען זיך אַרומקוקן אין צימער. זיין שטערן האָט דורכגעשניטן אַ קנייטש פון אַ ווילדן, פאַרשאַטנטן אומצו־טרוי. דאָס אויג האָט אַ בליץ־געטון מיט דעם אָבערגלויבן פון זיין ראָסע.

— דאָ — דער טויט?..

— ניין — האָט זי אָפּגעענטפערט, טוליענדיק זיך צו אים.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס אין דעם פּשוטן שפּיל פון זייער דערנענטערונג, האָט מען דערמאָנט וועגן דעם טויט. דער ליבהאָבער. פאַרשיכורט פון זיין ליבע, האָט ביז אַהער בלויז וועגן זיך אַליין גערעדט.

און די פרוי, וועלכע האָט זיך געקווענקלט מיט אַ וויי־לע פריער, גיט איצט נישט בלויז נאָך, נאָר זי פלייסט זיך אירע באַוועגונגען צוצופּאַסן צו די באַוועגונגען פון דעם מאַן, טון דאָס, וואָס ער וויל; וויגנדיק זיך, פאַלנדיק מיט אים צו־זאַמען, גיט זי זיך אונטער דעם מאַנסבילשן באַגער. זי טו־ליעט זיך צו אים און ציט אים צו זיך. און דערדאָזיקער שטילער שפּיל איז אַ סך רירנדיקער, איידער די אָרעמע ווער־טער, וואָס זיי האָבן זיך איינאַנדער געשאָנקען.

פּלוצלינג האָט זי אים דערזען אַ האַלב אויסגעטועטעם. איר געשטאַלט האָט זיך פאַרענדערט. איר פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַזאַ רויטקייט, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ ווײַלע ווי מיט בלוט באַדעקט, אָבער אירע אויגן שמייכלען פון צעשראָקענער האָפענונג, און זיי באַוויליקן. זי פאַרגעטערט אים, זי באַוואונדערט אים איב־גאַנצן, זי וויל אים. אירע הענט קנעטן קראַמפּהאַפטיק די אָרעמס פון דעם מאַנסביל. די גאַנצע טונקעלע מאַכט פון דעם נסיון איז איצט אַרויסגעטרעטן אויף דער ליכטשיין. זי איז מודה דאָס, וואָס ס'האָט פאַרשוויגן איר מיידלישע שווייגזאַמ־קייט. זי ווייזט איר ברוטאַלע, חיהשע ליבע.

דערנאָך איז זי בלאַס געוואָרן און געבליבן אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך, ווי אַ פאַרשטאַרטער בר־מינן. איך שפּיר, אַז זי איז איבערגעענטפערט צו עפּעס אַ העכערן כּוח, וואָס באַלד פאַרפירט ער זי, און באַלד מאַכט ער זי גליען... איר פּנים,

איינס פון די שענסטע צירונגען אויף דער וועלט, וועלכעס איז אַזוי שיינענדיק, אַז עס זעט אויס, ווי ס'וואָלט אַקעגנגעלויכטן דעם באַטראַכטנדיקן בליק, צוקט אויף אין האַסטיקע קראַמפּן און פאַרוואַנדלט זיך אין עפּעס אַ משוגעדיקער גרימאַסע. די פולע און געלאַסענע האַרמאָניע פון אירע באַוועגונגען פאַרלירט און ברעכט זיך.

דער מאַנסביל האָט אַוועקגעטראָגן אויפן בעט דאָס זיסע, יונגע מיידל. מען זעט אירע ביידע פונאַנדערגענומענע פיס, וועלכע אַנטהילן די צאַרטע, צאַפּלדיקע נאַקעטקייט פון איר געשלעכט.

ער איז צוגעפאַלן צו איר; ער האָט זיך באַהעפט אָן איר, מיט עפּעס אַ טויבן געברום, זוכנדיק זי צו פאַרווונדן, אינדערצייט ווען זי האָט געוואַרט, און זיך אים פאַרשאָנקען מיט איר גאַנצער משא.

ער וויל זי צעררייסן, ער שפּאַרט זיך אָן אויף איר, זיין קאָפּ שטראַלט מיט עפּעס אַ פינצטערן שטורעם איבער איר בלייכן און מיידלישן פּנים, מיט די געשלאָסענע אויגן און אָפּגעעפנטע ליפּן. מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז צוויי פאַרשטויסענע לייט זענען דאָ באַשעפטיקט אין עפּעס אַ סאַפּענדיקער שטילקייט, אָנצוטון איינעם דעם אַנדערן שרעקלעכע יסורים, און אָט באַלד וועט זיך אַרויסרייסן אַן אימהדיק געשריי.

זי זיפצט גאַנץ שטיל: „איך ליב דיך!" דאָס קלינגט ווי אַ מילד געזאַנג פון חסד און אָפּערווילקייט. און אינדערצייט ווען ער זעט זי נישט, האָב איך אַליין געזען, ווי איר ווייסע און קלאָרע האַנט האָט אַהינגעפירט דעם מאַנסביל צום בלוטנדיקן מיטלפּונקט פון איר לייב.

ענדלעך האָט אויפגעהילכט דאָס געשריי פון דאָזיקן געוואַלט-אַקט, פון דאָזיקן מאָרד איבער דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון דער מיידלישער און פאַרמאַכטער פרוי.

— איך ליב דיך! — האָט ער אויפגעהיילט מיט עפּעס אַ טריומפירנדיקער, משוגענער פרייד.

און זי האָט געהיילט: „איך ליב דיך!" אַזוי הויך, אַז די ווענט האָבן אַזש אָפּגעהילכט.

זיי האָבן זיך אַריינגעבויערט איינער אין אַנדערן.

ליגן זיך ווי די כוואַליעס; זייערע אבֿרים זענען פֿול מיט בלוט. זיי זענען גלייכגילטיק לגבי דער שעמעוודיקייט, דער זיטלעכקייט, דעם וויטיקלעכן אָנדענק פֿון דעם נפֿטר, צע־שמעטערנדיק אַלץ, העכער איבער אַלעם.

איך האָב געזען דאָס פּילפּאַכיקע, אומגעהויערע מענטש־לעכע ווען, וואָס זיי בילדן. עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן גע־וואָלט אונטערדריקן און מקריב זיין אַלץ, וואָס אין זיי איז געווען שיינס. זייערע ליפּן קראַמפּן זיך צונויף און זוכן זיך ווילד צו בייסן איינאַנדער, זייערע שטערנס זענען דורכגע־אַקערט מיט שוואַרצע ליניעס פֿון משוגעת און פֿאַרצווייפֿלטער אָנטרעגנגונג. איינער פֿון אירע פּרעכטיקע פּיס הענגט פֿון גע־לעגער אַרונטער. דער פֿוס איז פֿאַרקראַמפּט, און איר זאָק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דעם גאָלדיקן מאַרמאָר פֿון איר פֿלייש, דער שענקל איז באַדעקט מיט שוים און מיט בלוט. די יונגע פֿרוי האָט איינגאַנצן דאָס אויסזען פֿון אַ פֿאַראום־ווערדיקטער סטאַטוע, וועלכע איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פֿון איר פּיעדעסטאַל. און דאָס פּנים פֿונם מאַנסבּיל, מיט דעם גליענדיקן אויג, איז ענלעך צום בילד פֿון אַ משוגענעם פֿאַר־ברעכער, וועמעס האַנט ס'לעכצט נאָך בלוט.

זיי זענען זיך אַזוי נאָענט איינאַנדער, ווי מ'קאָן עס נאָר בכלל זיין: זיי האַלטן זיך אַרום מיט די הענט, מיט די ליפּן און מיט דעם לייב, זיי פּרעסן צונויף זייערע פּנימער, וועלכע זעען זיך שוין נישט, געבלענדט דורך דער צו שטאַר־קער נאָענטקייט פֿון זייערע אויגן. דערנאָך דרייען זיי אויס זייערע העלזער, און קערן אָפּ פֿון זיך זייערע אויגן אין דער רגע פֿון שטאַרקסטן עקסטאַז.

זיי זענען, על־פּי צופֿאַל, גליקלעך אין דער זעלבער צייט, און זאַכט פֿאַרגייען די לאַנגזאַמע אַקאָרדן פֿון דעם עקסטאַז. די ליפּן פֿון דער פֿרוי זענען פֿייכט און פֿינקלדיק, גלייך ווי די קושן, וועלכע שטראָמען פֿון זיי אַרויס וואָלטן אַ ליכטיקייט אויסגעשטראַלט.

— אָך! כ'האָב דיך ליב, כ'האָב דיך ליב! — זינגט זי, קרעכצט זי, כאָרכלט זי — דערנאָך לאָזט זי פֿאַלן עפּעס אַזעלכע אומקלאָרע קלאַנגען, גלייך ווי אין אויסברוך פֿון גע־

לעכטער. זי זאָגט: „טייערינקער, טייערינקער, מיין קליינינקער, טייערינקער!" זי שטאַמלט מיט אַ צעבראָכענער שטים, גלייך זי וואָלט געוויינט: „דיין קערפּער, דיין קערפּער!" און זי שעפּטשעט אַ גאַנצע רייע פון אַזעלכע אומצוזאַמענהענגענדיקע זאַכן, אַז איך וואַג צומאָל נישט זיך אין זיי צו דערמאָנען.

* *
*

און דערנאָך טוען זיי, פּונקט ווי די איבעריקע מענטשן האָבן עס געטון, פּונקט ווי זיי גופא וועלן עס נאָך אָפט טון אין דער פאַרהוילענער צוקונפט, זיי הייבן זיך שווער אויף און זאָגן: „וואָס האָבן מיר געטון!" זיי ווייסן נישט, וואָס זיי האָבן געטון. זייערע אויגן שליסן זיך האַלב צו — זיי קערן זיך צוריק אין דער טיפעניש פון זיך גופא. דער שווייס רינט ווי טרערן און גראָבט אויס זייערע בייטן.

איך דערקען זי כמעט נישט. זי איז שוין נישט ענלעך צו זיך. איר פּנים איז פאַרוועלקט און צעשטערט. זיי ווייסן שוין נישט, ווי זיי זאָלן נאָך ווייטער רעדן וועגן דער ליבע. און דאָך קוקן זיי אויף זיך, פול מיט שטאָלץ און צוגלייך מיט שקלאַפישער אונטערטעניקייט, מחמת זיי זענען אין צווייען. נישט געקוקט אויף זייער אַלצאיינקייט, שלאָגט זיך אָפּ אויף דער פרוי מער אומרויקייט, איידער אויף דעם מאַן: זי טראָגט אויף זיך דעם ענדגילטיקן חותם, און דאָס, וואָס זי האָט געטון, איז גרעסער ווי דאָס, וואָס ער האָט געטון. זי טוליעט אַרום און פאַרבאָרגט דעם גאַסט פון איר לייב, בעת די היץ פון זייערע אייגענע אָטעמס נעמט אַרום די פאַרליבטע פּאָר.

* *
*

די ליבע! דאָסמאָל איז נישט נויטיק געווען קיין צווייטיק רייצמיטל, כדי דידאָזיקע צוויי בפשטות זאָלן זיך וואַרפן אין די אָרעמס. פאַר זיי איז נישט פאַראַן געווען קיין שלייער, קיין נאַכט און קיין זינדיקע ערמה. דאָס זענען בלויז געווען צוויי יונגע און שיינע גופים, די צוויי פּרעכטיקע, ווייּ-

סע חיות, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט מיט פשוטע אויסגעשרייען און מיט די אייביקע אַלצאיינע באַוועגונגען.

אויב זיי האָבן פאַרגוואַלטיקט די זכרונות און די זיטלעכקייט, איז עס געשען דורך דעם כּוח פון זייער ליבע, און זייער פייער האָט אַלץ מטהר געווען, פּונקט ווי אַ שייטערהויפן. זיי זענען געווען אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן און אין דער מיאוסקייט. דידאָזיקע צוויי געליבטע שפּירן נישט קיין חרטה, נישט קיין געוויסנספּיין; זיי פילן בלויז דעם ניצחון פון זייער ליבע. זיי ווייסן נישט, וואָס זיי האָבן געטון; זיי גלויבן, אַז זיי האָבן זיך פאַרייניקט.

* *

*

זיי זיצן אויפן ראַנד פון בעט, נישט ווילנדיק. צי איך צוריק מיין קאָפּ מיט אַנגסט, זעענדיק זיי פּאָר מיר אַזוי נאָענט און אַזוי שרעקלעך. איך האָב מורא פאַרן דאָזיקן אומגעהויערן, מעכטיקן מענטשן, וועלכער וואָלט מיך אוודאי צעמאָרשט, ווען ער זאָל ווּיסן, אַז מיר געפינען זיך דאָ פּנים אל פּנים.

זיינע מחשבות זענען נאָך פאַרזונקען אין דעם אָקאָרשט אויסגעפירטן אַקט. דורך זיינע האַלב אָפּגעעפנטע מלבושים, קוקט אַרויס זיין ברייטע, שטאַרקע מאַרמאָר-ברוסט. ער האָט אָנגענומען מיט זיין טונקעלער דלאָניע איר זיסע, שטילע, איינגעשלאָפענע האַנט און געזאָגט:

— איצט ביסטו מיינע אויף שטענדיק. דורך דיר האָב איך דערקענט דעם געטלעכן עקסטאַז. דו האָסט מיין האַרץ און איך האָב דיינס. דו ביסט מיין ווייב אויף אייביק.

זי ענטפערט: דו ביסט אַלץ.

און זיי טוליען זיך צו נאָך נענטער צו זיך, פאַרשיכּורטע פון דער שטייגנדיקער, געמיינזאַמער פאַרגעטערונג.

פּונקט ווי זיי האָבן פריער נישט געוווסט, וואָס זיי האָבן געטון, אַזוי ווייסן זיי איצט נישט, וואָס זיי רעדן. זייערע ליפּן זענען נאָך פייכט פון די קעגנזייטיקע קושן. זייערע אויגן זענען שטאַר און געבלענדט, זייערע געדאַנקען זענען פול מיט ליבע-ווערטער.

זיי גייען אַרויס אין בשותּפישן לעבן, ווי יענע לעגענ־דאַרע פּאָר, באַגייסטערטע, אינגאַנצן ווי אין פּורפּור איינגע־הילט: ער איז דער העלער ריטער מיט די העפּלן-שוואַרצע האָר, און איבער זיין שטערן פלאַטערט אַ פּאָר אייזערנע פליגל אָדער אַ לייבן-גריווע. זי איז די פּריסטערין פון אַלע צייטן, טאָכטער פון די יידישע געטער, דער מלאך פון דער נאַטור.

זיי וועלן שיינען און פינקלען אויף דער זון. זיי וועלן קיינזאַך נישט זען אַרום זיך, פאַרבלענדט פון דער ליכטשטיין, און זיי וועלן נישט וויסן פון קיין שום קאַמף, אַחוץ דער מלחמה, וועלכע ס'וועלן פירן צווישן זיך זייערע ביידע יונגע, שיינע גופים, אין דעם הערלעכן שגעון פון דער תּאווה, אָדער אין אויפּברויז פון זייער אייפערזוכט — מחמת צוויי געליבטע זענען זיך גיכער צוויי שונאים, איידער צוויי פריינט. זיי וועלן נישט וויסן פון קיין ליידן, אַחוץ דעם שטעכיקן שפּאָרן פון זייער ליידנשאַפט, בעת דער לינדער אָוונט וועט אַרומנעמען זייערע קערפּערס מיט אַ וואַרימען, באַרנעם פלאַטער.

מיר דוכט, אַז דורך דער שיין פון אויסערלעכן פּאָן און עפּאָכע, שפּיר איך נאָך מיט די אויגן זייער לעבן, וועלכעס איז פאַר זיי נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר טאָלן, בערג, אָדער וועלדער. איך זע זיי, ווי זיי גייען צעשטראַלטע, ווי איינגע־הילטע אין אַ ליכטיקן וואָלקן, געשיצטע אויף אַ געוויסער צייט קעגן די שרעקלעכע כּוחות פון דער דערינערונג און מחשבה. באַוואָפנטע קעגן דער מאַכט פון דער פינצטערניש און קעגן די אומענדלעכע געפאַרן פון דעם גרויסן האַרץ, וועלכעס זיי טראָגן פאָרט אין זיך.

און דעמדאָזיקן אָנזאָג פון זייער גורל לייען איך שוין אין זייער אַרומהאַלזונג, וואָס מיין הויכע באַטראַכטונג האָט געקוקט אויף אַלע אירע פּרטים מיט יראת־הכּבוד, כ'האָב גע־זען אַלע זייערע מעשים אין זייער דערהויבנקייט און אויך אין זייער קליינלעכקייט. און כ'האָב גוט געטון, זיי אַזויער־באָך צו זען.

* *

עפּעס אַ פרויען-געשטאַלט איז דאָ אין גראָען הינטערגרונט פון צימער. אַן אַנדערע פרוי? עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז אַלץ דיזעלביקע...

זי געפינט זיך אין דעם האַלבשאָטן, און איז אויסגעטון; זי איז בלייך, ווייס, און בלוטיקע באַנדאַזשן ליגן לעבן איר. זי זיצט איינגעקאָרטשעט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, זי בלוטיקט... דערשעפּט פון איר שוואַכקייט, באַטריבט, ווי אַ צעבראָכענע אורנע...

קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט פאַר מיר אַזוי שטאַרק דאָס בילד פון דעם געהייליקטן עלנט פון דעם מענטשלעכן מין. דאָס איז נישט קיין קראַנקייט, דאָס איז אַ ווונד, אַ קרבן. דאָס הילט זי איין אין פּורפּור, ווי עפּעס אַ מאַנאַכין.

...צום ערשטן מאָל, זינט איך געפין זיך דאָ, הייסט מיך אַן אינערלעכע פרומע רעגונג מיינע אויגן אָפּקערן.

דאָס טונקעלע קיניגרייך פון דעם גלויביקן האָט זיינע באַלוינונגען; דער מענטש באַוווּנדערט אַלץ, אין וועלכן ער פאַרטיפט זיך מיט ערנסטער מי. אונזער מוטער איז, פאַר איטלעכן פון אונז, מער נישט ווי אַ בעסער פאַרשטאַנענע פרוי.

*

* *

איך קוק שוין נישט מער. איך זעץ מיך אַוועק און שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף די עלנבויגנס. איך טראַכט וועגן מיר, ווו-זשע בין איך איצט אין דער וועלט? איך בין גאַנץ אַליין. מיין פּאָסטן איז פאַרלוירן. גאָר אינגיכן וועט מיר אויספעלן געלט? וואָס-זשע וועל איך אָנהייבן טון אין דעם לעבן? איך ווייס נישט. כ׳וועל זוכן; מען מוז דאָך סוף-כל-סוף עפּעס אויסגעפינען.

און רויק און לאַנגזאַם האָף איך.

מ׳דאַרף שוין נישט קיין טרויעריקייט, קיין אַנגסט און קיין פיבער... נאָר אַוועק, אַוועק פון די אַלע אַזוי מוראַדיקע און ערנסטהאַפטע זאַכן, ווען עס אַנבליק ס׳איז שרעקלעך אַריבערצוטראָגן. און זאָל די רעשט פון מיין לעבן אַפּפליסן אין מנוחה, אין פרידן!

איך וועל פירן, ערגיצווו, אַן אָרנטלעך און אַרבעטזאַם לעבן — און וועל האָבן אַ רעגלמעסיקן פאַרדינסט.

און דו וועסט דאָרט זיין מיט מיר, שוועסטער מיינע, קינד מיינס, פרוי מיינע.

דו וועסט זיין אַן אָרימע, כּדי מער געגליכן צו זיין צו אַלע איבעריקע פרויען. און כּדי מיר זאָלן קאָנען לעבן, וועל איך אַרבעטן אַ גאַנצינקען טאָג און זיין אַזויערנאָך דיין דינער. און דו וועסט אויך אַרבעטן מיט ליבשאַפט פאַר אונז, איין דערדאָזיקער ריינער, שטילער שטוב, בעת איך וועל נישט זיין אינדערהיים, און בלויז די אָנוועזנהייט פון דיין גוטער און פשוטער ביימאַשין וועט זיין לעבן דיר... דו וועסט האַלטן די גוטע אָרדענונג, וועלכע פאַרגעסט אין קיינזאַך נישט. וועסט גע-דולדיק זיין ווי דאָס לעבן, און וועסט אויך נעמען אויף זיך די מוטערשאַפט, וועלכע איז אַזוי שווער ווי די וועלט.

אינאָוונט, ווען איך וועל אַהיימקומען, וועל איך שטילער-הייט אויפמאַכן די טיר, וועלכע איז פאַרבאָרגן אין שאָטן. כ׳וועל דערהערן דיינע טריט אין שכנותדיקן צימער; וועסט אַריינטראָגן די ברענענדיקע לאָמפּ. איך וועל אויסהערן מיט אינטערעס דיינע ווערטער, וועלכע דו וועסט אַרויסרעדן בלויז צוליב דעם, כּדי מיר צו שענקען דיין שטים, דיין לעבן; מיט רויקייט וועסטו מיר דערציילן אַלץ, וואָס דו האָסט געטון בעת מיין אָפּוועזנהייט. דו וועסט מיר דערציילן זכרונות פון די קינדער-יאָרן. איך וועל זיי כּלל נישט גאַרשטיין, מחמת דו קענסט מיר, נאַטירלעך, נאָר קנאַפּע פּרטים אָנגעבן; כ׳וועל זיי נישט קאָנען פאַרשטיין, אָבער מיט ליבשאַפט וועל איך זיך איינהערן אין דעם מורמלען פון דערדאָזיקער אַזוי זאַנפטער, הגם פאַר מיר פרעמדער שפּראַך.

מיר וועלן רעדן וועגן אונזער צוקונפטיקן קינד, און לגבי דערדאָזיקער וויזיע וועסטו אַראָפּבויגן דיין שניי-ווייסן האַלז און שטערן. און דאַן וועלן מיר שוין פאָרויס הערן דאָס הוידן זיך פון דעם וויגל, ענלעך צום גערויש פון פליגל. און פאַרמאַטערטע, און אפילו געעלטערטע, וועלן מיר שפּינען פרישע חלומות וועגן דער יוגנט פון אונזער קינד.

נאָך דידאָזיקע טרוימערייען, וועט אונזער האַרציקער גע-

דאַנק שוין נישט אַוועקלויפן אַזוי ווייט. אינאָוונט, וועלן מיר טראַכטן וועגן דער נאַכט. דו וועסט זיין פול מיט גליקלעכער מחשבה. דאָס אינערלעכע לעבן וועט זיין העל און פריידיק, נישט דורכן בילד, אויף וועלכן ס׳וועלן קוקן דיינע אויגן, נאָר דורך דיין אייגענעם האַרצן. דו וועסט אויפשטראַלן פון אינע-ווייניק, פונקט ווי אַ בלינדע.

מיר וועלן וואַכן איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן. אָבער ביסלעכווייז, מיטן אָנרוקן זיך פון דער שעה, וועלן אונזערע ווער-טער ווערן אַלץ זעלטענער, אַלץ נעפּלהאַפטער. דער שלאָף בלעטערט אויף דיין נשמה. דו זיצסט באַם טיש און שלאָפסט אויף אים איין. דו שפּירסט, ווי איך וואַך אַלץ מער איבער דיר...

די צאַרטע האַרציקייט איז גרעסער ווי די ליבע. איך באַוווּנדער נישט די זינלעכע ליבע, דאָרט ווו זי איז אַליין און נאַקעט; איך באַוווּנדער נישט אירע צעלאָזענע און עגאָיס-טישע אויסברוכן, וועלכע זענען אַזוי משוגעדיק קורץ. און דאָך, אָן ליבע איז דער קשר צווישן צוויי מענטשן תמיד אַ שוואַכער. די ליבע מוז זיך פאַריייניקן מיט האַרציקער צוגע-בונדנקייט, זי מוז אומבאַדינגט אַריינטראָגן אין דעם צונויפ-בונד פון צוויי נפשות די האַרציקע נאָענטקייט, די פּשוטקייט און דאָס געפיל פון אויסשליסלעכקייט.

XVI

כ'האָב זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן ווי אַ פאַרשיקטער, איך, אַ פּשוטער בשר־ודם, איך, וואָס בין אַזוי ענלעך און אפילו צופיל ענלעך צו אַלע איבעריקע מענטשן. כ'האָב דורכגעוואַנדערט גאַסן, פּלעצער, פאַרקוקט אויף דעם אַלעם, וואָס ס'פאַרשווינדט מיר פון הינטער די אויגן. מכלומרשט גיי איך, אָבער ס'שיינט מיר, אַז כ'פאַל אַריין פון איין חלום אין צווייטן. פון איין באַגער אין אַנדערן... עפּעס אַן אויפגעלענטע טיר, אַן אָפן פענצטער, אַנדערע פענצטערס, וועלכע שלאָגן זיך אָפּ אין דעם אָוונטליכט מיט צאַרטער געלבלעכקייט אויף די בלאָלעכע פאַסאַדן, רופן אין מיר אַרויס עפּעס אַ מאָדנע אַנגסט... עס מיידט זיך מיט מיר אויס עפּעס אַ פרוי, וועלכע זאָגט מיר גאָרנישט פון דעם, וואָס זי האָט מיר געהאַט צו זאָגן... איך טראַכט וועגן איר און וועגן מיין טראַגעדיע. זי איז אַריינגעגאַנגען אין עפּעס אַ טויער און איז נעלם געוואָרן.

...דער גוף איז געבלענדט פון עפּעס אַן אַנדערן פאַרפום, וועלכער איז שנעל אַנטלאָפן; איך בלייב שטיין אינמיטן גאַס, עס באַפאַלן מיך און שטיקן טויזנטער מחשבות, אונטער דער הילע פון דעם אָוונט.

כ'בין געבליבן שטיין לעבן עפּעס אַ פאַרמאַכטן פענצטער אין פאַרטער, פון הינטער וועלכן ס'האָט זיך דערטראָגן אַ וווּנדערבאַרע מעלאָדיע. איך הער זיך איין, פונקט ווי איך וואָלט פאַרנומען מענטשלעכע שטימען, אין דער טיפער שיינקייט פון דער סאָנאַטע, און אַ ווײַלע זאָפּ איך אין זיך איין דאָס, וואָס דער קלאַוויר פאַרטרויט די מענטשן, וועלכע געפינען זיך דאָרט אינעווייניק.

דערנאָך, האָב איך מיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. אויף דער צווייטער זייט גאַס, באַשיינט פון דער אונטערגייענדיקער זון, שטייט אַ צווייטע באַנק, אויף וועלכער ס'האָבן פאַרנומען פּלאַץ צוויי מענער. איך זע זיי גאַנץ דײַטלעך. זיי זעען אויס ביידע געטראָפן פון זעלבן גורל, און עס פאַרבינדט זיי אַ באַשיינפּערלעכע צאַרטע פרײַנטשאַפט. ס'איז קענטיק, אַז זיי האָבן זיך ליב. איינער פון זיי רעדט, דער אַנדערער האָרכט צו.

איך שטעל מיר פאָר עפּעס אַ געהיימע טראַגעדיע, וועלכע קומט איצט אַרויס אויף דער ליכטשיין... אין משך פון גאָר זייער יוגנט-צײַט האָבן זיי זיך אויסערגעוויינטלעך ליב געהאַט; זיי האָבן זיך אָנפאַרטרויט איינאַנדער די געדאַנקען און אידעען. איינער פון זיי האָט חתונה געהאַט. דאָס איז דער, וועלכער רעדט איצט און זעט אויס צו זעטיקן דעם בשותּפותדיקן צער. דער אַנדערער פלעגט ווײַלן פון צײַט צו צײַט, דיסקרעט, אין הויז פון זײַן פרײַנט, אפשר האָט ער שטילערהייט באַגערט די יונגע פרוי, אָבער ער האָט געשווינט איר שלווה און גליק. און איצט דערציילט אים דער פרײַנט, אַז די פרוי זײַנע האָט אים שוין נישט ליב, אינדערצײַט ווען ער פאַרגעטערט זי גאָך פונקט אַזוי, ווי אין טאָג פון דער חתונה. זי ווערט וואָס אַמאָל גלייכגילטיקער, זי קערט זיך אָפּ פון אים; זי שמייכלט און לאַכט בלויז דעמאָלט, ווען זיי זענען נישט אַליין. ער דעקט אויף פאַר זײַן פרײַנט דעמדאָזיקן חורבן, דידאָזיקע ווונד, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן זײַן ליבע, זײַן רעכט, זײַן רעכט! ער האָט געגלויבט צו האָבן אַ רעכט אויף דערדאָזיקער פרוי, און ער האָט געלעבט אין דערדאָזיקער מילדער, זאָרגלאָזער איבערצייגונג; דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אומגעקוקט און באַמערקט, אַז ער האָט נישט געהאַט אויף איר קיין שום רעכט... און איצט, הערנדיק דעמדאָזיקן פּיינלעכן ווידוי, פּרוּווט דער פרײַנט זיך דערמאָנען אין עפּעס אַ געקליבן וואָרט, וואָס זי האָט אים ווען ס'איז געזאָגט, אין עפּעס אַ באַדייטנדיקן שמייכל, וואָס זי האָט אים געשאָנקען. און הגם ער איז אַ גוטער און אויפריכטיקער, און נאָך אינגאַנצן אַ ריינער, גנבעט זיך אין אים אַרײַן אַ וואַרי-

מע, לאַשטשענדיקע און איבערגעוועלטיקטע האָפענונג ; ביסלעכמע וויז, בעת ער הערט זיך אַזוי אײַן אין דעם פאַרצווייפלטן ווידוי, צעשטראַלט זיך זײַן פּנים און ער שמייכלט צו דערדאָזיקער פרוי !.. און קיינזאַך קאָן נישט שטערן, אַז דערדאָזיקער שוין איצט גראָער אָוונט, וועלכער הילט אײַן דידאָזיקע צוויי מ[illegible]בער, זאָל נישט זײַן אין דערזעלביקער צייט אַן אָנהויב און אַ סוף.

עפּעס אַ פּאָרל, אַ מאַן און אַ פרוי — די אָרימע נפשות זענען כּמעט תּמיד אין צווייען — דערנעענטערט זיך, גייט פאַרביי און פאַרשווינדט. מ׳זעט דעם פּוסטן שטח, וואָס טיילט זיי פונאַנדער : אין דער טראַגעדיע פון לעבן, איז די שיידונג די איינציקע זאַך, וועלכע מ׳זעט דייטלעך. זיי זענען געווען גליקלעך, אָבער דאָס גליק האָט זיי פאַרלאָזן. זיי זענען שוין כּמעט אַלטע לייט. ער איז גלייכגילטיק צו איר, און עס גייט אים שוין נישט אָן די פאַרעלטערטע פרוי... וועגן וואָס ריידן זיי ? נאַכלעסיק, פלאַחר־יד, אונטער דעם שלווהדיקן שלייער פון אָוונט, איז ער זיך פאַר איר מתוודה אויף זײַנס אַן אַלטן חטא, דעם פאַרראַט, וועלכן ער האָט ביזאַהער זאָרגעוודיק און פרום פאַרבאָרגן פון איר... ליידער ! זײַנע ווערטער גראָבן אַן אומפאַרמיידלעכן חורבן : דער עבר, וועלכער איז געשטאָרבן מיט אַ מילדן טויט, שטייט אויף, כּדי צו ליידן, דאָס גליק פון אַמאָל איז חרוב געוואָרן ; די טעג פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועלכע האָבן אויסגעוויזן צו זײַן גליקלעך, זענען געוואָרן אומענדלעך טרויעריק, און דאָס איז דער טרויער נאָך אַלעם.

דידאָזיקע פאַרבײַגייערס זענען פאַרווישט געוואָרן דורך צוויי אַנדערע, נאָך גאַנץ יונגע ; און ווידער שטעל איך מיר פאָר זייער שמועס. די ביידע הייבן איצט אָן ; זיי האַלטן זיך בײַ פאַרליבן... מיט אַזאַ אומדרייסטקייט באַקענען זיי זייערע הערצער ! ער זאָגט : „צי זאָל איך זיך לאָזן אויף דערדאָזיקער נסיעה ? — זאָל איך טון דאָס, זאָל איך טון יענץ ? זי ענטפערט : „ניין”. אַ געפיל פון אומאויסדריקלעכער שעמעוודיקייט הילט אײַן די ערשטע, אַזוי באַשיידענע נאָך ליבעס־דערקלערונג, אין דער פאָרם פון פאַרניינונג... און געהיים, אָבער

דרייסט, פרייט זיך דער געדאַנק שוין מיט דער ליבע, וועלכע איז איינגעשלאָסן הינטער די מלבושים.

און אַנדערע, און אַנדערע... אָטאָ-די... זי שווייגט; ער רעדט; מיט שוועריקייט קאָן ער זיך באַהערשן. ער בעט זי, זי זאָל אים אויפדעקן דאָס, וואָס זי טראַכט! זי ענטפערט. דער מאַנסביל הערט צו, און דערנאָך, גלייך ווי ס׳וואָלטן נישט געפאַלן קיין שום ווערטער, נעמט ער זי בעטן אויפסניי און שטאַרקער. ער איז אזמיכער, וואַקלענדיק זיך צווישן טאָג און נאַכט; זי דאַרף מער נישט ווי איין וואָרט אַרויסצורעדן — און ער וועט גלייבן. מ׳זעט, ווי ער איז אין דערדאָזיקער אומגעהויערער שטאָט איינגעקלאַמערט בלויז אין דאָזיקן איינעם גוף.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער, האָב איך פאַרלוירן פון אויג דידאָזיקע צוויי געליבטע, וועלכע קוקן אויף זיך און פייניקן זיך קעגנזייטיק.

פון אַלע זייטן באַווייזן זיך פּאָרלעך, אומעטום שטייען אַקעגן זיך מאַן און פרוי: דער מאַנסביל, וואָס ליבט הונדערטער מאָל, די פרוי, וועלכע קאָן אַזוי שטאַרק ליבן און אַזוי-פיל פאַרגעסן.

און כ׳לאָז זיך ווייטער אין וועג. איך שפּאַן אַהין און אַהער איבערן זעלבן באַקעטן אמת. איך געהער צו די אויסטערלישע, אויסנעמלעכע מענטשן. איך בין אַליין אַ באַגערנדיקער, אַ שרייענדיקער, אַ רופנדיקער, און איך דערקען מיך אומעטום. צוגלייך מיט אַלע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, לייען איך דעם אמת, וועלכער האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אין דעם האָטעל-צימער; דעם אמת, וועלכער באַשטייט אין פּאָלגנדיקע ווערטער: „איך בין אַליין און באַגער דאָס, וואָס כ׳האָב שוין אָנגעוווירן". מען לעבט און מען שטאַרבט אַליין, געטריבן פון דערדאָזיקער תשוקה.

איך גיי פאַרביי אַ נידעריקע קראָם. איך הער אַ געשריי, אַ געהייל: „יאָ! ניין!" איך בלייב שטיין דערשטוינט איבער דער קראַפט פון דאָזיקן טאָן. איך באַמערק אין אַ שטייגל עפּעס אַ באַוועגלעכן שאָטן. דאָס איז אַ פּאַפּוגיי, און דאָסדאָזיקע געשריי איז בלויז אַ גרויס, בלינד גערויש, אַ קלאַנג,

וואָס ווערט אַרויסגעלאָזט דורך אַ נשמהלאָז באַשעפעניש...

אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער קלאַנג איז מחוץ דער מענטשהייט, און האָט דערביי אַ מענטשלעכע פאָרם, דערמאָנט עס מיך אין דער גרויסקייט און חשיבות פון מענטשלעכן געשריי. כ׳האָב קיינמאָל נישט געטראַכט מיט אַזאַ קראַפט וועגן דעם, וואָס ס׳קאָן אַנטהאַלטן אין זיך אַ באַשטעטיקונג אָדער אַ פאַרניינונג, וועלכעס גייט אַרויס פון אַ דענקנדיק מויל: דער גאָב אָדער אָפּזאָג פון אַ מענטשלעך נפש, וועמעס געשטאַלט כ׳זע תמיד פאַר זיך, אין דער פינצטערניש, וועמעס באַשאָטנט האַרץ וויזט זיך אָן אויפהער פאַר מיינע גלויביקע אויגן, כדי מיך צוצוציען צו זיך און פירן דורכן העלן טאָג.

אָבער, פאַר מיר — גאָרנישט. כ׳בין פאַרמאַטערט פון צופיל באַגערן; כ׳פיל זיך פלוצלינג אַלט. כ׳וועל קיינמאָל נישט אויסהיילן דידאָזיקע ווונד, וועלכע כ׳טראָג אין מיין האַרצן... דער חלום פון שלווה, וואָס כ׳האָב געטרוימט אַ ווײַלע פריער, האָט מיך געלאָקט און געצויגן בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען ווייט פון מיר. ווען כ׳וואָלט אים געווען דערגרייכט, וואָלט איך ווידער געטרוימט וועגן עפּעס אַנדערש; מחמת דאָס האַרץ מיינס איז אַ נאָכאַנאַנדיקער טרוים...

* *

*

און איצט זוך איך עפּעס אַ וואָרט. אַלע די מענטשן, וועלכע לעבן־איבער מיין אמת, וואָס זאָגן זיי, בעת זיי רעדן וועגן זיך גופא? צי גייט אַרויס פון זייערע ליפּן דער עכאָ פון מיין געדאַנק, אָדער גאָר אַ טעות, אַ שקר?

די נאַכט איז צוגעפאַלן. איך זוך אַ וואָרט, וואָס זאָל ענלעך זיין צו מיינעם, אַ וואָרט, וואָס זאָל מיר געבן אַן אָנשפּאַר, אַן אחיזה. און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך גיי בלינדערהייט פאָרויס, גלייך ווי אויפן ראָג גאַס, עלעהיי פון אונטער דער ערד, דאַרף זיך עמיצער באַווייזן, כדי מיר אַלץ צו זאָגן!

כ׳וועל זיך היינט אָוונט נישט אומקערן אין מיין צימער.

כ׳וויל זיך היינט נישט צעשיידן מיט דעם המוןֹ. איך זוך עפּעס אַ לעבעדיקע אַרומיקייט.

כ׳בין אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, כּדי מיך אַרומצורינגלען מיט מענטשלעכע שטימען. כ׳האָב קוים געהאַט איבערגעטרעטן די שוועל פון דער גרויסער שפּיגל־טיר — וואָס אַן אוניפאָרם האָט אומאויפהערלעך געעפנט און פאַרמאַכט — ווי ס׳האָבן מיך אַרומגענומען טויזנטער פאַרבן, טויזנטער פאַרמען, טויזנטער מורמלערייען. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דערדאָזיקער עלעגאַנטער עולם — די פאָרנעמע, גוט־געשניטענע שוואַרצע פראַקן, די בונטע, שימערירנדיקע ביזאַנסן פון די רייכע דאַמען־קליידער — האָט ווי אויסגעפירט עפּעס אַ פרייַלעכע צערעמאָניע, אין דערדאָזיקער הויכער, מיט רויטע טאַפּעטן באַשלאָגענעם לוקסוס־זאַל. לאָמפּן אומעטום, אין זילבערנע גירלאַנדעס, אין גילדענע קוילן, אין מילדע אָראַנדזשפאַרביקע אַבאַזשורן, וועלכע האָבן אַרויסגעפּישופּט קליינע, בלייכע פרימאָרגן־דעמערונגען אַרום איטלעכער גרופּע פון די עסנדיקע געסט.

ס׳איז שוין כמעט נישט געווען קיין פרייַע ערטער; כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, לעבן אַ טישל, וועלכעס איז געווען פאַרנומען דורך דריי מענער. כ׳בין געווען ווי פאַרטויבט פון דעם שרייַענדיקן ליכט, און מיין נשמה, וועלכע איז געווען אַזוי געדולדיק צוגעוווינט און איבערגעענטפערט צו די גרויסע נאַכט־מיסטעריעס, איז געווען ווי אַ סאָווע, וועלכע איז אָקאָרשט אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם שוואַרץ בלאָען ליכט און אַריינגעשליידערט געוואָרן אויף קאַטאָוועס אינמיטן פון קינסטלעכע פייערן.

כ׳האָב געוואָלט זיך דערוואַרימען באַם דאָזיקן גרויסן ליכט... נאָכדעם ווי כ׳האָב באַשטעלט מיין עסן, האָב איך געפּרוווט צו פאַראינטערעסירן זיך מיט די פיזיאָנאָמיעס אַרום. אָבער ס׳איז געווען שווער אויפצוכאַפּן די אַלע פּנימער, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט. די שפּיגלען האָבן פאַרפילפאַכיקט אַלצדינג, אפילו די אויסשטאַטונג פון זאַל; כ׳האָב געזען דיזעלביקע רייע פינקלדיקע פּנימער, פונפאַרנט און פונדערזייט... אַלע ווילע האָבן זיך פאַרשידענע פאָרלעך, גרופּעס,

געלאָזט צו דער טיר ; די קעלנערס האָבן זיך דורכגעשטופּט, דערלאַנגנדיק פּעלצן, אָדער לייכטע, קינסטלעך קאָמבינירטע דאַמען-מאַנטלען. ס'האָבן זיך באַוויזן פרישע געסט. כ'האָב באַמערקט, אַז אַלע פרויען זענען געווען, אויפן ערשטן אָנבליק, רייצנדיק שיין, אַלע זענען אגב געווען ענלעך צו זיך מיט זייערע ווייסע פּנימער און מיט זייערע ליפּן אין געשטאַלט פון אַ קליין האַרץ. דאָך, ווען זיי זענען צוגעקומען נענטער, זענען אַרויסגעטרעטן פאַרשידענע דעפעקטן און האָבן פאַרווישט דעמדאָזיקן אידעאַלן חן, מיט וועלכן ס'האָט זיי באַצירט דער ערשטער בליק. דאָס רוב מענער זענען, לויט דער מאָדע פון יענער צייט, געווען גלאַט געראַזירט. זיי האָבן געטראָגן פלאַך-ראַנדיקע הוטן און פּאַלטנס מיט אַראָפּהענגנדיקע אַקסלען.

בעת מיין אויג האָט מעכאַניש נאָכגעפאָלגט דער ווייס-באַהענטשקעטער האַנט, וועלכע האָט מיר איינגעגאָסן די זופּ פון אַ באַזילבערטער שיסל, האָב איך זיך איינגעהערט אין די טומלדיקע שמועסערייען, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט.

כ'האָב בלויז געקאָנט דערהערן דאָס, וואָס ס'האָבן גערעדט מיינע דריי שכנים. זיי האָבן גערעדט וועגן אָנוועזנדיקע באַקאַנטע אין זאַל, דערנאָך וועגן פאַרשידענע פריינט. און דאָס אַלץ אין אַזאַ איראָנישן און שפּאָטישן טאָן, וואָס האָט מיך אַזש איבערראַשט.

כ'האָב נישט געפונען קיין שום אינטערעסאַנטס אין דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט. כ'האָב מיר געטראַכט, אַז אויך דער-דאָזיקער אָוונט וועט פּונקט אַזוי אומנוצלעך פאַרלוירן גיין, ווי אַלע איבעריקע אָוונטן.

אין עטלעכע מינוט אַרום, בעת דער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט אויף אַ לאַנגן מעטאַלענעם טעלער דעם פיש-פילעט באַגאָסן מיט אַ געדיכטער, רויטער זויז, האָט ער מיר אָנגעוויזן דורך אַ ווינק מיטן אויג אויף איינעם פון די געסט :

— דאָס איז הער וויליערס, דער באַרימטער שריפט-שטעלער — האָט ער מיר גדלותדיק איינגערוימט.

דאָס איז ער טאַקע געווען אינדעראמתן ; ער איז געווען גענוג ענלעך צו זיינע פילע פּאָרטרעטן, און געטראָגן מיט גרויס חן זיין יונגן רום. כ'האָב מקנא געווען דעמדאָזיקן מענטש, וועל-

כער האָט געקאָנט שרייבן און זאָגן דאָס, וואָס ער האָט גע־טראַכט. מיט אַ געוויסער באַוווּנדערונג האָב איך באַטראַכט די פּאָרנעמקייט פון דאָזיקן וועלטס-מענטש, די שיינע, מאָדערנע און סובטעלע ליניע פון זיין פּאַרחלומטן פּנים מיט די שוואַרץ זיידענע וואָנסעס, די שלמותדיקע וועלבונג פון זיינע אַקסלען און די שמעטערלינג־פליגל פון זיין ווייסן קראַוואַט.

כ'האָב גראָד אויפגעהויבן מיין גלאָז צו די ליפּן צו — עס איז געווען אַזוי דין און דעליקאַט, אַז אַ שאַרפערער ווינט וואָלט עס לייכט פון זיין פּיסל אָפּגעבראָכן — ווי מיין האַנט איז געבליבן הענגען אינדערלופטן און כ'האָב דערפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט האט מיר צוגעשטראָמט צום האַרצן.

אָט וואָס איך האָב געהערט:

— וועגן וואָס האַנדלט זיך אין דיין נאָענטסטן ראָמאַן?

— וועגן דעם אמת. — האָט געענטפערט פּיער וויל־יערס.

— וואָס הייסט ? — האָט געפרעגט דער פריינט.

— אַ רעווי פון מענטשן, אויפגעכאַפּטע אַזוי ווי זיי זענען.

— סאַראַ טעמע ? — האָט מען געפרעגט אַרום דעם טיש.

מ'האָט אים אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט. צוויי יונגעלייט, וועלכע זענען געזעסן בײַ אַ שכנותדיק טישל, האָבן מיטאַמאָל איבערגעריסן זייער שמועס, אָנשטעלנדיק די אויערן. ס'איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן דער הער אין פראַק, מיט די איינגעצויגענע פּנים־שטריכן, מיט אַראָפּהענגענדיקע וויעס, וועלכער האָט גערייכערט אַ דיקן ציגאַר, אין וועמעס שמעקע־דיקן רויך ס'האָט אויסגעוויזן קאָנצענטרירט צו זיין דאָס גאַנ־צע לעבן זיינס. זיין פריינדין, וועלכע איז געווען איינגעהילט אין פערפומען און געפינקלט מיט בריליאַנטן, איבערגעלאָדן מיט דעם שווערן קיניגרייך פון לוקסוס, האָט אָנגעשפּאַרט דעם נאַקעטן עלנבויגן אויפן טיש און אויסגעדרייט צום רעדנדיקן איר לבנה־פּנים.

— דער סיוזשעט, — האָט געזאָגט פּיער וויליערס — וואָס וועט מיר דערלויבן צו מאַכן מיין בוך אַמיזאַנט און

אמתדיק צו גלייכער צייט, איז פֿאָלגנדיקער: עמיצער בויערט אויס אַ לאָך אין דער וואַנט פֿון אַ האָטעל-צימער און קוקט זיך צו צו דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין שכנותדיקן צימער!

* * *

כ׳האָב געמוזט אין דעדדאָזיקער רגע אָנקוקן די רעדנדיקע מיט אַ צעשראָקענעם און רחמנותדיקן בליק... דערנאָך האָב איך שנעל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דר׳ערד, מיטן באַאיוון זשעסט פֿון אַ קינד, וואָס האָט מורא, טאָמער זעט מען עס...

זיי האָבן דאָס אומיסטן פֿאַר מיר גערעדט, און איך האָב דערשפּירט אַרום מיר עפּעס אַ מאָדנע פּאָליצייאישע אינטריגע. דערנאָך איז פּלוצלינג צערונען דערדאָזיקער איינדרוק, פֿון וועלכן מיין געזונטער פֿאַרשטאַנד איז פֿולשטענדיק צעדולט געוואָרן. ניין, ניין, דאָס איז הוילער צוזאַמענטראַף! דאָך איז אין מיר פֿאַרבליבן אַן אומקלאָרער, מאָדנער פּחד, טאָמער וועט מען באַמערקן, אַז איך האָב געוווּסט, טאָמער וועט מען מיך דערקענען.

זיי האָבן ווייטער גערעדט וועגן דער אידעע פֿון ראָמאַן... גלייכגילטיק צו אַלעם אַרום, מיט אָנגעשטרענגטער אויפֿמערקזאַמקייט בלויז אין איין ריכטונג, צו האָרכן זייערע ווערטער, און נישט האָבן דעם אויסזען פֿון איינעם, וואָס הערט זיך אונטער — האָב איך זיך אָנגעזעצט אויף זייער שמועס, ווי עפּעס אַ מין פּאַראַזיט.

איינער פֿון דעם שריפֿטשטעלערס פֿריינט האָט אים געבעטן וועגן ווייטערדיקע פּרטים. דער מחבר האָט איינגעשטימט... אַך! ער וועט אַלץ דערציילן פֿאַר מיר!

* * *

און ער האָט גענומען באַריכותדיק דערציילן וועגן זיין בוך. מיט אַ וווּנדערבאַרער קונסט פֿון וואָרט, זשעסט און מימיק, מיט גייסטרייכער און לעבהאַפֿטער עלעגאַנץ און מיט אַן

אָנשטענקנדיק געלעכטער, האָט ער אַרויסגערופן פאַר די אויגן פון זיינע צוהערערס אַ גאַנצע רייע אומדערוואַרטע, גלענצנ־דיקע און באַרוישנדיקע סצענעס. צו דער באַלייכטונג פון זיין אָריגינעלן סוזשעט, וועלכער האָט צוגעגעבן די אַלע בילדער אַזויפיל פּלאַסטיק און דייטלעכקייט, האָט ער אָנגעצייכנט אַ שלל מיט לעכערלעכקייטן און קאָמישע סיטואַציעס. ער האָט געשאָטן מיט מאָלערישע און פּיקאַנטע פּרטים, האָט צוגע־קליבן כאַראַקטעריסטישע און וויציקע נעמען פאַר זיינע העלדן, האָט פאַרפלאָנטערט מיט איינפאַלערישע און געניאַלע קאָנ־פליקטן, וועלכע האָבן געמוזט אויסאיבן אויפן צוהערער אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג. פון אַלע זייטן האָט מען געררופן „אַך!" און „אָך!" אַלעמענס אויגן האָבן געפינקלט פון באַגייסטערונג.

— בראַוואָ! בראַוואָ! געזיכערטער דערפאָלג, דער סיוזשעט איז באמת אַ מערקווירדיק קאָמישער!

— די אַלע פאַרשוינען, וועלכע גייען פאַרביי פאַרן צו־שויער, זענען אויסערגעוויינלעך קאָמיש, אַפילו דער, וועלכער קוקט און שווייגט! גאָרנישט פאַרגעסן! די גאַנצע מענטשהייט שטעקט אין דאָזיקן ראָמאַן!

איך אָבער האָב קיינמאָל נישט דערקענט אין דעם אַלעם, וואָס דער מחבר האָט געוויזן.

אַן אָפּהענטיקייט, און עפּעס אַ געפיל פון בושה האָט מיך אַרומגעכאַפּט, הערנדיק דעמדאָזיקן מענטש, וועלכער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאַרווײַלן דעם עולם און מאַכן עפּעס אַ שפּילעריי פון דערדאָזיקער טריבער, צער־פולער מיסטעריע, וועלכע האָט מיך געמאַטערט זיבן אַ חודש צייט.

און כ'האָב זיך דערמאָנט די גרויסע שטים פון דעם פאַרשטאָרבענעם זקן, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט מיט אַזאַ ענט־גילטיקן און שטאַרקן טאָן, אַז די הײַנטיקע שריפטשטעלער מאַכן נאָך די קאַריקאַטוריסטן. איך, וואָס בין אַרײַנגעדרונ־גען אין סאַמע האַרץ פון דער מענטשהייט און זיך פון דאָרטן צוריקגעקערט, האָב נישט אויסגעפונען קיין שום מענטשלעכס אין דערדאָזיקער טאַנצנדיקער קאַריקאַטור! דאָס אַלץ איז געווען אַזוי איבערפלעכלעך, אַז ס'איז געגליכן געווען צו שקר.

דער מחבר האָט געזאָגט פאַר מיר, פאַר זײַן שרעקלעכן עדות:

— און זאָל דער עולם אַמאָל זען אַ מענטש, וועלכער איז אויסגעטון פון גאָר דער ליגנערישער לפנימדיקייט — אָט וואָס איך וויל. די אַנדערע זענען מערניסט ווי פאַרפירערישע דמיונות, און איך בין דער אמת.

— דאָס האָט אפילו אַ פילאָזאָפישע באַדייטונג — האָט זיך עמיץ אָפגערופן.

— אפשר... אַלנפאַלס, האָב איך דאָס נישט געזוכט! גאָט צו דאַנקען בין איך אַ שריפטשטעלער, און נישט קיין דענקער!

און ער האָט ווייטער גענומען פאַרקריפּלען דעם אמת, דעמדאָזיקן אַזוי תהומיש טיפן אמת, וועמעס שטים ס'האָט מיר געהילכט אין די אויערן, וועמעס שאָטן ס'האָט מיר פאַרנעפּלט די אויגן, וועמעס ביטערן טעם כ'האָב געשפּירט אויף מײַנע ליפּן.

* * *

שוין-זשע בין איך אַזוי פאַרלאָזן?.. וועט זיך שוין קיינער אויף מיר נישט דערבאַרימען?

כ'האָב זיך אַרויסגעשאַרט פון רעסטאָראַן דורך דער גרויסער, שפּיגלדיקער טיר. איך גיי אַרײַן אין טעאַטער. מען שפּילט דאָרט אַ פּיעסע, וועמעס דערשײַנען מיט אַכט טעג צוריק איז דורכן עולם באַגריסט געוואָרן, ווי אַ וויכטיק געשעעניש. ס'איז מיר פאַרבליבן אין געדעכעניש דער עכאָ פון איר אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. עס לאָקט מיך און ציט דער טיטל: „דאָס רעכט פון האַרץ".

איך פאַרנעם מײַן פּלאַץ, און זיץ אינמיטן פון דעם גרויסן העל-באַלויכטענעם טעאַטער-זאַל, אַרײַנגעשטויסן צווישן דערדאָזיקער הייסער מענטשן-מחנה.

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, שיקנדיק צום פּובליקום אַ ברייטע, פרישע לופט-כוואַליע; איטלעכער איז אַרומגענומען פון עפּעס אַ האָפענונג און דערוואַרטונג...

איך קוק אויף די בינע, פונקט אזוי, ווי כ'האָב אַריינ-געקוקט אין דעם שכנותדיקן צימער. איך האָרך, איך גאַטיר אין געדאַנק וואָרט בּאַ וואָרט, איך סילאַבּיזיר...

...דער יונגער סקולפּטאָר זשאַן דאַרסי, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון רוים מיט זיינע מירמלנע חלומות, געפינט זיך אויף אַן אָוונט בּאַם בּאַנקיר לעוויס. די פּרעכטיקע זאַלן חימ-לען מיט אַ גלענצנדיקער געזעלשאַפט. מיטגלידער פון אינס-טיטוט, בּאַצירט מיט די אויסצייכענונגען פון ערנלעגיאָן, זיצן בּאַזאַמען מיט די רייכסטע קאַרפּן-קעפּ. אַלע בּאַרימטקייטן פון דער קונסט, פון דער בּאַאַמטנשאַפט, פון דער פּאָליטיק און פינאַנץ, קאָנקורירן וועגן דער נצחון-פּאַלמע פון רכילות און וועגן דעם שמייכל פון שיינע פרויען.

אַ קליינע גרופּע איינגעלאַדענע געסט פּלוידערט אין דער שטיל. איצט רעדן זיי וועגן דעם ווירט פון הויז.

— צי ווייסט איר, אַז ער האַלט בּאַ געאַדלט ווערן? גראַף לעוויס! — ער האָט געטון גרויסע טובות דעם פּויפּסט אין דידאַזיקע האַרטע און אומרויקע צייטן; זיין הייליקייט איז צו אים זייער גינציק. — ס'אַ סברה, זאָגט אַ יונגע, נאַ-איווע דאַמע, אַז ער רופט אים אויף איטאַליעניש גאַנץ פּשוט „פּאַפּאַ" — ס'וועט צוקומען אַ פרישער הערב! און ער איז שוין געווען אַזוי נויטווענדיק! און סאַראַ דעוויז וועט האָבּן זיין הערב? איך שלאָג פאָר: „קיין טובה אָן שכר". — און איך: „ראַטעווע דיך, און ס'וועט דיך מציל זיין דער הימל". — און איך, האָט געזאָגט עפּעס אַ פּאַרשוין מיט אַן אָריענטאַלישן פּראָפיל: „Nihil circonscire sibi" — נו, געגנוג זיך געוויצלט: צי ווייסט איר שוין? אַ גאָר פּאַרטרויליכע ידיעה: דער צוקונפטיקער גראַף גרינדעט אַ צייטונג. — ניין, כ'האָב נישט געוווּסט דערפון. — איך אויך נישט. מערקוויר-דיק, ווי אַ מענטש ווייסט אַזוי ווייניק פון פּאַרטרויליכע ענ-ינים. — אַן אינפאָרמאַטיווע צייטונג אין ברייטן מאַסשטאַב. אָבער,אין תוך, געשעפטן: אַ היפּש ביסל פּראָיעקטן, און... — אַך, בּייזע צינגער וואָלטן געקאָנט אַ סך רעדן וועגן אונזער בּאַלעבּאָס. און זיין מעטרעסע?... אינגאַנצן אַ פרישינקע; זי בּאַרלאָזט אים נישט אויף קיין רגע, און גייט אים נאָך אומע-

טום. — מ׳זאָגט, אַז דער אַלטער לאָזט גיך גאַנץ פיין דורכגיין? אָבער מערנישט ווי איבערפלעכלעך, דאָס איז אַן אמביציעזער פאַרשוין, נאָר שוין אַביסל מיד. ער האָט אַ קאָפּ אין אַ מאָגן, אָבער דערמיט ענדיקט עס זיך. איר ווייסט, ווי מען רופט אים? דער סאַטיר... אָן קאָנסעקווענצן. — און די פרוי באַקלאָגט זיך נישט דערויף? — אָך, צווישן אונז גערעדט, איז דאָס איר גאַנץ גלייכגילטיק: זי האָט דורכגעמאַכט אַ קליין אָפּעראַציעלע, ממילא איז איצט... דאָס איז אַ דאַנאַיד-פעסל. ס׳אַ סברה, אַז זי האָט געהאַט פּופּציק מיליאָנדן; נאָר ער האָט אויך געמוזט האָבן זיין אייגנס עפּעס... — אַלט זייענדיק צוואָנציק יאָר האָט ער געירשנט צען מיליאָן נאָך זיין...

— נאָך איינעם, אַ מענטש, וועלכער איז זיכער נישט געווען זיין פאָטער. נו, און אַלץ איז אויסגעטרוקנט געוואָרן; אָבער ער האָט געוווסט ווי צו געפעלן. — איטלעכער מעדאַל האָט זיין פאַרקערטע זייט, און ער, דאַכט זיך, איז אויך געוואָרן גאַנץ גרויזאַם באַשטראָפט פאַר דעם, וואָס ער איז איבערגעגאַנגען פון איינער צו דער אַנדערער. — יאָ... מילא, וואָס-זשע ווילט איר, די פרויען קאָנען נישט האַלטן בסוד קיין קראַנקייט! — שיין-זשע האָט מען נישט גערעדט וועגן אַ געשיכטע מיט מיס לעממאָן, מיט וועלכער ער האָט זייער גוט געלעבט? — כ׳האָב געמיינט, אַז זי האָט זיך אָפּגעגעבן צו הימל-זאַכן: מ׳זאָגט דאָך אַלץ אינאיינעם, אַז זי איז אַ נאָנע — נאַטירלעך, און ער איז טאַקע געווען דער מאָנאַך. — אַך אַזוי, אַלזאָ אַ רעליגיעזע געליבטע; און סאַראַ געשיכטע איז עס? — זי האָט אים אָפּגעטון אַ שפּיצל; ער האָט זי געפּאַקט מיט דע-רעגנאָדן; ס׳האָבן זיך אים געעפנט די אויגן. — ער האָט זיך געוואָלט צוריקציען שטילערהייט, נישט ליב האָבנדיק קיין אַוואַנטורעס; און דאָ, באַץ, דער ענין ווערט קאָמפּליצירטער: אַן עפנטלעכע קריגערײַ און אַ קאָפּע מיטן פוס. ער האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש פון דאָזיקן גאַנצן האַרמידער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעמדאָזיקן אומבאַדייטנדיקן זעץ, וואָס ער האָט באַקומען אומגעריכט, און וועלכער, לויט זיין מיינונג, האָט נישט פאַרדינט צומאָל די

מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. בעת מ׳האָט אים געמאָלדן די עדות
פון יענעם הער, האָט ער צאָרנדיק אַ געשריי געטון: „שוין-
זשע זענען זיי משוגע געוואָרן, דידאָזיקע לייט! אלמאי שטערן
זיי מיר צוליב אַזאַ נישטיקייט!״ ווען מ׳זאָל כאָטש ווייניקסטנס
קאָנען באַ אים עפּעס רעכטס אין מויל אריין נעמען: אָבער
אפילו דאָס נישט! סאַראַ מיטאָג! האָלץ, נישט קיין פלייש-
שרעקלעך, און די קאַווע! הוילע ציקאָריע, אַזוי שוואַך, אַז
ס׳האָט פּשוט פאַרפעלט כוח צו פּראָטעסטירן. — געפילטרירט
וואַסער. — איך האַלט, אַז דאָס מיטאָג איז נאָך נישט געווען
צום ערגסטן, ס׳וואָלט זיך פאַרגאַנגען נאָכאַמאָל דאָסזעלבע! —
ער באַשטעלט זיינע מיטאָגן תמיד אין צווייטקלאַסיקע און אָפּ-
געשטאַנענע פירמעס. מען שמועסט, אַז אויף איינעם פון די
לעצטע אויפנאַמעס, האָט די מענו-קאַרטע אַנטהאַלטן אַזאַ אויפ-
שריפט *) „Hors d’ oeuvre a’ discretion” זיין זון, דער יונגער
פאַול, האָט זים דערויף געזאָגט: „אָך, ניין, דאָס איז שוין
צופיל, פּאַפּאַ!״ — דאָסדאָזיקע זינדל איז אויך נישקשה פון
אַן עקזעמפּלאַר! ער שרייבט לידער, פּאָעט! אַ מאָדערנער
פּאָעט, אַ ווילדער פוטוריסט. — צוליב זיין אָריגינעלקייט רופט
מען אים פראַנסואַ קאָפּיע. ער פאַרפאַסט קליינע פעמיניסטישע
בילדלעך פאַר מיידלעך פון צוואַנציק יאָר אָדער פאַר האַלב-
מיידלעך פון פערציק יאָר״. מען זאָגט, אַז ער האָט עפּעס
עסקים מיט דער דאַרער איקס. — די, וועלכע שפּילט ”ציד“
מיט דעם פאַראומערטן ז... היט זיך, זי האָט אַ שאַרפן שנאָבל
און נעגל. — אַך, ניין, דאָס איז אַ גאַנץ פיינע פרוי! זי טוט
קיינעם קיין שלעכטס נישט. — איבעריקנס, איז אים דידאָזיקע
פאַרבינדונג כלל נישט צום האַרצן. — ווייל זי איז אַ וועל-
טישע דאַמע? — ניין, נאָר ווייל זי איז איבערהויפּט אַ דאַ-
מע! — אַך, אַזוי! ס׳אַ סברה, אַז ער איז גאַנץ פערווערס
און האָט עפּעס באַזונדערע מידות! — ווייסט איר, אַז ער
שרייבט אויך פאַרן טעאַטער. — וואָס וועט ער טון באַ דער
צייטונג פון זיין פאָטער? — פאַר די ביילאַגעס זאָרגן. —
מסתם בלויז פאַר דער פרויען-ביילאַגע. — איבעריקנס, די
גאַנצע משפּחה פון אונזער מכניס-אורח שמט מיט איר היפּשער
געמיינקייט: כ׳בין צופיל זייערס אַ גוטער פריינט, אַז כ׳זאָל

*) פאַרבייסעכץ וויפל אייגער וויל.

דאָס נישט האָבן באַמערקט שוין פונלאַנג. — אָבער די נצחון־פאַלמע אין דערדאָזיקער נעסט האַלט אומבאַדינגט די פלימע־ניצע. — אַך, סאַראַ מין פאַרשווינטע דאָס איז! — זי איז אַזוי באַמאָלט, אַז קיינמאָל ווייסט מען נישט, צי מ'זעט זי גופא, אָדער גאָר איר פאָרטרעט. — זי מאַכט געשעפטן אויף אייגענער האַנט. — דער דעוויז פון דערדאָזיקער דאַמע איז: „קיין זאַך שרעקט מיך נישט אָן". — אָדער ריכטיקער: „קיינזאַך איבערראַשט מיך נישט" — זי טרוימט טיילמאָל וועגן מיידלשער צניעות, אָבער כ'לעבן, מ'קאָן זיך אַזוי לייכט נישט אומקערן צו דער האַלב־מיידלשער מערכה. — ס'אַ סברא, איך זאָג עס אייך בסוד גדול, אַז זי איז זינט אַ געוויסער מיט עפעס אַ אַלטן הער... אגב, מ'האָפט, אַז דאָס איז גאָר איר פאָטער..."

דערדאָזיקער „מ'האָפט", האָט אַרויסגערופן צום ערשטן מאָל אַ לייכטן געמורמל אין זאַל. דאָס איז נאָר געווען אַ ריין פאָרמעלער פראָטעסט, מחמת וואָס מער ס'האָבן זיך גענומען שיטן דידאָזיקע געשמאַקלאָזע וויצן און חכמות, האָט זיך אַלץ אַ גרעסערע הנאה און פרייד צעלייגט אויף דידאָזיקע הערן אין די שוואַרצע פראַקן און אויף דידאָזיקע פאָרנעמע, אויסגעדעקאָלטירטע דאַמען.

נאָך דעם ערשטן אַקט, אין וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעצייכנט די ליבעס־באַציִונגען צווישן זשאַן דאַרסי מיט דער שיינער זשאַנע דע־פלאָראַנזש, האָט מען געקאָנט באַמערקן אין די קאָרידאָרן אַ לעבהאַפטיקע באַוועגונג, וועלכע באַגלייט תמיד דעם אומצווייפלהאַפטן דערפאָלג:

— סאַראַ ווערטער! — האָט מען געזאָגט מיט אנטציקונג — גאָרנישט, נאָר ווערטער!

דער צווייטער אקט איז ענלעך געווען צום ערשטן. הגם ער איז געווען מער פאַרביק און רייכער אין אַקציע, איז ער געווען אויפגעבויט אויפן זעלביקן אופן. לייכטע און קינסטלעכע קאָמבינאַציעס פון עפיזאָדן און דיאַלאָגן, וועלכע האָבן געצילט נישט צום אמת, נאָר צום ביליקן עפעקט. אגב, איז דערדאָזיקער עפעקט געווען צייטנווייז ברוטאַל און פיינלעך, מחמת דאָס בילד פון אַ צאַפּלדיק נפש, וועלכעס באַוועגט זיך פאַר אונזערע אויגן אויף דער בינע, איבט־אויס אויף אונזער

פילבארקייט אַ שטאַרקע אילוזיע פון אייגענע איבערלעבונגען. אָבער אין תוך איז דאָס אַלץ געווען אַזוי פלאַך און פוסט. יאָ, דאָס זענען געווען מערניסט ווי ווערטער, פראַזן. יאָ, דידאָזיקע לייט האָבן „געשפּילט", און ווענדיק אונז ווייזן עפּעס אַן ערנסטן אמת, האָבן זיי אים נאָכגעמאַכט אַזוי אומגעלומפּערט. אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן.

דער צווייטער אַקט ענדיקט זיך, עס הויבט זיך אָן דער דריטער. זשאַננע דע-פלאָראַנזש פרעגט זיך, צי זי האָט דאָס רעכט צונויפצושמידן איר גורל מיטן גורל פון יונגן קינסטלער, וועלכער ליבט זי טאַקע פונקט אַזוי שטאַרק, ווי זי אים, אָבער ער איז זייער אָרעם און וויבאַלד ער וועט מיט איר חתונה האָבן וואָלט ער געמוזט, צוליבן מאַטעריעלן דוחק, מקריב זיין דעם טאַלאַנט און דעם צוקונפטיקן רום זיינעם. זשאַננע איז אַ מיושבדיקע פרוי. נאָך אַ געוויסנס-קאַמף, וועלכער ווערט נאָך באַשווערט דורך אַן אייפערזוכטס-אינטריגע, קומט זי צום באַשלוס, אַז זי האָט נישט דאָסדאָזיקע רעכט. זי דערווייטערט אויף תמיד דעם סקולפּטאָר זשאַן דאַרסי, איינרעדנדיק אים, אַז זי איז אַרונטערגעפאַלן דעם קאַפּריז פון דעם גלענצנדיקן קלוב-מאַן, זשאַק-דע-ליניער. זשאַן וועט פאַראַכטן דידאָזיקע פרוי, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זיין מלאך און מוזע. אָבער אויסהיילנדיק זיך פון דערדאָזיקער אומגליקלעכער ליבע, וועט ער חתונה האָבן מיט רחל לעוויס, וועלכע איז, נישט קוקנדיק אויף איר דערציונג אין דער רייכער און פאַרדאָרבענער סביבה, פאַרבליבן אַ יונג און פיין מיידל, און וועלכע ליבט אויך בסתר דעם קינסטלער. איצט וועט ער זיך קאָנען איבערגעבן צו זיין אַרבעט. דאָס רעכט פון האַרץ איז באַזיגט דורכן רעכט פון דער צוקונפט.

אין דעם זאַל הערשט געוואַלטיקע באַגייסטערונג. בעת ס'איז אַרונטערגעפאַלן דער פאָרהאַנג נאָכן לעצטן אַקט, אין וועלכן די טעזע פון אויפאָפּערונג איז דורכן מחבר פּאָזיטיוו געלייזט געוואָרן, אין וועלכן דער אומדערוואַרטער, הערויִשער פאַראַט האָט געטראָפן ווי אַ דונער אין דעם געליבטן און אין די צושויערס, האָט דאָס פובליקום גענומען ממש ווילדעווען, מ'האָט געשריגן, געפּאַטשט מיט די הענט, געקאָפּעט אין

די הילצערנע לאָזשן-ווענט, געזעצט מיט די שטעקנס אין דער פּאָדלאָגע, געטופּעט, געהיי׳ט.

...דער עולם שיט זיך אַרויס אינדרויסן און דער גאַנ-צער מ׳שטיינסגעזאָגטער דערפאָלג צעשווימט און פּאַרלירט זיך צווישן דידאָזיקע אויסגעפּוצטע דאַמען און הערן, וועלכע שטופּן זיך לאַנגזאַם צום אַרויסגאַנג.

— די אַלע פּיעסעס זענען תּמיד מער-ווייניקער דיזעלבע. סוף-כּל-סוף בלייבט נישט פון זיי גאָרנישט אין זכרון.

— מילא, גלייכער אַזוי. איך גיי אין טעאַטער אַריין, כּדי זיך צו צעשטרייען, און נישט כּדי צו באַרייכערן מיין גייסט.

— כ׳בין מסופּק, צי דידאָזיקע זאַך וועט אָנהאַלטן ביזן הונדערטסטן מאָל... אַלנפאַלס האָבן מיר שוין דיזעלביקע טע-מע געזען מער ווי הונדערט מאָל.

כ׳האָב געהערט, ווי מ׳האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דעם הער, וועלכער האָט דאָס געזאָגט. דאָס איז געווען פּיער קאָרפּיער, דער באַרימטער דראַמאַטורג, פּאַרפאַסער פון דער פּיעסע „ציק-צאַק״, וועלכע ווערט געשפּילט אין שכנותדיקן גרויסן טעאַטער. מען זאָגט, אַז די דריי אַקטן פון זיין שטיקווימלען מיט רמזים אויף לעבעדיקע פּערזענלעכקייטן.

מ׳האָט דערקענט דעם שריפטשטעלער. אַרום אים אַ גע-פּאָכעריי פון הוטן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אַליין פון ווינט אונטערגעהויבן. די פּריווילעגירטע הענט שטרעקן זיך אויס, כּדי צו האָבן דעם כּבוד צו דריקן זיין האַנט. ער שפּאַנט ווייטער, טריומפירנדיק און געחנפעט. און דער איז אויך ענלעך צו יע-נעם. געלט און רענאָמע, ער האָט עס דערגרייכט מיט דער הילף פון ביליקע עפעקטן, מיטן אויפכאַפּן די אַקטואַליטעט, מיטן נידעריקן אונטערחנפענען דעם רייכן עולם, וועלכער פילט אויס די טעאַטער-זאַלן. איך פאַראַכט אים און האַס אים.

* *

*

איצט וואַנדל איך ווידער אונטער דעם הימלס-געוועלב, צו וועלכן ס׳זענען אַרויפגעפלויגן אַזויפיל פּוסטע ווערטער.

די אַלע זאַכן, וועלכע איך האָב געזען, וועלן גאָר אינ־גיכן פאַרשימלט ווערן! דאָס אַלץ איז היינט צופיל מאָדיש, אַז ס׳זאָל מאָרגן נישט אַרויסגיין פון דער מאָדע. ווי זעגען זיי, אַלע די גלענצנדיקע אויטאָרן פון די לעצטע יאָרן? זייערע נעמען שווימען ערגיצוואו אַרום.

דער נעגטערער קאָנטאַקט מיטן אמת ווייזט מיר בולט אָן דעם טעות און די אומגערעכטיקייט, און צווינגט מיך צו פאַראַכטן דידאָזיקע אויגנבליקלעכע לייכטע צעשטרייונגען, מחמת זיי מאַלפּעווען בלויז נאָך דאָס קונסטווערק. וואָס אַן אמת, זייער דערפאָלג איז נישט קיין ערנסטער. דער קינסטלערישער ענטוזיאַזם אויף אַן עפעקטפולער פרעמיערע איז מייסטנטיילס מער נישט ווי אַן אומבאַדייטנדיקע געשעעניש, און די אַלע פּיעסעס, — זייערע טיטלען, סיוזשעטן און שוישפּילער — ווערן באַלד פאַרווישט און באַגראָבן איינע אין די אַנדערע. אָבער בינו־לבינו, צעשפּרייטן זיי זיך אין משך פון עטלעכע אָוונטן, און געניסן אַ באַשיימפּערלעכן טריומף. כ׳וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן אומקומען, נאָך איידער זיי דערזען די ליכטשיין.

* *

דאָס שכנותדיקע צימער איז פאַרגאָסן מיט לבנה־שטראַלן, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען דורכן פענצטער. אין דאָזיקן פרעכטיקן לבנה־שיין האָב איך דערזען צוויי פאַראומערטע, ווייסע מענטשן, צוויי שטילע נפשות מיט מירמלנע פּנימער.

דאָס פייער איז געווען פאַרלאָשן. פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט, איז דער זייגער אנטשוויגן געוואָרן און זיך איינגעהאָרכט מיטן האַרץ אין דער שטילקייט. דאָס פּנים פון דעם מאַנסביל האָט דייטלעך אויפגעטויכט, די פרוי איז געזעסן באַ זיינע פיס. זיי האָבן גאָרנישט געטון, נאָר געקוקט צו דער לבנה אַרויף מיט פאַרחלומטע בליקן, ווי צוויי שטיינערנע סטאַטועס.

ער האָט גענומען רעדן. כ׳האָב דערקענט דידאָזיקע שטים, וועלכע האָט פלוצלינג פאַר מיר באַלויכטן דאָס אָקאָרשט נאָך טויטע פּנים פון דעם מאַנסביל; דאָס איז געווען ער, דער

ליבהאָבער און דער פּאָעט אָן אַ נאָמען, וועלכן כ'האָב שוין געהאַט געזען צוויי מאָל.

ער האָט דערציילט זיין פריינדין, אַז אַהיימגייענדיק אינ-אָוונט, האָט ער באַגעגנט אַ פרוי, אַן אָרעמע, מיט אַ קינד אויף דער האַנט.

זי איז געגאַנגען, געשטויסן און געטראָגן פון אַהיים-איילנדיקן המון, דורך באַפעלקערטע גאַסן, וואָס זעען אויס אינאָוונט ווי זיי וואָלטן כסדר געלאָפן אין דערזעלביקער ריכ-טונג. צוגעשמופּט אונטער אַ טויער, לעבן אַ שטיינערנעם בלאָק, וועלכער איז ענלעך געוועזן צו אַ ים-פעלז, האָט זי זיך אויף אים קראַמפּהאַפט אָנגעשפּאַרט.

— כ'האָב זיך דערנענטערט צו דערדאָזיקער פרוי — האָט ער געזאָגט — און געזען, אַז זי האָט געשמייכלט.

* *

„צו וועמען האָט זי געשמייכלט? דורך איר קינד, צום לעבן, אונטערן שוץ פון דערדאָזיקער שטיינערנער טיר, צו וועלכער זי האָט זיך צוגעטוליעט, פּנים אל פּנים מיט דער פאַרבייגייענדיקער זון, האָט זי געטראַכט וועגן דעם פונאַנ-דערבלי פון איר קינד אין די צוקונפטיקע טעג. ווי שרעקלעך זיי האָבן נישט געזאָלט זיין, וועלן דידאָזיקע טעג זיין אַרום אים, צוליב אים, אין אים. זיי וועלן זיין דיזעלביקע זאַך ווי דער אָטעם, די טריט און די בליקן פון קינד...

„יאָ, אַזאַ איז געווען דער טיפער שמייכל פון דערדאָ-זיקער שעפערין, וועלכע, טראָגנדיק איר זיסע משא, האָט זי שטאָלץ דעם קאָפּ אויפגעהויבן און דרייסט אַרויפגעקוקט צו דער ליכט. זי האָט צומאָל נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף דעם טונקלען פּיצל נפשל, און נישט צוגענייגט די אויערן צו דעם זינלאָזן געשמאַמל פון איר קינד.

„איבער דעם האָב איך געאַרבעט...„

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע, דערנאָך האָט ער געגומען רעדן שטיל און מילד, מיט יענער רוחניותדיקער שטים, וועלכע דער מענטש נעמט אָן דאַן, בעת ער רעדט

אזוינס, אין וועלכן ער הערט זיך אליין איין, און פון וועלכן ער קאָן זיך נישט באַפרייען:

די פרוי, וועלכע דער שאָטן פאַרוויסט, טויכט אויף אויס דער טיפעניש פון אירע צעריסענע טראַנטעס, און שמייכלט צום אָוונט-ליכט... שטום אונטער די שטומע פאַליעס פון דער אַנקומענדיקער נאַכט, אַ פאַרפייניקטע פון גאָר דער מענטשלעכער מאַרטירערײ, צעשטראַלט זי זיך מיט אַ שמייכל, גלייך ווי אַלע וואָלטן צו איר מתפלל געווען. געדאַנקענלאָז, מיטן קינד אויף די אָרעמס, איז זי געקומען און זיך אוועקגעשטעלט אונטערן דאָזיקן טויער; סאַראַ געטלעכער צער האָט זי גע-מוזט דערפירן צו אַזאַ גרויסער מידיקייט, אָט שטייט זי דאָ, איינזאַם, שוצלאָז, אָבער זי שמייכלט מילד: זי האָט ליב דעם הימל, די ליכט — מחמת ס׳וועט זיי ליב האָבן אין דער צו-קונפט איר קינד, — זי האָט ליב דעם בלאַסן מאָרגנשטערן, דעם שווערן, הייסן מיטנטאָג און דעם טרוימערישן אָוונט. עס וועט אויפוואַקסן, איר טייער קינד, כדי דאָס אַלץ אַרום זאָל קאָנען ווייטער לעבן. אָט-דאָס קינד, וועלכעס איז געלעגן אין דער פינצטערניש און געציטערט איבערן תהום פון דעם שווערן וועג, וועט צוריק אָנהייבן דאָס לעבן, דער איינציקער גן-עדן, וועלכער איז דאָ פאַראַן, און וועט זיין אַ בלום אין בלומענ-קראַנץ פון דער נאַטור. ער וועט מאַכן שיין די שיינקייט, און באַשאַפן אויפסניי די אייביקייט מיט זיין געזאַנג און זיין גע-פליסטער. און צודריקנדיק צום האַרצן דאָס ניי-געבוירענע קינד, וואָס דער בלאַסק פון דער שקיעה האָט באַגילדט זיינע טראַנטעס, קוקט זי מיט פורפור-באַגאָסענע אויגן אויף דער-דאָזיקער זון, וועלכע זי אַליין האָט געבוירן... אירע אָרעמס ציטערן ווי פליגל, זי טרוימט, וויגנדיק איר קינד מיט צערט-לעכע ווערטער; זי וואָלט געבלענדט די דורכגייערס, ווען זיי זאָלן צו איר זייערע אויגן ווענדן; און דער זונאונטער-גאַנג באַדעט איר האַלז און איר קאָפּ אין אַ ראָזיקן אָפּשיין: זי איז ווי אַ גרויסע רויז, וועלכע עפנט זיך פונאַנדער און נייגט זיך אין אַלע זייטן...״

מיין געשפאַנטע אויפמערקזאַמקייט געפינט אָפּ די גראַ-מען, פונקט ווי צערטלעכקייט געפינט אָפּ די קרובישע צערט-

לעכקייט אינדערפינצטער. דער ריטם! כ׳בין שוין אַמאָל גע־
ווען אונטער זיין טיפער שליטה. ער האָט מיך אויפגערירט
שוין דעמאָלט, אין יענעם אָוונט, בעת דער דיכטער האָט
אַרויסגעריסן פון זיין געדעכעניש עטלעכע פראַגמענטן פון זיין
פּאָעמע: דאָס זענען געווען מייסטערהאַפטע ווערטער, וועלכע
האָבן ווי דימענטן אויפגעבליצט אין שאָטן: אָבער דאָס, וואָס
ער האָט איצט גערעדט, האָט מיר, ווי דורך עפּעס אַ פּאָרגע־
פיל, אויסגעוויזן נאָך מער דערהויבן.

ער האָט זיך לייכט געוויגט אַהין און אַהער. ער איז
אינגאַנצן געווען דורכגעדרונגען פון דער אומבאַזיגבאַרער מו־
זיק, ער איז איר געווען פונקט אונטערגעוואָרפן, פונקט ווי דעם
רעגלמעסיקן פולס פון זיין האַרץ, און איך האָב אָפּגעפילט
אין דער נשמה דעם לעבעדיקן צאַפּל פון זיינע זיסע ווער־
טער. ער האָט אויסגעוויזן צו זוכן, אָפּצוגעפינען, צו גלויבן
אומענדלעך. ער האָט זיך געפונען אין אַן אַנדערער וועלט,
ווו אַלץ, וואָס מ׳זעט, איז אמת, ווו אַלץ, וואָס מ׳רעדט, איז
אומפאַרגעסלעך.

זי איז ווייטער געבליבן אומבאַוועגלעך באַ זיינע קני.
זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אים; ערנסט און אויפ־
מערקזאַם האָט זי איינגעזאַפּט אין זיך זיינע ווערטער, וועלכע
האָבן זי אָנגעפילט, ווי אַ קאָסטבאַרע וואַזע.

* *
*

— אָבער איר שמייכל — האָט ער מוסיף געווען —
איז נישט געווען בלויז באַוווּנדערונג פאַר דער צוקונפט. אין
דאָזיקן שמייכל איז אויך געלעגן עפּעס טראַגישעס, וועלכעס
האָט מיך דורכגעדרונגען ביז אין דער טיפעניש, און וועלכעס
כ׳האָב גוט באַגריפן. זי האָט האָלט געהאַט דאָס לעבן, אָבער
זי האָט געהאַסט די מענטשן און פאַר זיי מורא געהאַט, און
תמיד צוליב איר קינד. זי האָט שוין פאַר אים אַ קאַמף גע־
פירט מיט די מענטשן. אָט דאָס נפשל האָט קוים געהערט צו
די לעבעדיקע, און שוין האָט זי געפירט פאַר אים אַ קאַמף
מיט די מענטשן. מיט איר שמייכל האָט זי זיי אַרויסגעפאָ־

דערט. זי האָט אויסגעזען זיי צו זאָגן: ער וועט לעבן, אייך אויף צופיקעניש, ער וועט זיך פונאַנדערבליען להכעיס אייך, ער וועט זיך מיט אייך באַדינען; ער וועט אייך פאַריאָכן, כּדי צו געוועלטיקן איבער אייך, אָדער אויך כּדי פון אייך געליבט צו ווערן; און דער, וועמען איך האַלט אין מיינע מוטערלעכע נעגל, רופט אייך שוין אַרויס מיט זיין שוואַכן אָטעם. זי איז געוועז שרעקלעך. מתחילת האָב איך אין איר געזען דעם מלאך פון גוטסקייט, און איצט האָב איך געפונען אין איר אָנבליק דעם מלאך פון אכזריות און גרימצאָרן: „איך זע אין איר אַ מין האַס אַקעגן די יעניקע, וועלכע וועלן רודפן איר קינד. אַ שנאה קראַמפּט צונויף איר פּנים, וועלכעס שטראַלט פון איבערמענטשלעכער מוטערלעכקייט, איר בלוטנדיק האַרץ איז פול מיט איין געפיל. וועלכעס זעט פאַר דאָס שלעכטס און די חרפּה, וועלכעס האַסט די מענטשן און קוקט אויף איט־לעכן פון זיי ווי אויף אַ מלאך־המשחית. זי שטייגט אויף העכער איבערן דעמדאָזיקן גרויסן מענטשלעכן געמויזעכץ, דידאָזיקע מוטער מיט די שרעקלעכע נעגל, שמייכלענדיק מיט איר צע־ריסענעם מויל!“

עמע האָט געקוקט אויף איר געליבטן, וועלכער איז גע־ווען איינגעהילט אין לבנה־שטראַלן. ס'האָט זיך מיר אויסגע־וויזן, אַז די בליקן האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די ווערטער... ער האָט געזאָגט:

— איך פאַרענדיק מיט דער גרויסקייט פון דער מענטשישער קללה, פּונקט ווי אין אַלץ, וואָס איך טו, און חזר־איבער מיט דער איינטאָניקייט פון די, וועלכע האָבן רעכט... אַך! אָן גאָט, אָן אַ האָפן, אָן די טראַנטעס, וועלכע זאָלן קאָנען געגנוגנדיק באַדעקן אונ־זער לייב, האָבן מיר, אויף דער ערד פון די טויטע, מערנישט ווי דעם בונט פון שמייכל, ווי דעם בונט פון יום־טובדיקן אָפּרו אין דעם פינצטערן, בלוטנדיקן אָוונט... מיר זענען געגע־לעך איינזאַם, דער הימל איז אַראָפּגעזונקען אויף אונזערע קעפּ“.

דער הימל איז אַראָפּגעזונקען אויף אונזערע קעפּ! סאַראַ אומגעהויער וואָרט ס'איז אָקאָרשט אַרויסגעזאָגט געוואָרן!

דאָסדאָזיקע וואָרט, וועלכעס האָט נאָך געצאַפּלט אין דער

שטילקייט, איז געווען דער העכסטער געשריי, וואָס דאָס לעבן האָט אויסגעשאַלט ; דאָס איז געווען אַ געשריי פון באַפרייונג, וואָס מיינע אויערן האָבן ביזאַהער טאַפּנדיק געזוכט. איך האָב עס פאַרגעפילט, אָבער עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטים האָט פאַרלאַנגט אין מיר, אַז דאָסדאָזיקע וואָרט זאָל פאַלן און זאָל ענדלעך פאַרייניקן דעם עלנט מיט דער גרויסקייט און ווערן דער שליסל פון הימל-געוועלב.

דערדאָזיקער הימל, דאָס הייסט די הימלישע בלאָקייט, וואָס לאָזט זיך אַרומנעמען מיט אונזער אויג, און דאָס אַנדערוועלטיקע בלאָקייט, וועלכעס מיר פאַסן בלויז אויף אין אונזער נעדאַנק ; דער הימל : די לויטערקייט, די פולקייט — די אומענדלעכקייט פון די בעטנדיקע מאַסן, דער הימל פון אמת און רעליגיע, דאָס אַלץ איז אין אונז ! אויף אונזערע קעפּ איז עס אַראָפּגעזונקען ! און גאָט אַליין, וועלכער איז כּולל אין זיך די אַלע הימלען פאַראַמאָל, איז אַראָפּגעפאַלן אויף אונזערע קעפּ, פּונקט ווי אַ דונער, און זיין אומענדלעכקייט איז אונזערע !

מיר באַזיצן די געטלעכקייט פון אונזער גרויסן עלנט, און אונזער איינזאַמקייט, מיט איר מיזעליקייט פון דענקען, וויינען, שמייכלען, איז הימליש געטלעך דורך איר פולקאָמער שליטה און צעשטראַלטקייט... ווי גרויס ס׳זאָלן נישט זיין אונזערע זינד און אונזער ראַנגלעניש אין שאָטן, און די אומנוציקע אַרבעט פון אונזער קיינמאָל נישט געשטילטן האַרץ, און דונזער פאַריתומטע אומוויסנהייט, מוזן מיר קוקן אויף זיך גופא מיט אַ געוויסער פרומקייט. דאָסדאָזיקע געפיל באַשטראַלט אונזערע שטערנס, דערהויבט אונזערע נשמות, פאַרשענערט אונזער שטאָלץ און וועט אויך טרייסטן אונזער האַרץ, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע ליידן, וויבאַלד איטלעכער פון אונז וועט זיך אויסלערנען, אין זיינע אָרימע, טעגלעכע אַרבעטן, צו פאַרנעמען דאָסזעלביקע אָרט, וואָס ס׳האָט אַמאָל פאַרנומען גאָט. דער אמת אַליין גיט אַ באַשיימפערלעכע, ממשותדיקע צערטלעניש. מ׳קאָן זאָגן, אַ רעליגיעזן טרייסט אין דער תּפילה, וועלכע טראָגט זיך צום הימל אַרויף.

*

דער דיכטער האָט גערעדט גאַנץ שטיל, מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן, מכּוח זיינע לידער. עס האָט זיך אָבער וואָס אַמאָל מער פאַרווישט די פריערדיקע דערהויבנקייט פון זיינע ווערטער, וועלכע זענען געוואָרן אַלץ קנאַפּער, אַלץ אָרימער.

זי איז געזעסן באַ זיינע פיס, אָבער מיט אַן אויפגעהויבן פּנים, ער העכער, אָבער אַראָפּגעבויגן צו איר. אַ ליכטפולער קרייז האָט געשיינט איבער דערדאָזיקער פּאָר. כ׳האָב געזען דעם אָוואַל פון דעם פרויען-פּנים און די שטערן-וועלבונג פון דעם מאַנסביל און ווייטער דאָס אָנסופיקע ריזלען פון די שאָטנס אַרום.

נאָכדעם ווי דער דיכטער האָט אויפגעוויזן, אַז מיר זענען פון געטלעכער אָפּשטאַמונג, האָט ער געזאָגט, אַז דער טיפסטער מהות פון דערדאָזיקער געטלעכקייט איז דאָס איינציק בשותּפותדיקע פון די מענטשן. די כאַראַקטערן, די טעמפּעראַמענטן, אונטער דער ווירקונג פון אומצאָליקע אומשטענדן, זענען פונקט אַזוי פאַרשידן און פילפאַכיק, ווי די שטריכן פון די מענטשישע פּנימער. אָבער אין תּוך זענען פאַראַן צווישן זיי גרויסע, באַשיימפּערלעכע ענלעכקייטן, וועלכע זענען אַזוי אַלגעמיין, ווי אַלגעמיין ס׳איז די בלאַסקייט פון די מענטשישע שאַרבנס. איטלעכס קינסטלעריש ווערק בכן, וועלכעס וויל פאַרענלעכן צוויי פאַרשידענע פאַלן, און וויל באַהויפּטן, אַז איין פּנים איז דאָס אָפּבילד פון צווייטן, איז אי אַ לעסטערונג, אי אַן אויסדרוק פון טיפן, הייליקן אמת.

— און דערפאַר — האָט געזאָגט דער דיכטער — באַשטייט אויך די אמתדיקע פּאָעמע פון דער מענטשהייט נישט אין דער לאָקאַלער באַפאַרבונג, נישט אין די אויספירן פון סאָציאַלער נאַטור, נישט אין דער פאַרווײַלנדיקער וואָרט-שפּילעריי, נישט אין די איינפאַלערישע אינטריגעס. די אמתע מענטשהייטס-פּאָעמע דרינגט דיך דורך מיט איר האַרבער, רעליגיעזער קעלט. עס באַשאַפט זי דאָס שרעקלעך איינטאָניקע, און אייביק צאַפּלדיקע געהיימניש פון דער יצירה, אַרום וועלכער שאָטן און איינזאַמקייט פאַרווישן אָרט און צייט.

דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן דער פּאָעזיע בכלל, האַלטנדיק, אַז בלויז די באַוועגונג באַשטימט דעם ווערט פון

אַ פּאָעמע, דאָס הייסט דער אופן פון בויען איטלעכע סטראָפע, איטלעכן זאַך. מ׳דאַרף שוין פון אָנהויב קאָנען אַרויסבאַקומען דעם אייגנטלעכן אמת. די שוועריקייט ליגט נאָר דערין, וואָס דער קינסטלער דאַרף שוין מתחילת פון זיין אַרבעט האָבן פאַרטראַכט דאָס בילד פון דעם גאַנצן, כדי זיך דערמיט צו קירעווען. באַאַרבעטנדיק אַ פּאָעמע, מעג זי זיין ווי קורץ, זעט מען בפירוש, אַז שאַפן, הייסט אָנהויבן פון סוף. דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן מהות פון די ווערטער גופא, וועגן באַזונדערע אויסדריקן, וואָס אליין פאַר זיך זענען זיי אומקלאָר, נעפּלדיק, אָבער בעת זיי זענען געלאָזט אין באַוועגונג, ווערן זיי טיילמאָל גראָב און פאַרבאָרגן זייער אייגנטלעכן זין. ער האָט פאַרענדיקט מיט דערדאָזיקער פאַרטרויונג:

— איך האָב אַזאַ יראת־הכבוד פאַר דעם וואָרהאַפטיקן אמת, אַז צייטנווייז וואָג איך נישט אָנצורופן קיין זאַכן מיט זייער אייגענעם נאָמען...

... זי האָט אים צוגעהערט. גאַנץ שטיל האָט זי געזאָגט „יאָ". אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַוועקגעטראָגן אין עפּעס אַ זאַנפטן געווירבל.

דער דיכטער האָט געזאָגט אינדערשטיל: „עמע —"

זי האָט זיך שוין נישט גערירט. זי איז איינגעשלאָפן. איר קאָפּ האָט גערוט אויף די קני פון דעם פּריינט. ער האָט זיך דערשפּירט אַליין. ער האָט זי אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטון. עפּעס אַן אויסדרוק פון רחמנות, פון גוטסקייט, האָט געבלאָנזשעט אויף זיין פּנים. זיינע הענט האָבן זיך האַלב צו איר אויסגעשטרעקט, מיט דער זאַנפטקייט פון איבערלעכער קראַפט. קוקנדיק אויפן דאָזיקן מענטש, וועלכער איז פאַרגעטערט געוואָרן דורך דער גלויביק קניענדיקער פרוי, האָב איך געזען פּנים אל פּנים דעם ליכטיקן שטאָלץ פון פאַרשענקען זיך און פון באַרמהאַרציקער ליבע.

XVII

כ׳האָב אָפּגעזאָגט די וווינונג. מאָרגן אינאָוונט צי איך מיך אַרויס פונדאַנען, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך די אומגעהויערע זכרונות. אַ וואָסערע ס׳זאָלן נישט זיין די געשעענישן און די טראַגעדיעס, וואָס עס גרייט מיר צו די פאַרהוילענע צוקונפט, וועט מיין געדאַנק נישט זיין מער דערהויבן און מער וויכטיק, ווי ווען כ׳וואָלט אפילו אויסגעלעבט מיין לעבן, מיט גאָר זיין משא.

* * *

דער לעצטער טאָג. איך באַמי זיך נאָך צו קוקן. אָבער מיין גאַנצער קערפּער איז מערנישט ווי איין גרויסער ווייטיק. איך קאָן מיך שוין נישט האַלטן אויף די פיס; איך וואַקל מיך. כ׳פאַל צוריק אַראָפּ אויף מיין בעט, גלייך ווי צוריקגע־שטויסן דורך דער האַרטער וואַנט. איך פּרוביר אויפסניי. מיי־נע אויגן שליסן זיך, זיי פילן זיך אָן מיט ווייטיקלעכע טרערן. כ׳וויל זיין געקרייציקט אויף דערדאָזיקער מויער, אָבער כ׳קאָן נישט. מיין גוף ווערט וואָס אַמאָל שווערער און שטע־כיקער. מיין פלייש בונטעוועט זיך קעגן מיר. דער ווייטיק פאַרשטאַרקט זיך, ער פּאַקט מיך באַם רוקן און ברוסט, ער שטעכט מיר די אויגן אויס, ער צערייסט מיר דאָס האַרץ.

איך הער, אַז מ׳רעדט עפּעס פון יענער זייט וואַנט. דאָס שבנותדיקע צימער ציטערט מיט אַ ווייטלעכן קלאַנג, גי־כער עפּעס אַ נעפּל פון אַ קלאַנג, וועלכער דרינגט קוים אַדורך דידאָזיקע מויער.

איך וועל שוין מער נישט קאָנען הערן; כ׳וועל שוין מער נישט קאָנען קוקן אין שכנותדיקן צימער אַריין. פֿון יעצט אָן וועל איך שוין קיינזאַך נישט זען דייטלעך, קיינזאַך נישט הערן וואָרהאַפֿטיק. און איך, וואָס האָב נישט געוויינט פֿון זינט מיינע קינדער־יאָרן, וויין איצט ווי אַ קינד, איך וויין איבער דעם אַלעם, וואָס כ׳וועל שוין נישט האָבן. כ׳וויין אויף דער פֿאַרלוירענער שיינקייט און פֿאַרלוירענער גרויסקייט. איך האָב ליב דאָס אַלץ, איך וואָלט עס אַזוי גערן אַרומגעהאַלזט.

אַלע די געפֿאַנגענע אין דאָזיקן צימער וועלן פֿונסניי פֿאַרבייוואַנדערן, אין משך פֿון טעג און יאָרן, זיי וועלן פֿאַרבייוואַנדערן מיט זייער אייביקייטס־שימער. אין דער שעה, ווען אַלץ פֿאַרלירט זיין פֿאַרב, וועלן זיי זיך אַוועקזעצן נאָענט פֿון דעם ליכט און אויף דעם אָרט, וועלכעס איז נאָך באַשטראַלט פֿון דער שקיעה־שיין. זיי וועלן זיך אַהינבייגן און זיך אַהינשלעפּן צו דער לערקייט פֿון פֿענצטער. זיי וועלן זיך אָפּוואַרטן מיט זייערע ליפּן; זיי וועלן זיך צווואַרפֿן אַן ערשטן און אַ לעצטן אומנוציקן בליק. זיי וועלן אויסשפּרייטן זייערע אָרעמס, זיי וועלן זיך אָפּגעבן צו זייערע בלינדע צערטלערייען. זיי וועלן ליב האָבן דאָס לעבן און מורא האָבן פֿאַרן טויט. זיי וועלן זוכן, דאָ אונטן, אַ פֿולקאָמען קשר פֿון די תערצער, דאָרטן אויבן, אַ דויער צווישן די מיראַזשן און אַ גאָט אין די וואָלקנס.

• • •

דאָס איינטאָניקע געמורמל פֿון שטימען ציטערט אומאויפֿהערלעך דורך דער וואַנט. איך הער בלויז אַן אומקלאָר גערויש.

איך בין איינזאַם, פֿאַרלוירן, פּונקט ווי באַם ערשטן מאָל, ווען כ׳האָב גענומען אין באַזיץ דאָסדאָזיקע צימער, דעם שטומען עדות פֿון איבערלעבונגען פֿון מענטשן, וועלכע זענען פֿאַרשוווּנדן און געשטאָרבן — איידער ס׳איז פֿאָרגעקומען אין מיין שיקזאַל דערדאָזיקער ליכטיקער שינוי.

אפשר צוליב מיין פיבער, און אפשר צוליב מיין טיפן ווייטיק, שטעל איך מיר פאָר, אז מען שרייט דאָרט אויס אַ גרויסע פּאָעמע, אַז מען רעדט דאָרט פון פּראָמעטעוסן. ער האָט צוגערויבט דאָס ליכט בײַ די געטער. ער שפּירט אין זיין אינגעווייד דעם פרישן, שטייגנדיקן שמערץ, וואָס ווערט יעדן אָוונט ניי געבוירן, בעת דעם גייער פליט צו אים אַראָפּ ווי צו זיין נעסט צו—און מען באַווייזט דאָרט, אַז מיר אַלע, צוליב אונזערע באַגערן, זעמיר פּונקט ווי ער, פּראָמעטעוס: אָבער ס׳איז נישט פאַראַן נישט קיין גייער און נישט קיין געטער.

נישטאָ קיין גן-עדן, ווי בלויז דאָס, וואָס מיר טראָגן אַריין אין דעם גרויסן קבר פון אונזערע טעמפּלען. נישטאָ קיין גיהנום, ווי בלויז דער שגעון פון לעבן.

נישטאָ קיין מיסטיש פייער. כ׳האָב ארויסגעגנבעט דעם אמת. כ׳האָב ארויסגעגנבעט דעם גאַנצן אמת. כ׳האָב געזען זאַכן הייליקע, זאַכן טראַגישע, זאַכן לויטערע, און כ׳בין גערעכט געווען; כ׳האָב געזען זאַכן שענדלעכע, און כ׳בין גערעכט געווען. און דורכדעם בין איך אַריינגעדרונגען אין קיניגרייך פון אמת, וויבאַלד מ׳קאָן בנוגע דעם אמת, נישט אים מזלזל צו זיין, באַנוצן דעם אויסדרוק, מיט וועלכן עס באַדינט זיך דער שקר און די רעליגיעזע לעסטערונג.

* *
*

ווער וועט באשאפן די ביבל פון דער מענטשלעכער תשוקה, די שרעקלעכע און פּשוטע ביבל פון דעם, וואָס טרייבט אונז פון לעבן צו לעבן? ווער וועט אָנשרייבן די ביבל פון אונזערע לעבנס-מעשים, פון אונזערע שטרעבונגען און אונזער אורערשטער זינד-ירידה? ווער וועט וואַגן אַלץ צו זאָגן, ווער וועט האָבן גענוג זשעני, כדי דאָס אַלץ צו זען?

איך גלויב אין עפּעס אַ הויכער פאָרם פון דיכטונג, אין אַ ווערק, אין וועלכן ס׳וועט זיך צונויפגיסן שיינקייט מיט אמונה. וואָס מער איך פיל זיך נישט ראוי דערצו, אַלץ שטאַרקער גלויב איך אין זיין פאַרווירקלעכונג. דערדאָזיקער טריבזעלי-

קער שימער, די דערדריקנדיקע הערלעכקייט פון געוויסע זכרונות מיינע, ווייזט מיר פונוווייטנס די מעגלעכקייט פון אָטדעם מייסטערווערק. כ׳האָב אין מיר גופא טיילמאָל דערשפירט אַ דערהויבענע התעוררות, אַ ניצוץ פון דעם מייסטערווערק. טיילמאָל האָט מיינע וויזיעס באַגלייט אַזאַ שאַרפער און שעפערישער שוידער, אַז דאָס גאַנצע צימער האָט אויפגערוישט, פונקט ווי אַ בוים אין וואַלד, און ס׳זענען באמת געווען מינוטן, אין וועלכע די שטילקייט האָט זיך פונאַנדערגעשריגן.

אָבער דאָס אַלץ — איך האָב עס אַרויסגעגנבעט. איך האָב עס נישט דעראָבערט, כ׳האָב עס גענאָסן, אַדאַנק דער אומפאַרשעמטקייט פונם אמת, וועלכער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן. אין דער צייט און אין שטח, אין וועלכן כ׳האָב זיך צופעליק געפונען, האָב איך נאָר געדאַרפט די אויגן אויפצועפענען און אויסשטרעקן מיינע בעטלערישע הענט, כדי צו שאפן מער ווי אַ טרוים, כמעט אַ מייסטערווערק.

דאָס, וואָס איך האָב געזען, וועט פאַרשווונדן, מחמת כ׳וועל דערפון גאָרנישט מאַכן. איך בין ווי יענע מוטער, וועמעס פרוכט פון לייב קומט אום, נאָך איידער עס דערזעט די ליכטשיין.

מילא, פאַרפאַלן! כ׳האָב געהאַט די בשורהדיקע וויזיע פון דעם, וועלכעס וועט אַמאָל זיין דאָס שענסטע. דורך מיר איז דורכגעגאַנגען דאָס וואָרט, דער בת־קול, וועלכער איז נישט משקר און וועלכער שטילט דאָס געמיט.

* *

*

אָבער כ׳האָב שוין געענדיקט. איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אויפן בעט. און היות ווי כ׳האָב אויפגעהערט צו זען, שליסן זיך מיינע אָרימע אויגן צו, ווי אַ זיך פאַרהיילנדיקע ווונד, מיינע אָרימע אויגן פאַרציען זיך מיט אַ הייטל.

און איך זוך פאַר מיר אַ באַרויקונג. איך! אָטאָ דאָס איז דער לעצטער געשריי, פונקט ווי דער ערשטער.

פאַר מיר איז נאָר פאַראַן איין תרופה: מיך דערמאָנען און גלויבן, אויפבאַהאַלטן אין מיין זכרון מיט אַלע מיינע כחות

די טראַגעדיע פון דאָזיקן צימער, מחמת שווער און אומצע-
הויער איז די נחמה, מיט וועלכער ס'האָט טיילמאָל אָפגעהילכט
די טיפעניש פון דעם תהום.

איך גלויב, אַז פאַרן מענטשלעכן הארץ און מענטשלעכן
פאַרשטאַנד, וואָס צאַפּלט מיט אומגעשטילטער תשוקה, עקזיס-
טירט גאָרנישט, אַחוץ דעם מיראַזש פון דעם, וואָס דער מענטש
באַגערט. איך גלויב, אַז אַרום אונז, פון אַלע זייטן, שוועבט
בלויז דאָס איינע וואָרט, דאָסדאָזיקע אומגעהויערע וואָרט, וואָס
באַפרייט אונזער איינזאַמקייט און אַנטפּלעקט אונזער צעשטראָל-
קייט, דאָס וואָרט: גאָרנישט. איך גלויב, אַז דאָס באַטייט נישט
אונזער נישטזיין, נישט אונזער אומקום, נאָר להיפך, עס באַווייזט
אונזער מציאות און אונזער געטלעכקייט, מחמת אַלץ איז אין
אונז גופא.

סוף